STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03286

SHTET UN YORN

Konstantin Fedin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

9-11-30

קאָנסטאַנטין פעדין

שטעט און יאָרן

ראָמאַן

אין צוויי טייל

יידיש א. פרידקין

ערשטער טייל

Ex Libris Dr. Stilman

ווילנע — 1930

פאַרלאַג „טאָמאָר" פון יוסף קאַמערמאַכער

PRINTED IN POLAND

K. Fedin, „Sztet un Jorn“.

Druk. „TOMOR“ J .Kamermachera, Wilno, ul. Szopena 1. m. 30.

בײַ אונז איז אַלץ געווען פֿאָראױס,
בײַ אונז איז קײן זאַך ניט געװען פֿאָראױס.
טשאַרלז דיקענס

װאָס שײך װײַן, האָט ער געטרונקען װאַסער.
װיקטאָר הוגאָ

דאָס קאַפּיטל וועגן דעם יאָר, וואָס האָט פאַרענדיקט דעם ראָמאַן.

די רעדע.

— טייערע שכנים, בעסטע אײַנוואוינער, געערטע בירגער! איך האָב זיך אַרויסגערוקט פון פענסטער מיט אַ פּאַראַוס באַשטימטער כּוונה: מיר איז אומעטיק, טייערע שכנים, מיר נאָגט דער אומעט. געערטע בירגער, מײַן האַרץ האָט זיך אײַנגעטריקנט און האָט זיך אײַנגעשרומפּן, אַזוי ווי אַ פּראָפּנציער, אַזוי ווי אַ ציטרין־שאָלעכץ אויף דעם שטיינברוק, וואָס איז צעגליט פון דער זון.

— געערטע תּושבים! דאָס איז אמת, אַז אויפן גאַס — איז טויזנט ניין הונדערט צוויי־און־צוואַנציקסטער יאָר.

— פאַר מיר געפינען זיך פינף־און־אַכציק פענסטער, ניט רעכענענדיק די צוויי בוידעם־פענסטער, איין קעלער־פענסטער, איין פענסטער, וואָס איז מייסטערהאַפט אויסגעמאָלט אויפן וואַנט נאָך פון אַ פאַרמלחמהדיקן מאָלער, און דעם פענסטער, אין וועלכן איר קענט אַלע דערקענען דעם אייבערשטן טייל פון מײַן קערפּער.

— איך וואָלט אײַך געקענט דערציילן וועגן יעדן איינעם פון די דאָזיקע פענסטער, נאָר איך ווייס — איר וועט מיך ניט הערן. דעריבער בעט איך אײַך, איר זאָלט ווענדן אײַערע בליקן בלויז אויף איין פענסטער, אָט דאָרטן, אונטן, וואו עס האָט זיך אויסגעלייגט אַ געשטרייפטע פּערענע, וואָס די באַלעבאָסטע מיט די פיינע הענט האָט אָן רחמנות אויסגעקלאַפּט אינדערפרי מיט אַ הענטל פון אַ ביקס. און נאָך אויף אַ פענסטער, אָט דאָרטן, אַ ביסל רעכטס,

פון וואַנען עס שיטן זיך פון פרי ביז נאַכט די קלאַנגען פון אַ דאָמרע; און אויך אויף דעם פענסטער, וואָס געפינט זיך סאַמע אויבן, אונטערן בוידעם, וואו דער גראַמאָפאָן הוסט אָן אויפהער אַרוים ראָמאַנסן; און נאָך אויף איינעם, דעם לעצטן, וואָס געפינט זיך פונקט אַנטקעגן מיר און איז אַזוי פריש אָנגעשפּאַכטלעוועט: מאָרגן וועט מען פאַרבן.

— געערטע בירגער! אַ רעפּובליק איז, סוף=כל=סוף, ניט קיין שלעכטע זאַך. אין אַ רעפּובליק קען מען אויסקלאַפּן די פּערענעס און דורכלופטערן זיי אויף דער זון, און ניט מורא האָבן, אַז אין אָוונט זאָל מען דאַרפן אויסבעטן דאָס פאַמיליענגעלעגער מיט איין פּערענע=איבערציער. אין אַ רעפּובליק קען מען האָבן אַ מוזיקאַליש' געהער און לערנען זיך שפּילן אויף אַ דאָמרע. ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז דער אופן פון רעגירן מיט דער מלוכה שפּיגלט זיך בשום אופן ניט אָפּ אויף דעם מצב פון די גראַמאָפאָן=פּלאַטן. און, ענדלעך, האָט די רעפּובליק, לפי=ערך, לייכט באַנומען, אַז געפאַרבטע פענסטער=ראַמען קענען אויסגעצייכנט בײַשטיין אַנטקעגן ווינטן און שלעכטע וועטערס.

— טייערע שכנים! צי דאַרף מען דען נאָך ריידן, אַז פון די פינף=און=אַכציק פענסטער פון אונזער ברונים איז בלויז מיינער ניט באַפּוצט מיט פעקעלעך קעז און וואורשט, מיט טעפּעלעך סמעטענע און זויערמילך, מיט פענדלעך, מילך=קריגלעך, פּוטער=קריגלעך, שטאַרק גרינע ציבעלע און זאַפּטיקע, מאַלינע=פאַרביקע רעדיסקעס? אַפילו דער סאַמע לעצטער בוידעם=פענסטער, וואָס איז אינגאַנצן גרויס ווי אַ פענסטער=טירעלע, האָט אַריבערגעשטויגן מיט זיין באַפּוצונג מיין מיט שפּינוועבס באַדעקטע פּוסטע' פענסטער=ברעט און האָט פולקום אײַנגעהיט די ווייניק דעליקאַטע שפּורן פון דעם קאָטער „מאַטראָס" פון מיין חשובער באַלעבאָסטע.

— איצט גייען די ווייסע נעכט, און אויך אין אונזער ברונים רוט אָפּ דער זומער, וואָס האָט זיך אָנגעשוויצט פאַרן טאָג. פינף=און=אַכציק פענסטער זיינען אינגאַנצן אָפן. כ'האָב זיך דערמיט באַנוצט, כדי צו האַלטן פאַר אייך מיין רעדע — פאַר אייך, אייגנטימער פון גראַמאָפאָנען, און פאַר אייך, שכנטע, וואָס האָט באַוויזן

אייער פערענע, און פאַר אייך, די באַלעבאַטים פון די פענדלער, פוטער־קריגעלעך, טעפלעך און רעדיסקעס — פאַר די אַלע, וואָס האָבן אַרויסגערוקט אויף דרויסן די קעפּ און הערן מיין פעסטע שטימע.

— אָ, שרעקט זיך ניט; מיין רעדע וועט זיך ניט פאַרציען. מיר האָט זיך געוואָלט פאַרלייגן אייך איין פראַגע, סך־הכל איינע, און איך ענדיק.

— בעסטע איינוואוינער, געערטע בירגער! דאָס איז אמת, אַז אויפן גאַס איז — דאָס איין־און־צוואַנציקסטע יאָר. דאָס איז אמת דערפאַר, ווייל מיר עסן סמעטענע און זויערמילך, מיר לערנען זיך שפּילן אויף אַ דאָמרע און מיר לופטערן די פערענעס. דאָס איז אמת דערפאַר, וואָס קעגן די אויסגערעכנטע מלאָכות, ווי ווייניק סאָציאַליסטיש זיי זאָלן ניט זיין, האָט די רעפּובליק גאָרנישט. און, חשובע בירגער, דוכט זיך אייך ניט...

דאָ האָט זיך אין דעם גערויש פון דער שטימע, וואָס האָט זיך עלאַסטיש געקאָלערט אין דעם שטיינערנעם קעסטעלע פון די דערבייזקע הויפן, אַריינגעריסן אַ געשריי:

— אַנדרעי!

דער מענטש מיט דער פונאַנדערגעשפּילעטער העמד אויף דער ברוסט האָט אויפגעהערט צו ריידן און האָט אַ קוק געטאָן אַהין, פונוואַנען דער אויסגעשריי איז געפאַלן. דערנאָך איז ער האַסטיק אָפּגעטראָטן אויף צוריק אין דער טיף פון צימער, איז ווידער צוגעלאָפן צום פענסטער, האָט זיך אַרויסגערוקט ביז אויף דער העלפט און האָט מיט אַ טעמפּער שטימע געפרעגט:

— ווי איז דער נומער פון דער וואוינונג?

— מיר וועלן זיך טרעפן אויפן גאַס! — איז אַריינגעפאַלן אין ברוגים.

אַנדרעי, ווי ער איז געשטאַנען — ניט קיין פאַרשפּילעטער, אַ צעשויבערטער — איז אַזוי אַרויסגעלאָפן פון צימער.

די באַלעבאָסטע האָט פאַרמאַכט נאָך אים די טיר, האָט אַרויסגעקוקט אין ברוגים און, אַרומגענומען מיט איין בליק די

פינף=און=אכציק פענסטער, האָט זי גענומען שעפּטשען מיט טאַנצנ=דיקע ליפּן :

— Я тафно тумал, что он замешалься *)

דער בריוו.

מיין טייערע!

אָט שרייב איך דיר ווידער און ווידער ווייס איך ניט, וואָס מען דאַרף זאָגן. מער פאַר אַלץ האָב איך מורא, דו זאָלסט ניט צע=רייסן דעם בריוו גלייך ווי דו וועסט דערקענען מיין האַנטשריפט.

אָדער ניין. מער פאַר אַלץ האָב איך מורא, אַז איך שרייב צו אַ טויטער, אַז דו ביסט — טויט. איך דריק זיך ניט אוים ווי מען דאַרף: אַז דו ביסט שוין געשטאָרבן, און איך שרייב צו דיר.

מאַרי, מיין קליינינקע, איין זאַך איז מיר קלאָר געוואָרן. דו געדענקסט, פריער זיינען מיר פיל זאַכן געווען קלאָר. איצט איז מיר בלויז איין זאַך קלאָר: איך דאַרף זיך זעצן לעבן דיר און דערציילן אַלץ מיט אַ סדר. איך קען עפּעס אַלץ מיט אַ טאָלק ניט געדענקען. איין זאַך איז קלאָר, אַז אויב דו וועסט מיך אויסהערן, וועל איך אַלץ פאַרשטיין, און דו וועסט מער ניט שרייען, אַזוי ווי דעמאָלט, מיט צוויי יאָר צוריק. ווי דו האָסט עס דעמאָלט געשריען, מאַרי...

עפּעס פּלאָנטער איך.

וואַרט אַ ווײַלע, כ'וועל זיך אַ ביסל דורכגיין דורכן צימער און וועל באַטראַכטן, ווי אַזוי איינפאַכער אויסצודריקן דאָס סאַמע נײַטיקע, מאַרי...

יאָ. מיר דוכט, אַז דו וועסט מיך פאַרשטיין, ווען איך וועל דערציילן... אָדער ניין, נאָר ראשית אָט וועגן וואָס.

דער גאַנצער כאַאָס (אין מיין, אַז איך וואָלט געפונען אין זיך כוחות אָנצושרייבן ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווען ניט דאָס), דער גאַנצער כאַאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס איך האָב באַשלאָסן...

---

*) כ'האָב שוין לאַנג געטראַכט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען! אָ, דאָס איז שרעקלעך!

מאַרי, איך ווייס ניט, וואָס איז מיט מיר! איך פאַר צו דיר. איך האָב באַשלאָסן. איך קאָן ניט מער. אַלץ איינס. כ'וועל פאַרשטאָפּן די אויערן און וועל אַנטלויפן. זאָלן זיי יאָמערן, זאָלן זיי שטאַרבן, זאָלן זיי! איך מוז צו דיר.

קורט — איז אַן אמתער מענטש. כ'האָב אים היינט באַגעגנט, דאָ, אין פּעטערבורג, גאָר אומגעריכטערהייט. ער נעמט זיך אונטער צו ברענגען מיך, ד. ה. העלפן מיר. ער האָט מיך דערקענט נאָכן קול, הגם דאָס איז פאָרגעקומען ביי אויסטערלישע אומשטענדן. בכלל איז מיט מיר ניט גוט. קורט האָט תיכף געזאָגט, אַז איך דאַרף בייטן דעם קלימאַט. נאַטירלעך, האָב איך קיין איין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם, אַז איך וויל דיך זען. ער האָט מיט מיר מסכים געווען מכוח דעם קלימאַט. מיר קומט אויס, מאַרי, אַ ביסל קאָמיש, בעת מען רעדט וועגן קלימאַט, וועגן נערוון. הגם איך בין זייער מיד. און קורט ווערט ניט מיד.

די מעשה פון דעם איז...

כ'האָב איבערגעלייענט דעם אָנהייב. אָט איז מיין געשיכטע. כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי איך האָב זיך ווינטערצייט אָנגעשטויסן אויף אַ הינטעלע, וואָס האָט מיט די פאַדערשטע לאַפּעס געדראַפּעט די פאַרמאַכטע טיר. דער באַלעבאָס פון דעם הינטעלע איז אפשר געשלאָפן, און אפשר האָט ער ניט געוואָלט עפענען די טיר: ס'איז געווען אַ זאַווערוכע. בין איך צוגעגאַנגען צום טיר און האָב דערזען אויף דעם איינגעטראָטענעם שניי רויטע שפּורן פון הינטישע לאַפּקעס. דאָס הינטל, וואָס האָט געדראַפּעט די טיר, האָט זיך צעבלוטיקט די פיס.

דאָס הינטל האָט ניט געקענט פאַרשטיין, אַז ער איז אַבסאָלוט ניט נייטיק אויף דער וועלט.

איך פאַרשטיי דאָס. דאָס הייסט, וועגן זיך...

13טער יוני, אינדערפרי.

היינט איז ביי מיר געווען קורט. מיר האָבן ענדגילטיק אָפּגערעדט. איך פאָר צו דיר, מאַרי!

נאָך זיין אַוועקגיין בין איך געוואָרן רויק. ער האָט פיינע

הענט, פיינע אַקסלען, אַ פיין מויל. בעת ער איז דאָ, באַקומט דער צימער אַ זינען. תּיכּף איז מיר געוואָרן אָנגענעם און נייטיק, אַ טיש, אַ בעט, פענסטער. קורץ — איז אַ גוט אָרגאַניזירטער מענטש. איך האָב איבערגעלייענט, וואָס איך האָב נעכטן אָנגעשריבן. איך שיק דיר אָפּ: זע, וואָס פאַר אַ מענטש איך בין היינט. וועגן דעם הינטל איז דאָרטן ריכטיק. נאַטירלעך, בין איך שולדיק קעגן דיר. אָבער אין דעם, וואָס דיר דוכט זיך געוויס אויס, אַז, ס'איז זייער אַ שווערער פאַרברעכן קעגן דיר, קעגן אונז, — אין דעם בין איך ניט שולדיק.

איך דאַרף ווירקלעך איינשטעלן אַ געוויסן סדר. אינעווייניק אין מיר האָט זיך אַלץ צעפּלאָנטערט. איך ווייס אָבער ניט, וואו אייגנטלעך און ווען האָב איך זיך אומפאַרריכטלעך צעפּלאָנטערט, אָדער געלייגט, אָדער אַ טעות געהאַט. אין די לעצטע געשעענישן (ד. ה. ביז דאַמאָלסט, ווען דו ביסט געקומען אַהער און דערנאָך פאַרשוואונדן — דערנאָך זיינען דאָך ניט געווען קיין שום געשעענישן) געפין איך ניט קיין שום צוזאַמענהאַנג. אפשר איז אַזאַ צוזאַמענהאַנג טאַקע פאַראַן. די אַלע יאָרן זיינען עפּעס אַ מין קנויל.

מכּוח דעם הינטל.

דאָס גאַנצע לעבן האָב איך זיך געפלייסט צו שטעלן אין אַ קרייז. דו פאַרשטייסט, אַז אַלץ אין דער וועלט זאָל זיך דרייען אַרום מיר. נאָר שטענדיק האָט עס מיך אָפּגעשווענקט, אָפּגעטראָגן אָן אַ זייט.

אומזיסט זיך צעבלוטיקט.

כ'האָב דאָס פאַרשטאַנען אָט פון וואָס.

אָבער פריער נאָך אַ פּאָר ווערטער. דאָ ניט לאַנג האָב איך זיך משתּדל געווען וועגן עפּעס פאַפּירן. מען האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע: אייער פּראָפעסיע? האָב איך ניט געקענט ענטפערן. איז מיר פּלוצלינג געקומען אויפן רעיון: צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע האָב איך זיך פריער געגרייט? איך האָב זיך צעטומלט און ס'איז אַרויסגעקומען נאַריש.

דו פאַרשטייסט, די גאַנצע צייט האָב איך מורא צו פאַרגעסן מיין געדאַנק, כ'האָב מורא, איך זאָל זיך ניט צעטומלען.

איך בין דורכגעגאַנגען די רייען פֿון די האַנדלס=געשעפֿטן. כ'האָב אַריינגעקוקט אין טויערן אַזעלכע. די דיקע פֿעסטונגס=ווענט זיינען אַריין אין דער ערד. אויף די טירן פֿון די סחורה=לאַגערס — פֿאַרראָסטע שלעסער. און איבערן גאַנצן הויף — מיסט=גראָז, קריגעלעך, קראָפּעווע, רייפֿן, זשוויר. אַזוי ווי אויף אַ פּוסטן פּלאַץ.

אַן אומעט האָט מיך באַהערשט. קען מיין ווילן. ס'איז אַזוי טרויעריק און לאַנגווייליק. איך האָב געטראַכט וועגן עפּעס אַן אַל=געמיינעם סוף. די הענט זיינען ביי מיר פֿאַרשטאַרט געוואָרן.

נאָר כ'האָב נאָך אַלץ... מיט איין וואָרט, כ'האָב ניט אויפֿגע=הערט צו דראַפּען...

און אָט האָט מיר סך=הכּל מיט עטלעכע טעג צוריק איינער אַ גוטער=פֿריינד באַוויזן פֿון דעם הייליקן באַרג, הינטער מאָסקווע, אַ נייע ראַדיאָ=סטאַנציע. דעם טורעם האָט מען אויסגעבויט בעת דער רעוואָלוציע. ער איז תּחילת איינגעפֿאַלן.. האָט מען אים פֿונדאָסניי אויפֿגעשטעלט. מיט שלעכטע אינסטרומענטן, מיט פֿאַרבּיסענע ליפּן, מיט נאַגאַנעס אין די הענט. מען האָט אויפֿגעשטעלט. אירע כוואַליעס גרייכן ביז אַמעריקע.

— דו ווייסט, — האָט מיר מיין פֿריינד געזאָגט, — מיר וועלן איצט אויסבויען אַ סטאַנציע, וואָס אירע כוואַליעס וועלן אַרומגאַרטלען די גאַנצע ערד=קויל. מאָסקווע דערלאַנגט — מאָסקווע נעמט אויף. אַרום דער גאַנצער וועלט.

דעמאָלט האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז נאַריש. נאָר תּיכּף האָב איך אים אַריינגעקוקט אין געזיכט...

מיט איין וואָרט, כ'האָב זיך געוואָרפֿן דראַפּען...

דאָס איז פּרוכטלאָז, פּרוכטלאָז, דער טייוול זאָל עס נעמען! גוטער ווילן, ליבע, פֿאַרלאַנג — דאָס אַלץ איז צו קנאַפּ. און חוץ דעם — דאַרף מען עס בכלל ניט האָבן. אויף צו עסן און צו טרינקען, דאַרף מען ניט — ניט קיין גוטן ווילן, ניט קיין ליבע. אין עצם טוען די מענטשן ניט מער, ווי דאָס, וואָס זיי מוזן טאָן לויט זייער נאַטור. זיי באַמערקן גאָרנישט אונטער די פֿיס, זיי געפֿינען זיך

שטענדיק — פאָראויס און אינדערהייך. און אַזוי אָנגעשטרענגט, גלייך זיי וואָלטן ניט זיין קיין מענטשן, נאָר עפּעס שפּולקעס אַזעלכע, רומקאָרף־שפּולקעס. ווען מען זאָל זיי דערציילן מכּוח די פּאַראַסטע שלעסער, מיסט־גראָז און זשוויר, וועלן זיי גאָרנישט ניט פאַרשטיין. זיי געפינען זיך אין אַ קרייז, משמעות — אין צענטער פון אַ קרייז.

מיך שפּיזט דורך דער געדאַנק, אַז איך שרייב צו אַ טויטער. אויב דאָס איז אמת, וועל איך דיך מחיה־מתים זיין, כּדי דו זאָלסט פאַרשטיין, אַז איך האָב ניט געזאָגט קיין ליגן.

ס'איז מיין שולד, וואָס איך בין ניט קיין דראָטענער.
דו דאַרפסט מיך פאַרשטיין, מאַרי.

אַנדרעי.

די איבערגאַנגס־פאָרמל.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון זיבן מענטשן. אַלע האָבן שאַרף נאָכגעשפּירט דעם רעדנער, אַפילו דער סעקרעטאַר האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעריסן פון דער סטענאָגראַמע און אויפגעזאַמלט אויפן שטערן אַ דרייעק פון קליינע קנייטשעלעך, גלייך ער וואָלט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עס וואָלט באַדאַרפט פאָרקומען ערגעץ הינטער די גרעניצן פון דעם צימער. אויף דעם פאָרזיצער־שטול איז געזעסן אַ מענטש מיט אַ גלעזערנעם געזיכט, אין דיקע ברילן, וואָס זייער פּאָקום האָט זיך קיינמאָל ניט געביטן, כּל־זמן קורט האָט גערעדט.

קורט איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן דעם גלעזערנעם געזיכט, האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די פויסטן אין טיש און אַ טרייסל געטאָן אַ ווײַלע מיטן קאָפּ צום סוף פון יעדער פראַזע. גערעדט האָט ער פריי. גלייך ער וואָלט געלייענט פון אַ בוך, און זיין רעדע איז אויך געווען אַ ביכערישע. די טראָפּעלעך שווייס האָבן באַזוימט זיין אייבערשטע ליפּ.

— איך רעזומיר, — האָט ער געזאָגט.

— דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אין דעם מאָמענט, בעת

ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען אין דעם פאַרברעכן, געפונען אין אַ צושטאַנד פון מאָראַלישער ירידה. אויף וויפל איך האָב געקענט באַמערקן, זיינען אויך זיינע גייסטיקע כוחות געווען צעשרויפט. כ'האָב געוואוסט, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שווערער צעטרייסלונג אין זיין פערזענלעכן לעבן. דעריבער האָב איך זיך באַצויגן צו זיין מודה-זיין-זיך מיט גרויס פאָרזיכט. נאָר איך האָב זיך צוגעוויינט צו דענקען אָביעקטיוו און צו טאָן אין הסכם מיט די אויספירן פון דעם שכל. מיין זיכרון האָט קאָנסעקווענט רעסטאַווירט אַלע מיינע באַגעגענישן מיט דעם דאָזיקן מענטשן אין סעמידאַל, די פאַקטן פון זיין פערזענלעכן לעבן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם מאַרקגראַף, ענדלעך די אומשטענדן, ביי וועלכע דער מאַרקגראַף איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון דעם דייטשן ראַט אין מאָסקווע. פאַקטיש איז דער גאַנג פון די געשעענישן צונויפגעפאַלן ביז די קלענסטע דעטאַלן מיט דעם, וואָס איך האָב געהערט פון דעם מענטשן בעת זיין לעצטן שפּאַציר. ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַגב, אַז ער קלייבט זיך אויפצוזוכן דעם מאַרקגראַף, ווייל דאָס איז דער איינציקער מענטש, וואָס קען עפּעס וויסן וועגן זיין געליבטער. קיין ספקות זיינען ביי מיר ניט געבליבן: צוליב פערזענלעכע סיבות האָט ער געראַטעוועט דאָס לעבן פון אונזער שונא און האָט פאַרראַטן די זאַך, צו וועלכער מיר אַלע דינען. אַלס מענטש בין איך אים אַ שונא, אַלס פריינד — כ'בין געווען זיין פריינד — איז ער מיר העסלעך. איך האָב אים דערהרגעט. אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך אינפאָרמירט וועגן דעם מאַרקגראַף. ער לעבט ווירקלעך רויק אין זיין שלאָס לעבן בישאָפסבערג און, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שלימזלדיקן אַוואַנטוריסט, דינט ער מיט אַלע כוחות דער היימישער קונסט און ספּעקולירט אויף די בילדער פון די דייטשע מייסטערס. קיין טעות איז דאָ ניט געווען. די פּאָליציי מיינט, אַז די רציחה איז באַגאַנגען געוואָרן מיט אַ קרימינעלן צוועק. איידער כ'האָב געמאָלדן וועגן דער זאַך דעם קאָמיטעט, האָב איך ניט געפונען פאַר נייטיק אָפּצולייקענען די דאָזיקע ווערסיע. איך וואַרף זיך אונטער אייער באַשלוס.

קורט האָט פאַרענדיקט, גלייך ער וואָלט פאַרמאַכט אַן אי־בערגעלייענט בוך.

דאָס גלעזערנע געזיכט האָט זיך נאָך דער ריי געווענדט צו אַלע בייזיצער:

— ניטאָ קיין פראַגעס?.. חבר וואַן, זייט זיך מטריח און גייט אַרויס.

קורט איז אַרויסגעגאַנגען. אין דעם שכנותדיקן צימער האָט ער מיט אַ טיכל אָפּגעווישט דאָס געזיכט, האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר, האָט זיך באַקוועם אַריינגעזעצט אין פאָטעל און האָט זיך געמאַכט גרייט צו וואַרטן.

די בלויע פאַסן רויך האָבן זיך פאַרפלאָכטן איינע אין די אַנדערע און זיך געבומלט וויגן אינמיטן צימער. אין זיי האָט זיך אויפגעעפנט עמעצנס אַ מויל, אַ צונויפגעדרייטע פויסט האָט זיך לאַנגזאַם מיט די פינגער אויף אונטן אומגעקערט אין זייט, צו איר איז געווען צוגעוואַקסן אַ האַנט, וואָס איז געווען אויסגעבויגן אין איילנבויגן, די האַנט האָט זיך אַ צי געטאָן צו קורטן.

— נאַרישקייטן! — האָט ער אַ מורמל געטאָן און האָט מיט כוח אַ בלאָז געטאָן דעם רויך. די בלויע פאַסן האָבן זיך אַנגעשנירלט אַזוי ווי טרייבלעך אויף דעם שטראָם לופט און זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

— חבר וואַן!

זיבן מענטשן זיינען אין דער פריערדיקער אָרדענונג געזעסן לעבן טיש. דער פאָרזיצער האָט אָנגעשטעלט די ברילן אויף דעם סעקרעטאַר. יענער האָט צוגעטראָגן צום געזיכט אַ פּאַפּיר־קוואַדראַט און האָט געלייענט:

„...אויסהערנדיק די מעלדונג פון חבר קורט וואַן, האָט ער איינשטימיק באַשלאָסן: האַלטן די האַנדלונג פון דעם אויבנדערמאָנטן חבר פאַר אַ ריכטיקע, דעם ענין ניט אַריינשרייבן אין פּראָטאָקאָל, די סטענאָגראַמע פאַרניכטן און איבערגיין צו די ווייטערדיקע ענינים".

דער סעקרעטאַר האָט אויפגעלייגט דעם פּאַפּיר אין צווייען און האָט אים צעריסן.

— זעצט אַייך, חבר, — האָט דער פאָרזיצער געזאָגט קורט האָט צוגערוקט אַ שטול. ער איז געווען רויק און איינפאַך, גלייך ביי אים וואָלט קיין שום ספק ניט געווען, אַז ער וועט דערהערן אַזאַ איינלאַדונג.

דאָס ערשטע קאַפּיטל וועגן ניין הונדערט צוואַנציקסטן.

פּעטערבורג.

אַ מענטש באַדאַרף אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן אָן אַ הימל, אָן גלייכע, ברייטברוסטיקע ווינטן, אויסוואַקסן אין אַ געשלאָסענער ריי פון אײַזערנע זײַלן, פאַרברענגען די קינדהייט צווישן דעם טשוהון פון טרעפּ און אַספאַלט פון דעם ברוק, — כּדי צו ווערן אין שטאָט דאָס, וואָס אַ וואַלד=מענטש ווערט אין וואַלד.

די פוס וויים, ווען אונטער איר איז אַן אײַזערנע רעלס, ווען — צעפּוילטע שטיקלעך פון האָלצברוק און ווען — גליטשיקער און קלינגענדיקער צעמענט. און דער אויער דערקענט, וואו הין עס פאַלט פון דאַך דאָס רעגנוואַסער, און אויף וואָס ס'האָט זיך אָנגעשטויסן און זיך צעריסן דער פּלוצלונגדיקער אָנדראַנג פון ווינט.

דעם מענטשן, וואָס די שטאָט איז פאַר אים פּונקט אַזוי, ווי פאַרן וואַלד=מענטשן — דער וואַלד, דעם מענטשן איז ניט נייטיק קיין ליכט. ער געדענקט יעדן ווינקל, ער ווייס יעדע גאַס, און אַלע הײַזער, די אַלטע און די נײַע, וואָס זײַנען צענומען געוואָרן אויף צו הייצן, וואָס זײַנען פאַרקלאַפּט, פאַרלאָזט און ניט=דערבויט.

דערהויפּט — ניט=דערבויט. די פאַרקאַנעס זײַנען בײַ אַזעלכע הײַזער לאַנג פאַרשוואונדן. נאָר ערגעץ אינעווייניק אין דעם פאַרגליווערטן ציגלנעם סקעלעט שטאַרצן אַרויס איבערבלײַבסן פון פאַליעס, ס'וואַלגערט זיך אַ קלאָץ, וואָס איז אויף דער העלפט

פאַרשאָטן מיט זשוויר אָדער ס'שטייט נאָך דער דראַנג מיט דעם הילצערנעם צלם, וואָס איז אויף אים אָנגעשלאָגן.

וועגן די דאָזיקע פאַליעס, קלעצער און צלמים שאַדט ניט צו געדענקען אין דעם דריטן יאָר פון דער נייער צייטרעכענונג.

אינם דריטן יאָר פון דער נייער צייטרעכענונג איז סוף אָקטאָבער איבער פעטערבורג געהאַנגען אַ פינסטערניש. פון צפון־מערב־זייט האָט אַ פייכטער קרום־אַקסלדיקער ווינט געיאָגט מיט אַ פייפעריי די פינסטערניש.

פעטערבורג האָט זיך געשיילט מיט אַן אייזערנער שאָלעכץ און די שאָלעכץ האָט זיך מיט אַ קלינגעריי אָנגעשלאָגן אָן די דעכער און איז מיט אַ סקריצעריי געפאַלן אויף די שטיינערנע דעקן פון די גאַסן.

אונטן איז געווען פינסטער, אַזוי ווי אין טונעלן.

די הייזער זיינען אויסגעשטאָרבן, די הייזער זיינען איינגעפאַלן, קיין הייזער זיינען ניט געווען. ס'האָבן זיך איבערגעקרייצט, זיך געצויגן אין דער פינסטערניש בלינדע, פייכטע זייטן פון די טונעלן.

און איבער די פייכטע, בלינדע זייטן פון די טונעלן און איבער זייערע שטיינערנע דעקן האָט זיך מיט אַ קוויטש און קלאַנג געטראָגן די אייזערנע שאָלעכץ. מיט קרומע אַקסלען האָט דער ווינט געריבן די שטיינערנע שטאָט, האָט אָפּגעשונדן די אָפּגעטראָגענע הויט ווי אַלטע שמאַטעס און האָט זי געשליידערט אין דער פוילער פינסטערניש אַריין.

די ווייסע מאַלפע־לאַפּעס פון דעם אַווטאָמאָביל האָבן געקלאַמערט די אָפּגעשטאָרבענע, מיט קעלט־רינענדיקע זייטן פון די טונעלן, און זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן פונקט אַזוי האַסטיק, ווי זיי האָבן זיך באַוויזן. ס'האָט בלויז געוואָיעט דער פייף פון אַווטאָמאָביל, אַזוי ווי אַ שטאַרבנדיקער שאַקאַל.

דער מענטש, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אונטערשיידט פון דעם שטיין, מיט וועלכן עס זיינען געווען אויסגעלייגט די טונעלן, האָט אָנגעטאַפּט די ווינקלען און די אַרויסשטאַרצן, איז געוואָרן געיאָגט פון דעם ווינט און זיך לייכט און שנעל געגליטשט

איבער די לוזשעס. אָט האָט ער זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שוואַר־צער וואַנט, גלייך ער וואָלט אַריינגעגאַנגען אין אַ טויער. אָט האָט ער טאַפּנדיק אַרויפגעקלעטערט אויף דעם גליטשיקן בערגעלע. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ גרוב. ער איז דורכגעקראָכן דורך אַ קאָרידאָר, וואָס איז געווען שמאָל, אַזוי ווי אַ קבר. איבער זיין קאָפּ האָט אַ געשפּאָלטענער מאָול פון דעם דאַך־בלעך זיך ריטמיש געקלאַפּט אָן אַ שטיין.

דער מענטש האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ צייטונג, האָט מיט איר צוגעדעקט די פּלייצע און די ברוסט. האָט אָנגע־טאַפּט אין ווינקל פון קאָרידאָר אַ משא, האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך, האָט פאָרזיכטיק אַוועקגעפויזעט צוריק.

דורך דעם קאָרידאָר, דורך דער גרוב, דורך דעם בערגל, דורך דער שוואַרצער וואַנט און דער פוילער פינסטערניש פון די טונעלן, און — וויטער — דורך דער פוילער פינסטערניש, געיאָגט פון דעם ווינט, גליטשנדיק זיך איבער די לוזשעס.

פאַר דעם. מענטשן, וואָס די שטאָט איז פאַר אים, פּונקט ווי פאַר דעם וואַלד־מענטשן — דער וואַלד, נייטיקט זיך ניט אין קיין ליכט.

דער מענטש האָט געפונען דעם טויער, די טיר, די טרעפּ, נאָך אַ טיר. דאָרטן האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די משא פון די פּליי־צעס, האָט געקראָגן איין שליסל, אַ צווייטן — אַ פראַנצויזישן, אַ דריטן, זייער אַ לאַנגן, מיט אַ שאַרניר אינמיטן — דעם אינ־ווענייקסטן טוביקס אַ פּאַטענט, — און האָט נאָך דער ריי געעפנט די שלעסער.

אין קיך האָט ער אָנגעצונדן אַ לעמפּעלע „עקאָנאָמיע" (אַ פערטל פונט נאַפט אַ וואָך), האָט זיך אויסגעטאָן. האָט אויס־געמאָסטן מיט די פינגער: די קלאָץ קען מען צעזעגן אויף פיר טייל צו אַכט ווערשקעס, יעדן שטיקל צעהאַקן אויף — איינער, צוויי, דריי...—אַכט שייטלעך. צוויי אַכט־ווערשקעדיקע שייטלעך — איז היים וואַסער אויף קאַווע. זעכצן מאָל. דאָס איז גוט.

— דער טייוול וויס, וויפל ס'וועט נאָך דויערן די דאָזיקע אָנשיקעניש. זעכצן מאָל...

ער האָט איבערגעקערט די קלאָץ — ערשט אַ צעטל. אָנגעקלעפּט גלאַט מיט געלן טייג. געשריבן מיט אַ טינט־בלייער. דער בלייער איז צעשוואומען, איז אויפגעלאָפן געוואָרן:

„איך גרייט אויף פראַנצויזיש און
דייטש אין אַלע קלאַסן פון דער אַרבעט־
שול. פּרייזן — מעסיקע.
פּעטראָגראַדער 17, וואוינ. 3.
דאָרטן פאַרריכט מען און מען פאַר־
צירעוועט אויך זאָקן.
דאָרטן זיינען פאַראַן אויך קיניגלעך.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט געזאָגט הויך:

— צו וואָס מען האָט דערפירט די אינטעליגענץ, אַ?

ער האָט אָפּגעטראָגן און אַוועקגעשטעלט די גרויסע קלאָץ אין קעמערל.

ער האָט אויפגעעפנט דעם אַלמער, וואָס איז געווען אַריינגעטאָן אין וואַנט. פון דעם סלאָי מיט הירזש האָט ער אַרויסגענומען אַ שמאַטקעלע. פון דעם פאַפּירענעם הימל האָט ער איבערגעשאָטן אין סלאָי די הירזש, האָט צוגעדעקט מיט דעם שמאַטקעלע. אויף דעם סלאָי האָט ער אַוועקגעלייגט אַ שטיין, אַ קיילעכדיקן, אַזוי ווי אַ קיכעלע.

— מייזן. אויסוואורפן.

ער האָט אַיינגעהייצט דאָס אייזערנע אייוועלע, האָט אויפגעקאָכט וואַסער, אַוועקגעשטעלט אויף אַ סקאָוואָראָדע בראָטן ווייץ. מיט דעם הייסן וואַסער האָט ער געוואַשן דאָס חומש־פענדל און דעם טעלער. דערנאָך האָט ער געוואַשן דעם אָפּגוס מיט אַ ראָגאָזשקע און צעריבענע ציגל. די אַרבל פון העמד האָט ער פאַרקאַשערט ביז די איילנבויגנס. דעם פרענטש האָט ער אויסגעטאָן. אַז ס'האָט גענומען שטינקען מיט רויך, האָט ער געלאָזן דעם אָפּגוס, זיך אַ כאַפּ געטאָן צום מעסער, אָפּגעסקראָבעט פון דער קליינער סקאָוואָראָדע די צוגעברענטע קערנער און האָט אַ מאָל פינף געזאָגט:

— קאַווע. אויסוואורפן.

דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אין אַלמער. אין די סלאָיעס איז געווען קאָרן, גריפּן, גערשטענע, ווייצענע און רעטשקענע, הע־רינג. אין די פלעשלעך — קאָנאָפּלעס־אייל און מאָנאַייל. אין לייוונטענעם זאַק — וואָבלע. אין די פּאַפּירענע זעקלעך — זאַלץ, לאָרבער־בלעטער, זשעלאַטין. זשעלאַטין איז געווען אַ פונט דריי. ער האָט געזאָגט:

— זשעלאַטין, אַ?

ער האָט גענומען אַ ביכל — מאָפּאַסאַנס, „מאַדאַם גיוסאָנס אויסדערוויילטער" — האָט אָפּגערוקט דאָס לעמפּעלע. ער האָט אָנגעטאָן דעם פּרענטש, האָט אויסגערייניקט די נעגל מיט אַ טאַשן־מעסערל, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ברייטן פאָטעל לייענען און האָט אָנגעטאָן אויפן נאָז די פּענסנע.

ער איז געקומען צו די שורות:

— איך האָף, אַז דו האָסט נאָך ניט געפרישטיקט?

— ניין.

— אָט איז גוט. איך זעץ זיך אַקוראַט צום טיש און איך האָב זעלטענע פּאַרעל.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די פּענסנע אויפן ביכל, האָט אַרויס־גערעדט:

— זשעלאַטין, צו פונט אויף אַ קופּאָן, דריי וואָכן נאָכ־אַנאַנד, אַ?

פּלוצלונג איז ער געוואָרן וואַכזאַם.

מען קלאַפּט, אָבער ניט הויך, אומזיכער. בעסער אָפּוואַרטן. ער האָט אָפּגעוואַרט. אַ שטאַרקערער קלאַפּ. ער איז אויפגעשפּרונ־גען, פאַרמאַכט דעם אַלמער, פאַרשפּאַרט אים, האָט אַ קוק געטאָן אויפן טיש. דאָס ברויט — אונטערן סערוועטל. דאָס שאַכטעלע מיטן סאַכארין — אין קעשענע.

— ווער איז דאָרטן?

— דאָ וואוינט סערגעי לוואָוויטש שטשעפּאָוו?

— ווער פרעגט?

— סטאַרצאָוו.

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— סטאַרצאָוו, פון סעמידראָל, אַנדרעי סטאַרצאָוו.

— פון סעמידראָל?

— איך האָב פאַר אייך אַ בריוו פון אייער זון, פון אַלעקסעי סערגעיעוויטש.

— אַ־אַ־אַ! וואָס הייסט, וואָס הייסט! באַלד.

ער האָט געגומען שמייען. אַ פאַררוקער פון אויבן איבערן טיר, אַ פאַררוקער פון אונטן, אַ האָקן, אינזשענער טוביקס אַ שלאָס, אַן איינפאַכער שלאָס, אַ פראַנצויזישער שלאָס, אַ קייטעלע.

— איר ווייסט. איצטער קען מען זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן, אַפילו אויף אַן אייגענעם זון — קען מען זיך אויך ניט פאַרלאָזן. וואו איר גיט זיך ניט אַ קער — גנבים, בלויז גנבים, שווינדלער, באַנדיטן. עס פרייט מיר זייער צו באַקענען זיך. יאָ. אָט ווי איר זעט, אָט אַזוי לעב איך. איך וואַש טעפלעך, זעג האָלץ, קאָך אַליין, וואַש וועש אַליין, ניי, מאַך צורעכט די לאָמפּן, פאַרריכט די שטיוול. רייניק, איך בעט אייך צו פאַרצייען, די אָפּטרעטן. אָט זעט איר — מאָזאָליעס אויף די הענט — מאָזאָליעדיקע הענט. זיי שטינקען מיט רויך — דאָס איז פון די קאַווע, מיט נאַפט — דאָס איז פון דעם לאָמפּ, מיט ריצנאייל — דאָס איז פון די קאָטלעטן. איך בראָט קאַרטאָפל־קאָטלעטן אויף ריצנאייל. אָט ווי. ביטע, זעצט אייך. ס'איז דאָ קאַווע. כ'וועל בלויז אַ ביסל פאַרקערן, כ'האָב פאַרגעסן צו פאַרקערן. אויף לאַנג? מכּוח אַ ענין?

סטאַרצאָוו האָט אַראָפּגענומען דעם זאַק פון פלייצע. ער איז געשטאַנען אַ גרויסער, אַ טריב־גרויער, אין אַ הורכגעווייקטן סאָלדאַטן־שינעל, מיט אַרבל, וואָס האָבן פאַרבאַהאַלטן די פינגער, מיט אויסגעבויגענע פלייצעס און אַ ניזדעריקן קראַגן.

— כ'ווייס ניט, — האָט ער געזאָגט, — היינט האָב איך זיך קיין זאַך ניט דערוואוסט. מאָרגן פרי וועט מען ווייסן.

— אַ ווירקלעכער שטאָטס־ראַט! אָט מיט די־אָ הענט, אַלץ אַליין. פון אַכט אַ זייגער אינדערפרי ביז צוועלף ביינאַכט. און וואָס האָב איך דערפון? אָט האָט מען נעכטן ווידער אַרויסגעגעבן

א האַלב פונט וואַבלע און אַ פונט זשעלאַטין. אויף וואָס דאַרף איך זשעלאַטין? ס'איז אויסגעקומען לויטן פּלאַן. גוט. און אויב לויטן פּלאַן וועלן אויסקומען ווענטקעלעך? יעדן בירגער, לאָמיר זאָגן, צו צוויי ווענטקעלעך. וואָס קענט איר דערצו העלפן? שטותעריי... אַ בריוו פון אַלעקסייען, זאָגט איר? נו, וואָס מאַכט ער?.. אָט איז קאַווע. קיין ברויט איז ביי מיר...

— איך האָב ברויט, — האָט סטאַרצאָוו געזאָגט, — ווייס־ברויט, סעמידאַלער.

— וויפל קאָסט דאָרטן מעל?

— אָט איז דער בריוו, — האָט סטאַרצאָוו געזאָגט.

לייענענדיק, האָט סערגעי לוואָוויטש געסמאַרעט מיט דער נאָז, און די פּענסנע האָבן זיך לאַנגזאַם אַנגעבויגן מיט זייער אייבערשטן טייל צו דעם פּאַפּיר. סערגעי לוואָוויטש האָט אַלץ העכער און העכער פּאַרריסן דעם קאָפּ, און זיין געזיכט איז געוואָרן שמעלער און העזהדיקער.

— האָט חתונה געהאַט! — האָט ער אויסגעשריען און אַ זעץ געטאָן מיט די פינגער איבערן בריוו, — האָט חתונה געהאַט, פּאַר אַן אַקטיאָרין האָט ער חתונה געהאַט! איך שטעל זיך פּאָר!

ער האָט צורעכט געמאַכט די פּענסנע און האָט מיט די אויגן אויסגעזוכט די שורה, אויף וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דערנאָך האָט ער דעם בריוו אַריינגעלייגט אין בוך, האָט זיך אָנגע־שפּאַרט מיט די איילנבויגנס אָן טיש און האָט דעם גאַסט אַריינ־געקוקט אין די אויגן.

— נו, געוויס. אָט ווי זיי שרייבן איצט, די קינדערלעך. פריִ־ער האָבן מוחרים אַזוי געשריבן: מיר האָבן דעם כבוד צו מעלדן, אַז אין אונזער האַנדלס־הויז איז אַריינגעטראָטן אויף גלייכע רעכט איוואַן איוואַנאָוויטש סידאָראָוו. מיר בעטן באַמערקן זיין אונטער־שריפט. און דאָ איז דאָס אויך ניטאָ: איך מעלד אייך, אַז אייער פאַמיליע־נאָמען וועט טראָגן אַזאַ און אַזאַ זינגערין. אפילו איר נאָמען איז ניטאָ — דאַריאַ, מאַריאַ, אַגראַפענאַ? דער טייוול ווייס זי!

— מען רופט זי קלאַוודיע... נאָכן פאָטער... פאַרגעסן, — האָט סטאַרצאָוו געזאָגט.

— און לויט דער פאַמיליע? עפּעס אַ קולטיאַפּקינאַ, לויט דער סצענע — ראַזדאָר־זאַפּאָלסקאַיאַ, ענזשעניו־דראַמאַטיק אויף ראָלן אָן ווערטער און באַוועגונגען... אַגב, וואָס מאַכט עס אויס? ס'איז דען ניט אַלצאיינס, פרעג איך אייך, אַ?

פאַרוואָס עפּעס?

— דערפאַר, וואָס איצט איז אַלץ אַוועק צום טייוול אין טרעלבוך. אַלץ! איך מיט אייך זיינען איצט אַ קאַשע אין דעם בויך פון עפּעס אַ טייוול. דער מאָגן־זאַפט וועט אונז באַאַרבעטן, דערנאָך וועלן מיר זיך צעקריכן איבער די קישקעס, איבער דער צוועלף־פינגערדיקער, איבער די דיקע, איבער די דינע, איבער דער גלייכער. אָט וואָס מיר זיינען...

סערגעי לוואָוויטש האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שאַכטעלע סאַכאַרין, האָט אָנגענומען מיט אַ לעפעלע אַ ווייסינקע טאַבלעטקע, האָט זי אַ וואָרף געטאָן אין זיין גלאָז. אַ רגע איז ער געבליבן אומבאַוועגלעך. דערנאָך האָט ער דאָס שאַכטעלע דערלאַנגט סטאַרצאָוון.

— כ'דאַנק אייך, איך בין געוויינט ניט קיין זיסע.

סערגעי לוואָוויטש האָט פעסט פאַרמאַכט דאָס שאַכטעלע און האָט זיך פּלוצלונג צעפלאַנכעט אַזוי ווי אַ קינד.

— איר זאָגט, פאַרוואָס איז אַלצאיינס? נו, וואָס פאַר אַ אינטערעס קען אַלעסעי האָבן צו מיר? נאָך גוט, וואָס ער האָט נעגעבן צו וויסן. וואָרעם ער האָט גאָר געקענט אין איין שיינעם פרימאָרגן צושיקן פיר ראָצערס מיט אַ צעטעלע: איך שיק אייך, טייערער טאַטעשי, אייערע אייניקלעך, איר זאָלט אויף זיי אַכטונג געבן, איך אַליין דאַרף אַוועקפאָרן. איר מיינט, אַז בשעת ער איז געוואָרן אַ לופט־פליער, איז ער אַוועק אין אַן אַנדער וועג? ער איז איינמאָל געקומען און זאָגט — זייט געזונט, איך פאָר אַוועק אויפן פראָנט, מעגלעך, אַז איך וועל ברעכן דעם קאָפּ, מיר וועלן זיך מער ניט זען. ווי אַזוי וועסטו ברעכן דעם קאָפּ, אַז דו ביסט אַ מיטשמאַן פון רוסישן חייל? ער, זאָגט ער, זיי האָבן זיך געכאַפּט,

שוין אַ האַלביאָר, ווי איך פלי אויף אַ הידראָפּלאַן, און איצט האָט מען מיך באַשטימט פאַר אַ אינסטרוקטאָר אויפן פראָנט. וואָס בלייבט דעם פאָטער צו טאָן? כ'האָב געגעבן מיין ברכה. און ווי וועט איר איצט הייסן טאָן? בענטשן אים מיט דער קולטיאַפּקינע, ראַזדאָר־זאַפּאָלסקען! זיי וועלן זיך אַלצאיינס אויסלאַכן, אַלצאיינס, בענטש יאָ, בענטש ניט. דאָס איז נאָך אַ גליק, גלויבט מיר אַ גליק. איך האָב נאָר אַ זון, אַ יונגערן...

סערגעי לוואָוויטש איז פלוצלונג אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעהויבן די האַנט און האָט ערגעץ אויסגעשריען אין אַ ווינקל:

— איך זאָג זיך אָפּ! פאַר גאָט און פאַר לייטן זאָג איך זיך אָפּ! ניטאָ קיין צווייטער זון, ס'איז געווען, נאָר ער איז געשטאָרבן, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ערד, אין שטויב, איז פאַרשוואונדן געוואָרן, אומגעקומען, אומגעקומען...

ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אין פאָטעל אַריין, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם קאָפּ אָן ברעג טיש, האָט זיך צעכליפּעט, האָט ווידער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם קאָפּ און האָט זיך גענומען וואַרפן:

— אומגעקומען ליאָוואָטשקע, אומגעקומען!.. געמיינער פּאַסקודניאַק, געמיינער!.. אויף אייביק פאַרפאַלענער!..

סטאַרצאָוו האָט זיך אויפגעהויבן אַ ביסל, האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די ליפּן, האָט זיך אַנידערגעזעצט, ווידער זיך אויפגעהויבן. נאָר סערגעי לוואָוויטש האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט פלוצלונג אַרויסגעזאָגט רויק:

— דער געמיינער יונג איז ניט ווערט, מען זאָל אים אַפילו דערמאָנען, ניט וואָס פאַרגיסן איבער אים טרערן. אָט פאַרוואָס איך זאָג, אַז אַלץ האָט זיך איצט איבערגעדרייט מיט די פּיס אַרויף. די קינדער זיינען געוואָרן פאַררעטער, און די פאָטערס זיינען געוואָרן האַרטער. ניטאָ קיין רחמנות, ניטאָ קיין טרערן, ניטאָ קיין האַרץ, טרוקן און קאַלט, אָט ווי די דאָזיקע פּליטע. יאָ, אַייך, ווי אַ זייטיקן מענטשן, זאָג איך דאָס מיט אַ רויקער נשמה, פּונקט ווי מען שרייבט אַ ראַפּאָרט צו דער העכערער מאַכט, פּונקט ווי אַ דאָקטאָר, וואָס שניידט אָפּ אַ קראַנקע האַנט: מיין זון לעוו — איז אַ גנב! ס'איז ניט עפּעס אַ מליצה, נאָר גאָר פּשוט — אַ גנב!

ער האָט דעם טאַטן באַגנבעט, די מומען באַגנבעט, די נאָענטע באַגנבעט. נעכטן איז מען פון קרימינאַל־פּאָליציי געקומען זוכן דעם געוועזענעם אַדעליקנס זון לעוו שטשעפּאָוו, וואָס איז פאַרמישט אין אַ גנבה. ער האָט געגנבעט אַ זייגער, דריי אָנצוגן, אַ שאָפּנפּעלץ, וועש, זילבערנע לעפלעך. כ'האָב צוגעמאַכט דריי שלעסער צום טיר: יעדער טאָג אַ גנבה. כ'האָב איינגעאָרדנט אַ לאָקער, ביי מיר אין אַלמער איז געזעסן אַ געהיים־אַגענט, בעת איך בין אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. דריי טעג איז ער דאָרטן געזעסן. דערנאָך האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ איראָנישן שמייכל: חבר שטשעפּאָוו, זאָגט ער, אַנטשולדיקט מיר, נאָר דאָ איז — אַן אייגענער מענטש. דעמאָלט האָב איך לעוון געגעבן אין באַק און האָב אים דורכגעטריבן. איז ער אַוועק נעכטיקן צו דער מומען און האָט זי באַגנבעט. דאָס זאָג איך אייך, אַ זייטיקן מענטשן. איך האָב ניט קיין זון לעוו. ער איז אָפּגעפאַלן, ווי אַ קרעץ. ער איז אָפּגעפאַלן צוזאַמען מיט אַלע מענטשן, מענטשן זיינען — גנבים, פאַררעטער, אויסוואורפן! אַלע ביז איינעם!

הינטער דעם שוואַרצן פענסטער האָט טויב געבראַזגעט דאָס צעריסענע אַייזן פון דער דאַך־רינע. דאָס דינינקע דעקעלע פון דעם אַייזערנעם אייוועלע האָט טרויעריק געקלונגען ערגעץ אונטערן סופיט — הער ווינט האָט עס דאָ צוגעצויגן, דאָ אָפּגעשטויסן. סערגעי לוואָוויטש האָט מיט אַ טיי־לעפעלע געמישט דעם סאַכאַרין אין גלאָז.

— ווי איז דאָס, ער האָט חתונה געהאַט אויפן סאָוועטישן שטייגער?

— כ'ווייס ניט. איך מיין, — אַז יאָ, — האָט סטאַרצאָוו געענטפערט.

— טאָ זאָל ער דעמאָלט טאָן, ווי ער פאַרשטייט.

סטאַרצאָוו האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. סערגעי לוואָוויטש האָט געקוקט אויף אים מיט שאַרפע אויגן, וואָס האָבן זיך צוגעוויפּ־געצויגן און זיינען געוואָרן גליטשיק, גלייך ערשט איצט וואָלט ער זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף באַקוקן דעם גאַסט.

– אַנדרעי... ווי הייסט איר נאָכן טאַטנס נאָמען?

— גענאַדיעוויטש.

— איר זייט געקומען אַהער מכּוח געשעפט, אַנדרעי גענאַדיעוויטש?

— איך בין מאָביליזירט. איך בין געקומען אין דער הינער אַרמיי.

— סערגעי לוואָוויטש איז אַריבערגעשפּרונגען מיט דעם בליק אויף דעם אַ ביסל אָפּגעגעסענעם עלמערל מיט די פּראָדוקטן.

— כ'וואָלט אייך אײַנגעלאַדן אויף נעכטיקן... אָט אַלעקסעי בעט אויך אין בריוו... נאָר אין צימער איז צוויי גראַד... איך הייץ אין איין קאָנורע...

— נישקשה, כ'וועל זיך אײַנדעקן...

— נו, אויב איר האָט קיין מורא ניט...

סטאַרצאָוו האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער לעדערנער סאָפקע, אַזוי ווי ער איז געווען — אַזוי ווי ער האָט זיך געלייגט די אַלע נעכט, אין די משא=וואַגאָנעס, אויף די וואָקזאַלן, אין מאָסקווער קאַזאַרמע — אין אַ שינעל, אין די שטיוול, מיט אַ זאַק אונטערן קאָפּ.

סערגעי לוואָוויטש האָט באַטראַכט דעם עלמערל מיט די פּראָדוקטן, האָט אים פאַרשלאָסן, האָט אָנגעהאַנגען אַ ניקלען שלעסעלע, האָט גענומען אונטערן אָרעם „דעם אויסדערוויילטן פון מאַדאַם גיוסאָן", אין האַנט — דאָס לעמפּעלע „עקאָנאָמיע", און איז אַוועק אין שלאָפצימער. דאָרטן, צווקאָפּנס, אויפן טישעלע ליגט — דער זייגער, די צינד=מאַשינקע, באַפּוצט מיט פערלמוטער, דער פוטליאַר פאַר די פּענסנע, „דער אויסדערוויילטער פון מאַדאַם גיוסאָן", אַ זילבערנער ציגאַרנשפּיץ מיט מאָנאָגראַמען און אַ קליין שטיקעלע — סך=הכּל פון איין קוואַדראַטל — אַלטער, פאַרמלחמהדיקער שאָקאָלאַד. געמאַכט פון דער קאָלדרע אַ קאָנווערט און אַרײַנגעקליבן זיך אין אים, האָט סערגעי לוואָוויטש אַ זיפץ געטאָן, האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט אויף אַ מינוט פאַרמאַכט די אויגן. דערנאָך, אַ ווידערגעבאָרענער, האָט ער לאַנגזאַם אַרײַנגעלייגט אין מויל דאָס קוואַדראַטל שאָקאָלאַד. ער האָט

ווידער פאַרמאַכט די אויגן. דערנאָך האָט ער פאַררויכערט, האָט זיך טיף פאַרצויגן, האָט זיך איבערגעקערט אויף אַ זייט און האָט גענומען פון טישל דאָס בוך.

דאָס ריטמישע קלאַפּן פון דעם אָפּגעריסענעם שטיקל אייזן הינטערן פענסטער האָט זיך דאָ קוים געהערט.

דער טראַנשייען־פּראָפעסאָר.

— הערט, הערט, מען קלאַפּט!

סטאַרצאָוו האָט געפּרווט אויפהייבן די וויעס. זיי זיינען געווען שווער, ווי די דעקן פון אַ באַצינקטן קופערט.

— אַנדרעי גענאַדיעוויטש, מען קלאַפּט!

סטאַרצאָוו האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און האָט געזאָגט:

— נו, מילא.

— איך קלער, צי ניט קיין רעוויזיע...

און ווידער האָט סטאַרצאָוו געענטפערט מיט דעם זעלבן שטייגער:

— לאָזט אַריין, זאָל זיין...

ער האָט געהערט, ווי איבערן דיל האָבן אייליק גענומען אַרומשמייען די פּאַנטאָפל. ווייטער, ווייטער. האָבן זיך אָפּגעשטעלט. האָבן ווידער גענומען אַרומשמייען. נעענטער, נעענטער.

— אַנדרעי גענאַדיעוויטש, איר זייט דאָך ניט איינגעמאָלדן!

— כ'האָב פּאַפּירן. כ'וועל דערקלערן.

איבער די ווענט האָט זיך אַ קאָלער געטאַן אַ הילכיקער קרעכץ. די פּאַנטאָפל האָבן זיך גענומען איילן. נאָר תּיכּף, גלייך זיי וואָלטן אָפּגעלאָפן אַ קליינעם קרייז, האָבן זיי ווידער גענומען שלאָנדערן לעבן סאַמע אויער.

— און אויב אַן איבערפאַל... די איבערפאַלער... ווייסט איר...

— כ'האָב אַ מויזער, — האָט סטאַרצאָוו געזאָגט און האָט אויפגעעפנט די אויגן.

סערגעי לוואָוויטש איז געשטאַנען פאַר אים, אויף די אַקס־

לען אַרויפגעוואָרפן אַ פּעלץ, און אַ לאַנגער נאַכט=העמד ביז די קני, אין טריקאָענע אָפּגעבליאַקעוועטע אונטערהויזן, וואָס האָבן באַצוויגן די מאָגערע ליטקעס. און זיין האַנט האָט געציטערט אַ לעמפּעלע, וואָס האָט באַגאָסן מיט וואַרעמענקע ליכט=שפּריצן דאָ די גאָמבע, דאָ די נאָז, און סערגעי לוואָוויטשעס געזיכט האָט אויסגעזען דאָ פּעט, דאָ מאָדנע מאָגער.

— און אַ ערלייבעניש איז פאַראַן? — האָט ער שטיל געפרעגט.

די ווענט האָבן הילכיקער געגומען קרעכצן. סערגעי לוואָוויטש האָט זיך אַ וואָרף געטאָן עפּענען. די אומקלאָרע קלאַנגען האָבן זיך קורץ צונויפגעפלאָכטן און האָבן געגומען רוישן איבערן די צימערן. דערנאָך האָט אַ דינער קול פּלוצלונג זיך גענומען קלאָגן:

— זעכצן שעה אין מעת=לעת אַרבעט איך! זעקס אויף דעם אַמט, זעקס אין דער היים, פיר שעה שטיי איך אין דער ריי, דער=צו דעזשורן, אַרבעטס=פליכט! מיר איז צוויי=און=פופציק יאָר...

עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן פונווייטן און טעמפּ, אַזוי ווי מען וואָלט אַ האַק געטאָן מיט אַ האַק איבער אַ ליידיק פעסל:

— פאַרהאַלט ניט, בירגער!..

ביי סערגעי לוואָוויטשן האָט זיך פון אַקסל אַראָפּגעקייקלט דער פּעלץ; ער האָט זיך געפּלייסט אָנצוכאַפּן מיט איין האַנט און האָט זיך געדרייט, פּונקט ווי אַ יונגער אומגעלומפּערטער דאָג, וואָס כאַפּט זיין עק.

אינמיטן נאַכט טרייבט מען און אַלדי העלן גראָבן טראַנ=שייען! מיט אַ מעסער צום האַלז! ווייניק, וואָס מיר רייניקן די מיסט=גריבער, זעגן האָלץ, דער טייוול זאָל זיי ווייסן, שטייען אין ריי... פאַר וועלכן גיין גראָבן ערד? אויף וואָסערע כּפּרות...

— וויפל איז איצט דער זייגער! — האָט סטאַרצאָוו גע=פרעגט.

— דריי אַ זייגער. דריי אַ זייגער ביינאַכט. צי דען...

— ווייסט איר וואָס? איך וועל גיין אָנשטאָט אייך. איך האָב זיך אויסגעשלאָפן.

סערגעי לוואָוויטש האָט צוגעטראָגן צו סטאַרצאָוום געזיכט דאָס לעמפּעלע.

— גייט, זאָגט, אַז אָנשטאָט אייך גייט אַן אַנדער מענטש, אַ יונגערער און...

— אַ שטאַרקערער, נאַטירלעך, אַ שטאַרקערער! ס'איז פּלייצעס איר האָט, — האָט סערגעי לוואָוויטש אונטערגעכאַפּט.

די דאָזיקע ווערטער האָט ער אויסגעשאָסן גייענדיק, ווען ער האָט זיך איינגעוויקלט אין פּעלץ און זיך געלאָזט צום טיר.

ווען ער האָט ארויסבאַגלייט דעם גאַסט, האָט ער אים מיט ליבשאַפט און מיט דאַנקבאַרקייט אָנגעוואונטשן אויפן וועג:

— איך ווינטש אייך, איך ווינטש... קומט אַריין איבערגעכ־טיקן — אויב איר וועט דאָ פאַרבלייבן, אַפילו וואוינען: איך בין דאָך לגמרי איינער אַליין. בין זייער גערן...

לעבן סאַמע טיר האָט ער צוגעהאַלטן סטאַרצאָוון פאַרן אַרבל, האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און האָט ארויסגעשעפּטשעט:

— קענטיק, אַז דאָרטן איז שלעכט?

— וואו?

— דאָרטן...

— אָט דאָס וועל איך זען, — האָט אַנדרעי געענטפערט און איז אַראָפּגעלאָפן איבער די טרעפּ אין דער פינסטער.

אויפן הויף, אונטער דעם טריבן פלעק פון דעם פאַררוי־כערטן לאַמטערן איז אָנגעגאַנגען דער קאָנטראָל:

— די 27סטע וואוינונג.

— דאָ! — האָט אַנדרעי אויסגעשריען.

און טעמפּ, אַזוי ווי מיט אַ האַק איבער אַ פּוסטער פאַס, האָט די שטימע אַ זעץ געטאָן:

— זיך אָפּגעקויפט!

דערנאָך האָט אַ פינסטערע גלעמבע פאַרשטעלט פון אַנדרעיען דעם לאַמטערן, און די זעלביקע שטימע האָט אויסגעשריען איבער זיין קאָפּ:

— דאָקומענט!

אין אַ פייכטן, פאַרמאַכטן טונעל, אין אַ שוואַרצן תּהום פון קעלט זיינען זיי געזונקען, אויפגעדרענגט אין אַ שטומען טאַבון, איבער דער שאָלעכץ פון אייזן, ערגעץ איבער די קעפּ, האָבן, אַזוי ווי קייטן אויף אַ דרעש-באָדן, געקלאַפּט שנעלע טריט. די קראַגנס אויפגעהויבן, די הענט — אין די אַרבל, די פּלייצעס — איינגע־הויקערט, די פּנימער צו דער ערד, אַראָפּגעזונקען צו די פיס, — פאָראויס, שטענדיק פאָראויס, נאָר פאָראויס, אין דעם שוואַרצן תּהום פון קעלט.

און פּלוצלונג — אין די פּלייצעס, אין די קערק, אין די העל־זער, אונטער די פיס — מיט די נעזער, מיט די בייכער, מיט די קני, איינער אין דעם אַנדערן, אַלע ביז איינעם, ביז דעם לעצטן, און פאָראויס:

— שטיי, שטיי־יי, שטיי־יי־יי!

דער טאַבון האָט זיך צוגעפּלעטשט, זיך צונויפגעגאָסן און איז געבליבן שטיין. דערנאָך האָט ער, שטילערהייט, טאַפּנדיק, זשמורענדיק מיט די אויגן, שפּאַרנדיק פאָראויס, אין די זייטן, אויף צוריק, מיט די איילנבייגנס, מיט די הענט, מיט די פינגער — גענומען צעפּליטן רעכטס און לינקס. און פאָראויס:

— טייוו־וו־וו־וואָלים! אָנגעשפּאַרט זיך!

— וואו שפּאַרסטו זיך, גאָט זאָל ניט שטראָפן!

— דער חבר פירט דאָך, האָב איך געמיינט, אַז ער ווייס דעם וועג...

— די הענער מיינען... אָט איך האָב אַ געפיל, גלייך איך וואָלט אַנגעוואָרן אַ פאָלע.

— איר וואָלט אַליין...

— כאַ־כאַ!

— פון דער לינקער האַנט, בירגער, אָט אַנטקעגן דער שוועבעלע, פונדאַנען!

— איר זייט ניט געווען אין מלחמה, און דאָך זייט איר פאַר־וואונדערט.

מען האָט אַרומגעקרייזט, אַזוי ווי בלינדע, — אָבער שוין ניט אין אַ טאַבון, נאָר אין אַ מענטשלעכער מאַסע, מיט אַ מענטש־

לעבן געלעכטער — אַן אומגעזעענער באַק, וואָס האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין דראָט. מען האָט געריבן שוועבעלעך, מען האָט אויסגעקלאַפּט ווייסינקע פונקעלעך פון די ציגנד-מאַשינקעס.

הינטער דעם אָרט, וואו מען האָט זיך פאַרקערעוועט, איז אין דעם רוים אומגעריכטערהייט באַלויכטן געוואָרן אַ ציפערבלאַט דורך דער אויפגייענדיקער לבנה. געווען איז ער גלאַט, ריין, דייטלעך, אַרומגערינגלט מיט דער גרענעצלאָזער נאַכט-פינסטערניש, האָט געלויכטן אַליין, ניט אַרויסגעבנדיק פון זיך קיין ליכט, און געוויזן דריי פערטל אויף אַכט.

פון דעם דאָזיקן ציפערבלאַט זיינען די מענטשן אַוועק מונטער און האָבן אָן אויפהער געפּלאַפּלט.

— ס'טרעפן זייער אויסטערלישע אַסאָציאַציעס, — האָט סמאַרצאָוו דערהערט ניט קיין הויך שטימעלע. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער פינסטערניש. לעבן אים האָט זיך געאײַלט אַ סילועטל, וואָס האָט מיט זיין וואוקס דערגרייכט ביז זיין אַקסל.

— זייער אויסטערליש. כ'האָב אַ באַקאַנטן אַנטיקוואַר. ער באַזיצט די איינציקע קאָלעקציע מיניאַטורן פון אַכצנטן יאָרהונדערט און אַ ביבליאָטעק וועגן דער געשיכטע פון די מיניאַטורן. איצט געפינט ער זיך, נאַטירלעך, אין אַ נויט, האָט ער פאַרקויפט די מעבל, די שטוב-זאַכן, פאַרשיידענע קלייניקייטן. ער איז געקומען צו דער לעצטער מדרגה: פון וואָס זאָל ער אָנהייבן — פון די מיניאַטורן צי פון דער ביבליאָטעק? האָט ער זיך געמאַטערט, געמאַטערט, האָט אָנגעהויבן פון דער ביבליאָטעק. און איר ווייסט, פון דעם טאָג אָן האָט ער אַלץ פאַרגעסן, אַלץ, וואָס אין די ביכער איז געווען געשריבן, און בכלל די כראָנאָלאָגיע, די עפּאָכעס, די סטילן — אַלץ. ער קוקט נאָר אויף זיינע מעדאַליאָנען, אויף דעם פאָרצעליי און דעם עמאַל, שמייכלט, שטראַלט, און שוין. און וועגן וואָס ער זאָל ניט דערמאָנען — צעפּלאָנטערט ער.

— וועגן וועלכער אַסאָציאַציע רעדט איר דאָס? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

דאָס שטילינקע שטימעלע האָט דורך דער דיקער פינסטערניש, דורך דער מענטשן-גערײַדעריי, דורך דער פּייפעריי פון

דער אײַזערנער שאָלעכץ, גלײַך עס וואָלט זיך אַנטשולדיקט, — אָפּגעלאַכט פֿון חיך אַלײן.

— דאָס רייד איך וועגן דעם עלעקטרישן זײגער. אָט לײַכט ער נאָך, און ס'איז דאַכט זיך אַ זײגער, אָבער די װײַזערס האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט, שטײען, גיבן זיך ניט קײן ריר. ער לײַכט, ער וועט זיך אָבער אויסלעשן, אומבאַדינגט אויסלעשן...

— שטות! — האָט זיך בײַ אַנדרעיען פּלוצלונג אַרויסגעריסן, און תּיכּף האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט — איז ניט זײַנס, אַז גאָלאָסאָװ האָט אים שוין געזאָגט וועגן אַן אַנדער ענין.

— ער גנעפּינט זיך אויפֿן גלײַכן קאַבעל, דערפֿאַר ברענט ער! — האָט זיך דערהערט פֿון הינטן.

ס'האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט זיך אָן שום סיבה אָפּגעשטעלט אַלץ אין דעם זעלבן קאַלטן תּהום, ס'האָט זיך געדוכט — אַז מען האָט זיך געקענט אָפּשטעלן אַ סך פֿריער, און אַז מען האָט נאָך געקענט גײן. אַ רויט טרײַבעלע ליכט האָט זיך פֿון אַ הויפֿן אַרוים אַרײַנגעשטויסן אין אַ בריט, געשטופּלט געזיכט, וואָס איז געווען צעפּאַסעוועט פֿון קנײטשן. דערנאָך האָט זיך אויף דעם אָרט פֿון געזיכט צערויטלט אַ פֿײַערל פֿון אַ פּאַפּיראָס. צו דעם פֿײַערל האָט זיך צוגעשאַרט אַן אַרבל, דאָס פֿײַערל האָט זיך צעבלאָזן, האָט באַלויכטן דאָס רימענדל פֿון אַ זײגער.

— אָן צען מינוט — האָט די גלעמבע הויך אַרויסגעשריען.

ערגעץ האָט אַ קוואָקע געטאָן די פֿינסטערניש, דער וועג האָט אַ ציטער געטאָן, בײַ אַ צוויי הונדערט טריט ווײַט איז פֿון דער ערד אויסגעוואַקסן אַ ווײַסער גלאָקנטורעם, לעבן אים — חורבות, וואָס האָבן אויסגעזען טויט־קאַלט אין דעם פֿלאַטערן פֿון פּראָזשעקטאָר, דערנאָך איז די קוואָקעניש אַריבער אין אַ גערויש, אין אַ גוואַלד, אין אַ דונער, אין אַ טראַסקעריי, און אַ וואָרף געטאָן אַ מין טוטנלײַלעך אויף די הײַזער — פֿון דעם קלויסטער, איבער די חורבות, פֿון הויז צו הויז, וואָס ווײַטער, אַלץ גיכער — האָט אַ גלײַכער, פֿלעפּנדיקער ליכט־רופֿאָר אַ זעץ געטאָן אין די פּנימער און האָט פֿאַרבלענדט.

פון אַ רוישנדיקן, צו אַ באַרג ענלעכן לאַסט-אויטאָמאָביל האָט מען, פאַרהילכנדיק דאָס טראַסקען און דאָס טרייסלען, שאַרף אויסגעשריען:

— ווי—יפל מע—ענטשן!

— דרייסיק.

מיט אַ קוויטש און מיט אַ קלינגערייַ האָבן זיך אַ שאָט גע-טאָן די לאַפּעטעס, זיינען אונטערגעשפּרונגען און אויפגעהויבן זיך אַ ביסל אויף דעם ברוק

— פּע-ערצן! דערלאַנג נאָ-אָר!

— ס'מקלעקן!

און ווידער האָט די ערד געגומען גיין כאַדאָראָם, און ווידער האָט דער טויט-קאַלטער פּראָזשעקטאָר אָנגעכאַפּט די הייזער, די רוּינען, די פּאַרקאַנעס, דערנאָך האָט זי זיך פּלוצלונג איבערגע-קערט און דער שוואַרצער תהום האָט פּעסט איינגעשלאָסן די מענטשן, און אַלע זיינען בלינד געוואָרן

— צעטיילט זיך אויף צווייען!

קופּקעסוויז איז מען געגאַנגען אויף די חורבות און זיך גע-האַלטן פאַר די הענט. דאָרטן האָט מען אויסגעבראַכט שוועבעלער, געזוכט בעלקעס. אומבאַמערקט פּונוואַנען, האָט מען פון אַלע זייטן אָנגעשלעפּט שפּענער, דינע ברעטלעך, ראַמען, פּאַנערן, מען האָט צוגעקייקלט אַ נאַסע קלאָץ.

לעבן אירע זייטן, פאַרבאַהאַלטן אין די שפּענער, האָט מען פונאַנדערגעלייגט פייערן. אַ הילכיקע האַלז האָט אומגעדולדיק אַרויסגעשריען:

— נו וואָס, בירגער, אויפגעשטאַנען?

דעמאָלט האָט עמעצנס אַ גרויסע האַנט זיך אַ צאַפּל געטאָן אין דער צימערדיקער שיין פון די שייטערהויפנס, זיך שווער אויפ-געהויבן צום שטערן, זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן בויך, זיך צעפּאַכט פון פּלייצע צו פּלייצע און אַ רויקע שטימע האָט אויסגערופן:

— גייט געזונטערהייט, חברים!

און דעמאָלט האָבן זיך אַ צענדליק אָדער צוויי פּלייצעס לאַנגזאַם צוגעבויגן צו דער ערד.

לעבן פּאַרקאַן, וואָס איז געווען צונויפגעקלאַפּט פון שילדן, וואוהין די פּאַרטיע איז אָפּגעגאַנגען, פונאַנדערוואַרפנדיק דעם ברוק, האָט געהילכט און געשאָרכט דאָס אײַזן. אַנדרעי האָט זיך פונאַנדערגעשפּילעט, האָט מיט דער האַנט אויסגעווישט די שווייסיקע האַלז, האָט זיך צוגעזעצט אויפן אַספאַלט. די פרוי, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ רימענדל, ניט קיין פלינקע, אַ דיקע, האָט שווער געעטעמט, האָט אַראָפּגענומען מיט אַ שטיקל פּאַרזשאַווערט בלעך די קלעפּיקע בלאָטע פון דער דלאָניע און האָט געפרעגט:

— נו, פּראָפעסאָר, ווי קייקלט זיך עפּעס די שטיינער?

דער מענטש, וואָס האָט דערגרייכט צו סטאַרצאָווס פּלייצע, האָט זיך אויסגעגלייכט, גלייך ער וואָלט אויפגעוואַכט פון שלאָף, און האָט זיך צעלאַכט:

— איך ווייסט? — ס'איז גוט! איך קען אײַך געני ניט איבערגעבן, וואָס איך שפּיר. טײַלמאָל גייסטו איבערן גאַס, הייבסט אומגעריכטערהייט אויף דעם קאָפּ, און פּלוצלונג — הימל! ווערט עפּעס אויף דער נשמה — אַזאַ חיות. יאָרנלאַנג זעסטו גאָרנישט, באַמערקסט גאָרנישט, גלייך ס'איז קיין זאַך ניטאָ. און פּלוצלונג רירסט זיך צו, ווייזט זיך אַרויס — אַ הימל!.. אָט וואָס דאָס הייסט...

— ווייזט זיך אַרויס — מיסט.

— זייער ריכטיק — מיסט, בלאָטע. און צורירן זיך — איז אַ פרייד.

— כ'וואָלט נאָך פאַרשטאַנען, ווען ס'וואָלט געווען — פּאַטאָס, — האָט זיך דערהערט אָפּגעהאַקט מיט אַ קורצן אָטעם.

די דיקע, אומגעשיקטע האָט זיך אָנגעכאַפּט:

— אָט דאָס איז עס! אין פעברואַר האָבן זיך די באַריקאַדן אַליין געבויט, און איצט — אַ קאַזאַרמע.

דער קורצער אָטעם האָט צוגעגעבן:

— דער עיקר, וואָס פאַרטיידיקן מיר? דאָס רעכט צו צעשטערן.

— צעשטערן — האָט זיך דערהערט פון הינטן.
— צעשטערן — האָט זיך א וויג געטאָן פון פאָרנט.
— פאַטאַס, — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר און זיך איינ־געקוקט אין אַנדרעיען, — פאַטאַס, דאָס איז — א שעה, א טאָג, א וואָך. פאַטאַס — דאָס איז א קאָנוואולסיע. ס'איז אוממעגלעך, א פאָלק זאָל זיך צאַפּלען אין קאָנוואולסיע גאַנצע יאָרן.
— און צו וואָס דאַרף מען, ער זאָל זיך צאַפּלען ?
— פּראָפעסאָר, ס'איז דאָך קולטור...
— קולטור, — האָט זיך דערהערט פון הינטן.
— קולטור, — האָט זיך א וויג געטאָן פון פאָרנט.
און ווידער האָט דער פּראָפעסאָר זיך אַנטשולדיקט, גלייך ער וואָלט חוזק געמאַכט פון זיך אַליין :
— איר ווייסט, אַז שטודירנדיק געשיכטע , האָב איך ניט געקענט געפינען, אַז א וועלכע ס'איז אידעע זאָל פאַרשוואונדן ווערן שפּורלאָז אונטער די חורבות פון דער אַקאַדעמיע, פון דער שטאָט אָדער פון דער מלוכה. ניט געקענט. און איך בין לגמרי רויק : פאַר דער ביאָלאָגיע, פאַר דער געשיכטע, פאַר דער קונסט, פאַר דער פיזיק, פאַר דער וויסנשאַפט בכלל, וואָס די מענטשהייט האָט אָנ־געזאַמלט, שטייט איצט ניט פאַר קיין שום סכנה.
אידעען קען מען דענקען בלויז אין דער מענטשהייט. און די מענטשהייט איז פאַרמשפּט אויף קעגנזייטיקער אויסראָטונג.
— אויסראָטונג, — האָט אָפּגעענטפערט פון הינטן.
— אויסראָטונג, — האָט זיך א וויג געטאָן פון פאָרנט.
— כ'זע דאָס ניט, — האָט דער פּראָפעסאָר דערווידערט.
— און וואָס הערט זיך, — האָט געפרעגט סטאַרצאָוו, — מכוח דעם זייגער ?
— וואָסער זייגער ?
— דאָרטן, אויף דער שייד־וועג. ער ברענט, ער וועט זיך אָבער פאַרלעשן, אומבאַדינגט פאַרלעשן...
— וועגן דעם אַנטיקוואַר ? דאָס איז דאָך אָבער א געפיל, א מענטשלעך געפיל ! מיינע הערן ! (דער פּראָפעסאָר האָט אויס־געשריען מיינע הערן ! — נאָר ער האָט זיך געווענדט בלויז צו

אַנדרעיען און האָט גערעדט מיט פריינדשאַפטלעכן פאַרוואורף).
ווער־זשע וועט אָפּלייקענען, אַז אונז איז פיינלעך צוצוזען דעם אייגענעם טויט?

— טויט, — האָט דער קורצער אָטעם אונטערגעכאַפּט. דער פאַרקאַן פון די שילדן האָט גענומען בראַזגען און וואָיען און האָט פאַרהילכט די שטילע רייד. די שייטערהויפנס האָבן זיך אויסגע־לאָשן, דערנאָך האָבן זיי אויף אַ רגע פאַרגאָסן די מענטשן מיט אַ רויטן פלאַם און האָבן גלייכמעסיק אַראָפּגעלאָזן דעם פייער ביז דער ערד.

דער ערד־אָנשיט האָט זיך אויפגעהויבן לענג־אויס דער גאַנצער שוצגרוב, פון טראָטואַר צו טראָטואַר, אין אַ קווערער גלייכער ליניע. בעת די פאַרטיע איז אריין אין שוצגרוב, האָבן זיך די לאָפּעטעס באַוועגט פויל, די ערד פלעגט זיך אַראָפּקייקלען אי־בער דעם אָנשיט צוריק אין גרוב אריין. דערנאָך האָבן זיך שטיילע שטיקער מיט אַן אייליקן האָגל געקייקלט איבער דעם קאַם פון דעם ערד־אָנשיט צו די שייטערהויפנס און האָבן פאַרשאָטן דעם צע־שפרייטן זשוויר. דאָס אָפּגעשייערטע אייזן פון די לאָפּעטעס האָט זיך צעקלונגען איבערן גרונט, ווי קאָסעס איבער אַ טויִקער לאָנקע. די מענטשן האָבן זיך צעהיצט און האָבן געאַרבעט בייז.

זעקס אַ זייגער אינדערפרי איז דער מענטש, וואָס זיין שטי־מע האָט געזעצט, פונקט ווי מיט אַ האַק איבער אַ פוסטער פאַס, אַריינגעשפרונגען אין גראָבן, האָט מיטן אויג אָפּגעמאָסטן דעם ערד־אָנשיט, איז זיך דורכגעגאַנגען פון איין עק צום צווייטן, איז אַרויסגעקראָכן אויפן ברוק, האָט אויסגעברומט:

— גוט, בירגער! אַ דאַנק!

— די רעפּובליק דאַנקט, הייסט עס? — האָט דער קורצער אָטעם אַרויסגערעדט.

עמעצער האָט וויינענדיק אַ זיפץ געטאָן:

— אומזיסט, גאָט!

מען האָט זיך אָפּגעטרייסלט, אָפּגערייניקט, אָפּגעשאָבן, צעטיילט די איבערגעבליבענע שפענדלעך, פאַרלאָשן די רויכערנ־דיקע הלאָוויעס אין די בלאָטקעס, זיך אַ ביסל דורכגעלאַכט און

אַרײַנגעגאַנגען אין דער לעצטער שעה פון דער נאַכט־פינסטערניש מיט אַ רוישנדיקער כאַפּטע.

סטאַרצאָוו איז אַוועק ווייט פאָראויס, די שטימען הינטער אים זיינען צערונען געוואָרן, די שטאָט האָט זיך מיט אַ שטרענגער שטומקייט אָפּגערופן אויף זיינע טריט.

פלוצלינג האָט ער דערהערט פאָראויס פאַר זיך אָפּגעריסענע שטיקלעך פון אַ וואָוילערישן ניגון. ער איז געוואָרן וואַכזאַם, איז אַוועק שנעלער און געטראָטן בלויז מיט די זוילן.

דאָס סילועטל, וואָס האָט אים געגרייכט ביזן פּלייצע, האָט פאַררוקט די הענט אין די טיפע קעשענעס, האָט זיך אײַנגעדרייט אינגאַנצן און אַרײַנגעגאַנגען אין מאַנטל, האָט אַרײַנגעשרויפט אין די שטיינערנע פּלאַטן גיכע, קורצע טריטעלעך און האָט אַנטשיידן געמורמלט :

Aux armes, citooyens!

סטאַרצאָוו האָט אונטערגעכאַפּט :

Formez vos bataillons!

דער פּראָפעסאָר האָט זיך געשווינדט אַ קער געטאָן אויף די כנאַפּלען, האָט עפּעס מעשה פויגל אַרײַנגעשטאָכן די אייגעלעך־קוילכעלעך אין סטאַרצאָוון, האָט קורץ אויסגעשריען : — אַ, דאָס זייט איר ? — ער האָט אים האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, געצופּט פאַרן אַרבל צום טאַקט פון דעם ליד, גלייך ער וואָלט אים אונטערגעטריבן, ער זאָל מיטזינגען, גלייך ער וואָלט זיך געפּלייסט פונאַנדערטרייסלען, פונאַנדערוויגן סטאַרצאָוון, — און האָט כמעט הויך אויפן קול אויסגעשריען :

marchons, marchons...

און האָט קלינגעוודיק, מאַרשיר־אַרטיק, פייערלעך אַרײַנגעשרויפט די קורצע הילכיקע טריטעלעך אין די פייכטע שטיין־פּלאַטן.

אַזוי זיינען אין דער אויסגעשטאָרבענער, דורכגעפוילטער שטאָט, וואָס האָט זיך געשיילט מיט אַן אייזערנער שאָלעכץ, אין דער לעצטער שעה פון דער נאַכט־פינסטערניש, געגאַנגען צוויי

מענטשן, האַלטנדיק זיך אונטער די הענט, מיט אַ ליד, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט. און בעת דאָס ליד האָט זיך געענדיקט, האָט איינער געזאָגט:

— נאָך איינמאָל געבאָרן ווערן, נאָך איינמאָל, גאָט! איבער הונדערט יאָר אַרום: כדי צו זען, ווי מענטשן וויינען ביים דערמאָנען זיך בלויז אָן די דאָזיקע יאָרן, כדי צו קענען קניען ערגעץ פאַר דעם צעפוילט געוואָרענעם שטיקל פאָן, כדי צו קענען איבערלייענען דעם פראָנט-באַריכט פון דעם שטאַב פון דער אַרבעטער-פויערישער רויטער אַרמיי. אָט קוקט! קוקט! — דער ווינט וואָיעט, שווענקט אַראָפּ מיט דעם רעגן די מיט טייג באַשמירטע ציימונג, וואָס האָט זיך אָפּגעקלעפּט פון פּאַרקאַן. און אין הונדערט יאָר אַרום וועט דאָך די מענטשהייט איינגייען אַ שטיקעלע, אַ טיילכעלע פון דעם דאָזיקן בלאַט-ציימונג אין דעם אַנטימינס, ווי אַ רעליקוויע, ווי אַ סאַמע הייליקע זאַך... געבאָרן ווערן אין הונדערט יאָר אַרום און פּלוצלונג זאָגן: און איך האָב געלעבט דעמאָלט, געלעבט אין יענע יאָרן! און איינמאָל, אין אַ פייכטער, קאַלטער נאַכט, אין פּעטערבורג, אין פּעטראָגראַד, אין פּיטער, האָב איך געגראָבן שוצגריבער אָט מיט די-אָ הענט, געגאַנגען איבער אַ ליידיקער גאַס, איבער דער שטאָט, וואָס האָט געגוססט און זיך געשלאָגן, זיך געשלאָגן און געגוססט, געגאַנגען אונטערן האַנט מיט אַ זעלנער פון דער רויטער אַרמיי, אָט מיט דער, אָט, אָט — קוקט, אָט מיט דער האַנט געהאַלטן אָט אַזוי דעם רויטאַרמייער! איר זייט דאָך — אַ רויטאַרמייער?

— איך פאַר אָפּ... דאָס הייסט... איך דאַרף היינט באַקומען אַ פּאָסטן...

— איר וועט נאָך אפשר דערלעבן... איך וועל שוין געוויס ניט דערלעבן, איך טויג ניט... דעם בויך, מאַמאָנען, דער חיה איז איצט שווער. ווען איר וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלן, ווי ס'איז טיילמאָל אַזוי פּאַרדראָסיק, ביז טרערן פּאַרדראָסיק! אפשר — איז דאָס עלטער-שוואַכקייט? יאָ, עלטער-שוואַכקייט. אָט... ערלויבט מיט אייך...

פּלוצלינג האָט זיך דער פּראָפעסאָר געפונען לעבן סטאַר-

צאָוון, האָט מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט זיין קאַרק און האָט זיך דריי מאָל צוגעטוליעט צו זיין באַק מיט ציטעריקע ליפּן.

— איך דאַרף לינקס. האָט קיין פאַריבל ניט. אַ גוטן תמיד!

און איז פאַרשוואונדן געוואָרן הינטערן ראָג.

אַנדרעי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַ הייסער זיפץ האָט אַ בּרען געטאָן זיין געזיכט — אַזוי קלאָר, דייטלעך, שפּירעוודיק אַ בּרען געטאָן, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל. די ערינערונג איז געקומען אומגעריכט און האָט אים צעטומלט. פון אַלץ, וואָס איז געשען אויפן וואָקזאַל אין סעמידאָל, פון אַלץ, וואָס האָט זיך געטראָפן אין יענעם לעצטן טאָג פון אָפּשייד, האָט זיך בלויז איין שטריך, איין קורץ אומבאַגרייפלעך געפיל אָפּגעזעצט אין זיכרון. דאָס איבעריקע האָט זיך צוגויפגעוויקלט אין אַ געדיכטן קנויל:

בין־השמשות, דיסהאַרמאָנישע שטימען, פלאַקאַטן
און פאָנען פאַרוויקלטע—צוליב באַקוועמלעכקייט וועגן—
אַ געדראַנג אויף דער שמאָלער פּלאַטפאָרם פון וואָקזאַל.
אונטער די פיס אַ סקריפּענדיק קעסטל, וואָס קייקלט זיך
פון אויסגעשרייען, דערנאָך געשעפּטלעכע, אייליקע קושן
מיט חברים, זייערע פנימער זיינען עפּעס אַזוי ווי שעמעוודיק, פאַרשולדיקט — דערנאָך אַ לויפעניש איבער די
שוואַרצע, פאַרפּלאָנטערטע ליניעס, און דער וועג אין
שטאָט — איז אַן איינזאַמער און אַ לאַנגזאַמער. דאָס
אַלץ — וויקלט זיך אויף אין אַ געדיכטן קנויל, וואָס
איז פאַרשטעלט פון דעם קלאָרן, אומבייגזאַמען ווילן, —
יאָ, פון דעם ווילן, פון דעם פאַרלאַנג, פון דעם באַגער
איבערצולעבן נאָך אַ מאָל דאָס געפיל פון אַבסאָלוטער
פרייהייט, אָט יענץ געפיל, וואָס איז געקומען אין די
פעלדער אונטער סאַנשין, דאָס געפיל פון קערפּערלאָזיקייט.

נאָר אָט וואָס עס האָט צעריסן די באַשטענדיקייט פון דעם ווילן, אָט וואָס עס האָט אַזוי ווי מיט אַ מעטאַלענער פּילקע אָפּ־

געשלײדערט אַז אַ זײט דעם דאָזיקן גאַנצן טאָג, דעם לעצטן טאָג אין סעמידאָל, און אַט װאָס עס האָט געמאַכט דעם דאָזיקן טאָג פֿאַר אַן אָפּשײדס־טאָג:

די נאַכט איז געװען אַ קאַלטע. דער הימל איז געשטאַנען אומגעװײנלעך הויך, און די שטערן זײנען אויף אים געװען טויט. דער פּלאַץ לעבן װאָקזאַל איז ניט געלעגן, אַזוי װי שטענדיק — אומבאַבויט, נאָר האָט זיך אויסגעשפּרייט — װי אַ מדבר. דאָס פֿערד האָט געביטן די פֿיס. דאָס דראָשקערישע צװײ־רעדערדיקע װעגעלע האָט זיך געבויגן רעכטס און לינקס, נאָר קײן שפּירונג פֿון פֿאָרן, פֿון באַװעגונג איז ניט געװען. פּלוצלונג האָט אַ פֿיגור, װאָס מען האָט ניט באַמערקט אין דער נאַכט, אַ שפּרונג געטאָן אויף דעם טרעפּל פֿון דער דראָשקע. דאָס פֿערד איז געבליבן שטײן.

— ריטאַ! — האָט אַנדרעי אויסגעשריען.

— כ'האָב געװאָלט, אַז קײנער זאָל ניט זען, — האָט זי געזאָגט און זיך פֿאַרכליניעט. דערנאָך איז זי אַרויפֿגעפֿאַלן צו אים אויף די אַקסלען, האָט מיט די אײז־קאַלטע ליפּן פֿאַרשטאָפּט אים דאָס מויל, מיט די קאַלטע, צעשאָטענע האָר זיך צוגערירט צו דעם געזיכט, צו דער האַלז, צו די הענט און האָט אומגעריכט הײס, אין דער דאָזיקער האַרבסטיקער נאַכט־קעלט, אַ ברען געטאָן:

— אַדיע!

ער האָט געמוזט עפּעס אויסשרײען, מחמת דער געשרײ האָט זיך צוגעקײקלט צום האַלז, מחמת ריטאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון דראָשקע און איז אַנטלאָפֿן געװאָרן אין דער נאַכט אַרײן, מחמת פּלוצלונג איז עפּעס געװאָרן אַזוי, גלײך ער װאָלט אַװעק פֿון דער מאַמען, אַװעק אויף אײביק, — ער האָט געמוזט, געמוזט אַ געשרײ טאָן, נאָר אָנשטאָט דעם געשרײ האָט ער אַ שטומען געטאָן דעם פֿורמאַן אין רוקן און האָט איבערגװאַלד אַרויסגעקװעטשט פֿון האַלז:

— יאַג שנעלער!

און ווידער איז אַלץ פאַרשטעלט געוואָרן פון דעם קלאָרן ווילן נאָך אַ מאָל אויסצופּרוּוון, וואָס גיכער נאָך אַ מאָל איבערצו־לעבן, צו שפּירן דאָס, וואָס ס'איז געקומען אין די פעלדער הינטער סאַנשין.

— יאָג, יאָג, יאָג!

און אויך איצט, אין דער נאַכט־קעלט, האָט פון דער קאַלטער באַרירונג פון פרעמדע ליפּן אַ הייסער זיפץ, דייטלעך, שפּירעוודיק אָפּגעבּרענט דאָס געזיכט, און די ערינערונג פון דעם לעצטן טאָג, וואָס איז געוואָרן אַ טאָג פון אָפּשייד, איז געוואָרן פול מיט ביטער־ניש. נאָר פונקט אַזוי גיך איז די ביטערניש אָפּגעוואַשן געוואָרן דורך דעם אייַנפעסטן ווילן — אויסצופּרוּוון! און אַנדרעי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דער פינסטערניש און האָט געשריען צו זיך אַליין:

— יאָג!

אָ, ווען ער וואָלט איצט געווען אויף דעם אָרט פון דעם שאָ־פער, וואָס האָט אַרויסגעיאָגט פון הינטערן ראָג די רוישנדיקע מאַשין, האָט זי אַ לאָז געטאָן אויף צוויי פינגער ווייט פון דעם טשוּהונענעם סלופּ, האָט זי אָפּגעטונקט אין דער לוזשע, אַ וואָרף געטאָן אין דער לופטן, אויסגעגלייכט, אויסגערעגולירט, אַרייַנגע־קלאַפּט אין דער אומענדלעכער גלייכקייט פון פּראָספּעקט און אַ יאָג טאָן אין דעםווירבל פון שפּריצן, אונטער דעם פייף פון די רעדער, אונטער דעם קלאַפּן פון מאָטאָר, אין טראַסקעריי, אין טומל, אין דונער! יעדע סעקונדע — איז טויט, און יעדער גראָבן — ליגט דער טויט, אין יעדער גרוב—ליגט דער טויט, לעבן יעדער זייל—טויט, אויף דעם אָרט, וואו מען פאַרקערעוועט זיך — טויט, אויפן גלייכן וועג — טויט! און ס'איז זייער וואויל, זייער וואויל, מחמת ס'איז קיין זאַך ניטאָ, חוץ—אַזוי דאַרף זיין, קיין זאַך ניטאָ, חוץ—אַזוי איז נייטיק! ס'איז זייער גוט, לייכט, אומענדלעך לייכט; אָ, ווען מען וואָלט תּיכּף געקענט אויספּרוּוון, איבערלעבן, שפּירן, דאָס וואָס ס'איז געקומען אין די פעלדער הינטער סאַנשין!

— יאָג, יאָג, יאָג!

קאָנראַד שטיין.

אין דעם דאָזיקן טאָג איז אין מאָסקווע, צו דעם הויז, וואו ס'האָט זיך געפונען דער דייטשער סאָלדאַטן־ראַט, צוגעגאַנגען אַ מענטש אין אַ האָריק האָזנהיטל, אין אַ צעריסענעם בלאָטיקן דייטשן שינעל און בלויע עסטרייכישע וויקל־שנורן אויף די פיס. ער האָט זיך געטוישעט אין קאָרידאָר, האָט איבערגעלייענט די מעלדונגען און די צעטלעך, וואָס זיינען געווען אָנגעשטאָכן אויף די ווענט, און איז אַרויף אויפן צווייטן גאָרן.

אין דעם צימער, וואו עס האָבן זיך געקליבן אַ סך אָפּגעריסענע מענטשן, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין דער ריי. אין משך פון אַ האַלבער שעה האָט ער זיך דורכגערוקט פאָראויס, מיט אַ מינע פון אַ מידן און גלייכגילטיקן מענטשן, וואָס איז געוויינט צו וואַרטן. צוגעגאַנגען צום טיש, האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל. זיינע האָר זיינען געווען זייער קורץ אָפּגעשאָרן, און איבערן קאָפּ האָט זיך פון דעם רעכטן אויער ביז צום קאַרק געצויגן אַ ברייטער שראַם, וואָס איז געווען אָנגעזעצט מיט צונויפגעקנייטשטע ראָזע קאַרבן. ער האָט זיך געהאַלטן גלייך, ווי אַ גוטער סאָלדאַט, און ווען דער מענטש, וואָס איז געזעסן לעבן טיש, האָט אויף אים אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער הילכיק אַ זעץ געטאָן מיט די קנאַפּל.

— איך בין אָפּגעשטאַנען פון דעם עשעלאָן, וואָס קערט זיך אום אַהיים. אָט זיינען מיינע דאָקומענטן. איך בעט מיך אַריינגעמען אין דעם נאָענטסטן טראַנספּאָרט. כ'האָב באַדאַרפט.

— פונוואַנען איז געגאַנגען דער עשעלאָן?

— פון סעמידאָל.

— ווי אַזוי־זשע זייט איר אָפּגעשטאַנען?

— כ'האָב געקויפט פאַר די חברים קאַרטאָפל. דער שעף פון עשעלאָן האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן שטיין אַ שעה אַכט. בין איך אַוועק אין אַ דערפל אַ צוויי־דריי קילאָמעטער ווייט. אין דער זעלבער צייט האָט מען אָפּגעפירט דעם צוג אויף עפּעס אַ זייטיקער ליניע. אַלץ איבער דער דאָזיקער רוסישער בהלה, ביז איך האָב זיך דערוואוסט...

— וואו איז דאָס געווען?

— אין ריאַזאַן. איך בין אָפּגעגאַנגען אַ גוטן האַלבן וועג צו־פוס ביז מאָסקווע.

— אייער נאָמען ?

— קאָנראַד שטיין.

אַ פּיר געטאָן מיטן פינגער איבער די רשימות, האָט דער מענטש, וואָס איז געזעסן לעבן טיש, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט געזאָגט :

— יאָ, פּאַראַן. ס'איז געווען סוף אָקטאָבער?

— דעם עשעלאָן האָט מען אָנגעלאָדן אין סעמיראַל דעם פיר־און־צוואַנציקסטן אָקטאָבער און אַוועקגעגאַנגען איז ער דעם פינף־און־צוואַנציקסטן.

— איין רגעלע, — האָט געזאָגט דער מענטש, וואָס האָט קאָנטראָלירט די רשימות, האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם שכנותדיקן צימער.

אַ באַיאָרמער, באַבערדיקטער סאָלדאַט אין אַ רוסישן באַשליק אַרום האַלז האָט זיך ליבלעך איינגעקוקט אין קאָנראַד שטיינען, האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די ברעמען אויף זיין שראַם און האָט געזאָגט:

— גוט אָפּגעאַרבעט. אַ שפּליטער ?

— פראַנצויזישע אַרבעט, — האָט זיך שטיין אָפּגערופן, — אין שאַמפּאַן, אין פופצנטן יאָר.

— גוט אָפּגעאַרבעט,—האָט דער סאָלדאַט איבערגעחזרט.— איר זייט פון זאַקסן ?

— יאָ.

די טיר פון דעם דערבייאיקן צימער האָט זיך אויפגעעפנט, און דער מענטש, מיט די רשימות אין די הענט, האָט אויסגעשריען:

— קאָנראַד שטיין, קומט אַריין אַהער.

אַז שטיין האָט זיך אויסגעגליכט מיט אים, האָט ער צוגעגעבן:

— גיט איבער דעם סעקרעטאַר, וואָס איר האָט מיר געזאָגט.

און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין טיר.

דער סעקרעטאַר האָט פאַרבייגייענדיק אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט :

— איר קענט גיין, חבר.

דערנאָך האָט ער זיך טרוקן געווענדט צו שטיינען:
— אין וואָס פאַר אַ לאַגער האָט איר זיך אויפגעהאַלטן?
— אין טאָמסקער.
— ביז וואָסער צייט?
— אָט זיינען מיינע דאָקומענטן, אין זיי געפינען זיך אַלע איינצלהייטן. זייט זיך מטריח...
— איך בעט אייך ענטפערן אויף די פראַגן. מיר זיינען אין אַ פרעמד לאַנד, וואָס האָט זיך נאָך גאָר ניט לאַנג געפונען אין אַ מלחמה מיט אונז, און אונזער חוב איז צו העלפן איינער דעם צווייטן. יעדערער רייסט זיך אַהיים, ניט אַלע אָבער האָבן די זעלבע רעכט אויף דער ערשטער ריי.
— אָבער איך בין דאָך שוין געווען אַריינגערעכנט אין עשעלאָן!..
— איך ווייס. ווען האָט מען אייך גענומען אין געפאַנגענשאַפט?
— איך בין שווער קראַנק, איר זעט, — שטיין האָט באַוויזן אויף זיין שראַם.
— ווען האָט מען אייך גענומען אין געפאַנגענשאַפט?
— אין פעברואַר זיבעצנטן יאָר.
— וואו?
— הינטער ריגע.
— ביז וואָסער צייט האָט איר זיך אויפגעהאַלטן אין טאָמסק?
— גענוי געדענק איך ניט. אין פרילינג פון דעם יאָר. איר זעט ביי מיר? — שטיין האָט ווידער באַוויזן אויפן קאָפּ.
— דאָך האָט איר גענוי געזאָגט, ווען איר זייט אַוועקגעפאָרן קיין סעמידאָל.
— דאָס איז פאַרשריבן אין די דאָקומענטן.
— ווי אַזוי קומט איר אין סעמידאָל?
— זעקס מענטשן זיינען געלאָפן פון טאָמסק, און איך צווישן זיי.
— ווי אַזוי זייט איר דורכגעגאַנגען דורכן פראָנט?

— די רויטע האָבן אונז גוט אויפגענומען און האָבן אונז געהאָלפן צו דערשלאָגן זיך ביז סעמידאָל.

— און די ווייסע?

— די ווייסע האָבן מיר אויסגעמיטן.

— אינם בירגערקריג האָט איר קיין אָנטייל ניט גענומען.

— ניין.

— איר זייט אַ פּראָסטער סאָלדאַט?

— איך בין — אַ יעפרעיטאָר.

דער סעקרעטאַר איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך געלאָזט צו דער ווייטער טיר. צוקומענדיק צו איר, האָט ער זיך אומגעקערט האַסטיק און געפרעגט:

— און איר האָט ניט געקענט איינעם צור מילען שענאַו?

דער יעפרעיטאָר האָט פאַרקנייטשט די ברעמען, אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט און האָט אַ ברום געטאָן:

— ניין, איך דערמאָן מיך ניט, — האָט ער הויך געענטפערט.

— ווי הייסט איר?

— קאָנראַד שטיין. — האָט דער יעפרעיטאָר געזאָגט.

דער סעקרעטאַר איז אַרויסגעגאַנגען.

דעמאָלט האָט זיך קאָנראַד שטיין אַ וואַרף געטאָן צום טיר, דורך וועלכער ער איז פריער אַריינגעגאַנגען, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין רגע, האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, זיך צוגעהערט, דערנאָך האָט ער פאַמעלעך אַ דריק געטאָן דאָס הענטל פון טיר.

אינם צימער, וואו עס האָבן זיך געשטויסן אָפּגעריסענע מענטשן, איז לעבן טיש קיינער ניט געווען. פון דעם מעלעפאָן־בײדל האָט זיך דערהערט עמעצנס אַן אויפגערעגטע דינע שטימע.

קאָנראַד שטיין האָט אויפן דעק פון היטל אַוועקגעלייגט זיינע דאָקומענטן, אַרויסגערוקט דאָס האָזנהיטל אויף די אויגן און האָט זיך גענומען דורכשלאָגן צום טיר. דעם באַבערדיקטן סאָלדאַט מיט דעם באַשליק אַרום האַלז, וואָס האָט אויף אים ליבלעך געקוקט, האָט ער טרויעריק געזאָגט:

— ביז זיי וועלן זיך דאָרטן עסקן מיט די פּאַפּירן, וועל איך דערווײַלע גיין כאַפּן אַ רויכער.

און האָט זיך שטיל אַראָפּגעלאָזן פון די טרעפּ. האָט ער אַוועקגעשלייכט הינטערן ראָג, איז צוגעלאָפן צו דעם אָרט. וואו דער טראַמוואַי שטעלט זיך אָפּ, און האָט זיך פאַרלאָרן אין דעם גרויען מיזערן המון.

און ביינאַכט איז צו דעם פראַכט־צוג, וואָס האָט זיך געשלעפּט פון מאָסקווע קיין קליו, צוגעלאָפן פון דער פינסטערניש אַרויס אַ האַסטיקע פיגור מיט אַ גרויסן קאָפּ, האָט דורכגעלאָזן פאַרביי זיך דעם סקריפּענדיקן קאָמפּלעט וואַגאָנעס, וואָס האָט געקלונגען מיט די קייטן, האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער זייט פון דעם לעצטן וואַגאָן, לעבן די בופערס, אונטער דעם בלינדן אויג פון דעם הויטן לאַמטערן.

דער שונא איז ביי די טויערן.

דער שטאַב איז געווען באַלויכטן, און איבער די פאַרשמוצטע און אָפּגעריבענע טרעפּ האָבן אַרומגעוואַנדערט מענטשן, זיינען געלאָפן, זיך געוואָרפן. דורך דער אויפגעפּראַלטער טיר האָבן זיך געריסן די טעלעפאָן־גלעקלעך און. זיינען הייזעריק געוואָרן, אַ פאַרמאַטערטע שטימע האָט אַלע רגע זיך געכעסט:

— כ'הער... פאַר שליחותן...

— מען זאָגט דאָך פאַר שליחותן... ביים טעלעפאָן פאַר שלי־חו־תן...

אין אַ קיילעכדיקן הויכן צימער איז אין טאַבאַק־רויך און אין ימען פאַפּיר געשוואומען אַ שלעפעריקער מענטש, וואָס איז צעפלאָסן געוואָרן אויפן טיש אין אַ שיטערן טויג. ער האָט אָנגעשפּייט אויף די פינגער און האָט איבערגעקליבן און איבערגעלייגט קאַרטאָנענע קאַרטלעך, פאַפּירלעך, פאַפּירן, האָט צוגעטראָגן צו די אַראָפּגעהאַנגענע ליפּן דעם עמאַלירטן טשאַיניק, האָט געזויגן דעם צעקלאַפּטן נעזל, דערנאָך האָט ער לאַנג געגלאָצט מיט די אויגן — מיט די שטאַרק דיק געוואָרענע וויעס און אָפּגעבליאַקעוועטע שוואַרצאַפּלען — דערנאָך איז ער צעפלאָסן געוואָרן אויפן טיש און האָט ווידער איבערגעלייגט די פאַפּירלעך.

— ווען האָט מען זיך אייך געהייסן מעלדן? — האָט ער געפרעגט ביי סטאַרצאָוון און זיך ניט אָפּגעריסן פון די פאַפּירלעך.

— גיין אַ זייגער.

— און וויפֿל איז איצט?

ער איז אינגאַנצן געבליבן הענגען — די וואָנצעס זיינען אַוועקגעקראָכן אין מויל אַריין, די באַקן האָבן אַראָפּגעפּויזעט אויף דער אונטערשטער קין, די לאַנגע האָר האָבן פֿאַרשטעלט דעם שטערן, די אויגן, די אויערן — גאָר די הענט, וואָס האָבן איבערגעקליבן די קאַרטלעך, די פּאַפּירלעך, די פּאַפּירן, זיינען געווען אומדערמידלעך און געניי. אַזוי ווי הייבערס פֿון אַ גוט אויסגעשמירטער מאַשין.

— וואַרט, — האָט ער אויסגעשריען צום אַוועקגייענדיקן סטאַרצאָוון, — ס'איז פֿאַרהאַן! ס'איז אויף דער פֿראַנצויזישער ברעג=גאַס.

די הענט האָבן אָפּגעוואָרפֿן די האָר פֿון געזיכט, האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן טשאַיניק, דערנאָך זיך גענומען באַוועגן, אַזוי ווי מאַשין=הייבערס. די אָפּגעבליאַקעוועטע שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן מיט די ווייסלען, האָבן זיך קיין איין מאָל ניט אָפּגעשטעלט אויף סטאַרצאָוון.

ער האָט גענומען אַ פּאַפּיר, האָט עס אַריינגערוקט אין אַרבלקעשענע און — פֿאַרביי די אַרומוואַנדערנדיקע, שמייענדיקע, זיך שליידערנדיקע מענטשן, דורך דער פּילטאָניקער קלינגעריי פֿון די גלעקלעך און דעם בעסדיקן כריפּען: — פֿאַר שלי=הו=תן! — איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפֿן פּלאַץ.

איבערן פּלאַץ האָט געשטראָמט אַן אומגלייכע ווייסקייט פֿון דעם באַגינען, נאָר ער אַליין, דער אַלעקסאַנדער=גאָרטן, די אויסגעצויגענע פּאָדקעווע פֿון שטאָב, זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען ווי אַ געדיכטע גרויע וואַנט און האָבן אָפּגעהאַקט די געקרייצטע לאַפּעס פֿון די אַווטאָמאָביל=פּראָזשעקטאָרן.

אַנדרעי האָט זיך אָפּגעטוקט אין נעפּל. ער האָט געשפּרייזט ברייט און זיכער, און איז געוואָרן אַ ביסל אויפֿגעמונטערט פֿון דעם קאַלטן ווינט, וואָס איז פֿאַרקראָכן אונטערן קאָלנער און אין די אַרבל.

ער האָט זיך געאײַלט צו דעם ענין און האָט געגלויבט, אַז אַלץ אויף דער וועלט וועט ווערן פּשוט און קלאָר, ווען ער וועט זיך נאָר צו דעם צורירן. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס געפֿיל, וואָס האָט

אים אויפגעהויבן איבער דער ערד, ווי אַ ווינט הייבט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, — אַז דאָס געפיל ליגט באַהאַלטן ערגעץ גאָר נאָענט און ער וועט זיך אָט־אָט אין אים אַריינרייסן, כּדי ווידער זיך צו נעמען דרייען אין זיין געווירבל. פונוואַנען האָט ער געקענט וויסן, אַז דער גינסטיקער ווינט בלאָזט פון דעם־אָ ברעג, צו וועלכן ער האָט זיך געפלייסט צוצושווימען? פונוואַנען האָט ער געקענט וויסן, אַז פון יענער צייט אָן, ווען ער וועט אַריבערטרעטן דעם שוועל פון דעם הויז, וואָס איז בלינד געוואָרן פון די רעגנס, וועט יעדער טאָג זיינער זיך לייגן ווי אַ באַרג צווישן אים און זיין פּשוטן ממשותדיקן ציל?

ער האָט אויפגעעפנט די פייכט־געוואָרענע טיר און האָט זיך אויפגעהויבן איבער די טרעפּ מיט דעם אויסגעשפּרייטן טעפּעך, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט בלאָטע.

אין דעם גרויסן זאַל האָט געברענט אַ שוואַך עלעקטריש לעמפּל זיין געלע שיין איז געפאַלן אויף דער לאַנגער ריי פון די לאָמבערטישלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט לעבן פענסטער.

— סאַ—לאַ—וואַט! — האָט זיך דערטראָגן צו אַנדרעיען אַ האַרט האַלזיק וואָרט.

ער האָט זיך אומגעקערט. אין ווינקל, אויפן דעקל פון דעם קאָנצערט־קלאַוויר, איז געלעגן אַ מענטש מיטן פּנים אַרויף, מיט דעם טעלעפאָן־טרייבל לעבן מויל.

— סאַלאַוואַט! סאַלאַוואַט! — האָט ער געשריען אַזוי, אַז ביי אים האָט גענומען ציטערן דער בויך און די פיס האָבן זיך ביי אים געוואָרפן.

אַנדרעי האָט אַ קוק געטאָן אין דעם ווייטן ווינקל פון זאַל. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָרטן איז קיינער ניטאָ. גאָר אין דעם בלאַסן ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן פענסטער, האָט ער פּלוצלונג דערקענט אַ סילועט פון אַ סאָלדאַט. דער שפּיז האָט אַרויסגעשטאַרצט איבער זיין קאָפּ, ווי אַ גלייכע דייטלעכע ווירע. דער סאָלדאַט איז געשטאַנען לעבן דער פאָרמלאָזער שוואַרצער קופּע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דיל. אַנדרעי איז צוגעגאַנגען נעענטער. אויף אַ הויכן קאַטאַפאַלק, פון וועלכן עס האָבן זיך אַראָפּגעכוואַליעט פאַלבן פון שטאָף און וועלכער איז געווען אַרומגעלייגט מיט קרענץ,

איז געלעגן אַ טרוגע. דער סאָלדאַט, וואָס האָט געהאַלטן וואַך, האָט שטאַרק געשלאָפן.

— דער אַרויסלאָזער פון „סאַלאַוואַט״? — האָט אויסגעשריען דער מענטש אויפן קלאַוויר און האָט דאָ טאַקע גענומען שטאַרק רוישן אין טרייבל מיט האַרטע, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. דער־נאָך איז ער אַראָפגעשפּרונגען פון קלאַוויר, האָט זיך געווענדט צו אַנדרעיען און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַט זיינען עס פּאַסקודניאַקעס! ביז איצט האָבן זיי נאָך ניט אַראָפּגעלאָזן אין דער מאַשין!

— וואָס?

— נו „סאַלאַוואַט״, די צייטונג, טייוואָלים! און וואָס דאַרפט איר?

— כ׳ווייס ניט, צי כ׳האָב געטראָפן. איך דאַרף האָבן דעם שעף...

— דעם שעף? אַט דאָרטן איז ער.

און אַ קורצער פינגער האָט אָנגעוויזן אַנדרעיען אין דעם וויטן ווינקל, אויף דער טרוגע.

— ער איז געשטאָרבן? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

— אַך ניין, דאָס איז — גאָר אַן אַנדערער! אַט דאָרטן־אָ איז אַ טיר.

דאָס רויטע ליכט, וואָס איז אַרומגעלאָפן איבער די ווענט, איז אַרויסגעשפּרונגען צו אַנדרעיען אויף דער ברוסט, האָט זיך אַ וויג געטאָן אויפן געזיכט און האָט זיך אַראָפגעגליטשט אויפן דיל לעבן קאַמין. אויף דעם גערוימען טעפּעך זיינען געזעסן, די פיס אונטער זיך, דריי מענטשן. דער מענטש מיט די שאַרפע באַקנביינער, מיט די ביימלדיקע, גלייכע, גלאַט פאַרקעמטע האָר, האָט זיך האַסטיק אַ צי געטאָן מיטן קאָפּ צו אַנדרעיען און האָט געפרעגט מיט אַ וואַקלענ־דיקן מזרחדיקן אַקצענט:

— וואָס דאַרף, חבר?

אַנדרעי איז צוגעגאַנגען נעענטער און האָט דערלאַנגט זיינע פּאַפּירן.

— גוט, מיר אַרבעטער אַזאַ דאַרפן, — האָט געזאָגט דער שוואַרצער און האָט אַ שטאָך געטאָן אַנדרעיען מיט די שוואַרצע אויגן.

צוויי אַנדערע מענטשן האָבן פון דער זייט געקוקט מיט אַ קרומען בליק אויף אַנדרעיען, האָבן אונטערגעמורמלט אַ מאַגאַטאַן לידעלע און האָבן הויך אַ זיפץ געטאָן.

— וויל וואַרטן, קען וואַרטן צווייטן צימער.

— איך וועט מיך באַשטימען אין מיין פּאָלק? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

— צו וואָס פּאָלק, אויף וואָס פּאָלק, אַז איך זאָג, מיר אַזאַ אַרבעטער דאַרפן.

— אָבער איך דריק אויס דעם פאַרלאַנג צו גיין אויפן פראָנט, און נישט בלייבן דאָ.

— חבר טייערער, איך דריק פאַרלאַנג, דאָ בלייבן. דאָ אויך פראָנט. ניט עפּעס אַנדער זאַך.

— איך וויל אין די פאָדערשטע טיילן, חבר, מיך האָט מען צוליב דעם טאַקע געשיקט.

— ס'אַרא בעל־דברן, ס'אַרא בעל־דברן, טייערער! — האָט דער שוואַרצער אויסגעשריען און האָט באַוויזן אַנדרעיען די גענוג בלאַנקנדיקע ציינער. — איז אָט איך זאָג, אַז דאָ אויך פאָדערשטער טייל, רעכטן פּעטראָגראַד.

— אַ מויזער.

— גיי ריינינק דיין מויזער.

— ער איז אויסגעשמירט, ניטאָ אַיִם וואָס צו ריינינקן.

— ס'אַראַ בעל־דברן!

דער שוואַרצער איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אַ זעץ געטאָן איבער די לענדן און איז צוגעגאַנגען צו אַנדרעיען. ער איז געווען שלאַנק, בייגעוודיק און שמאָלברוסטיק, און אין די רייד, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט געקלונגען אַן ערנסטקייט, אַ פּאַרטיפּטע, וואָס האָט זיך דורך דעם אַקצענט ניט געקלעפּט מיט די ווערטער. ער האָט געזאָגט:

— יונגער חבר, רעוואָלוציע ווייס וואָס דאַרף טאָן מיט מיר, מיט דיר, אָט יענעם, אַנדערן. איך אויך גיט וויל זיצן דעם צימער; דאָ קאַלט, הויך, פון דיל ביזן באַלקן פינף וויאָרסט! רעוואָלוציע ווייס, איך, אַ שעף, דאַרף דאָ, לעבן פּאַסקודנעם קאַמין. וואַרט צווייטן צימער, דו העלפן באַגראָבן דערהרגעטן קאָמאַנדיר.

— ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַנדרעיען איבערן פּלייצע, און האָט אויסשטשטשירענדיק די ציינער צוגעגעבן.

— שיין לוויה — שיינער רויטאַרמייִשער גייסט.

ס'איז אַריינגעקומען דער אָרדינאַנס און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טיר. דער שעף איז אים געגאַנגען אַנטקעגן, און פּלוצלינג האָט זיך אַ פאַנטאַן פון האַלזיקע געשרייען ניט אײַנצוהאַלטן אַ שאָט געטאָן אויף דעם אָרדינאַנס און, ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט אים אומגעוואָרפן: ער האָט זיך געלאָזט אויף צוריק און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל. דעמאָלט האָט זיך דער שוואַרצער אַ וואָרף געטאָן אויף אים, האָט אים גענומען טרייסלען פאַר די אַקסלען, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער ברוסט, האָט גענומען רייסן דעם גאַרטל. דער אָרדינאַנס האָט אויסגעשטרעקט דעם שעף אַ קירצפינגערדיקע האַנט, מיט דער דלאָניע אַרויף, דער שעף האָט אַ פּאַטש געטאָן איבער איר און האָט זיך געלאָזן גיין צום קאַמין. דאָרטן האָבן זיינע צוויי חברים זיך נאָך אַלץ געשאָקלט און געברומט אַ ליד. ער האָט זיי עפּעס אַ מורמל געטאָן, זיי האָבן זיך אומגעקערט צום אָרדינאַנס און האָבן צו אים אויסגעשריען אַ קורץ וואָרט. דער אָרדינאַנס האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אַרויסגערעדט דאָס זעלביקע וואָרט

און איז אַרויסגעגאַנגען. דעמאָלט איז דער שעף צוגעגאַנגען צו אַנ־דרעיען.

— איך מענה, צו וואָס דו אָוועקלייגסט אויף מיין שקאַפּע וויסן קאַפּריץ? איך גיט קיין קיין ווייס־גוואַרדייער, נאָר אַ רויט־אַר־מייער, גיב רויטן קאַפּריז, רויטן צוים, רויטן זאָטל, צו וואָס ווייסע?

ער האָט זיך פריילעך צעלאַכט און האָט אויסגעשטרעקט אַנ־דרעיען די האַנט.

אַנדרעי האָט געכאַפּט די דאָזיקע האַנט — אַ קלאַמערנדיקע, אַ טרוקענע און אַ פעסטע, — האָט זי אַ דריק געטאָן און האָט זיך אומגעקערט צו דער טיר. אַז ער האָט, אַפּגייענדיק עטלעכע טריט, אָפּגעשטעלט זיך אינמיטן צימער, האָט זיך דער געשפּענסטיקער פריידעוודיקער און ווילדער שמייכל פון דעם שוואַרצן, קנאָכנדיקן מענטשן אָפּגעשפּיגלט אויף זיין געזיכט אַזוי ווי אַ שאָטן.

ער האָט גענומען אַרבעטן.

טעלעפאָנען, פּאַקעטן, פּאַפּירן, טעלעגראַפישע פראָנט־באַ־ריכטן, עפּעס ביכער אַזעלכע און רשימות, עפּעס אַקטיאָרן אַזעלכע און קאָפּטענאַרמוסן, עפּעס קאַלטס, אַזוי ווי פּעטשאַ, וואָס קריכט איבערן פּאַרקעט, אָדער שמוצט זיך לייכט, ווי אַ זיידענער קאַפּטור אויף אַ לאָמפּ, עמעצנס קומער, עמעצנס גליק, שטאָל־דינער, אַ לעק־טאָר איבער געשיכטע פון דער פּאַרהיסטאָרישער קולטור און די־וויזיע־דאָקטוירים, פריילינס אין האָזנפּומערלעך, און קינסטלער אין וואָליקעס, עפּעס אומעגדלעכס און פּלוצלונג מיזערם — דאָס אַלץ האָט אים פאַרדרייט און פאַרוויגט, ווי אַ באַרקאַס, און ער איז גע־שוואומען, זיך געטרונקען און זיך ווי עס איז אַרויסגעראַטעוועט, כדי ווידער צו שווימען און ווידער זיך צו טרינקען

אין דער דערמערונג, צווישן דעם עולם מיט די אויסגעשטאַרצ־טע באַקנביינער, וואָס האָט אַרומגערינגלט די רויטע טרונע, לעבן דער סאַמע טרונע, לעבן דעם, אַזוי ווי טרויער, שוואַרצן שעף, האָט ער זיך באַזינט. דער זאַל, באַלויכטן מיט קויל־לעמפּלעך—אין פּאַנאָ, מיט גאָבעלענען און שווערע בילדער — האָט גערוישט מיט דער געוויינלעכער מעלאָדיע. נאָר דאָס ליד האָט זיך געזונגען אויף אַ

קורצקליגנענדיקער, ווי אַ וואַלדשנעפּ כאָרכלענדיקער שפּראַך, און די מעלאָדיע איז אַרויסגעקומען אומעטיק, אַזוי ווי דער סטעפּ. אַנדרעיען האָט זיך געדוכט, אַז אויף די שאַרף־ביינערדיקע, אומבאַוועגלעכע, פון אייזן געשמידטע געזיכטער האָבן זיך צו אַפּט פאַרמאַכט און געפינגלט די שטאַרק קרומע טרוקענע אויגן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער ברעג־גאַס, בעת די קלעפּעדיקע פינסטערניש איז צוגעשטאַנען צו די פינסטערע בלינדע הייזער, ער איז אומאַנטשלאָסן געשטאַנען אַ ביסל אויפן וועג, האָט געקערט דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן. דערנאָך האָט ער אָנגערוקט דאָס היטל און האָט גענומען שפּרייזן צו לימעיני מאָסט.

* *
*

ביינאַכט האָט דער נייער גענשטאַב איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער אַרמיי.

אויף די ווענט, אויף די פּאַרקאַנען און אויף די סלופּעס האָבן זיך געבאָמבלט טעלעפאָן־דראָטן, וואָס זיינען געווען אויפגעהאַנגען אויף טאַשמעלעך און שפּאַגאַט. אויף זיי האָבן אונטערגעקלונגען די הילצערנע ברעטלעך פון דעם ווינטער־פּאַלאַץ, פון סמאָלנער אינסטיטוט, פון די דיוויזיע־שטאַבן, פון דער פּעטער־פּאַוול־פעסטונג.

די שוואַרצשריפט פונם ראַפּאָרט איז אָנגעשריבן געוואָרן ריין, מיט בלייפעדער־טינט, אויף צוויי בייגעלעך פּאַפּיר. אַז דאָס בייגעלע האָט זיך באַדעקט מיט אַ קרומער שורה אותיות, האָט אין טיר אַ זעץ געטאָן אַ שטימע, וואָס איז תּיכּף אויפגעכאַפּט און פאַרהילכט געוואָרן פון דעם טעלעפאָן־גלעקל:

— איבערשרייבן!

דאָס צווייטע בייגעלע האָט זיך געענדיקט מיט דעם אָפּזאַץ:

ביי דעם איצטיקן מצב, ווען די מיליטער־טיילן פון דער צווייטער און זעקסטער דיוויזיע שטעלן כמעט קיין שום ווידערשטאַנד ניט דעם שונא און פאַרלאָזן די פּאָזיציעס, וואָס עס ווירקט דעמאָראַליזירנדיק אויף דעם חייל, וועלכן

מען האָט אַרויסגעשיקט, כּדי אונטערצושטיצן זיי, — ביי דעם איצטיקן מצב קען מען זיך ריכטן אין דער סאַמע נאָענטסטער צייט, אַז דער שונא וועט דורכרייסן די ניקאָלאַיער אייזנבאַנליניע. די מיטלען, וואָס דער פּעטראָגראַדער באַפעסטיקטער ראַיאָן באַזיצט, זייער ווייניק קאָמפּעטענט און זיין פאַרטיידיקונג איז ניט געבראַכט געוואָרן צו דער געהעריקער הויך. צוליב דער זייער שטאַרקער סכּנה, וואָס איז אַנטשטאַנען פאַר פּעטראָגראַד, בעט איך שיקן אין מאָבנער ראַיאָן קאָמפּעטענטע אונטערשטיצונגען, ניט ווייניקער פון צוויי בריגאַדעס, כּדי צו פּאַראַליזירן די מעגלעכקייט פון דעם שונא דורכצורוקן זיך פון גאַטשינער זייט אויף טאָסנע און שטערן זיינע פּלענער איינצונעמען פּעטראָגראַד. דער שטאַב פון דער אַרמיי גייט אַריבער פון היינטיקער דאַטע קיין פּעטראָגראַד".

— איבערשרייבן!

דאָס איז געווען דער ערשטער ראַפּאָרט פון דעם נייעם גענשטאַב פון דער אַרמיי צו דעם שטאַב פון דעם צפון-מערב-דיקן פראָנט.

דער אָפּעראַטיווער פחאַנג-באַריכט האָט זיך אין דעם טאָג געלייענט, — פאַר דעם לעצטן אָפּזאַץ:

„אין יאַמבורגער ריכטונג האָט אונזער חייל נאָך האַרטנעקיקע שלאַכטן פאַרלאָזן גאַטשינע".

דער לעצטער אָפּזאַץ:

„אין לוגער ראַיאָן טרעט אָפּ אונזער מיליטער אונטערן דרוק פונם שונא אויף דער ווינדאַווער אייזנבאַנליניע"

אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ פאַרברעך, וואָס ווערט ניט באַשטראָפט דורך קיין שום געזעץ, און פאַראַן אַ פריייהייט, וואָס ווערט ניט קרעמפּירט דורך קיין שום טיראַניי.

ווער קען פאַרשטיין די ווערטער, וואָס האָבן אויף אַ רגע אויסגעקרימט דעם פעסט פאַרמאַכטן מויל? ווער קען דערציילן וועגן

דער געפאַר, וואָס ליגט באַהאַלטן אין בוזעם? וואָסער גוטער און וואָסער שלעכטער וועג זיינען באַשטימט פאַר דער פאַנטאַזיע?

אין די הייזער געפינען זיך טרעפּ, וואָס זיינען צעפּלאָנטערט און ווילד; פאַראַן שפּייזאַרניעס, וואו אויסער די קעכינס, קומען אהין אַריין נאָר די מייז; פאַראַן שפּייכלערס, קאַרעטנשטאַלן און ביידימער, מיט טירן, וואָס זיינען פאַרמאַכט אַפילו פאַר די הינט; פאַראַן שליטנס, קעמערלעך, טעמפּע ווינקלען פון קאָרידאָרן.

אָט איבער די דאָזיקע טרעפּ, אין די דאָזיקע שטאַלן, אויף די דאָזיקע ביידימער — שעפּטשען די ליפּן דייטלעכער, און די פוסטן ווערן קוים-קוים באַוויזן פון די בוזימער. די פאַרלאָזנקייט פון דעם שפּייכלער, די שטומקייט פון דעם קאַרעטנשטאַל, די פוסטקייט פון דעם קאָרידאָר, וואו דער סאַמע געפערלעכער עדות — די שפּין, איז אַרומגערינגלט מיט שטויביקע פוסטבייכיקע טויטע פליגן — פילט אָן מיט דרייסטקייט די-יעניקע נשמות, וואָס זייער גורל — איז פּחד.

די ליפּן האָבן געשעפּטשעט דייטלעך:

— פון יעדן פענסטער — פאָנעס! נאַציאָנאַלע פאָנעס

— פון יעדן בוידעם — פייערווערק! הערלעכע, פּאָמפּעזע פייערווערק!

— פון יעדן קעלער נעשרייען פון באַפרייטע! פריידיקע מטורפדיקע געשרייען!

— פון הינטער יעדן ראָג — בלומען! — שמעקעדיקע, הערלעכע בלומען!

פון אומעטום! פון אומעטום!

צי איז עס ניט קיין ענטפער אויפן באַפעל? צי איז עס ניט לויט די ווערטער פון באַפעל, וואָס האָט אויפגעהויבן אויף די פאָדערשטע פיס די פאַרשטיינערטע רעזידענץ?

„אַריינרייסנדיק זיך אין דער דאָזיקער גיגאַנטישער שטאָט, וועלן די ווייסגוואַרדייער „אַריינפאַלן אין אַ שטייענערנעם לאַבירינט, וואו יעדעם הויז וועט פאַר זיי זיין אָדער

אַ רעטעניש, אָדער אַ דראָונג, אָדער אַ טוט־געפאַר. פון וואָסער זייט דאַרפן זיי זיך ריכטן אויף דעם קלאַפּ? פון פענסטער? פון בוידעם? פון קעלער? פון הינטערן ראָג? פון אומעטום. אין אונזער רשות געפינען זיך האַרמאַטן, ביקסן, נאַגאַנעס, האַנט־גראַנאַטן... אייניקע גאַסן קענען מיר אַרומפלעכטן מיט שטעכיקן דראָט, אייניקע קענען מיר איבערלאָזן אָפענע און פאַרוואַנדלען זיי אין נעצן. צוליב דעם אַלעם דאַרף מען בלויז, אַז ,עטלעכע טויזנט מענטשן זאָלן פעסט באַשליסן ניט אָפּגעבן פעטראָגראַד".

עטלעכע טויזנט מענטשן האָבן באַשלאָסן.

נאָר וועגן דעם האָבן געוואוסט בלויז זיי.

ליטעיני, ווי אַנדרע האָט אים געטראָפן, האָט פון דעם ניט געוואוסט.

אין דער קלעפּיקער פינסטערניש פון פּראָספּעקט האָבן זיך געטראָגן די צעשטייעטע שינעלן. די פון נעפּל צוגעפּלעטשטע מענטשן האָבן געשלעפּט נאָך זיך זעק, פעקלעך, קערב, איבער די פאַרשפּייטע און גליטשיקע טראָטואַרן.

זיי האָבן זיך געוואָרפן אין די זייטן, צוגעקלעפּט געוואָרן צו די צעקנייטשטע, דורכגעלעכערטע טראַמווייען, וואָס האָבן מיט זייערע בופערס אויסגעריסן די קלעצלעך און די שטיינער פון ברוק.

מיט אומזיניקע אויגן האָבן זיי פון די אָפּגעריסענע שטיקלעך פון דעם נייעם באַפעל אויף די ווענט געכאַפּט די טויט־דראָענישע ווערטער:

„פאַר דער זאַך!
אַלע אין די רייען!
שלאָגט אַלאַרם, דער שונא איז ביי די טויערן!"

האָבן זיי פלינקער אַריבערגעוואָרפן די זעק, האָבן פאַרקאַשערט די פּאָלעס, וואָס האָבן געריזנעט אין בלאָטע, האָבן זיך געקליבן מחנותווייז, האָבן זיך צעשאָטן ווי אַ קייט לענג־אויס דער טראַמוואַי־ליניע—האָבן געשלאָגן אַלאַרם מיט אַ צעפליקטן געשריי

מיט אַ דערשלאָגענער שטימע, מיט דעם גאַנצן אויסזען פון זייערע פּאַריאָגטע, מיט אַלטקייט צוגעדעקטע עלנדע קערפּערס.

זיי האָבן זיך געראַטעוועט.

און פּלוצלונג, אין דער פאַרצווייפלונג פון דעם פּראָספּעקט, וואָס האָט גערעדט פון היץ וועגן אומקום, אין דער גרויער קעסל־גרוב פון די פאַרשלומפּערטע שינעלן, האָט אַנדרעי דערזען אַ פרוי, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען דעם וועג מיט דער פּינקטלעכער אויסגע־רעכנטקייט פון אַן אָנגעדרייטער ליאַלקע. די פרוי איז געגאַנגען אונטער אַ שירעם. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ טיכל, און איר קלייד איז געווען ריין. צוגויפלייגנדיק פאַמעלעך דעם שירעם, האָט זי אָנגעבויגן דעם קאָפּ און איז אַריין אין אַ פּראָנט־טיר. אַנדרעי איז אַוועק נאָך איר.

איבערן טיר האָט ער אונטער דעם אָנגעכמורעטן לעמפּעלע איבערגעלייענט:

„גיי אַריין און הער
אַ עוואַנגעליש וואָרט,
מיר רופן דיך. דער אַריינגאַנג
איז פאַר אַלעמען פריי".

הינטער די בענק, וואָס זיינען געווען צעשטעלט, אַזוי ווי אין אַ טעאַטער, האָבן זיך אין דער קלעפּיקער פינסטערניש, געשטויסן פרומע ווייבער. פון דער שול־קאַטעדער האָט גערעדט אַ ברייט־ברוס־טיקער מענטש. זיינע ווערטער זיינען געווען דייטלעך, נאָר האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט געבונדן, אויסער מיט דער שטימע — וואָס איז געווען צוגעגלעט און האָט זיך געגנבעט, ווי די קוים באַמערקבאַרע שפּילע באַוועגונגען פון אַ פריידיקער.

„...די אַקטיוקייט פון דעם געוויסן איז פאַר אונז נויטיק, כדי דער מענטש זאָל זיך ניט באַרויקן אויף די פאַלשע פּערענעס פון אונזער לעבן. און איך ווייס, מיין דערלייזער לעבט, ווי עס שטייט געשריבן ביי דעם נביא איוב. ברידער און שוועסטער, די אייביקייט איז אונז פאַרזיכערט. לאָמיר גיין נאָך קריסטוסן. ווייל אין דעם בריוו צו די קאָרינטער שטייט געשריבן: ס'איז אונזער פּסח — קריסטוסן האָט

מען געבראַכט פאַר אַ קרבן פאַר אונז. טאָ לאָמיר־זשע, ברי־
דער און שוועסטער, צוזאַמען תפילה טאָן אויף אונזערע
טרויערן און אויף די לויפיקע נייטן..."

דער רעדנער האָט איבערקרייצט די הענט אויף דער קאַטע־ער און האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ. עמעצנס אַ פאַרשטיקטע שטימע האָט אַ מורמל געטאָן עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. דערנאָך האָבן זיך פון דעם מורמלען אַרויסגעדראַפּעט און זיך געגומען פלעסקען איבערן צימער אָפּגעריסענע ווערטער.

— טייערער האַר־גאָט ,איך בין — אַן אָרעמע פרוי...

— גאָט, אַ טאָכטער איז ביי מיר אַ שוואַכע...

און פּלוצלונג, האָט אַנדרעי, אין דעם פלעסקען פון אויסגע־שרייען און כליפּעניש, דערהערט אַן אויסטערליש־באַקאַנטע שטי־מע. ער האָט זיך צוגעהערט צו איר, האָט געמאַכט אַ טראָט פאָר־אויס און געזוכט מיט די אויגן דעם רעדנער. לעבן דער סאַמע קאַ־טעדער האָט ער באַמערקט אַ הויך פאַרוואָרפענעם קאָפּ. די פענסנע אויפן נאָז האָבן געציטערט, זיינען אַראָפּגעקראָכן אונטן און האָבן זיך אָנגעצונדן מיט רעגנבויגנפאַרביקע פונקען, און דער קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן מיט יעדן וואָרט אַלץ העכער און העכער:

— גאָט! פאַרגיב מיין זון לעוו און פיר אים אַרויף אויפן אמתן וועג... דעם זון לעוו... מיין זון לעוו, וואָס האָט באַגנבעט דעם פאָטער און די קרובים, גאָט... און מיין צווייטן זון, אַלעקסעיען.. גאָט...

עמעצער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ כּפּאַזמאַטישן יאָמער, און תּיכּף האָבן זיך די קווישענדיקע געוויינען געגומען דרייען איבער די געבויגענע קעפּ, וואָס האָבן זיך געטרייסלט אין די שוואַרצע טיכלעך.

און בלויז איין קאָפּ איז געווען אומבאַוועגלעך, ווי אַ שטיין: דער קאָפּ פון דעם פרײדיקער, וואָס איז געלעגן הויך אויף דער קאַ־טעדער, מיט דעם ברייטן קאַרק צו די ברידער און שוועסטער.

— ווי קומט אַהער אַנדרעי! וואָס האָט אים געשטויסן נאָכ־צוגיין נאָך דער דאָזיקער פרוי, וואָס איז געווען ענלעך צו אַן אָנגע־דרייטער ליאַלקע? וואו איז זי איצט? ניט שוין־זשע איז זי — אַ

שטעט און יאָרן

פּנימלאָזע, אַ שטילע — געקומען, כּדי אַראָפּצושלאָגן אַנדרעיען פֿון וועג, איבער וועלכן ס'איז אַזוי גרינג און מונטער צו גיין?

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום אַרויסגאַנג. די עקשנותדיקע בוכשטאַבן זײַנען אים געקראָכן אין די אויגן:

„גיי און זינדיק ניט ווייטער".

אַרויס פֿון דאַנען, אַרויס! אויפֿן פּראָספּעקט! אויפֿן פּראָספּעקט! אין דעם ווירוואַר פֿון די גרויע שינעלן, אין דעם מלחמה=מאַרש, אין דעם אייביקן מלחמה=מאַרש, — זאָל דער דאָזיקער מלחמה=מאַרש זײַן אַן אייביקער. עטלעכע קען מען בלויז אין אַ המון פֿון צעטומלטע מענטשן, אין אַן אוראַגאַן פֿון זעק, ביקסן, קעסטלעך, אין אַ מבול פֿון פֿאַרפּלוכטע, פֿאַרשפּייטע שטוב=חפֿצים, וואָס זײַנען אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זייערע ערטער.

עפּעס אַ געזיכט מיט דין אויסגעצויגענע ליפּן, אַזוי ווי אַ מעסער, האָט אַ שניט געטאָן אַנדרעיען מיט אַן אָנגעשאַרפֿטן בליק און האָט זיך אומגעקערט צום רויטאַרמייער, וואָס איז געלאָפֿן גלייך נאָך אים.

— מירן נאָך זען! — האָט אַנדרעי דערהערט.

— מירן נאָך זען — האָט דער רויטאַרמייער אויסגעשריען, האָט זיך צעלאַכט פֿון פֿרייד און האָט מיט אַ שנעלן לויף דעריאָגט זײַן חבֿר.

— מיר'ן נאָך זען, — האָט אַנדרעי עטלעכע געדראָט, קוקנדיק אויפֿן רויטאַרמייער, און פּלוצלונג האָט אויף אים אַ הויך געטאָן אַ זויערלעכער ריח פֿון ברויט. דעם ריח האָט מען קוים געקענט שפּירן, דאָס האַרץ האָט בײַ אים בלויז גענומען קלאַפּן, אַזוי ווי פֿון אַ נאַרקאָז. אַנדרעי האָט זיך אַרומגעקוקט, כּדי צו באַשליסן, וווּהין צו גיין. מענטשן האָבן זיך געטראָגן אין שיטערע געוואָרענע, אַ ביסל אָנגעריסענע און זיך טרעפֿנדיקע סטענגעס. זייערע געזיכטער זײַנען געווען פֿון ערד=קאָליר און פֿלאַכע. אַנדרעי האָט איבערגעכאַפּט דעם בליק פֿון עמעצנס פֿאַרבלאָזע אויגן. הינטער זייער טעמפּן, אומבאַוועגלעכן גלאַנץ האָט ער דערזען דעם חיהשן ווייטאָג פֿון הונגער. און תּיכּף האָט אים עפּעס משאַדיק=שווערס אַ צי געטאָן פֿאַר די אַקסלען צו דער ערד, און ער האָט זיך אַ וויג געטאָן.

דער הונגער, דער הונגער האָט באַוועגט דעם גאַנצן פּראָספּעקט! אָט די גאַנצע בהלה, אָט די גאַנצע לויפעניש פון די אָרעמע מענטשלעכע קערפּערס, דער דאָזיקער גאַנצער אומענדלעכער מאַרש פון דעם פאָלק אין די גרויע שינעלן — איז אַ לויפעניש אויף איין אָרט, אַ מאַרש אַרום דעם שוואַרצן סקעלעט פון הונגער־טויט!

הונגער, הונגער!

דינען צו אים — צו דעם דאָזיקן אָנאַוויגיקן, אויסגעשטשערעטן, וואָס שטינקט מיט פוילעכץ פון בייגער, דינען צו אים — פאַרשטעקנדיק זיך אין סאַמע פאַרבאָרגענעם ווינקל פון אַ קאָנורע, וואָס קיינער ווייס ניט פון איר, — דינען צו אים מיט דעם סקריפּען פון די בלוט־פליסנדיקע ציינער, מיט דעם ציטער פון די צונויפגעדרייטע פינגער מיט די אַראָפּגעריסענע נעגל, — דינען צו אים מיט הינטישער הכנעה ביז יציאַת נשמה!

שנעלער אַוועקגיין אין דעם געהיימען ווינקל פון דער קאָנורע, אַהיים, אַהיים!

נאָר די היים ביי דעם מענטשן איז, ווי ביי אַ הונט, דאָרטן, וווּ ס'ליגט באַהאַלטן, פאַרגראָבן די לוסטע ברויט. איז וואָס שנעלער צו דעם ברויט, צו דער לוסטע ברויט!

אין דעם קלומיק, וואָס אַנדרעי האָט געבראַכט פון סעמידאָל, איז נאָך געווען אַ סך ברויט. אַזוי פיל, אַז ס'וואָלט געקלעקט אויף אַ גאַנצן אָוונט און אַ גאַנצער נאַכט. נאָר דער קלומיק איז געבליבן ביי שטשעפּאָוון אויף דער לעדערנער סאָפקע. אַנדרעי האָט אין משך פונעם טאָג דערמאָנט וועגן דעם אַ פּאָר מאָל סך־הכל און ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט גיין צו שטשעפּאָוון, אַז מער וווּ צו גיין איז ניטאָ. נאָר ס'איז געווען שרעקלעך צו טראַכטן, אַז ס'איז שוין צייט צו בעטן אַן אָרט אויף נאַכטלעגער.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, און דער פּראָספּעקט האָט אים, ווי זיין געוויינהייט איז געווען, אַוועקגעטראָגן איבער זיינע דורכגעפוילטע ברוק־העלצלעך.

אין הויז, וואָס האָט געדאַרפט זיין זיין היים, אויף די טרעפּ, לעבן דער טיר פון שטשעפּאָווס וואוינונג, האָט אַנדרעי אָפּגעוואַרט סערגעי לוואָוויטשן.

גאָר סערגעי לוואָוויטש איז ניט גיך געקומען.

פון דער געמיינדע פון די עוואַנגעלישע קריסטן האָט ער זיך אומגעקערט לאַנגזאַם, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און אָפּגע־שטעלט זיך פאַר די צעשטערטע הייזער, כּדי צו שאָקלען אויף זיי מיטן קאָפּ. אין זיין געננגל, וואָס איז געווען אַרומגעפּליקט און צע־בראָכן פון דער צייט, איז נאָך געלעגן דער שטריך פון אַ פּענסיאָנער: ער האָט זיך ניט געאיילט, האָט געטראָגן געלאַסן די פּאַרדינסטפולע פּערזאָן פון פערטן קלאַס.

איידער סערגעי לוואָוויטש איז אַריינגעגאַנגען אין דער וואוי־נונג, איז ער אַריין צום פּאַרזיצער פון הויז־קאָמיטעט.

— גוט מאָרגן, — האָט ער געזאָגט, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך צוגעזעצט, — פאַר גראָבן שוצגריבער קומט אַ פונט ברויט. בין איך געקומען פרעגן, צי מען האָט פאַר מיר אויסגעשריבן ברויט אָדער ניט?

— אָבער איר האָט דאָך ניט געגראָבן, — האָט דער פּאַרזי־צער געענטפערט.

— האָט מיין וואוינונג געגראָבן, לויט דער רשימה. אין ווע־מעס פּערזאָן די וואוינונג האָט געגראָבן — דאָס איז דאָך קיין נפקא מיניה ניט. דער שכן פון דער וואוינונג בין איך, הייסט עס, אַז יורי־דיש קומט מיר אַרוים אַ פונט ברויט. אויסער דעם איז איצט ניט אַזאַ צייט...

און סערגעי לוואָוויטש האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם פּאַפּי־ראָס איבערן נאָגל פון דעם גרויסן פינגער.

* * *

פּעטערבורג האָט זיך געגרייט מקבל־פּנים־זיין דעם גרויסן גאַסט.

דער גרויסער גאַסט האָט, גרייטנדיק זיך אַריינצוגיין אין דער הויפּטשטאָט, זיך פאַרהאַלטן אין די זומערדיקע קייזערלעכע רעזי־דענצן. נאָר די רייטער און די לויפער זיינען שוין צוגעגאַנגען צו די הויפּטשטאָטישע ראַגאַטקעס, כּדי צו קאָנטראָלירן, צי די הויפּטשטאָט איז גרייט אויפצונעמען אין באַערן דעם גאַסט. די רייטער און די לוי־

פער האָבן זיך זעלטן אומגעקערט פון די ראָגאַטקעס צוריק אין די זומערדיקע רעזידענצן, ווייל פעטערבורג — די שטאָט פון די קייזער־לעכע טראַדיציעס — קען מען ניט געפינען ניט צוגעגרייטערהייט, און אויך דערפאַר, וואָס די רעזידענץ האָט שטענדיק געוואוסט, ווי מען דאַרף זיך האַלטן מיט די שליחים פון די הויכע געסט.

פעטערבורג האָט זיך געגרייט מקבל־פנים־זיין דעם הויכן גאַסט.

די איידעלע אינסטיטוטן — דער סמאָלנער און דער קסע־ניער, — וואָס זיינען שוין געווען אויסגעפרווט אין אויפנעמען הויכע און אַלערהעכסטע פערזאָנען, שטאָלץ מיט זייער פאַרגאַנ־גענהייט און זיכער אין זייער צוקונפט, — די איידעלע אינסטיטוטן האָבן מיט ווערדע אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט די ציטעריקע זאָרג און די אומדערמידלעכע טירחה פון דער רעזידענץ. מען האָט באַדאַרפט מאַכן, די גאַנצע שטאָט זאָל בליען. מען האָט באַדאַרפט באַפוצן דעם אַרייגפאָר. אויפשטעלן טריומף־טויערן, אויסבויען עס־טראַדעס, אָוועקשטעלן ערנוואַכן, אַרויסהענגען פלאַגן און פאַרדינסט־פולע פאָנעס.

אַז פון יעדער פענסטער — זאָלן אַרויסהענגען פלאַגן! אויף יעדער דאַך זאָל זיין פייערווערק! פון הינטער יעדן ראָג זאָל זיין בלומען!

פונקט ווי אַמאָל האָבן דער סמאָלנער און דער קסעניער פאַר די בעלער, אין די לויטערע טעג פון דער קאָראָנאַציע — געאַרבעט גאַנצע נעכט.

אַך, פון דעם שטעכיקן דראָט שניידט זיך דער שיינער טער־פאַנטין! און פון זיינע עלאַסטישע סטענגעס בינדן זיך אויס די לייכט־סטע שלייפן אין די לאַצן פון די רעזשיסערן. און די אָנגעשאַרפטע האַרמאַטן־קוילן, די אָנגעלאָדענע שראַפּנעלן צעפליען זיך דען ניט אין אַ פילפאַרביקן און פריילעכן קאָנפעטי? און די דיקע, מיט פייכטן זאַמד אָנגעלאָדענע זעק — זיינען דען אומבאַקוועם אויפצו־שטעלן פון זיי קיאָסקן? אַמאָל פלעגן אין אַזעלכע קיאָסקן זעצן די פּראָפּנס פון דעם אויסגעשטאַנענעם סעק, נאָר מיט וואָס איז דאָס וואָיענדיקע קנאַקן פון דעם גוט אויסגעשמירטן קוילנוואַרפער ערגער פון די פּראָפּנס?

דער איידעלער סמאָלנער האָט געפלאָכטן און געשניטן דעם שטעכיקן סערפּאַנטין, און דער איידעלער קסעניער האָט אויסגעבויט אויסטערליש־שיינע קיאָסקן פון זעק, אָנגעפילט מיט זאַמד.

און אָט איז אַלץ געווען פאַרטיק, און די קאָנפעטי, וואָס איז געווען פאַרבונדן אין שטאָלענע זעקעלעך, האָט רויִק אָפּגעוואַרט איר שעה, און פון די קיאָסקן האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ פון הויטע טיבלעך, און מען האָט בלויז באַדאַרפט אַ צי טאָן דעם שנור פון דעם אַכטצאָליקן האַרמאַט אויף ליגאָווקע, כּדי צו סאַלוטירן דעם הויכן גאַסט אין פּעטערבורג.

נאָר דער הויכער גאַסט איז ניט אַריין אין דער רעזידענץ. ער האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון דעם כּבֿוד. ער איז ניט ריכטיק פאַרשטאַנען געוואָרן פון די אינסטיטוטינס, אין די רויִטע טיכלעך. ער האָט ניט געזוכט אַזאַ רייכע באַגעגעניש. ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז זיין ערשיינען וועט אַרויסרופן אַזאַ באַגייסטערונג. ער האָט זיך גערעכט, אַז אַלץ וועט זיין איינפאַכער. ער האָט דערזען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, און האָט זיך אומגעקערט מיטן רוקן צו דער רעזידענץ, כּדי אַוועקצוגיין אויף אייביק, — עלנדער, אומפאַרשטאַנענער הויכער גאַסט.

און סאַראַ פאַרדראָס! וואָס פאַר אַ וואַרעמע באַגעגעניש פּעטערבורג האָט אים צוגעגרייט!

*

*

אין די טעג האָבן זיך געשלעפּט, ווי אַ טאַבון אויסגעמאַטערטע שקאַפּעס איבער אַן אויסגעברענטן סטעפּ. און אין זיי איז געווען אַ חיהשע פרייד — פון דעם זאָלאָטניק ברויט־אָפּפאַל און פון דער פאַרווערעמטער קאַמבאַלאַ. און ס׳איז געווען שרעקלעך צו קוקן, ווי די זאָלאָטניקעס חיהשע פרייד האָבן פאַרשטעלט דאָס גרענעצלאָזע מענטשלעכע גליק.

שטאַרבן יעדן טאָג און יעדער מינוט. שטאַרבן מחמת דעם, וואָס עס ווערן געשוואָלן די פיס און עס גייט בלוט פון די יאַסליעס. שטאַרבן און וויסן, אויף זיכער וויסן, אַז אויף דער וועלט איז פאַרהאַן אַן אומגעריכטער טויט, פון וועלכן ס׳לויפט דורך אַ זיסער

פראַסט איבערן גאַנצן לייב. קען מען דען אַזוי־אָ שטאַרבן, ווען דער טויט טראָגט זיך אין גאַלאָפּ און כאַפּט אונטער די אַנטקעגנקומענ־דיקע פרײלעכע פּאַרלעד, צענדליקע, הונדערטע, אַנצאָליקע קאַראַ־האָדן פון פּאַרלעד? קוקן פונדערווייטן אויף די דאָזיקע קאַראַהאָדן און ליגן אומבאַוועגלעך אין דער אומענדלעכער שטילער שעה פון גסיסה — קען דען זיין נישטיקער און טרייסטלאָזער?

אַך, ווי קענען מיר וויסן, וואָסער גורל איז אַ נישטיקער און וואָסערער — אַ הערלעכער?

מעגלעך, אַז דאָס בעסטע, וואָס די דאָזיקע טעג האָבן אונדז גע־בראַכט, איז געווען דער ביטערער שווייגנדיקער פּאַטאָס פון הונגער? און אפשר האָבן די זאַלאַטניקעס פון חיהשער פרייד, אַריבערגעוואויגן דאָס גאַנצע מענטשלעכע גליק, וואָס איז ווען עס איז געווען אויף דער ערד?

אַט וואָס דער מענטש מיטן וואַקלדיקן מזרח־אַקצענט, האָט געזאָגט צו אַנדרעיען, ווען ס'איז געקומען די צייט, ווען מען האָט געקענט אַרויסריידן עפּעס אויסער דער קאָמאַנדע:

— רעוואָלוציע דאַרף שרייבער. דו קענסט שרייבן — שרייב.

דעמאָלט האָט זיך אַנדרעי צעשריען ניט מיט זיין קול:

— כ'וויל ניט שרייבן! ס'עקלט מיר צו עסקן זיך מיט די פּאַ־פּירן, ווען אַרום שלאָגט מען זיך אויף טויט!

און דער מענטש, מיט דעם וואַקלדיקן אַקצענט האָט אָפּגע־ענטפערט מיט אַ רויקער שטימע, מיט אַ הורכזיכטיקן און ווילדן שמייכל אויף דעם ביינערדיקן געזיכט:

— חבר טייער, וואָס גאָר דו מיינסט, יעדער מענטש אין רע־וואָלוציע דאַרף שיסן ביקס? אפשר גאָר דיין רעוואָלוציע פּאַפּי־רענע?

און דערנאָך, אַפּגייענדיק אָן אַ זייט, האָט ער זיך אומגעקערט און האָט צוגעגעבן כמעט צערטלעך:

— רעוואָלוציע ניט ליבט, איר דערווידערן. דאַרף שטענדיק זיין פריילעך.

אמת טאַקע, אַפילו אין יענער צייט האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן ניט פאַרלאָרן דעם פריידיקן געמיט פון פריילעכקייט.

דער קאָמיסאַר פון דער דיוויזיע, וואו אַנדרעי האָט געדינט, האָט זיך געקליבן חתונה צו האָבן פאַר דער ווייסינקער פרוי אין דעם האָזנפוטערל. דער קאָמיסאַר איז געווען גאַספּריינדלעך, האָט ליב געהאַט מענטשן, חברים און ברידער פון דער מלחמה. און אים האָט זיך פאַרוועלט אָפּריכטן אַ חתונה, ס'זאָל גיין אַ רויך, אָט ווי מען ריכט אָפּ אַזאַ יום־טוב אין סטעפּ, אויף דער פריי, אונטערן הימל. ביי אים האָט ניט געקלעקט קיין פערד, און ער האָט געבעטן דעם דיוויזיע־דאָקטאָר צו אַנטלייען אים די קיילעכדיקע שקאַפּקע, אויף וועלכער דער דאָקטאָר פלעגט אַרומפאָרן איבערן שטאָט. דער דאָקטאָר האָט אַנטליען: אין שטאָט איז געוואָרן רויקער, דאָס מיליטער האָט זיך איינגעאָרדנט, מען האָט געקענט אַ פּאָר טעג גיין צופוס.

נאָר די פּאָר טעג זיינען פאָריבער, און די שקאַפּקע האָט מען דעם דאָקטאָר ניט אומגעקערט. ער האָט אַלץ ניט געקענט טרעפן דעם קאָמיסאַר און האָט זיך ענדלעך געכאַפּט, אַז מען דאַרף פרעגן וועגן דעם פערד — ביי זיין ווייב, די ווייסינקע פרוי אין דעם האָזנפוטערל.

— די שקאַפּקע? — האָט זיך די פרוי אין האָזנפוטערל פאַרוואונדערט. — ליבער דאָקטאָר, מיר האָבן זי דאָך דעמאָלט אויף דער חתונה אָפּגעשונדן און צעטיילט צווישן די געסט! ווען איר וואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ געסט ביי אונז זיינען געווען!

און זי האָט זיך פאַרקייכט פון געלעכטער...

אָט, ווען אַנדרעי וואָלט געקענט לאַכן. אפשר וואָלטן דעמאָלט זיינע אויגן ניט איינגעפאַלן אַזוי טיף און זיין גאַנג וואָלט געווען

הארטער און פעסטער? נאָר יעדער טאָג האָט אים ארונטערגעשלאָגן, אַזוי ווי אַ ווינט שלאָגט אַרונטער אַ פויגל, און אַלץ אַרום איז געוואָרן מאָדנע און קוים באַגרייפלעך.

און איינמאָל, אין אַן אָוונט, ווען ס'איז געגאַנגען אַ גרויסער שניי, האָט ער, אומקערנדיק זיך אַהיים, זיך אָפּגעשטעלט ביים ראָג און האָט זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרחידושונג, גלייך עמעצער וואָלט אים איבערגעטראָגן אויף די דאָזיקע גאַסן פון אַן אַנדער וועלט. הער גאַסער שניי האָט מיט פאַרביטערונג געפּאַטשט איבער די לייטפּאַרביקע, אָפּגעשיילטע ווענט. די מענטשן, האָט זיך אויסגעדוכט, זיינען געלאָפן אָן שום ציל, און אין אַלץ, וואָס האָט אַנדרעיען אַרומגערינגלט, האָט מען ניט געקענט באַגרייפן דעם געוויינלעכן און פשוטן זינען פון דער לעבעדיקער שטאָט

עפּעס אַ מיידעלע, מיט טראַנטעס אויפן קאָפּ, אין אַ קורץ קליידל, האָט צודריקנדיק עפּעס צום בוזים, געהויבן אירע לאַנגע, זייער דינע פּיס'לעבן אַ פאַרקלאַפּטער טיר. איר פּנים האָט זיך ניט געזען. אַ פאַנפעוואַטער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר און איז צוגעזאָגט געוואָרן צו דער וואַנט, גלייך עס וואָלט באַקלעפּט געוואָרן מיט דעם קרומען שווערן שניי.

— וואָס האָט איר געזאָגט, בירגער?

אַ הויכער ביינערדיקער מענטש האָט אויסגעגלאָצט די גלעזערנע אויגן אויף אַנדרעיען. זיין מויל איז געווען אַ ביסל פאַרמאַכט, און פון די אַראָפּגעהאַנגענע ראַנדן פון דעם הוט האָט אויף די דורכגעווייקטע אַקסלען געטריפט דאָס וואַסער.

— איר האָט, דאַכט זיך, עפּעס געזאָגט אָט איצט? — האָט ער איבערגעחזרט.

איך האָב געזאָגט? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

איר האָט גאָרנישט ניט געזאָגט?

דער הויכער מענטש האָט זיך צוגערוקט האַרט צו אַנדרעיס געזיכט און האָט אים אויפמערקזאַם באַטראַכט.

— בירגער, גיט אויף אַ שטיקל ברויט, — האָט ער פלוצלונג אַ וואָרטשע געטאָן, און זיין מויל האָט זיך נאָך מער אויפגעעפנט.

— אויף ברויט? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

דער מענטש איז שווייגנדיקערהייט געשטאַנען אַ ווײַלע, מיט אַ פֿאַרגליווערט געזיכט, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, דערנאָך האָט ער זיך פֿאַרקערעוועט און איז פֿלינק אַוועקגעלאָפֿן הינטערן ראָג.

דער פֿאָנפֿעוואַטער קרעכץ לעבן דער פֿאַרמאַכטער טיר האָט זיך ריטמיש איבערגעחזרט. ס'איז דורכגעגאַנגען אַן אַלטער מאַן, מיט אַ קערפּער אויסגעבויגן אויף פֿאָרויס, און די פֿיס זײַנען אָפּגעשטאַנען פֿון דעם קערפּער אויף אַ האַלבן טראָט. זײַנע פֿיס זײַנען געווען אַרומגעוויקלט מיט נאַסע, שווערע שמאַטעס, און אויפֿן טראָטואַר הינטער אים זײַנען געבליבן שפּורן, אַזוי ווי פֿון אַ שוואַבער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער מיידעלע און האָט וועגן עפּעס געפֿרעגט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צו איר און האָט ווידער עפּעס געזאָגט. דעמאָלט האָט זי אַ שאַרפֿן געשריי געטאָן און האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אָן אַ זײַט איבערן וועג. אירע דינע, לאַנגע פֿיס מיט די נאַקעטע, פֿון וואַסער גלאַנציקע קנעכלעך האָבן אַ שווינדל געטאָן פֿאַר אַנדרעיען. אַנדרעי האָט געמאַכט עטלעכע טריט נאָך דער מיידעלע. זי איז ערגעץ פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

אַ הייזעריקער קלונג, תּחילת אַ פֿאַרשטיקטער, דערנאָך אַ שאַרפֿער, וואָס האָט זיך דערהערט אַלץ אָפּטער, האָט פֿאַרגאָסן די גאַס. מען האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין — פֿון וואַנען ער קומט. דערנאָך האָט זיך אַ שווערער גערויש אַרויפֿגעקאָלערט פּלוצלונג אויף אַנדרעיען פֿונדערהויך, פֿון די זײַטן, פֿון אונטער דער ערד און איז פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן, אויסלעקנדיק דעם קלאַנג, וואָס האָט פֿאַרגאָסן די גאַס.

אין דעם זעלבן מאָמענט איז עמעצער צוגעלאָפֿן צו אַנדרעיען און האָט אים אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט. ער האָט זיך אומגעקערט. אַ געלער, טריבער, מאַכטלאָזער לאַמטערן האָט ווי אַ בלינדע ציל־בּרעט געקוקט אים אין רוקן. דעם גוואַלד־געשריי פֿון די הייזעריק־געוואָרענע העלזער האָט איבערגעריסן אַ ווײַבערשע זידלערײַ:

— מ־טייוול! איך קלינג צו אים און ער — דער טייוול, באמת...

— וואָס טוט איר דאָס? — האָט עמעצנס אַ שטילע שטימע געפֿרעגט.

די האַנט, פאַר וועלכער מען האָט אַנדרעיען אַרויפגעפירט, אַזוי ווי אַ בלינדן, אויפן טראָטואַר, איז געבליבן אויסגעשטרעקט... דערנאָך האָט אַנדרעי עפּעס פאַרשטאַנען און געוואָלט עמעצן דאַנקען און, ווי אַ בלינדער, האָט ער מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט גענומען זוכן אַן אָנלען.

און זיין האַנט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף עמעצנס דינע, קאַלטע פינגער.

ער האָט זיי געכאַפּט און צוגעצויגן צו זיך.

— כ'דאַנק אייך, — האָט ער געזאָגט.

אַ שרעקפולער, ציטעריקער געשריי האָט אים אַ פּאַטש געטאָן איבערן פנים.

— אַנדרעי!

ער האָט זיך גענומען זשמורען, אַזוי ווי פון אַ קלאַפּ, און האָט זיך איינגעקוקט אין די שוואַרצע, קיילעכדיקע אויגן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אים.

— אַנדרעי, דאָס ביסטו, אַנדרעי?

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער פרוי, האָט אַרומגענומען איר קאָפּ — אַ קאַלטער קאָפּ, וואָס איז געווען אַרומגעקלעפּט מיט פייכטע האָר, — האָט אָפּגעווישט די ליפּן, האָט זיי צוגעדריקט צו זיינע און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— ריטאַ, — האָט ער אומדייטלעך אַרויסגערעדט — ווי אַזוי ביסטו אַהער געקומען?

— געקומען צו פאָרן, כ'זוך דיך.

— קום, לאָמיר גיין, דאָ זיינען פאַראַן אַ סך מענטשן, — האָט ער געזאָגט, און אַוועקגעפירט זי אין אַ זייטיקער גאַס

און תיכף זיינען אים די גאַסן געוואָרן ריינלעך, און אַלץ האָט געקראָגן אַ פעסטע קלאָרקייט.

ס'אַרע אומזין, — האָט אַנדרעי געזאָגט

ריטאַ האָט אים גייליק איבערגעשלאָגן.

— וואָס איז מיט דיר? דו ביסט געשטאַנען אויפן מיטן וועג אַזוי ווי אַ מטורף! איך האָב דיך קוים דערקענט. דו ביסט ניט געזונט, אַנדרעי?

— וואַרט, דו זאָגסט, אַז דו ביסט געקומען צו פאָרן צו מיר?

— יאָ, אַנדרעי, כ'האָב מער ניט געקענט.

— נו, אַוודאי האָסטו ניט געקענט, האָסט זיך פאַרבענקט!

— אַנדרעי..

— אַך, לאָז צו רו! אויף וואָס האָסטו גערעכנט? פון וואַנען האָסטו גענומען, אַז איך וואוין דאָ? וואָס וועסטו טאָן?

— כ'האָב געוואוסט, אַז דו דינסט דאָ. ס'זיינען דאָך אַריבער צוויי חדשים. כ'האָב געמיינט...

— דו האָסט געמיינט, אַז איך באַקום צוויי און זיבעציק זאָלאָטניק ברויט אויף אַ מעת־לעת? געמיינט, אַז דו וועסט אַוועקפאַלן ערגעץ אונטער אַ פאַרקאַן? ענדלעך, אפשר האָט מען מיך דערהרגעט? דאָס הייסט, דו האָסט געמיינט, אַז איך קען זיין דערהרגעט? נו, ניט דערהרגעט, איז הונדערט מאָל געקענט שטאַרבן פון הונגער?

— הער...

— נו, וואוהין וועסטו איצט גיין?

— צו דיר.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ פּאַך געטאָן מיט די הענט און געוואָלט אויסשרייען, נאָר ריטע איז אים פאַרלאָפן דעם וועג מיט אַ שטילן, עפּעס אַזוי ווי מיט אַ פאַלגדיקן קרעכץ:

— כ'האָב מער ערגעץ ניט וואוהין צו גיין, אַנדרעי!..

ער האָט אַרויסגעעטעמט פון זיך די לופט, וואָס איז געווען אָנגעזאַמלט אויף דעם געשריי, און האָט אויף איר אַ קוק געטאָן. אירע אויגן זיינען געווען פייכט און די אויגנלעפּלען האָבן זיי אַרומגענומען אַזוי ווי מיט טויטע בלויע רינגען. די פאַרוויינטיקטע ליפּן האָבן געצוקט, גלייך זיי וואָלטן זיך אָנגעשטרענגט עפּעס אַרויסריידן.

— פאַרשטייט זיך, ניטאָ וואו, — האָט אַנדרעי אַ מורמל געטאָן, אָפּגעקערט זיך פון ריטען און איז ווייטער געבליבן שטיין.

— כ'האָב דיר געוואָלט זאָגן... — האָט ער דערהערט די זעלבע קרעכצנדיקע, ערגעץ פאַלנדיקע שטימע. ער האָט אַ ציטער געטאָן. זיך איינגעקנוילט, באַהאַלטן די פינגער אין די אַרבל פון שינעל און האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, וואָס האָט שטענדיק אויפגעמונטערט:

— שטות!

— כ'האָב געוואָלט זאָגן, נאָך וואָס איך בין געקומען צו פאָרן. ער האָט זיך קיין ריר ניט געגעבן.

דעמאָלט האָט זיך ריטע אָנגעלענט אָן זיין האַנט און האָט שנעל און פליסטערנדיק אַרויסגערעדט:

— כ'האָב געמוזט קומען. איך בין שוואַנגער.

אַנדרעי איז אָפּגעשפרונגען אָן אַ זייט, האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן דער פייכטער וואַנט. ער האָט מיט די דלאָניעס געגלעט דעם גלי־טשיקן שטיין, זיינע פיס האָבן זיך איינגעבויגן און די פאָלעס פון דעם שווערן, פייכטן שינעל האָבן געציטערט. ער האָט לאַנג געשוויגן און האָט זיך איינגעזויגן מיט די איינגעפאַלענע אויגן אין עפּעס אַ פונקט אויף ריטעס קאָפּ. דערנאָך האָט ער שטיל־שטיל אַרויסגע־פליסטערט:

— ווי אַזוי האָסטו עס...

— איך בין ניט שולדיק, אַנדרעי.

— ניין, ניין! — האָט ער אויסגעשריען, און זיך אָפּגעריסן פון וואַנט. — ווי נאַריש! און בכלל...

— אַנדרעי!

— ניין, ניין! איך זאָג, פאַרוואָס האָסטו גאָרנישט ניט גע־זאָגט? דאָס הייסט, פאַרוואָס האָסטו תיכף ניט געזאָגט, באַלד ווי כ'האָב געפרעגט?

— דו האָסט דאָך ניט געפרעגט, — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ ציטעריקער שטימע.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַן אָפּגעהאַקטן געלעכטער, האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און האָט זי האַסטיק, כמעט לויפנדיק אַוועקגעפירט.

— וואָס־זשע שטייען מיר? וואָס־זשע זיינען מיר געשטאַנען? וואָס פאַר אַ מאָדנער מענטש דו ביסט! מען האָט באַדאַרפט...

— נו, אַנדרעי, פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן, אַז דו.

— אַז וואָס — איך? אַז וואָס?

זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין פון אונטן אַרויף, האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ אַזוי ווי אַ פויגל, און האָט זיך שווייגנדיק צעשמייכלט.

זיי זיינען געגאַנגען דורך פּוסטע גאַסן, האַרט צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע, און ער האָט שטאַרק באַטראַכט דעם וועג און האָט אויסגעמיטן די אויסגעריסענע ברוקשטיינער און די מאַט־גלאַנציקע בלאָטעס.

דער קנויל.

אויף די טרעפּ האָט זיך אַנדרעי גאַנץ פרי באַגעגנט מיט דעם פּראָפעסאָר. ער האָט אים דערקענט נאָך דעם וואוקס און נאָך די באַוועגונגען פונם קאָפּ — וואָס זיינען געווען קורצע, אויפשוידערנדיקע און אָפּטע. אין זיין פּנים — דאָס האָט מען געקענט זען אויף דער טרעפּ־פּלאַטפאָרם, וואו דאָס פרימאָרגנליכט האָט באַוויזן געדיכט צו ווערן — זיין פּנים האָט אויך אויפגעצוקט, איז געווען צעשניטן אויף קובן אין קווערע טיפע שניטן. ער האָט אַ טרייסל געטאָן אַנדרעס האַנט און איז איבערראַשט געוואָרן:

— וואונדערבאַר! איר ווייסט, עס גלויבט זיך גאָרניט. גלייך דו לעבסט ניט, נאָר דו געפינסט זיך אין אַ בוך, עפּעס אין אַ וואונדערלעך בוך. טאָג נאָך טאָג, בלאַט פאַר בלאַט — פון וואונדער צו וואונדער.

אַנדרעי האָט געהערט און האָט געקוקט אין פענסטער. אומקערן זיך און קוקן אין די פינצטלדיקע, ווי אַ מעטאַל־מאָול־בלישטשענדיקע אויגן פון דעם דאָזיקן קליינינקן מענטשן, וואָס האָט זיך נאָכאַנאַנד צונויפגעדריקט און אויסגעצויגן, גלייך ווי אַ שפּרינגפעדער — האָט ניט געקלעקט קיין כּוח.

— אַן אויסערגעוויינלעכע צייט! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעשריען און האָט זיך צוגערוקט צו אַנדרעיען. — זאָגט מיר — האָט ער גענומען ריידן מיט חניפה, — איר, אָט איר זייט דאָך אַ יונגער מענטש, איר זייט זיכער? אַ, זיכער? אַזוי, פאַר זיך, אַז איר רעדט פאַר זיך אַליין, ביחידות, זייט איר זיכער?

ער האָט זיך ניט דערוואַרט אויף קיין ענטפער און האָט ווידער הייס און אַיילִיק אויסגעשריען:

— ביי מיר איז קיין שום ספק ניטאָ, קיין שום ספק! כ'האָב ביז איצט קיין שום ענלעכס ניט איבערגעלעבט. ס'איז דאָך וואונדער־

לער! און איך וויים ניט, פארוואס. עפעס טראגט מיך ממש איבער דער ערד.

כ'וויים דאס דאזיקע געפיל, — האט אנדרעי טעמפ געזאגט.

געוויס דארפט איר ויסן! — נאך בעסער פאר מיר! ווען איך וואלט געווען אויף אייער ארט! איר פארשטייט, איך בין א גאנצע וואך געגאנגען ארום סמאלנעם. געגאנגען און געקוקט, בלויז געקוקט, מער גארנישט...

דער פראפעסאר איז אנטשוויגן געווארן. דערנאך האט ער זיך צעלאכט:

— ווי א גימנאזיסט אויף א ראנדעוואו — יעדן טאג אין א באשטימטער שעה, און — איר וועט גלויבן? — איך גיי, איך קוק אויף דעם הויז און עס פארכאפט מיר שיר דער אטעם.

— קיין מידקייט באפאלט אייך ניט? — האט אנדרעי פויל געפרעגט.

דער פראפעסאר איז שטיל געווארן.

— ווי זאל איך אייך זאגן... נאטירלעך. גאר קיין געזונטער מענטש בין איך ניט, הגם איצט איז אפילו א געזונטן מענטשן...

ער האט בגנבה, גלייך ער וואלט געווען שולדיק, א קוק געטאן פון דער זייט אויף אנדרעיען.

— כ'האב געהערט, אז צו אייך איז געקומען צו פארן...

און פלוצלונג האט ער זיך איינגאנצן געגומען באוועגן — פון די קלייניגקע, קורצע פיס ביז די קלענסטע קרעצלעך און די קובן אויפן געזיכט.

— כ'האב אייך לאנג געוואלט זען, כדי... איר פארשטייט, מען האט מיר געבראכט צו פירן מעל פון דארף, באקאנטע, כ'האב דארטן פריער...

— ניין, ניט ברוי, — האט אנדרעי געזאגט, און זיך אנגעבלאזן.

— כ'האב גערעכנט, אז איצט, ווען אייער ווייב איז געקומען... איז אייך זייער שווער...

— ווייב? — האט אנדרעי איבערגעפרעגט און האט גאכ-

רעם זיך אַליין געענטפערט: — נו, יאָ, ריטע... ניין, צו וואָס, איר אַליין...

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צוגערירט צו זיין האַנט מיט די אומגלאַטע שפּיצעלעך פינגער:

— איך גיב אייך דאָס וואָרט, אַז איר וועט מיך ניט באַליי־דיקן. כ'האָב אַ סך. כ'וועל אייך אַריינטראָגן. וועל אַריינטראָגן, גוט?

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די טרעפּ, אונדערהויך, און אַריבערבייגנדיק זיך איבער די פּאַרענטשן, האָט ער אומרויק אויס־געשריען:

— כ'וועל אַריינטראָגן, כ'וועל אַריינטראָגן!.. ניטאָ וואָס צו שעמען זיך.. כ'וועל אַריינטראָגן!

* * *

ריטע האָט זיך געוויקלט אין דער פּאַטשיילע, האָט זיך פאַר־קליבן מיט די פיס אויף דער סאָפקע און פּלוצעם אָפּזיצן גאַנצע גאַנצע במאַרנע אָוונטן. מען האָט באַדאַרפט היטן די וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך אויפגעזאַמלט אונטער דער פּאַטשיילע, און זי האָט זיך גאַנצע זייגערנע שעהן קיין ריר ניט געגעבן.

זי אַליין האָט מען ניט געהערט, נאָר איר געזיכט — אַ ווייס, מיט צעשפּאָלטענע, טרוקענע ליפּן, מיט אַ צאַנקענדיקן אומבאַ־וועגלעכן בליק — האָט זיך פון אומעטום געזען, פון יעדן ווינקל, גלייך מען וואָלט דעם צימער אָנגעשטעלט מיט טריבע שפּיגלען, וואָס שפּיגלען גאָרנישט ניט אָפּ, אויסער דעם דאָזיקן געזיכט.

זי האָט זיך ניט אומגעקוקט, אָבער אַנדרעיען האָט זי געזען אַזוי דייטלעך, גלייך זי וואָלט געהאַלטן זיין קאָפּ אין די הענט. און זיצנדיק צו איר מיטן רוקן, האָט אַנדרעי געזען די דינסטע שטרי־בעלעך פון איר געזיכט, אי די פאַלבן פון דער פּאַטשיילע, אי די קני, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט אין דער גאָמבע, אי די צעשאָטענע האָר איבערן פּאַטשיילע.

זיי האָבן זיך געריכט אויף אַ קינד.

דאָס קינד האָט געזאָלט קומען ניט באַלד, נאָר אין עפּעס אַ

אומקלאָרער ווייטער צוקונפט. געזאָלט קומען, איינזוויגנדיק אין זיך דאָס לעצטע בלוטסטראָפּן פון דער מאַמען און איינשליינגענדיק דעם לעצטן טראָפּן פון איר פעטס.

פעטס פלעגט מען אַמאָל פונאַנדערפירן אין פעלד, וואָס זיינען געווען אַרומגענומען מיט דיקע רייפן; פעטס פלעגט זיך אַמאָל וואַלגערן שטיקערווייז, ניט געוואויגענע, ניט געמאָסטענע, אויף די קראָם־לאָדנס, וואָס האָבן זיך געבויגן אונטער זייער משא; מיט פעטס זיינען אַמאָל געווען פאַרלייגט, פאַרהאַקט, פאַרשטאָפּט די קעלערן און די מאַגאַזיינען; פעטס האָבן אַמאָל ניט געפרעסן אַפילו די מארק־הינט, וואָס האָבן פאַרלאָרן צו אים דעם חוש, — יאָ, יאָ, טאַקע דאָס זעלביקע פעטס.

אויף צו באַקומען דאָס סאַמע קלענסטע שטיקעלע פעטס, האָט מען באַדאַרפט וואַרטן זיבן אומענדלעכע טעג. אויף אויפצו־זאַמלען איין טראָפּן פון אים, האָט מען באַדאַרפט היטן די וואַרעמ־קייט, היטן די גישטיקע קרעפטן פון די אָפּגעשוואַכטע מוסקלען, באַהאַלטן זיך אין אַ פּאַטשיילע, אַזוי ווי אין אַ ווענדל. דעם איין טראָפּן, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר דעם קינד, וואָס דאַרף אומבאַ־דינגט קומען אין דער אומקלאָרער צוקונפט — און וועט קומען אַלס פאַרזעעניש, מיט ווייבע, בייגעוודיקע ביינער, אָן נעגל אויף די הענט און אויף די פיס.

צוליב דעם דאָזיקן פאַרזעעניש, צוליב דעם אומשפּירעוודיקן געוועב, וואָס וואַקסט אויס אין אַ פאַרזעעניש, איז ריטע געזעסן אומבאַוועגלעך, איינגעדרייט אין אַ קנייליכל, און אַנדרעי האָט מורא געהאַט צו שטערן די שטילקייט, כדי ניט צו צעשפּרייטן די וואַרעמ־קייט, וואָס ריטע האָט אויפגעזאַמלט.

נאָר די שטילקייט האָט צעשטערט סערגעי לוואָוויטש.

ער איז אַריינגעפלויגן אין צימער, האָט פאַרלייגט אַ האַנט אויף אַ האַנט און האָט אַרויסגעזיפט מיט אַ מין דראָונג:

— יאָ־יאָ, יאָ־יאָ!

די פענסטע האָט ביי אים אַ צימער געטאָן און זיך אַראָפּגע־רוקט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ

— יאָ־יאָ! — האָט ער איבערגעחזרט, און צוגעקלאַפּט מיט דער זויל אויפֿן דיל, — אַזוי האָט איר, אַנדרעי גענאַדיעוויטש, מיר אָפּגעדאַנקט פֿאַר דער גאַסטפֿריינדלעכקייט? ניט שלעכט. אַזוי ווי עס פֿירט זיך היינט. איר מיינט, משמעות, אַז איר האָט צו טאָן מיט אַ נאַר? האָט איר אַ טעות, האָט איר אַ ט־ט־עות!

— וואָס איז? — האָט אַנדרעי געפֿרעגט.

— אַך, איר פֿאַר־שטייט־ניט? איר שטויסט זיך ניט אָן? זעט נאָר, ווי נאַיוו דאָס איז!

— אָבער זאָגט שוין אַמאָל, וואָס איז פֿאַר אַ מעשׂה? — האָט אַנדרעי אויסגעשריען, אָפּגעשטופּט פֿון זיך דעם שטול און אויסגעגלייכט זיך.

דעמאָלט איז סערגעי לוואָוויטש צוגעגאַנגען צו אַנדרעיען, האָט מיט אַנטשלאָסנקייט אַרייַנגערוקט די האַנט אין קעשענע און האָט אַ שאָט אַרויס געטאָן די לאַנג אָפּגעמאָסטענע ווערטער:

— איר זייט צו קלוג, יונגערמאַן. איר נוצט אויס יעדע מינוט צו דערגאַנצן אייער ביודזשעט אויף מיין חשבון. איך דאַרף נאָר אָפּ־קערן זיך, ווערט שוין ביי מיר עפּעס פֿאַרפֿאַלן. איר באַוויליקט ניט צו מיאוסן זיך מיט קיין זאַך, פּונקט ווי אַן אַלטע קעכין, איר...

— איז וואָס־זשע שווייגסטו? — האָט ריטע אויסגעשריען.

— וואָס זאָל איך אים זאָגן? וואָס זאָל איך אים זאָגן, אַז אָט ערשט, מיט אַ פֿערטל שעה צוריק, בעת איך בין אַראָפּגעלאָפֿן אין קראָם, איז ביי מיר ניט געוואָרן אַכט זאָלאָטניק פּוטער! כ'האָב ניט באַוויזן צו פֿאַרשליסן, זיך געאיילט אין קראָם, איבערגעלאָזן אויפֿן טיש, אין דעם שווענק־שיסעלע, אין געזאַלצן וואַסער, — אַ שטיקל פֿון אַ האַלב פֿונט. כ'האָב אויף אים פֿון אויבן געמאַכט אַ סימן מיט צלמימלעך, אַזוי ווי איך שטענדיק. בין געקומען צו גיין, — טו אַ קוק — די צלמימלעך זיינען גאַנץ, און דער פּוטער איז עפּעס אַזוי ווי ווייניקער געוואָרן. נעם איך אים אויף דער וואָג. ערשט עס פֿעלט אַכט זאָלאָטניק. געשייט, געשייט, יונגערמאַן! איך בין אָבער נאָך געשייטער פֿון אייך. איר האָט באַוויליקט אָפּצושניידן פֿון אונטן מיט אַ מעסערל, און ערד אַ פֿענעצל. ס'שווימט, הייסט עס, אַ שטיקל

און שווימט, ווער ווערט זיך עס כאפּן וואָס עס טוט זיך פון אונטן, אַז פון אויבן איז אַלץ אין אָרדענונג.

— אַנדרעי! — האָט ריטע אַ זיפץ געטאָן.

— דאָס דאַנקט איר מיר פאַר דעם, וואָס איך האָב אייך, קען מען זאָגן, פון גאַס אויפגענומען? דאָס איז אַלס דאַנק דערפאַר, וואָס אייער פרוי איז אַזוי צו זאָגן...

אַנדרעי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, גלייך מען וואָלט אים אַ שטויס געטאָן פון אָרט, איז צוגעגאַנגען צו סערגעי לוואָוויטשן, האָט אים אָנגענומען פאַר די אַקסלען, אומגעדרייט און אַרויסגעפירט פון צימער. סערגעי לוואָוויטש האָט ניט נאָר ניט געשטעלט זיך אַנטקעגן, נאָר האָט זיך אַפילו עפּעס זייער געאײַלט, האָט פאַרגעסן צו פאַרמאַכן דאָס מויל, און אין טיר האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ זייט, כדי לייכטער דורכצוגיין. נאָר הינטערן טיר האָט ער פּלוצלונג גענומען טופּען און קווישען מיט שרעקלעכע קולות:

— אַרויס פון מיין שטוב, אַרויס!

אַנדרעי האָט פאַרמאַכט די טיר און האָט אַ קוק געטאָן אויף ריטען, און תּיכּף האָט ער געגעבן אַ ריס די טיר און דורך די קווישערייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן קאָרידאָר, איז ער אַרויסגעלאָפן, צוהאַלטנדיק מיט די דלאָניעס דעם קאָפּ.

אויף די טרעפּ האָט אים אַ שמיץ געטאָן אַ קאַלטער צוגווינט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אומקערן זיך אין צימער נאָך דעם שינעל און דער היטל האָט ער ניט געקענט. האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט אַ שמאָק העכער און האָט אָנגעקלאַפּט אין פּראָפעסאָרס וואוינונג. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. האָט ער גענומען קלאַפּן שטאַרקער, צוהערנדיק זיך בעת מעשה, ווי די קלעפּ ווערן פאַרשטיקט אין דער וואוינונג און ווערן פאַרלאָרן אין דער פינסטערניש. דערנאָך האָט ער ווילד גענומען קלאַפּן אין טיר מיט די שטיוול, און איבער דער לענג פון די טרעפּ, פון בוידעם ביזן קעלער, האָט גענומען ברומען אַ שווערער הילך.

הינטער אים האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ שטימע.

— איר דאַרפֿט צום פּראָפֿעסאָר? — האָט ער דערהערט און האָט זיך אומגעקוקט.

— יאָ, צו אים.

— ער ענטפֿערט ניט?

— ניין.

— אין דער דאָזיקער צייט איז ער שטענדיק אינדערהיים

— יאָ, איך ווייס.

— אַנו, קלאַפּט נאָכאַמאָל אָן.

אַנדרעי האָט אָנגעקלאַפּט. האָט זיך צוגעהערט. ס'איז געווען שטיל.

הינטער אַנדרעיען האָט אַ קלונג געטאָן אַ קייט, און אין דער פֿינסטערניש האָט זיך באַוויזן אַ הויכער, אַ ביסל איינגעהויקערטער מענטש.

— מאָדנע, שוין עפּעס לאַנג ניט באַגעגנט אים, — האָט ער געזאָגט און האָט אַ ריר געטאָן די טיר.

— קען זיין... — האָט אַנדרעי אָנגעהויבן.

— קען זיין, שוין געענדיקט, אַלץ קען זיין, — האָט דער הויכער איבערגעשלאָגן. — לאָמיר גיין אין קאָמיטעט.

— ניט שוין־זשע מיינט איר... — האָט אַנדרעי ווידער אָנגעהויבן, און ווידער האָט אים דער הויכער איבערגעשלאָגן:

— איך מיין? אַוודאי מיין איך... פֿאַרוואָס זאָל איך עפּעס ניט מיינען?

איבער די פֿינסטערע טרעפּ, איבער דעם שמאָלן הויף, וואָס האָט אָפּגעהילכט דעם עכאָ, איבער די פּראָנט־אַריינגאַנגען, אין וועלכע ס'האָט געפּייפֿט דער ווינט, זיינען געגאַנגען צוויי מענטשן, דערנאָך דריי, פֿיר, פֿינף, מיט לאַנגזאַמע טריט און אָפּגעשטעלט זיך אַלע ווײַלע, גלייך זיי וואָלטן מורא געהאַט צוצוטרעטן צו דער זאַך.

דערנאָך האָבן זיי לאַנג געקלאַפּט אין דעם פּראָפֿעסאָרס וואוינונג. זיך צוגעהערט, ווידער געקלאַפּט. דערנאָך האָבן זיי איבערגעפֿרעגט איינע די אַנדערע, צי האָט דער פּראָפֿעסאָר, בעת זיי האָבן

אים געזען צום לעצטן מאָל, נים געקענט ערגעץ אַוועקגיין, אָדער אַוועקפאָרן, אָדער בלייבן ערגעץ נעכטיקן.

ענדלעך, האָט זיך די טעמפּלעבע האַק מיט דעם אַראָפּגע־קלאַפּטן שאַרף איינגעגעסן צווישן דעם טיר־שפּאַלט, און די טיר האָט טרוקן, גלייך ווי אַן אונטערגעצונדענע, געגומען קנאַקן. און דעמאָלט האָבן אַלע, אַזוי ווי לויט אַ סיגנאַל, גענומען געבן עצות, איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע, ווי אַזוי פלינקער אויפצוברעכן די טיר. אָבער ווי נאָר דער שלאָס האָט זיך אונטערגעגעבן און ס'איז געווען קאָנטיק, אַז ביי דער ווייטערדיקער אָנשטרענגונג וועט די טיר אויפפּראַלן, זיינען ווידער אַלע אַנטשוויגן געוואָרן.

אַנדרעי איז אַריין אין דער וואוינונג דער צווייטער, נאָך דעם פּאָרזיצער פון קאָמיטעט. מען איז געגאַנגען פון איין צימער אין דעם צווייטן מיט פּחד און מיט שטיל־שווייגן. מען האָט געריבן שוועבעלעך, מען האָט אָפּגעזוכט די איינשליסער הינטער די אושאַ־קעס, מען האָט געפּרוווט, צי ס'איז פאַראַן פייער. מען האָט ווידער, אָנגעצונדן שוועבעלעך, אַרומגעזוכט די פּוסטע ווינקלען און געגאַנ־גען ווייטער.

אַז מען האָט אויפגעעפנט אַ ביסל די טיר, איז פון דעם ווייטן צימער אין קאָרידאָר אַרויסגעקראָכן אַ ווייך ראָז ליכט.

— אַזוי איז דאָס, — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט און האָט זיך אומגעקערט צו אַנדרעיען, — אונז איז נים איינגעפאַלן אַ קוק צו טאָן פון הויף אויף די פענסטער.

— זיי זיינען דאָך גאָר פאַרהאַנגען, — האָט זיך עמעצער אָפּגערופן.

— נו, גיכער!

דער פּאָרזיצער האָט אויפגעעפנט די טיר מיט אַן אויסגעצוי־גענער האַנט. אַלע האָבן זיך פּאָרזיכטיק אויפגעדרענגט לעבן אַריינ־גאַנג.

דאָס מאַטע ליכט פון דעם טיש־לאָמפּ האָט זיך אויסגעלייגט אין אַ גלייכן קרייז אויף די ביכער, אויפן דיל, אויפן בעט.

דער פּראָפעסאָר איז געלעגן אויפן געלעגער, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן, מיט דער שאַרפער, משופּעדיקער גאָמבע אַרויף. ער האָט

זיך אײנגאַנצן אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, איז געוואָרן לאַנג, גלייך ער איז פון יענער צייט אָן, ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל געווען צווישן מענטשן, אויסגעוואַקסן. די קנייטשן אויף זיין געזיכט האָבן זיך אויסגעגלייכט, די קרעצלעך און די קובן, וואָס זיינען געווען אַזעלכע באַוועגלעכע און דייטלעכע ביים לעבן, זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. ער איז געוואָרן יינגער. אויף זיין גלייכן שטערן איז געלעגן אַ רויקער ליכט=פלעק.

אַלע זיינען שטיל צוגעגאַנגען צו אים. האָבן אים אויפמערקזאַם באַטראַכט, דערנאָך האָט מען זיך צעשאָטן איבער דעם צימער, און מען האָט ניט געקוקט איינע אויף די אַנדערע, און אַזוי ווי קיינער האָט ניט גערעדט און ס'איז ניט געווען וועגן וואָס צו ריידן, האָט אַנדרעי, קוים וואָס מען האָט געהערט אַרויסגערעדט:

— די מייז האָבן עפעס אָפגעטאָן...

דעמאָלט האָבן אַלע אומגעקערט די קעפ און האָבן לעבעדיק גענומען באַטראַכטן דעם זאַק מעל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן דער ביכער=שאַפע. דער זאַק איז געווען דורכגענאָגט פון אַלע זייטן, די צעפליקטע שטיקלעך לייוונט זיינען אַראָפגעהאַנגען אויפן דיל, און איבערן פאַרקעט צו די זיילן=פונדאַמענטן האָבן זיך געצויגן שמאָלינקע ווייסע שפורן.

— דאָס דאַרף מען צונעמען — האָט דער פאָרזיצער געזאָגט, און תיכף האָבן זיך דריי מענטשן אַ וואָרף געטאָן צום זאַק און האָבן אים אַוועקגעשלעפט.

* * *

אין דעם משך פון אַ יאָר, אָדער צוויי, זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן, קריגערייען, געשלעגן, ס'האָט אַפילו געטראָפן אַ מאָרד, הגם קיינער פון די שולדיקע האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם חטא. ענדלעך איז צום באַוואוסטזיין פון די האָזיקע מענטשן דערגאַנגען, אַז זיי לעבן אין אַ עפּאָכע פון סאָציאַלער פריינדשאַפט, און די וועלט נעמט אַריין פון דער צייט אָן בלויז אידעען פון קאָלעקטיוויזם, און וואַרפט אָפּ אַלדאָס פּערזענלעכע, עגאָיסטישע, אָפּגעלעבטע. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן

אַרטעל אויף יסודות פון פּראָפעסיאָנעלער סאָלידאַריטעט. אמת, דער דאָזיקער אַרטעל איז געווען פאַרמישפּט אויף געהיימער עק־סיסטענץ: וועגן זיינע אמתע צילן האָט מען זיך ניט געטאָרט אויס־ריידן מיט קיין וואָרט אַפילו אין דער אָנוועזנהייט פון דעם בית־עלמין־פאַרוואַלטער. אָבער זיין געשריבענער סטאַטוט איז געוואָרן אַלץ שטרענגער.

דער בית־עלמין איז געווען צעטיילט אויף זיבן ראַיאָנען, און יעדער ראַיאָן איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין רשות פון צוויי קברים־גרע־בער. דאָ דאַרף מען זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם בית־עלמין גופא, ווי ווייניק דאַנקבאַר די באַשרייבונג פון אים זאָל ניט זיין. דער בית־עלמין האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַ ברייטן פּליין, הינטער דער צוואָרפענער מרה־שחורהדיקער פאָרשטאָט און זיין עלטער טייל איז געווען באַוואַקסן מיט טאָפּאָלן. דער קלויסטער האָט זיך קוים געזען דורך דעם געדיכטן געפלעכט פון די ביימער. די נייע ראַיאָנען זיינען געווען פּוסט, אויב מען קען אָנרופן פּוסט אַ גרענעצלאָז דאָרף פון קברים־בערגלעך. אַרום דעם קלויכטער האָבן זיך אויפגעדרענגט די אַלטע מאַוזאָליען, די קאַפּליצעס, די שווערע מצבות.

נאָר די מעשה איז ניט אין די מאַוזאָלייען און ניט אין די רייכע דענקמעלער. דער דאָזיקער ראַיאָן, וואָס איז אַמאָל געווען דער סאַמע הכנסהדיקער, איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן אויסגע־דאַרט, ווי אַ דאָרפישער בית־עלמין, און פאַר די צוויי יאָר האָט ער סך־הכל צוגעבומען איין פרישן בר־מינן, איז דאָס אויך ניט קיין הכנסהדיקן, — דער בר־מינן פון דעם דיאַקאָן פון בית־עלמין, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון אומעט.

קיין מצבות האָט מען שוין לאַנג ניט געשטעלט, און קברים־הייזלן מיט קאַפּליצעס האָט מען ניט געבויט. נאָר די צלמים זיינען נאָך ניט געווען אַרויס פון דער מאָדע, און די צלמים, דווקא די צלמים האָבן געהאָלפן די גרעבער צו דערקענען זייער סאָציאַלע נאַטור און גרינדן אַן אַרטעל פאַר דעם פלאַנמעסיקן שוץ פון זייערע אינטערעסן אין דער איבערגאַנגס־עפּאָכע.

די צלמים ווערן געמאַכט, ווי אַלעמען איז, אַגב, באַוואוסט, פון טשוהון, פון אַייזן און, גרעסטנטייל, פון האָלץ. די טשוהונענע צלמים קען מען אויף אַ פּראַקטישער זאַך ניט באַנוצן. דאָס איז, בעצם, אַלטוואַרג, ווי אַ שטייגער עפּיטאַפיעס, מצבות און קאַפּליצעס. צום גליק, איז טשוהון אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט צוזאַמען מיט די קלאַסיקע אָדער קלאַסן-לוויות, און די רעזערוון פון די צלמים פּלעגן אין דידאָזיקע יאָרן דערפילט ווערן בלויז מיט אַייזן און מיט האָלץ. די געשמידטע אַייזערנע צלמים, געמאַכט פון קרומע דריידעלעך, ווי אַ שטייגער די קלויסטערישע גראַטעס, זיינען מיט קיין זאַך ניט פּראַקטישער פון די טשוהונענע. דערפאַר די פּוסטע צלמים פון טאָוול-אַייזן, וואָס זיינען געוויינלעך אָפּגעפאַרבט אויף בעריאָזע-קאָליר, יענע קענען לייכט באַנוצט ווערן אין דער ווירטשאַפט. פון זיי קען יעדער מאַכן, אָן איבעריקע הכנות, אַ קוימענקני פאַר דעם אַייזערנעם אייוועלע, אָדער אַ סאַמאָוואַר-קוימען, אָדער אַ באַקוועמע וואַסער-רינע. אַזעלכע צלמים זיינען געווען אַ היבש׳ ביסל אויף דעם פרייען פּלאַץ פון די ראַיאָנען, וואָס זיינען געווען אַ ביסל דערווייטערט פון די טאָפּאָלן, און, ביי אַ פאַרנינפטיקער עקספּלואַטאַציע, האָט זייער רעזערוו געקענט קלעקן אויף אַ לאַנגער צייט.

די שווערקייט פון באַשטימען די ראַיאָנען צווישן די מיטגלידער פון דער סאָציאַלער פריינדשאַפט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין יעדן טייל בית-עלמין האָט זיך געפונען די זעלביקע צאָל הילצערנע צלמים. דעם אַרטעל איז דעריבער אויסגעקומען דערביצומאַכן אַ גרויסע פּאָראַרבעט צו אינווענטאַריזירן דעם פאַרמעגן, וואָס איז געבליבן נאָך דעם אַלטן רעזשים. נאָר אין דעם פּראָצעס פון דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך אַנטפּלעקט נייע מניעות, ווייל, אַלס אונטערשייד פון די איבעריקע געביטן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, איז אויף דעם געביט פון בית-עלמין-וועזן דער אַלטער רעזשים ניט געווען דורכגעפירט, אַזוי צו זאָגן, אויף דורך און דורך, נאָר בלויז טיילווייז, הגם בעתן מאַכן דעם חשבון האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צעפּוילטע צלמים זיינען דאָ מער, איידער גאַנצע. דאָך האָט דאָס באַוואוסטזיין, וואָס האָט איינמאָל דערוואַכט, נע-

האָלפן די אַרטעל־מיטגלידער צו קומען צו אַ קלוגן באַשלוס: צוויי פוילע צלמים זיינען גלייך צו איינעם ניט קיין צעפוילטן פון אַ האַרטן מין, מיט דער אויסרעכענונג, אַז איין שטאַרקע שייטל גיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, וויפל צוויי צעפולוווערטע.

אַז די יסודות פון דער פאַראייניקונג זיינען אויף אַזאַ אופן געפונען געוואָרן, האָבן די גרעבער פאָרגעלייגט דעם בית־עלמין־פאַרוואַלטער, ער זאָל זיי איבערגעבן דעם שוץ פון די צלמים, וואָס ווערן סטיכיש צעגנבעט.

דער פאַרוואַלטער האָט מסכים געווען. נאָך דעם איז שוין דער חורבן פון בית־עלמין צוגעגאַנגען פלאַנמעסיק, און צווישן די קברנים האָט זיך איינגעשטעלט אַ פילאָסאָפישער קוק, וועלכן מען האָט לאַנג באַמערקט אין דער דאָזיקער פראָפעסיע און וואָס אין פולקום איינגעשאַפטלעך בלויז דער דאָזיקער פראָפעסיע אַליין.

אין צוויי טעג אַרום, נאָך דעם, ווי מען האָט זיך דערוואוסט פון דעם פראָפעסאָרס טויט, איז אויפן בית־עלמין געקומען אַ יונגער, אַרומגעריסענער סטודענט און האָט זיך אינפאָרמירט אין קאַנטאָר, ווי אַזוי שנעלער מקבר צו זיין דעם מענטשן, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן. אין קאָנטאָר האָט מען גענומען ריידן וועגן דער אָרדענונג פון באַקומען אַן אָרדער אויף דער טרונע, אויף דעם קבר, וועגן די רעגיסטראַציעס, די רשימות, די רייען און אַפילו וועגן סאָציאַליזם. ס'האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס דעם סטודענט האָט מען געשיקט אויפן בית־עלמין אויסגעפינען די קברנים . ער האָט געטראָפן איינעם פון זיי און האָט אים דערציילט וועגן זיין ענין. דער קברן האָט אים געזאָגט אַ פּרייז, וואָס דעם סטודענט האָט דערפון גענומען גרוילן.

— און ווער איז דער מת? — האָט דער קברן געפרעגט.

— אַ געלערנטער, — האָט דער סטודענט געענטפערט.

— הייסט עס, פון הונגער?

— ניין, ניט פון הונגער.

— אויב ניט פון הונגער, דאַרף דעמאָלט זיין מיט וואָס צו באַצאָלן.

— דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס ס'איז ניטאָ מיט וואָס. אַז ס'וואָלט געווען, וואָלט איך זיך ניט געדונגען.

— ביליקער קען מען ניט. אויב איר האָט ניט—איז דעמאָלסט אין דער ריי, אין אַ וואָך — אָנדערטהאַלבן וואָכן אַרום...

— אַזעלכע געלט איז ניטאָ, — האָט דער סטודענט געזאָגט.

— מיר זיינען ניט קיין פּריוויליקע, ביי אונז איז לויט דער טאַקסע... ווי איר ווילט...

— ניין, אַזעלכע געלט קענען מיר ניט צאָלן, — האָט דער סטודענט איבערגעחזרט קאַטעגאָריש.

דער קברן האָט אַ טראַכט געטאָן און האָט געפרעגט:

— מקבר זיין וועט איך לויט דער פּראַוואָסלאַווישער צערע־מאָניע אָדער ציוויל?

— ציוויל.

— דעמאָלט איז טייערער.

— פאַרוואָס?

— ווי זאָל מען אייך זאָגן... פון אַ פּראַוואָסלאַוונעם פאַלט ווי־ניט־ווי עפּעס צו. אָט — מען הייסט דיר אַכטונג געבן אויפן צלמל, מען זאָל אים ניט צוציען... דו קענסט דען אָבער איינהיטן? ס'איז אַ דוחק אין העלצלעך... און לויטן ציווילן מנהג — וואָס פאַר אַ נוצן האָסטו פון אים? מען באַגראָבט און אַראָפּ פון מאַרק. פאַראַיאָרן האָט מען מקבר געווען אַ פליער. אויפן קבר האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ דעמבענעם שרויף פון אַ מאַשין. וואָס קענסטו ביי אים נעמען, ביי דעם שרויף? קאַלופּעסט אים אַרום, אַז ער איז ווי אַן אייזערנער. פאַר אַזעלכע געלט, ווי איר גיט, איז ניטאָ קיין רעכענונג אויף ציוויל.

— איז ווי זאָל זיין?

— פאַר אַזעלכע געלט גראָבן אַ קבר — האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן זייט מקבר ווי אייך געפעלט.

איז געבליבן אַזוי: די גרוב וועלן אויסגראָבן די גרעבער, און אַראָפּלאָזן און פאַרשיטן וועלן די באַגלייטער.

אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם פּראָפעסאָר האָבן זיך אויפ־געקליבן פיר סטודענטן, דער מאָגערער מענטש מיט דער געלער

באָרד, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ לערער, און דער אוניווערסיטעט=שווייצאַר.

דער פראָסט איז אין דעם טאָג געבראָכן געוואָרן, און אַ גרוי, קליין רעגעלע האָט געטראַקעט, אַזוי ווי הירד אַ זיפּ. אַ הייפּעלע מענטשן האָט, קאָרטשענדיק זיך פון קעלט. געוואַרט מיט אַ פּייבטער, אַראָפּגעהאַנגענער רויטער פאָן אויף דער טהונע לעבן טויער. די טרונע האָבן אַרויסגעטראָגן די איינוואוינער פון הויז, האָבן אַרויפגעשטעלט אויף אַ וואָגן און, איבערצלמענדיק זיך, האָבן זיי געהייסן זיך רירן. נאָך דעם וואָגן זיינען נאָכגעגאַנגען די סטודענטן מיט דער פאָן, דער מאָגערער מענטש, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ לערער, דער שווייצאַר, אַנדרעי און דער פאָרזיצער פון הויז=קאָמיטעט. און אַזוי ווי ס'איז געווען שווער צו טראָגן די פייכטע פאָן, האָט מען זי אַוועקגעלייגט אויף דער טרונע, און, פון דעם טרייסלען זיך, האָט זי פּעסט אַרומגענומען דאָס דעקל און האָט זיך צוגעקלעפּט, אַזוי ווי אַ באַשלאָג.

ווען מען האָט פאַרשאָטן דעם קבר, איז אַנדרעי געשטאַנען אָן אַ זייט און האָט געקוקט אויף די אָנצאָליקע בערגלעך מיט די שיטערע צלמים. ער האָט געהערט, ווי עס זיינען געפאַלן אין גרוב אַריין די פון רעגן צעווייקטע שטיקער בלאָטע, ווי די קלאַנגען פונבפאַלן, ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו דער אייבערפלאַך פון דער ערד, זיינען געוואָרן קירצער און שאַרפער, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער פּראָפעסאָר, וואָס איז אַזוי אומגעריכט ערשינען אין זיין לעבן, האָט אַזוי ווי אַוועקגעטראָגן פון דעם לעבן די לעצטע מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן דאָס סאַמע וויכטיקע. וואָס איז עס געווען — דאָס סאַמע וויכטיקע, — איז אַ ספק, צי אַנדרעי האָט געוואוסט. נאָר ער האָט געהאַט אַזאַ געפיל, גלייך עמעצנס אַ גרויזאַמע האַנט וואָלט אים אַ צי געטאָן פאַרן גאָרגל, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די האַנט וועט אים ניט אָפּלאָזן, ביז וואַנען ער וועט ניט אַרויסזאָגן דאָס סאַמע וויכטיקע.

דעם בית=עלמין האָט ער פאַרלאָזן שפּעטער פאַר אַלעמען. אַן איינגעהויקערטער, אַ טעמפּער, אַ דורכגענומענער מיט דעם דערמערוּגגס=געפיל. ער איז ניט געגאַנגען, נאָר געשלעפּט זיך, כמעט

געפּוייזעט איבער די לײדיקע, אומענדלעכע גאַסן פון די פאַרשטעט. ער איז געווען ענלעך אויף אַ קראַנקן, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון שפּיטאָל, ווי נאָר ער האָט באַוויזן אַריבערצוקומען די קראַנקהייט.

אין שטוב האָט אים רימע געעפנט די טיר.

— אַ סאָלדאַט וואַרט עפּעס אויף דיר.

— אַ סאָלדאַט?

— יאָ. ער האָט ניט געזאָגט זיין נאָמען, ער זאָגט, אַז דו קאָנסט אים...

— מאָדנע, — האָט אַנדרעי גלייכגילטיק אויסגעצויגן און איז אַוועק אין צימער, פּונקט ווי אויפן גאַס, שלעפּנדיק מיד און טעמפּ זיין אַראָפּגעהאַנגענעם קערפּער.

לעבן דעם אײַזערנעם אייוועלע האָט זיך מיטן פּנים צום פייער געוואַרעמט דער סאָלדאַט. זיין שינעל איז געהאַנגען אויף אַ שטול לעבן אייוועלע. ער איז געזעסן די פיס אונטער זיך און האָט געריבן די הענט. אַז די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דער פייער איז אַריבערגעלאָפן פון זיין שטערן אויף דעם האַלב אָפענעם מויל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ דינעם קרייז פון קוים באַמערקבאַרע קנייטשן, און זיינע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט עפּעס אַזוי ווי צו אַ שמייכל.

— אַט זייט איר טאַקע, — האָט ער געזאָגט און האָט זיך אויפגעהויבן פון דיל.

אַנדרעי האָט באַטראַכט דעם גאַסט בלויז דערמאָלט, ווען דער פייער האָט גענומען שפּילן אויף זיינע ליפּן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן אושאַק. אין איין רגע במעט איז פון אים פאַרשוואונדן געוואָרן די גאַנצע וויכקייט. פון אַן אָפּגעשוואַכטן און איינגעהויקערטן מענטשן האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרהילצערטן, צו אַ זייל ענלעכן גולם. רימע, אַריינגייענדיק גלייך נאָך אים און פאַרמאַכנדיק די טיר, האָט אים אָפּגעשטופּט. ער האָט בלויז געמאַכט איין טראָט און איז ווידער פאַרשטאַרט געוואָרן.

— שלום-עליכם, — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט, צוגייענדיק צו אַנדרעיען.

אַנדרעים העגט האָבן זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק, גלייך ער וואָלט זיי געוואָלט פאַרלייגן אויף הינטן, דערנאָך האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף ריטען און האָט שנעל אַ דריק געטאָן דעם גאַסטס אויסגעשטרעקטע רויִקע האַנט. דער סאָלדאַט האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף ריטען און האָט זיך אַ נייג געטאָן אין איר זייט:

— כ'האָב ניט די ערע צו וויסן דעם נאָמען... פון אַייער... אַ-אַ... זי איז געווען ליבנסווערדיק. אַט זעט איר, איך פּריקן זיך... איך טראַכט, צי איז ניט בעסער, מיר זאָלן...

און ער האָט גלאַט אַרויסגערעדט אויף דייטש:

— פאַר אונז איז באַקוועמער ניט צו ריידן אויף רוסיש.

אַנדרעי האָט זיך אַ וויג געטאָן, גלייך דאָס וואָלט געווען פון די דאָזיקע ניט געוויינטע, אָנגעהאַקטע ווערטער פון דער פרעמדער שפּראַך, און האָט שנעל געפרעגט:

— ווי אַזוי האָט איר מיך געפונען?

— דערזען אויפן גאַס. כ'וועל אייך דערקענען צווישן אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן. דערצו האָב איך נאָכגעשפּירט.

— פאַרוואָס זייט איר ביז איצט ניט אַוועקגעפאָרן?

— ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע.

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? נאָך וואָס זייט איר געקומען?

אַנדרעי האָט אַרויסגעשטויסן פון זיך די פראַגעס מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט, גלייך ער וואָלט זיך געפּליסט צו פאַרשטיקן מיט זיי דעם פאַרצווייפלטן געשריי.

— כ'האָב זיך גערעכנט אויף אַ גאַסטפריינדלעכערן קבלת-פּנים, — האָט דער גאַסט געענטפערט און האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן זיך געגליטשט איבער אַנדרעים געזיכט.

— טוט זיך אויס, איר זייט — נאַס, — האָט ער צוגעגעבן מיט אייגזען און האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען. — ווי אויפגערעגט איר זייט! איך קוק רויִקער אויף די זאַכן. איינמאָל פאַר אַלעמאָל האָב איך זיך געזאָגט, אַז יעדע מינוט קען איך שטאַרבן. איך בין גרייט אויף דאָס סאַמע שרעקלעכע -- אויף טויט.

דעריבער בין איך שטענדיק רויק. וואָס קען זיין געפערלעכער פאַרן טויט?

— מסתמא — איז אַזוי, אויב דו האָסט קיין זאַך ניט ליב אין לעבן, — האָט אַנדרעי אַרויסגעמורמלט און האָט אָראָפּגעצויגן פון זיך דעם שינעל.

ער האָט אים אויפגעהאַנגען אויף דעם אָנלען פון שטול, האָט אים צוגערוקט צום איוועלע, ניט געאײַלט, לאַנגזאַם, נאָכשפּירנדיק יעדע באַוועגונג זײַנע, און האָט זיך אַנידערגעזעצט.

— ווי האָט עס פּאַסירט, וואָס איר זייט ניט אַוועקגעפאָרן? דער גאַסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן אים.

— איך האָב זיך מיט גרויס מי אַרײַנגעכאַפּט אין מאָסקווע. אויף דעם איז אַוועק מער ווי אַ חודש צייט. איך האָב זיך דערשלאָגן איינער אַליין. אין מאָסקווע האָב איך צום ערשטן מאָל באַשלאָסן אויסצונוצן מיין גייעם נאָמען. דער נאָמען האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גיט גאָר קיין באַקוועמען. איך וויל ניט ריידן קיין שלעכטס וועגן זיין פריערדיקן באַלעבאָס, נאָר דעם נאָמען האָט עמעצער קאָמפּראָמעטירט פריער פאַר מיר. זאָגן אײַך דעם אמת, — האָט דער גאַסט איראָניש געשמייכלט און האָט געגלעט אַנדרעיען מיט אַ לאַכעדיקן בליק, — זאָגן אײַך דעם אמת, איך האָב איין צייט געטראַכט וועגן אײַך...

— מען האָט דערקענט? — האָט אַנדרעי שטיל געפרעגט.

— דערקענט, — האָט דער גאַסט געזאָגט.

אַנדרעי איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו ריטען און האָט מיט גוואַלטיקער שרעק גענומען מורמלען:

— דערקענט, מיין גאָט! ריטאַ, מען האָט דערקענט. ריטאַ, באַגרייף, מען האָט דערקענט...

ריטע איז געזעסן אויפן בעט, אַזוי ווי שטענדיק — אין אַ טיכל, אַנגעשפּאַרט מיט דער גאָמבע אין די קני.

— אַנדרעי, — האָט זי געזאָגט, זיך אַ צי געטאָן צו אים און אַרויסבאַפרײַט די הענט פון אונטערן פאַטשיילע, — איך פאַרשטיי ניט, וועגן וואָס רעדט איר דאָס? איך בעט דיך...

— אַך, דו דאַרפסט ניט פאַרשטיין, — האָט ער אַ זיפץ געטאָן און האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן צו זיין שטול, — דו

דארפסט גאָרנישט ניט פאַרשטיין! ניט שוין־זשע האָט מען דער־קענט?

דער גאַסט האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער, ציטער־דיק בפּיוון, לאַנגזאַם און מיט פויזעס אַרויסגערעדט:

— דאָך האָט אייער אויסגעהאַלטנקייט ניט געקלעקט אויף לאַנג. איר אויף מײַן אָרט וואָלט שוין לאַנג אַרײַנגעפאַלן, און איך, ווי איר זעט, בין געבליבן גאַנץ.

אַנדרעי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל.

— אָבער זאָגט שוין, דער טייוול זאָל אײַך נעמען, זאָגט: מען האָט דערקענט?

— אָט אַזוי איז בעסער, — האָט דער גאַסט געזאָגט און זײַן מויל האָט ווידער הורכגעצוקט אַ מין שמייכל.

— דערקענט, — האָט ער געזאָגט מיט בימול. — אָבער איך קאָן ניט זאָגן אויף זיכער, וואָס האָבן זיי דערקענט. געווים האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז איך גיב זיך אַרוים פאַר אַן אַנדערן. אָבער ווער איך בין אין דער אמתן — קענען זיי בלויז משער זײַן. וואָס שייך אײַך...

— מײַן גאָט! — האָט אַנדרעי ווידער אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס שייך אײַך, קען איך אײַך קיין זאַך ניט זאָגן. איין צייט האָב איך געטראַכט, אַז איר האָט טאַקע קאָמפּראָמעטירט מײַן נייעם נאָמען. נאָר דערנאָך האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס וואָלט פאַר אײַך געווען ריזיקאַליש.

— ריזיקאַליש?

דער גאַסט האָט הורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף אַנדרעיען.

— יאָ. ווען איר וואָלט אַפילו געוואָלט מיך אַרויסגעבן, בדי דערמיט גופא פאַראײַנפאַכערן אייער לאַגע. דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איר זייט אַ רוסישער. אַרויסגעבן און פאַרראַטן איז ניט אין גייסט פון די רוסן, אויף וויפל איך האָב זיי דורכגעשטו־דירט.

— כ'האָב ניט קיין חשק צו פילאָסאָפירן אויף נאַציאָנאַלע טעמען. איך וויל, אַז איר זאָלט זאָגן, וואָס איר טראַכט... ווי איז אייער מיינונג... וואָס איז באַוואוסט...

— כאַ־כאַ! ווי גוט איר האָט אָנגעהויבן און ווי איר פּלאָנטערט זיך צום סוף! איר ווילט וויסן, צי ס'איז באַוואוסט די ראָלע, וואָס איך האָט געשפּילט...

— נו, יאָ יאָ! די ראָלע, וואָס איך האָב... ס'איז דען ניט אַלצאיינס? — האָט אַנדרעי איבערגעשלאָגן, — זאָגט!

— משפּטנדיק נאָך דעם, ווי איר שפּאַצירט אַרום פריי אין אַזאַ גרויסער שטאָט, איז אַ סימן, אַז מען איז אײַך אין קיין זאַך ניט חושד. בכלל דוכט מיר, אַז די זאַך איז אַריבער בשלום. איך בין כמעט זיכער אין דעם. אויף יעדן פאַל, האָט מען מיך דאָ אָן קיין שום שטער אײַנגעשלאָסן אין עשעלאָן.

— וואָס? איר זייט געווען... איר האָט אָנגערופן אײַער נאָמען? — האָט אַנדרעי אויסגעשריען און האָט אָנגעכאַפּט זיין מיטשמועסער פאַר די אַקסלען.

— דאָס הייסט, ניט מיין נאָמען...

— דעם נאָמען פון קאָנראַד שטיין?

— באַרויקט אײַך, מיין ליבער פריינד. פון דער זייט דראָט אײַך ניט קיין שום סכנה. קאָנראַד שטיין איז מער ניטאָ.

— ניטאָ? — איז אַנדרעי אָפּגעשפּרונגען.

— קאָנראַד שטיין איז געשטאָרבן.

— כ'פאַרשטיי קיין זאַך ניט!

— נו, טאָ הערט. אין מאָסקווע האָט אַלץ געקענט אויפגעדעקט ווערן. בין איך באַצייטנס אַנטלאָפן. כ'בין אַריינגעפאַלן אין קליין, פון דאָרטן — קיין טווער. דאָרטן האָב איך געאַרבעט אַלס טאָג־אַרבעטער. כ'האָב געהאַט אַ חבר, אַ וואוילער בחור, פון בערלין. פלעגן מיר נעכטיקן אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן, קיין שטענדיקן ווינקל האָבן מיר ניט געהאַט. וואו מיר פלעגן באַקומען אַרבעט — דאָרטן פלעגן מיר וואוינען. מען האָט אונז אין ערגעץ ניט געקענט גוט, אַזוי אַז בעת דער בערלינער בחור איז געשטאָרבן איז אַלץ אַרויסגעקומען פון זיך אַליין. איך האָב גענומען זיינע פּאַפּירן, און מיינע האָב איך אים אַריינגערוקט.

אַנדרעי איז געזעסן שווייגעדיקערהייט, גלייך ער וואָלט ניט געהערט.

דער גאַסט האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און, גלייך ער וואָלט זיך געכאַפּט, האָט ער שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— ניין, גאָרנישט דאָס! פאַר וועמען האַלט איר מיך? כ'האָב פאַרגעסן צו זאָגן, אַז דער דאָזיקער בערלינער בחור איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. בין איך אַרום אים אַרומגעגאַנגען אַ וואָכן אָנדערטהאַלבן. אַ וואוילער בחור.

אַנדרעי האָט זיך אויפגעהויבן.

— הייסט עס, אַז דעם פּראָצעס קעגן קאָנראַד שטיינען האָט מען מבטל געמאַכט צוליב זיין טויט?

— מן הסתם.

— הייסט עס, אַז מיר זיינען קוויט?

דער גאַסט איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען, האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט, האָט לאַנגזאַם אַרויסגערעדט די אָפּגעשליפענע קאַלטע ווערטער:

— ניין, חבר סטאַרצאָוו, מיר זיינען נאָך ניט קוויט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? — האָט אַנדרעי ווידער אויסגעשריען.

דער גאַסט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט אויסגעגלייכט דאָס געזיכט מיט אַ ליבלעך-איראָנישן שמייכל, און, צוגייענדיק צו אַנדרעי'ען, האָט ער אים אָנגענומען פאַרן איילנבויגן.

— מיין ליבער פריינד, איך רייד אַזוי דערפאַר, ווייל איך פיל זיך פאַרפליכטעט. איר האָט געטאָן אַלץ, וואָס עס קען טאָן אַ גוט האַרץ. נאָר מיר זיינען נאָך ניט קוויט. כ'האָב צוגעזאָגט צו ברענגען פון אייך אַ בריוו אייער כלה. איך האַלט דאָס פאַר מיין חוב. כ'האָב אַפילו גוט אַריינגענומען אין זכרון איר פאַמיליע: פריילין מאַרי אורבאַך, פון בישאָפסבערג, ניט אמת? דוכט זיך, כ'האָב קיין טעות ניט געמאַכט? פריילין מאַרי אורבאַך, ניט אַזוי?

אַנדרעי האָט מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס געזיכט.

— אָבער איר ווייסט, איך האָב פאַרלאָרן אייער בריוו. דאָס הייסט, ניט פאַרלאָרן, נאָר אַריינגערוקט יענעם פאַרשטאָרבענעם בערלינער, צוזאַמען מיט קאָנראַד שטיינס פּאַפּירן...

— איר זייט פון זינען אראָפּ! — האָט אַנדרעי אַרויסגעבריפּעט אין האָט זיך שיר ניט פאַרכלינעט. — אויב מען זאָל צוזאַמען מיט קאָנראַד שטיינס פּאַפּירן געפינען אויך מיין בריוו...

— נו, וואָס רעדט איר, ווען מען וועט עס איינפּאַלן צו פאַרבינדן אייער נאָמען מיט קאָנראַד שטיינען?

— מאַכט ניט פון מיר קיין חוזק! איר האָט ניט קיין רעכט צו חוזק מאַכן פון מיר!

— איך רייד, וואָס איך טראַכט.

— די פּאַפּירן וועט מען אומבאַדינגט אַוועקשיקן קיין סעמידאָל, צו קורטן! קורט וועט דאָך תיכף אַלץ פאַרשטיין!

— וועגן דעם, באמת געדערעדט, האָב איך ניט געטראַכט...

— הערט זיך איין, איר... טייוול וואָס איר זייט... הערט זיך איין!.. זוכט זיך אויס אַן אַנדערן, פון וועמען צו טרייבן קאַטאָוועס! פאַרגעסט ניט, אַז איר זייט ביי מיר אין די הענט...

דער גאַסט האָט אַ פיר געטאָן מיט אַן אויסגעשפּרייטן פינגער פאַר אַנדרעיס אויגן.

— אָבער איך ראָט אייך ניט פאַרגעסן, אַז איר זייט ביי מיר אין די הענט. יאָ... גאָר צו וואָס זאָלן מיר זיך קריגן, — האָט ער זיך ווידער צעגאָסן, — ניט שוין־זשע שפּירט איר ניט, אַז איך בין אייך אָן אַ שיעור דאַנקבאַר און בין אייך גרייט אָפּצוצאָלן מיט וואָס עס זאָל ניט זיין?

— ווי אַזוי האָט איר געקענט ניט טראַכטן, אַז...

— כ'האָב עס געשפּאַסט, מיין ליבער פריינד, גלויבט מיר, אַז איך האָב עס געשפּאַסט. דעם טויטן האָב איך אַריינגערוקט בלויז שטיינס פּאַפּירן. מער קיין זאַך ניט.

— דער בריוו איז געבליבן ביי אייך? גיט אים אַהער, גיט אים!

— ניין. דעם בריוו האָב איך צעריסן, כדי ניט צו טאָן אייך צופעליק קיין שאָדן.

— אַך, איך גלויב ניט, איך גלויב קיין איין וואָרט ניט!

אַנדרעי האָט גענומען לויפן פון איין ווינקל אין דעם צווייטן, האָט אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ און געטרייסלט אים, אַזוי ווי פון ווייַ

טאָג. דער גאַסט האָט אים נאָכגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן און האָט גערעדט לאַנגזאַם, גלייך ער וואָלט די ווערטער אָנגעזעצט אויף שפּיזלען.

— וואָס רעגט איר זיך אַזוי אויף, מיין ליבער פריינד? ניט שוין־ושע איז אייך שווער אויפצושרייבן נאָך אַ בריוו? דאָס וועט אייך אַן איבעריק מאָל פאַרשאַפן פאַרגעניגן — דורכצושמועסן זיך מיט אַ געליבטער פרוי. איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז ווי גאָר איך וועל קומען אַהיים, וועל איך תיכף אויפזוכן פריילין מארי אור־באַך — אַזוי, הייסט זיך? — וועל איר איבערגעבן דעם בריוו און וועל דערציילן אַלץ, וואָס איך וויים וועגן אייך.

— איר קאָנט מארין? — האָט אַנדרעי געפרעגט און האָט פּלוצים אויפגעהערט צו לויפן.

דער גאַסט איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט געקוקט אַנדרעיען גלייך אין די אייגן אַריין.

— ניין.

— דערציילט איר גאָרנישט וועגן מיר, — האָט אַנדרעי גע־זאָגט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיטן גאַסט.

— איר האָט מיך דאָך אַליין געבעטן.

— און איצטער בעט איך אייך, איר זאָלט דאָס ניט טאָן. איר זאָלט מארין ניט אויפזוכן. מען דאַרף ניט.

דער גאַסט האָט ווידער געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער אַ פּאַטש געטאָן אַנדרעיען איבערן פּלייצע, האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף ריטען און האָט זיך צעלאַכט.

— מיר האָבן גאָר פאַרגעסן אָן דער דאַמע. איך פאַרשטיי אייך אויסגעצייכנט. אָבער אומזיסט שרעקט איר אייך: פריילין אורבאַך וועט וועגן דעם גאָרנישט ניט דערגיין.

און ער האָט נאָך אַ מאָל באַוויזן מיטן קאָפּ אויף ריטען.

— לאָמיר ריידן צו דער זאַך, — האָט אַנדרעי געזאָגט און האָט פאַרשטעלט מיט זיך ריטען. — נאָך וואָס זייט איר צו מיר גע־קומען?

— לאָמיר ריידן צו דער זאַך, — האָט זיך דער גאַסט אָפּגע־רופן אין אַנדרעיס טאָן. איך בין צו אייך געקומען איבערגעב־

טיקן. מאָרגן שיקט מען מיך אַוועק מיטן עשעלאָן. איך מייד אויס די ערמער, וואו עס זיינען דאָ אַ סך מענטשן.

— גוט. גיט מיר אַ וואָרט, אַז איר וועט מיך אויף שטענדיק לאָזן צו רו.

— איך גיב.

אַנדרעי איז מיט ברייטע טריט אַרויס פון צימער.

— סערגעי לוואָוויטש, — האָט ער געזאָגט, אַריינגייענדיק צום באַלעבאָס, — ביי מיר דאַרף איבערנעכטיקן אַ חבר. דאָס איז זייער נייטיק. איך וועל אים אַוועקלייגן אין שכנותדיקן צימער, אויף אַ דיוואַן.

סערגעי לוואָוויטש האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— וואַרט, — האָט אַנדרעי מיט עקשנות פאָרגעזעצט, — קיין שום דערווידערונגען. ער מוז בלייבן. אַ ניט וועט זיין שלעכט. איר הערט? און — שאַ־שטיל! קיינעם ניט קיין פּיפּס! איך דאַנק אייך.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק, ניט באַמערקנדיק, ווי סערגעי לוואָוויטש האָט זיך נאָכגעגאַנגען באַשאָטן מיט צעשראָקענע צלמימלעך.

אַנדרעי האָט אָפּגעפירט דעם גאַסט אין דעם שכנותדיקן צימער, האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ דיוואַן, האָט פאַרמאַכט די טיר און האָט זיך אומגעקערט צו זיך.

דאָרטן איז ער געשטאַנען עטלעכע סעקונדעס אומבאַוועגלעך, האָט מיט דער האַנט אַ פיר געטאָן איבערן קאָפּ, האָט אויסגעווישט דעם שטערן, די באַקן, די האַלז. דערנאָך האָט ער צונויפגעדריקט די פויסטן און האָט אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— ער קאָן זי', ער קאָן, ער קאָן!

ער האָט זיך אַ וויג געטאָן, איז צוגעגאַנגען צום בעט, האָט אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף ריטעס קני. דערנאָך האָט ער פאַרמאַכט די אויגן.

ריטע האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ, האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים. אויף זיינע ליפּן איז אַראָפּגעפאַלן אַ הייסער טראָפּן. ער האָט געפרעגט שטיל, ניט הערנדיק מיט די ווערטער:

— ווּעגן וואָס ווייגסטו דאָס? — און האָט אַרומגעלעקט די גענזאַלצענע ליפּן. — ווען מען וואָלט געקענט אָנהייבן לעבן פונדאָסניי... פונאַנדערווויקלען דעם קנויל, דערגיין מיט דעם פאָדים ביז דער פאַרפּלוכטער שעה און באַגיין זיך אויף אַן אַנדער אופן. גאָר אויף אַן אַנדער אופן...

ריטע האָט הויך געגומען כליפּען און האָט זיך צוגעריירט מיט דער באַק צו זיין שטערן.

— ליבער, ליבער...

— ווּעגן וואָס ווייגסטו דאָס? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— ווער איז דער מענטש, זאָג? ווּעגן וואָס האָט איר גערעדט?

ער האָט אַ לאַנגע צייט ניט געענטפערט.

ס'איז געווען שטיל, הינטערן פענסטער האָבן זיך געהערט עפּעס ווייטע הילכן. לאַנגזאַם, אָן חשק האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס עלעקטרישע ליכט.

אַנדרעי האָט אומגעקערט דעם קאָפּ, האָט איינגעגראָבן דעם פּנים אין ריטעס קני און — אין די קני, אין דעם קלייד, אין דער שמיקנדיקער וואַרעמקייט פון די פיס — האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס קען איך קיינעם ניט זאָגן. קיינעם ניט.

דאָס קאַפּיטל וועגן ניין הונדערט פּערצענטן.

אַמורס צענטריפוגע.

— Belegte Brötchen!
— Warme Würstchen!
— Bier, Bier, Bier, gefälligst!
— s-simplicissimus, Berliner ‘ageblatt, Lustige Blätter!
— Woche, Woche, Woche!
— Bier, Bier, Bier!
— Belegte Brötchen, warme Würstchen!
— Zigarren, Zigarren, Zigaretten!
— Kladderadatsch, Kladderadatsch!
— E i n s t e i g e n!

דער ציגאַרנרויך וויגט זיך ווי בלויע לייַלעכער אונטערן באַלקן און הילט איין ווייך די זשומענדיקע שטימען. די גרויסע בייכער, די שווייסיקע פּליכעס, די ווייסע קליידער, די שטאַרק אַנטבלויזטע אָרעמס, די גרויסע קייַלעכדיקע בריסטן אונטער די שפּיצעלעך און די נעט — וויגן זיך ריטמיש אויף די זיצערטער. הינטער די פענסטער שווימט דורך דאָס פּאַטערלאַנד, אויסגעוואַשן, פון דער זון און געבענטש מיט שפע.

אין ערלאַנגען האָט זיך דער הערלעכער, זשומענדיקער, אויסגעלאָדענער צוג אַרויסגעגאָסן אויפן וואָקזאַל און איז צעוועקגערונען אַראָפּ איבער דער שמאָלער גאַס אין עק שטאָט.

אַנדרעי מיט קורטן האָבן זיך אָפּגעטײלט פֿון המון, זײנען אַרײַן אין אוניװערסיטעט=גאָרטן.

דאָ איז געװען שטיל, װאַרעמע שאָטנס זײנען געלעגן אויף די שטעגעלעך, די אַספּעס מיט די דעמבעס האָבן פֿאַרשטעלט דעם הימל. אויף די שטאַמען זײנען געל געװאָרן די אָפּגעפּאַלירטע ברעטלעך מיט די לאַטײנישע אויפֿשריפֿטן. פּונקט אַזעלכע ברעטלעך האָבן געשטאַרצט אויף די דינע דרענגלעך, װאָס זײנען געװען אַרײַנגעשטעקט אין די בלומענבייטן. ס'האָט געשמעקט מיט פּעטער, זאַטער ערד און — פֿון ערגעצװאו — מיט פֿרישער אײל=פֿאַרב.

— איר פֿאַרמאָגט דען דאָס געפֿיל,—האָט קורט געפֿרעגט,— דאָס רויִקע, פֿרײדנבריִנגענדיקע געפֿיל פֿון אײגנס? מיר באַנוגענען זיך מיט קלײניקײטן, װײל דאָס זײנען א ו נ ז ע ר ע קלײניקײטן. איך פֿאַרזיכער דיך, אַז איך בין גליקלעך, װאָס איך בין אַהער געקומען. אַ נאַרישער, ליבער יום=טוב, אַ נאַרישע ליבע געװױנהײט. איך קוק נאָכאַמאָל אויף דער דאָזיקער אַספּע — װי אַלט, צעקראָכן, לעבעדיק זי איז. פֿאַראיאָרן האָבן די שװאָמען אויף איר דערגרײכט ביזן גאַרטל. איצטער, זעסטו, זײנען זײ פֿאַרקראָכן העכער? און אָט זײנען די טירען פֿון דעם אַנאַטאָמישן טעאַטער. לאָמיר גײן, כ'װעל דיר באַװײזן דעם מוזעי.

פֿון דער טיר, װאָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן, האָט זיך איבער דער ערד אויסגעשפּרײט אַ קילבלעכער, זיסער ריח פֿון יאָדינע. אין דעם צימער, װאו זײ זײנען אַרײַן, איז, אַרײַנגערוקט אין דער נישע פֿון דער פֿײכטער װאַנט, געשטאַנען אַ גרויסער באַצינקטער קופֿערט. זײן דעק איז געװען עטװאָס אויפֿגעהויבן.

קורט האָט אים אויפֿגעעפֿנט. אין קופֿערט האָבן זיך געװאַלגערט מענטשלעכע פֿיס און הענט, װאָס די הויט פֿון זײ איז געװען אַראָפּגעשונדן, שטיקלעך גרין געװאָרענע אָרעמס, װײסע בײנער, מיט צעפּליקטע, טרוקענע אָדערן, אַזױ װי ראָגאָזשע=פֿעדעם, און בלוט=רויטע, שװאַרצע, הימלבלויע אינגעװײד — קישקעס, לעבער, לונגען. אין אַ װינקעלע פֿון קופֿערט, װאָס איז געװען באַלויכטן מיט דעם שײַן פֿון טאָג=ליכט, װעלכע איז אַרײַנגעדרונגען דורכן טיר פֿון סאָד, האָבן זיך אײנע צו די אַנדערע געטוליעט צװײ קעפּ. דער קאַרק

פון איין קאָפּ איז געווען אָפּגעשוינדן און די שאַרבן־נעט האָבן זיך געצויגן איבערן קאָפּ, ווי אַ קליינע בלוטיקע זעג. די האַלז פון דעם צווייטן קאָפּ — אָן האָר און גוט געבויט — איז געווען אַרומגענומען, אַזוי ווי מיט אַ האַלזטוך—מיט אַ פּוכלע, בלויע קינדערשע הענטל. דאָ און דאָרט האָבן זיך געגעלט בערגלעך פון עפּעס אַ פּראָשעק.

— לאָמיר גיין, — האָט אַנדרעי געזאָגט.

קורט האָט שווייגנדיק געקוקט אין קופּערט אַריין.

— לאָמיר גיין, מען קען זיך דאָ דערשטיקן.

קורט האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס רעקל, און, שמייכלענדיק, האָט ער שטיל גענומען אַנדרעיען אונטערן האַנט.

זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַ ליכטיקן, גערוימען צימער, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט הויכע, שמאָלע טישן, געדעקט מיט גלאָז. די טישן זיינען געווען ריין אויסגעוואַשן, די דיל האָט געגלאַנצט, פון טיר צו טיר האָט אַרומגעשפּאַצירט אַ קילבלעך צוגווינטעלע, וואָס האָט אונטערגעשמעקט מיט קאַמפער. דער האַלבטונקל פון דעם געוועלבטן קאָרידאָר האָט געפירט צו אַ ברייטער טיר. אויפן פּלעצל, לעבן טישל, איז געזעסן דער וועכטער. ער האָט אַראָפּגענומען די היטל, האָט געפרעגט:

— די הערן ווילן באַקוקן דעם מוזעי?

דערנאָך האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן פאָראויס.

איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך געצויגן גלעזערנע שאַפעס. אין די שאַפעס אויף די גלעזערנע פּאָליצעס האָט מען לויט דער הייך און דעם דיאַמעטער געבויט גלעזערנע סלאָיען מיט איינגעספּירטעוועטע פּרעפּאַראַטן פון מענטשלעכע גלידער. גלאָז, ספּירט, בלויע הימל־קאָלירענע, רויטע שטיקלעך, פּלייש־פּעדעם, פּלייש־פּאַסן, קנוילן מענטשלעכע קערפּער־מאַסע — דאָס אַלץ האָט אָנגעפּילט די גערוימע, הויכע זאַלן.

די זון האָט זיך אָן אָפּהאַלט געגאָסן אין די ריינע פענסטער, און איבער די ווענט, אויף דעם סופיט, אויף דער דיל, אויף די קליי־

דער, אויף די הענט און אויף די פנימער פון די מענטשן האָבן געציטערט די הייסע פילפאַרביקע ספּעקטערס, וואָס האָבן זיך איבערגעבראָכן פון די שאַפּעס, פּאָליצעס, סלאָיען און ספּירט.

פלוצלונג האָט זיך דער וועכטער אָפּגעשטעלט, האָט אָפּגערוקט איין פוס, האָט פאַרשטעקט דעם גרויסן פינגער פון דער רעכטער האַנט הינטער דעם באָרט פון דעם מונדיר און האָט פּאַוואָליע אויפגעעפנט דאָס מויל:

— די עמבריאָלאָגישע אָפּטיילונג. די ערשטע אויף דער גאַנצער וועלט לויט דער צאָל פּרעפּאַראַטן.

דאָ, אין די פלעשלעך, וואָס מען האָט זיי קוים געקענט אונטערשיידן איינע פון די אַנדערע לויט דער גרייס, זיינען געשוואומען געלבלעכע קנײלכעלעך פון עמבריאָנען — אַ גאַנצע מחנה פון ניט געבאָרענע נשמות. דערנאָך האָבן זיך געצויגן גאַנצע רייען קעפּלדיקע מענטשעלעך, וואָס זיינען מיט די דינינקע פיסעלעך און מיט די הייטל־אַרטיקע פינגער פון די הענט געווען צוגעדריקט צו די בייכער. גאָר צום סוף — זיינען געשטאַנען סלאָיקלעך פון אַן עמער די גרייס, און אין זיי האָבן קינדער געקוקט אויף זייערע קניעלעך, קינדער, וואָס זיינען געווען ענלעך אויף די, וועלכע די מאַמעס דערזעען לעבן זייערע געלעגערס תיכּף, ווי זיי וואַכן אויף פון זייערע געבורטסוויען. ווייטער, אין אַ צווייטן זאַל, האָבן זיך געטונקלט אויף דער זון שטיקלעך מאַרך, און הינטער זיי, אונטער אַ באַזונדער גלעזערנעם פוטלאַר, האָט זיך אויפן דעק פון אַ ברייטן סלאָי אָפּגעזעצט אַ מענטשישער קאָפּ.

דער קאָפּ האָט געהאַט אַ נידעריקן שטערן און שטעגעלעך פון אַ נאַכלעסיקן נאָט האָבן זיך איבער אים געצויגן. די ברוינע אויגן זיינען געווען אָפן, די שוואַרצלעך זיינען געווען אויסגעברייטערט און זיינען געווען געווענדט ערגעץ צו אַ פונקט, וואָס האָט זיך געווים געפונען אונטער זיי. אויף דער אייבערשטער ליפּ און אויף די באַקן האָבן אַרויסגעשטאַרצט אין פאַרשיידענע זייטן קורצע, דיקע טונקעלע האָר — זיי זיינען געווען געגאָלט ניט פריער, ווי מיט אַ וואָך פאַרן טויט. און דאָס גאַנצע געזיכט, דאָס אָפּגעהאַקטע שטיקל האַלז

און די אויערן זיינען געווען געדיכט־בלוי. אונטערן פּוטליאַר איז גע־שטאַנען אַ ברעטעלע:

דער קאָפּ פון דעם באַרימטן רוצח קאַרל עבערסאָקס (די לעצטע עפנטלעכע טויטשטראָף אין נירנבערג)

— מיין טאַטער איז געווען ביי דער דאָזיקער עקזעקוציע, — האָט דער וועכטער אָנגעהויבן, און האָט איין פוס אוועקגערוקט אָן אַ זייט, — און אויב די הערן פאַרלאַנגען...

— הער נאַר, — האָט אַנדרעי פּלוצלונג געזאָגט, — אויף וואָ־סערע כפּרות, אייגנטלעך, דאַרפן מיר דאָס אַלץ זען?

קורט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— דאָס איז דער באַרימטער מוזעי.

— כ'בין געקומען אַהער אויף די קאַרוזעלן, און ניט צו די מתים.

— מיר וועלן נאָך באַווייזן אויף די קאַרוזעלן אויך. אָבער דער דאָזיקער מוזעי...

— צום טייוול דער מוזעי, צום טייוול קאַרל עבערסאָקס, איך וויל אויף דער פרייער לופט, אויף דער זון!

* * *

אין ערלאַנגען איז פאַראַן אַ סך לופט.

אַריינעטעמען די דאָזיקע לופט, בעת מען זיצט אויפן באַל־קאָן מיט דער לולקע אין די ציינער און מיט אַ טעפּעלע קאַווע, — איז אַזאַ פאַרגעניגן, מיט וועלכן עס קען זיך באַרימען בלויז אַ קליין שטעטעלע.

אַרום האַלבן טאָג, ווען עס צייכנט זיך קלאָר אָפּ די רו־פולע שאָטנדיקע זייט פון דער הויפּט־גאַס און ווען פון יעדן פענסטער הענגען אַרויס טעפּעלעך, קישנס און פּערענעס, ליגן זיך דעמאָלט די סטודענטן אויף די ערלאַנגענער באַלקאָנעס האַלב אויסגעצויגן אין משופּעדיקע פאָטעלן.

פון די בליענדיקע ביימער אין דעם אוניווערסיטעט-גאָרטן שווימען לייכטע אַראָמאַטן. פון אונטן, פון דעם רוישנדיקן, ריירעוודיקן טייכעלע ציט אַ ליבע קעלט און פייכטקייט. דער הימל האָט זיך אויפגעהויבן אומענדלעך הויך, און דעם שטעטעלע איז לייכט, אָנגעגעם און באַקוועם. די וועגן און טראָטואַרן זיינען פוסט.

— הע-הע! — טראָגט זיך פון אַ באַלקאָן אַ קלינגענדיקע שטימע, — הע-הע! שריך! וואָס מאַכסטו נאָך דעם נעכטיקן קאַזינאָ?

— לאַך ניט, שנעק איינער: פאַר דער נאַכט האָט זיך מיין טאַליע פאַרגרעסערט אויף פינף סאַנטימעטער...

— כאַ-כאַ!

און אָט, טראָגט זיך פון איין באַלקאָן אויף דעם צווייטן, פון איין עק גאַס ביז דעם צווייטן:

— הע-הע, קאָלעגע! וואָס הידזשעט איר דאָרטן?

— אַ כירורגישער פאַל מ'געטראָפן מיט שריכן: ביי אים האָט זיך אויסגעצויגן די טאַליע!

— כאַ-כאַ!

— די קאָרפּאָראַציע פון אַלף איז קעגן אַ ראַדיקאַלן אַריינמישן זיך. פרוווט בוזשירן.

— און וואָס פאַר אַ רפואה האָט איר צו לייכטער הייזעריקייט?

אין די שמאָלע געסלעך פון הויז צו הויז:

— אויף דער הויפּט-גאַס זוכט מען גענייצטע הויזן; אַ גאַרטל פון אָנדערטהאַלבן סאַנטימעטער.

— כאַ-כאַ!

הינטער די באַלקאָנען, אין די ניט הויכע צימערן מיט די פאַרהענגלעך און טעפּעכלעך, פוצן די פלייסיקע ווירטינס די שיך פון זייערע קוואַרטיראַנטן מיט קרעם. אין די אוניווערסיטעטישע לאַבאָראַטאָריעס און קאַבינעטן שווענקען די דינער ניט געאיילטערהייט די פּראָביר-גלעזלעך, די רעטאָרטעס און קאָלבעס. אין דעם גערוימען זאַל ראַמט מען און מען שטעלט אַריין אין די שטאַטיוועס די דאַפּירעס, שווערדן, שפּאַגעס און עספּאַדראָנען.

— הע-הע, אָמטאָ! וואָס זאָגסטו אויף אונזער שריכן?

* *
*

צום פֿייבעלע, אַראָפּצו איבער דער הויפּט־גאַס האָבן זיך גאָר אַלץ געצויגן די אויסגעפּוצטע, מיט שפּיצן באַלייגטע, דעקאָלטירטע געסט. גאָר קיין רויש איז ניט געווען, און די שטרעמלעך טאַבאַק־רויך אויף די באַלקאָנען האָבן שטיל געקלעטערט אויף די גלייכע ווענט.

— ווי רויק, ווי אומענדלעך רויק, — האָט קורט געזאָגט.

ער איז געגאַנגען מיט אַ בלויזן קאָפּ, לאַנגזאַם, און האָט באַטראַכט מיט ליבשאַפֿט יעדעס ווינקעלע, גלייך ער וואָלט אָפּגעזוכט עפּעס אַ היימישע און לאַנג פֿאַרלאָרענע זאַך. אַנדרעי האָט געשוויגן.

קיין איין שפּאַציר, וואָס אונזערע פֿריינד האָבן דורכגעמאַכט אין די ווייטערדיקע יאָרן, איז ניט געווען אַזוי פֿרייוויליק און צוועקלאָז, ווי די נסיעה קיין ערלאַנגען. אָט פֿאַרוואָס מיר איילן זיך ניט צו פֿאַרלויפֿן דעם וועג און מיר גייען פֿריילעך טראָט נאָך טראָט איבער דער גאַס, צום עק שטאָט, איבערן בריק, און נאָך ווייטער — אויפֿן באַרג, וואָס איז באַדעקט מיט אַ געדיכטן וועלדל. ווער ווייס, אפֿשר איז דער דאָזיקער שפּאַציר — דער לעצטער אָפּרו, וואָס פֿולקומער פֿון איים — איז בלויז דער טויט?

דער באַרג, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן, ווי אַ קאָפּ מיט אַ טיכל, מיט אַ וועלדל פֿון ליפּעס, בעריאָזעס און קליאָנען, האָט זיך געדרייט אין אַ לעבעדיקן געווירבל פֿון קלאַנגען. די קלאַנגען האָבן זיך געשטויסן אויף איין אָרט, זיך געוואָרפֿן פֿון איין זייט אין דער אַנדערער, זיך צונויפֿגעדרייט אַזוי ווי שלאַנגען אַרום ביימער און זיך אויסגעשפּרייט אונטער די פֿיס. דאָ האָבן זיך געפֿונען אַלערליי אינסטרומענטן, וואָס דער מזרח און דער מערב האָבן אויסגעטראַכט און וואָס דער בעל־מלאכה און דער פֿאַבריקאַנט האָבן אויסגעאַרבעט: אַווטאָמאַטישע, בלאָזיקע, סטרוניקע און שלאָגיקע. און אַלע מיטאַמאָל האָבן געפּייפֿט ,געצימבלט, געקנאַקט, געזונגען, געשריען און האָבן קיין איין מינוט ניט אויפֿגעהערט. אַלע אָפּערעטעס און אָפּערעס, מאַזורקעס און וואַלסן, מאַרשן און גאַלאָפּן, וואָס זיינען ווען עס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אויף דער וועלט, ניט רעכע־

גענדיק די פייערלעכע אָראַטאָריעס, די טרויעריקע קאַנטאַטעס, ראַפּסאָדיעס, מענועטן, פּאָלאָנעזן און לידער — אָט די אַלע קלאַסן, פאָרמען און מינים פון מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, אין אַלע טענער און אין אַלע טעמפּן, וואָס זיינען באַקאַנט דער וועלט פון בעלי־חיים און די אָרגל־פאַבריקן — זיי אַלע האָבן זיך מיט דעם גרעסטן פלייס און פאַנטאַסטישן פאָרטיסימאָ אַנטשלאָסן צו לאָזן וועגן זיך הערן דאָ, אין דעם דאָזיקן באַרג, וואָס איז געווען באַדעקט, אַזוי ווי מיט אַ טיכל, מיט אַ וועלדל פון ליפּעס און קליאָנעס.

און דער באַרג האָט זיך גערדרייט, געדרייט.

אויף זיין שפּיץ, אין דער לענג פון די אַלייען, האָבן זיך געהויפט באַלאַגאַנעס, ביידלעך, קרעמלעך, קאַרוזעלן, פאַנאָפּטיקומס, פאַנאָראַמעס, קינאָס, היפּנאָטישע קאַבינעטן, הוידעס, שיס־ערטער אויף צו טרעפן אין ציל, מיט זאַלן אויף צו וועגן די כוחות און זאַלן פאַר ספּאָרט, און קיאָסקן מיט וואָרזאָגערס, און גראָטן מיט טרעפּעריגס. אויף דער דאָזיקער פאַרווייליונג איז יעדער מענטש געווען אַריינגעקלאַפּט אין דעם המון, ווי אַ האַרמאַט־פּראָפּן אין דעם פּולווערשיידל, און האָט זיך געהאָרכזאַם באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט געקענט דרייען מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן.

— שענסטע דאַמען, חשובסטע הערן! איך רוף אייך אויף אַ איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג, — איר זאָלט זיך אָפּשטעלן אויף צוויי מינוט סך־הכּל. די אָנשטרענגונג מוז געמאַכט ווערן, כּדי צו פאַרהאַלטן דעם אָנדראַנג פון יענע שעפּסן, וואָס שטרעבן צו פאַרנעמען אייערע ערטער. איר וועט דאָך ניט וועלן אָפּטרעטן אייער אָרט יענע שעפּסן, געערטע הערן! איין מינוט אויפמערקזאַמקייט. אָט ליגן פאַר אייך שלייקעס, וואָס זייער באַשיידענער אויסזען וואַרפט אַרויף אַ מרה־שחורה אויף פּראָסטאַקעס און דאָרפסלייט. אָבער מיר ווייסן דאָך, אַז די אמתע גוטע מידה איז שטענדיק באַשיידן. איר זעט, ווי איך ציי מיט אַלע כּוחות די דאָזיקע שלייקעס, איך רייס זיי, פליק זיי מיט די ציינער, ווי אַ לייב פון דעם האַמבורגער זאָאָלאָגישן גאָרטן, כ׳מאַך פון זיי קניפּלעך, כ׳האַק זיי מיט אַ האַק, אָט — האַק, האַק, האַק! — כ׳הייב אויף זיי אויף 25 קילאָ וואָג! איר זעט — זיי ווערן נאָך עלאַסטישער, ווייכער און אָנגענעמער, און ענדערן אַבסאָלוט ניט

זייער פאַרב, זייער פעסטקייט און צוציִענדיקייט. וואַרט, וואַרט! אָט לייג איך זיך אין וואַסער, כ'זייף זיי, כ'רייב זיי מיט אַ בערשטל...

— אַהער, אַהער, מאַדאַם! אָט איז אַ שירעם, וואָס איז באַרופן צו פאַרטיידיקן אייער אומפאַרגלייכלעכע הויט פון דער ברענענדיקער זון. לאָמיר אים פּרווון אָפּגיסן מיט וואַסער, לאָמיר אים פּרווון איבערקערן אויף דער לינקער זייט, לאָמיר פּרווון צעברעכן זיין הענטל אָדער דורכשטעכן אים מיט אַ פינגער — ס'גייט ניט! פון אַזאַ זייד האָט נאַפּאָלעאָן דער גרויסער אויפגענייט אַ קלייד פאַר זיין צווייטער פרוי— זיין געליבטע פרוי, ווי דאָס האָט פעסטגעשטעלט די היסטאָרישע וויסנשאַפט. ווען מען זאָל דעם דאָזיקן שירעם פאַרמאַכן מיט אַ געניטער האַנט, וועט ער ווערן אַזוי דין, ווי יענע נאָדל, וואָס דורך איר לעבל איז דורכגעגאַנגען דער קעמל אין דעם הימלישן קיניגרייך. ווען אייער באָבע וואָלט אים דערזען, ניט די קעמלטע פאַרשטייט זיך...

— אָ=ליאָ! אָ=ליאָ! פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען גרייט אויסצושטעלן די אויערן פאַר יעדער פלאַפּלער! דאַנקען גאָט, פון דער זון זייט איר באַשיצט דורך ביימער, צו וואָס=זשע דאַרפט איר זיך מרבה הוצאה זיין אויף שירעמס? דערפאַר האָט דער ערלאַנגענער מאַגיסטראַט אַריינגעשטופּט אין אייער אויפגעעפנטן מויל דעם גאַנצן שטויב פון אייערע גאַסן, און אייך וואָלט ניט געשאַדט דורכצושווענקען אים אַ ביסל מיט דעם אמתן לימאָנאַד מיט אייז און אויף ריינעם צוקער...

— טייערע מיינע, אין דעם נאָמען פון דער ציוויליזאַציע און די גוטע באַציִונגען פון די דייטשע בונד=מאָנאַרכיעס — בעט איך ביי אייך בלויז אַ האַלבע מינוט אויפמערקזאַמקייט. אַ גאָלדן קיימעלע, ערפונדן פון פּראָפעסאָר...

— פון ווען אָן האָבן עס דאַמען גענומען טראָגן אונטערהויזן אויף שלייקעס? גענוג שוין צו הערן דעם דאָזיקן שלייקעניק, צום טייוול מיט מיין נאָכמיטאָגדיקן אָפּרו...

— ס'הייבט זיך אָן, ס'הייבט זיך אָן!

— איר וועט באַלד זען אַ מענטשן, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך געשפּייזט מיט אַלטע לעדערנע זוילן. מען וועט עס פאַר אייך באַלד דעמאָנסטרירן...

— 500 מאַרק קריגט דער, ווער ס'וועט דערווייזן, אַז ער האָט אַנגערירט מיט זיינע אייגענע הענט דעם ליליפוט, וואָס איז קלענער פאַר פּאַנדי־ראַנדי־קאַקסאַ און האַלט 19 סאַנטימעטער די הייך און וועגט...

די חוט־פּנימדיקע אויסרופער, פון וועלכע עס רינט שוויים און גאַווער, טרינקען אַ גלעזעלע ליקער און שרייען ווידער אויס מיט הייזעריקע קולות, און פּאַמפּען אָן די אָדערן אויף די שטערנס און העלזער מיט בלוי שווער בלוט.

— ס'הייבט־זיך־אָן!

— ס'הייבט־זיך־אָ־אָ־אָן!

געשרייען פון די פּאָפּוגאַיען. אַ רעווען פון געלערנטע אייזלען, גראַמאָפאָנען, אָרגלס, קאַטערינקעס, אָרקעסטערס, די אָרקעסטרינען, די קלאַווירן און די איינזאַמע טיף דורכנעמענדיקע פידלען, און איבער דעם אַלעם — דער געוואַי פון מענטשלעכע קולות, אַ געוואַי, וואָס האָט צו זיך קיין ביישפּיל נישט און קיין פאַרגלייך ניט, אַ טיטאַנישער געוואַי. ווייל דער מענטש מוז פאַרדעקן אַלע קלאַנגען, דעם גאַנצן הו־האַ, דעם גאַנצן דונער פון די מאַשינעס, אינסטרומענטן, חיות און פייגלען. ווייל אין דעם דאָזיקן שיינעם, איינציקן יום־טוב אין יאָר—אין דעם קירכלעכן, זומערדיקן, ליבעם יום־טוב— דאַרף מען ניט בלויז פאַרקויפן, ניט בלויז ווייזן מיטן פּנים די סחורה, נאָר אויך לאַכן און וויצלען זיך און דערקלערן זיך אין ליבע.

— אָ, יאָ, דערקלערן זיך אין ליבע.

דעריבער דאַרף מען אַריינשרייען דער געליבטער אין אויער אַריין אויפן העכסטן קול, פונקט ווי מען וואָלט געקלונגען אין אַ גלאָק.

אָבער צי דען האָט זיך די אמתע ליידנשאַפט איינגעשלאָסן ווען עס איז אין אַן עלעגישן Piano?

אַך, די ליידנשאַפט, אַך, די יונגע, גרויזאַמע, אימפּעטפולע ליידנשאַפט!

זיצן אין דעם קאַרוזעל־וועגעלע, וואָס איז פאַרגאָסן מיט פּאַזומענטן, זיצן צוגעטוליעטערהייט, איינגעזויגן מיט דעם גאַנצן קערפּער אין דער באַשפּריצטער, הייסער, הערלעכברוסטיקער, אונטערגעפאַרבטער, עטוואָס פאַרשוויצטער מיידל, מיט וועלכער איך האָב זיך גע־

טראָפּן, צונויפגעשטויסן, זיך דערנעענטערט מיט אַ מינוט צוריק צווישן דעם עולם, וואו יעדער מענטש איז ווי אַ פּראָפּן אין אַ האַר־מאַט, — זיצן, — אַה, אַך, ניין! — פליען, טראָגן זיך, דרייען זיך, גלייך ווי אויף וואָלקנס. אָט איז אַ טונקעלער האַלבקרייז — אַ טונעל. פינסטער ווי אין אַ אויג — קיינער זעט ניט — אַ סעקונדע, נאָך, נאָך; אָט איז טאָג, אַ בליענדיקער, העלער; אונטער די פּיס — קוקן מענטשן, ווייזן מיט די פינגער, לאַכן; אָט איז ווידער פינסטער — קיינער איז ניטאָ, בלויז זי אַליין — אַ וואָסערע? — אַן אומבאַוואוּס־טע, אַ פּאַרדרייטע פון דער קאַרוזעל, — איין סעקונדע, נאָך, נאָך — ליכט, טאָג, מענטשן; און ווידער אין טונעל!

האָט דען די מענטשהייט אויסגעטראַכט אַן אַנדער מאַשין, וואָס זאָל איבעראַרבעטן די הערצער, די נשמות, די בליקן, די אָרעמס, די קושן — אָט דעם גאַנצן רוימאַטעריאַל פון ליבע — אין אַזאַ קרים־טאָלענעם און קאָנדענסירטן פאַבריקאַט פון גליק, ווי דער, וואָס ס'אַרבעט אויס דער קאַרוזעל, די דאָזיקע בישופדיקע צענטריפוגע פון אַמורן?

אָט די אַלע אַריבערגעוואָרפענע וויגן, אָט די אַלע טאַנצנדיקע לייטערס, די אומענדלעך לויפנדיקע שטעגעלעך, די אַמעריקאַנער בערג — זיי אַלע קענען ניט אויסאַרבעטן אַפילו דעם ווייניק דריטער־האַפטן סוראָגאַט, וואָס זיין פּראָדוקציע איז דער אומבאַרויקלעכער פּאַטענט פון דער קאַרוזעל. דאָס עכטע גליק, די איינציקע גליקזעליקע גירוואַנע אויף דער ערד, די אמתע שטורעמדיקע ליידנשאַפט (היט זיך פון נאָכמאַכונגען) — איז דער מאָנאָפּאָל פון דער קאַרוזעל.

פריי זיך, דו פּאָזומענטיקע, פילפאַרביקע, פלישערגאָלדיקע קאַרוזעל, וואָס פאַראייניקט דעם פערדישן לויף מיט דעם לייכטן וויגן זיך פון שיפלעך; וואָס איז אויף אייביק באַהערשט פון די קולות פון דער קאַטערינקע, אין אייביקער דרייעניש — פריי זיך!

ווען האָט זיך איינגעלעך אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה?

וויגנדיק זיך, שאָקלענדיק זיך, ווערנדיק געטראָגן פון דעם באַ־לאַנאַן צו די וויגן, פון די וויגן צו די ביידלעך, האָבן זיך קורט און

אַנדרעי אָפּגעגעבן דער מאַסע, איר זאָרגלאָזיקייט, אירע קאַפּריזן, אַזוי ווי געבאָרענע לייַדיקגייער, וואָלטן זיי ניט געקענט זאָגן, וויפל צייט האָבן בײַ זיי צוגענומען די אויסרופער, די סוחרים, די לצים און די הערן אין די אָפּגעריבענע פּראַקן, וואָס רופן זיך פּראָפעסאָרן פון נעווראָלאָגיע און פּסיכיאַטריע און שלעפּן אַרום מיט די אייגענע הענט אויף די ביינע-ברעטער פון די באַלאַגאַנעס די אויסגעמאָלטע שלאָפעדיקע סאָמנאַבולן.

אַז דער שטראָם האָט אַרויסגעטראָגן די פריינד אויף אַ גערוימען פּלאַץ, וואו מען האָט זיך פריי געקענט באַוועגן און אָטעמען, האָבן זיי איינע די אַנדערע באַקוקט און זיך צעלאַכט. צעשוויצטע און צעקוועטשטע, זיינען זיי געווען ענלעך אויף מענטשן, וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ שלאַקס רעגן. קורט האָט אויסגעשריען מיט אַנטציקונג:

— זע, אַנדרעי! אָט די דאָזיקע באַוואָנצטע, אָדער גאָר גרויע מענטשן, די דאָזיקע פּאָטערס, מוטערס, אפשר — זיידעס און באָבעס, זיי אַלע — זיינען קינדער, בײַ וועמען די שפּילצייג איז טייערער פון אַלץ. אַזאַ יום-טוב... אַזאַ נאַיווע פרייד...

— וואַרט, — האָט אים אַנדרעי אָפּגעשטעלט, — וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס, קורט?

— דאָ לערנט מען זיך טרעפן אין ציל.

אַנדרעי האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס, דערנאָך האָט ער אָנגעכאַפּט קורטן פאַר אַ האַנט, האָט זיך צוגעטוליעט צו אים מיט דעם גאַנצן קערפּער, גלייך ער וואָלט געזוכט שוץ און באַהעלטעניש.

— וואָס איז מיט דיר, וואָס טוסטו?

אַרום אַ קליינעם באַלאַגאַן איז געשטאַנען אַ געדיכטע פרידלעבע זשומעריי. אַן ענגע גרופּע מאַנסלייט איז דאָ אָפּגעטראָטן פון באַריער פון ביידל, דאָ אָנגעשפּאַרט זיך אויף אים. אויף אַ מרחק פון אַכט-ניין טריט פון באַריער האָבן, אָנגעזעצט אויף אײַזערנע דרענגלעד, אַרויסגעשטאַרצט צעשויבערטע, צעשלאָגענע מענטשישע קעפּ. צו יעדער קאָפּ זיינען געווען צוגעהאָפטן ברעטעלעך מיט די נעמען פון די פאַרברעכער, וואָס זייערע קעפּ האָט אַמאָל באַשטראָפט די גע-

רעכטיקייט, און איצט האָט די צאָרנדיקע האַנט פון דעם באַלאַגאַן־אײַגנטימער זײַ פאַרוואַנדלט אין שטראַשידלעס.

די שפּיל איז געווען זייער אַן אײַנפאַכע. מען האָט באַדאַרפט טרעפן אין קאָפּ אַריין מיט אַ גרויסער שמאַטענער פּילקע. די פּילקע האָט אָפּגעוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק, ער איז אומגעפאַלן און זיך באַהאַלטן הינטער דער לייוונטענער וואַנט. אַ מאָגער, בלייכפּנימדיק יינגל, וואָס איז אַרומגעלאָפן הינטערן טאָמבאַנק, האָט תּיכּף צוריק אײַנגעשטעלט דעם צילפּונקט און האָט אַ וואָרף געטאָן די פּילקע צו די פיס פון זיין באַלעבאָס, וואָס האָט אויפגעזאַמלט לעבן באַריער די שטראָף־געלט פאַר יעדן דורכפאַל.

די אַכטבעט איז געגאַנגען אָן אויפהער. די פּילקעס זײַנען געפלויגן פון דעם באַריער הינטער דער ליניע פון דעם צילפּונקט און צוריק; דער ווירט האָט געביטן די מאַרקן, האָט דערלאַנגט די פּילקעס די אָנטיילנעמער פון די פאַרוועטונגען, האָט זיך געבייזערט אויף דעם יינגל און האָט געזשלאָקעט ביר פון אַ קופל; דער עולם האָט דערווײַלע געפּלאַפּלט,האָט אונטערגעגעבן היץ און האָט געמאַכט חוזק, איז אָפּגעטראָטן, בעת דער ספּאָרטסמען האָט זיך צעוויגט, און האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן, בעת ער האָט אַ וואָרף געטאָן די פּילקע אין ציל.

דער קאָפּ, וואָס האָט געשטאַרצט אין צענטער פון טרעפּפונקט — מיט די שטעפּעכיץ פונם נאַכלעסיקן נאָט אויף דעם נידעריקן שטערן, מיט די אויסגעגלאָצטע ברוינע אויגן אויף דעם טיף־בלויען געזיכט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט קורצע, ראַזירטע האָר־שפּראָצונגען — דער דאָזיקער קאָפּ האָט באַקומען אַ באַזונדער סימפּאַטיע ביים עולם, און אין אים זײַנען געפלויגן פּילקעס נאָך פּילקעס. און אומגעפאַלן אויף צוריק, זיך באַהאַלטן, האָט ער זיך ווידער און ווידער אויפגעהויבן אויף דעם עלאַסטישן אײַזערנעם שטעקעלע און האָט טעמפּ אײַנגעגראָבן זיינע ברוינע, מטורפדיקע אויגן אין דער זשומעדיקער שווייסיקער מאַסע.

צו דעם קאָפּ האָט מען זיך געווענדט מיט צערטלעכקייט:

— קאַרעלע, קאַרלעניו, קאַרלשע.

און איבער אים איז געהאַנגען אַ ברעטעלע:

דער היהשער רוצח
דער שרעקלעכער באַנדיט
דער גזלן אינמיטן העלן טאָג
דער באַרימטער פרויענפייניקער
קאַרל עבערסאַקס
אין נירנבערג.

— וואָס איז דאָס? — האָט אַנדרע' ווידער אויסגעשריען.

— דאָס איז דאָך — ספּאָרט, — האָט זיך רויק דערהערט איבער זיין אויער.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען תיכף, ווער האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, און האָט זיך ניט געכאַפּט תיכף, אַז זיי זיינען געזאָגט געוואָרן אויף רוסיש. הייסט עס, אַז ביי אים האָבן זיך אויך אַרויסגעריסן רוסישע ווערטער?

— לאָמיר זיך באַקענען. איך בין אַ היגער סטודענט, מיין פאַמיליע... אַגב, איז דאָס ניט וויכטיק. איר און אייער פריינד זייט מיר געפעלן געוואָרן: איך אָבסערוויר שוין לאַנג, ווי איר געגעצט אין דעם דאָזיקן ווירװאַר.

די צוגעזשמורעטע, אַ ביסל מידע אויגן קוקן איראָניש און רויק, און אַזוי ווי אַ אומזיכבערער שמייכל צוקט דורך דעם מויל, דער סטודענט דריקט אַנדרעיען און קורטן די הענט.

— איר זייט אַ דייטש? — ווענדט ער זיך האַסטיק צו קורטן, — זייער שיין, וועלן מיר פּלאַפּלען אויף דייטש. אייער פריינד איז אַזוי איבעררראַשט פון דער פאַרוויילונג לעבן דעם דאָזיקן באַלאַגאַן, אַז ער איז אַזש בלייך געוואָרן.

אַנדרעי פּלייפט זיך אַרייננצוקוקן קורטן אין די אויגן און זאָגט:

— יעדנפאַלס, ווילן זיך קינדער ניט אַזוי.

קורט דריקט אַנדרעיען דעם איילנבויגן, גלייך ער וואָלט אים וועלן באַרויקן, און קוקט זיך צו צו דעם נייעם באַגלייטער.

יענער רעדט, און קימערט זיך ווייניק, צי מען הערט, וואָס ער רעדט:

— ספּאָרט איז, ווי באַוואוסט — אַ פיזישע דערציִונג. נאָר וויפל חכמה האָט אַרויסגעוויזן דער באַלאַגאַן־אייגנטימער, וואָס האָט פאַראייניקט דאָס נוצלעכע מיט דעם דערהויבענעם! וואונדערבאַר! דורך אַזאַ מין מיטל קענט איר ניט נאָר אויסגלייכן די מוסקלען פון דעם איינגעשטאַנענעם לאַנד־שטורמיסט, נאָר אויך אַרומשלייפן זיין מאָראַליש געפיל, איר קענט באַפעסטיקן זיין באַוואוסטזיין וועגן רעכט און אַזוי ווייטער. און כדי דאָס אַלץ זאָל ניט זיין ביז צום טויט לאַנגווייליק, פאַרזיסט מען די פּיל מיט זייער אַ פּיקאַנטער אָנצוהערעניש: דער פרויענפייניקער, און ניט פּשוט: פרויענפייניקער, — נאָר דער באַרימטער! אָט דאָס איז — די ערדישע חכמה! דאָ איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל רחבות פאַר דער פאַנטאַזיע פון טיצס אַן אָנגעשטעלטן! קיין איין יאַפּאָניש בילדל רייצט ניט אויף אַזוי זיין פאַנטאַזיע, ווי דאָס דאָזיקע קורצע שורהלע: דער באַ־רימטער פרויען־פייניקער! דער עיקר — וואָס אָט די גאַנצע געשיכטע איז דורכגעדרונגען מיט אַ פּאַטריאָטישער אידעע, מיט דער אידעע פון ערציִען די בירגער און גייסט פון מלוכישקייט.

— באמת עקלהאַפט! — האָט זיך אַנדרעי גענומען קנייטשן.

— כאַ־כאַ, ווען איך וואָלט ניט געווען אין אַ גוטער שטימונג, — האָט זיך קורט פונאַנדערגעלאַכט — וואָלט איך אייך גוט אָנגעפּראַקעט, קאָלעגע.

— פאַרוואָס?

— פאַר אייער פאַראַלגעמיינערן. אַ שאַרלאַטאַן מאַכט אַ פּאַסטקע פאַר נאַרעשעוואַטע מענטשן, און איר דרייט אַ ספּאָדיק מכּוח מלוכישקייט.

דער סטודענט האָט פאַרזשמורעט די אויגן, האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען. איבער זיין געזיכט האָט די גאַנצע צייט נעבלאָנזשעט אַ שמייכל, נאָר זיין אויסדרוק איז געבליבן אומבאַנעמלעך. ער האָט זיך אַזוי ווי אויסגעלאַכט פון זיינע רייד און האָט באַר זיך אַליין באַשלאָסן — צי מען גלויבט אים צי ניט.

— איר זעט אויס גלענצנד. איר זייט געוויס — אַ סטודענט, אפשר — אַ מאַלער? מיט איין וואָרט ביי אייך איז ניטאָ וואָס צו פרעגן. איך וויל זאָגן, אַז איר — זייט פאַנטאַסטן. און איך בין אַ ניכטערער, הגם איך בין ניט קעגן אַ ביסל משקה. לאָמיר גיין אַהין, אויפן באַרג, אין רעסטאָראַן. אָבער געוויינט זיך, ענדלעך, אָפּ צו גיין איבער די שטעגעלעך. ס'איז אָנגענעמער און נענטער און פרייער... כ'בין געווען, ליבע פריינד, אין פינף אוניווערסיטעטן, דערביי האָט מען מיך פון פיר אַרויסגעטריבן. די זאַך באַשטייט, אגב, ניט אין די אוניווערסיטעטן, נאָר אין דעם, וואָס איך האָב אין אַ קורצער צייט געלעבט אין פיר לענדער און זיך אויסגעלערנט שפּייען אויף אַלץ, אַזוי, אַז מיך איז שווער צו חושד זיין אין פּניותדיקייט. איך בין — אַ אינטערנאַציאָנאַלע בהמה. און אויב אייך בייסן די הענט, בין איך גרייט פאָרצוזעצן מיינע פאַראַלגעמיינערונגען, כדי צו באַקומען געפּאַטשט פאַר אַלץ צוזאַמען. איר זייט מסכּים?

אויפן גראָז האָבן גערוט מידע מענטשן אָן רעקלעך, אָן קאַפּעלושן, אונטער דער שוץ פון די שירעמס, וואָס מען האָט אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. די פריינד האָבן אויסגעמיטן דעם וועלדל און האָבן זיך ווידער געפונען צווישן אַ יום־טובדיקן עולם פון הוליאַקעס.

דאָ האָט זיך אויף אַ ברייט פּלעצל אויסגעשפּרייט דער רעסטאָראַן. די רייען לאַנגע טישן און בענקלעך האָבן זיך געצויגן אין דער גאַנצער לענג פון דעם פּלעצל און האָבן זיך אין גלייכע טרעפּ אַרויפגעהויבן צו דעם ביידל, וואָס איז געווען אַטאַקירט פון דער אָנגעקראָכמאָלטער מחנה קעלנערינס. די בענק זיינען געווען באַקלעפּט מיט געסט, אַזוי ווי סענקעס פון אַן איינזאַמען בוים — מיט אַ טשאַמע פעלד־קראָען. די טישן זיינען געווען געדיכט אויסגעשטעלט מיט ליימענע ביר־קופלען. באַלייבטע קעלנערינס האָבן, אויפהייבנדיק איבער די קעפּ די קופלען, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעקט אויף די פינגער, דורכגעשטויסן זיך צום ביידל, וואָס האָט פאַרדעקט די פעסלעך מיט דעם שוימיקן געטראַנק. די פאַרקויפערינס פון בלומען און סערפּאַנטין האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער די רוקנס פון די געסט און האָבן אַרייַנגעקוקט אין זייערע פּנימער מיט אַזאַ שמייכל, גלייך די אַלע מענטשן וואָלטן געווען זייערע געליבטע. איבער די קעפּ האָבן

זיך פֿאַרשיידנפֿאַרביקע סטעגעס פֿון סערפּאַנטין פֿאַרטשעפּעט אָן די צווייגן פֿון די ביימער. און זיינען געהאַנגען פֿאַרפּלאָנטערט, און פֿאַרפּלאָכטענע, האָבן זיי זיך געוויגט און האָבן זיך איבערגעריסן פֿון די שטויסן פֿון אַלץ נייע און נייע פּאַפּירענע שלענגלעך. דאָ האָט געהערשט געלעכטער.

די פֿריינד האָבן זיך אויסגעזעצט לעבן טיש אינדערהויך איבערן פּלעצל. זייער באַגלייטער איז אויך געווען צווישן זיי און האָט זיך נאָך דער ריי געווענדט דאָס צו איינעם, דאָס צום צווייטן, און האָט זיך געפּלייסט, מען זאָל אים הערן:

— אָט האָט איר אייך דעם אַלף-בית פֿון ביאָלאָגיע: ווען מען זאָל אַ וועלכן-עס-איז גליד ניט איבן אַ לענגערע צייט, הערט ער אויף צו פֿונקציאָנירן. לויט מיין מיינונג, זידלט מען אומזיסט די אָרגאַנישע טעאָריע. די געזעצן פֿון ביאָלאָגיע נעמען אַרום, אין תּוך, האָס גאַנצע פּסיכישע לעבן פֿון די פֿעלקער. די בלוט-נקמה האָבן די אייראָפּעער פֿאַרביטן אויף אַ דועל, און דער דועל האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאַנזורע: אַ ראַיִן געטאָן מיט דער ראַפּירע די באַק פֿון דעם קעגנער, און ער איז באַפֿרידיקט. אָדער נאָך בעסער: מען האָט אייך געגעבן אַ פּאַטש, דער ריכטער האָט דעם באַליידיקער באַשטראָפֿט — און די חרפּה איז אָפּגעוואַשן געוואָרן, איר זייט רויִק. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן פֿון אַ סך דורות ניט געפּלעגט די נקמה-געפֿילן. ביסלעכווייז האָט זיך עס אַטראָפֿירט.

— און וואָס ווילט איר דאָס אונדז איבערצייגן? — האָט אַנדרעי געפֿרעגט.

דער סטודענט האָט אָפּגעטרונקען אַ ביסל ביר פֿון קופּל, און פּלוצלונג איז זיין געזיכט איינגעפֿאַלן, געוואָרן פֿינסטער, אַלט, דער שמייכל האָט זיך אָפּגעטאָן, און ער האָט מיד אַרויסגערעדט:

— איך קיין זאַך ניט. מיך האָט געוויילט די נאַיִווקייט, מיט וועלכער איר האָט געגענעצט לעבן די באַלאַגאַנעס, און דערנאָך — אייער שרעק אַרום דעם ציל-פּונקט. מיר האָט זיך געוואָלט אַ ביסל פּלאַפּלען. מער גאָרנישט.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין אַנדרעיען

— דערהויפּט מיט אײַך, מיט רוסן. איך פרעג נאָר — ניט מער. בעת איר האָט צום ערשטן מאָל דערזען דײַטשלאַנד, איז אײַך ניט געקומען אויפן זינען רוים? איר פאַרשטייט? אַזאַ אויפבלי, אַזאַ עשירות, אַזאַ שפע, אַזאַ לוקסוס. אומדערטרעגלעך. איך שפּיר, אַז אונטער דעם באָדן פון גאַנצן לאַנד, אונטער דעם באַוואוסטזיין פון דעם גאַנצן פאָלק, ליגן גאַנצע שיכטן פון אָנגעשטרענגטן אומגעדולד. אַלץ אַרום איז אַזוי אָנגעזעטיקט, אָנגעגאָסן, אָנגעפילט, אַז ס׳מוז קומען אַן אויסלאָדונג, ס׳איז נייטיק, ס׳איז אומפאַרמיידלעך! אין אַלץ, וואָס רינגלט מיך אַרום, הער איך דאָס עטעמען פון עפּעס אַ שרעקלעכער פּאַטענץ. און איך זע, ווי דידאָזיקע פּאָטענץ וואַקסט, ווי זי שפּייזט זיך אָן אויפהער פון דרויסן, גלייך אַן אַקומולאַטאָר, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט עלעקטריע. איר האָט פאַרגעסן די געזיכטער פון די ספּאָרטסמענער? ס׳איז אײַך געוואָרן שרעקלעך? און איר האָט געפּרוווט אַ טראַכט טאָן, וואָס פאַר אַ קראַפט שטייט עס הינטער דעם דאָזיקן יום-טובֿ? מען איבט זי מיט אַזעלכע אומשולדיקע מיטלען, כּדי צו צילעווען מיט איר דערנאָך וואו מען דאַרף. איר האָט אַ השגה, וואו די קראַפט וועט געצילט ווערן? איר פאַרשטייט? איר שפּירט, ווי דער דאָזיקער כּוח טרייסלט אונטער אײַך די ערד? איר שפּירט, וואָס פאַר אַן אויסבראָך דאָס וועט זיין?

— וואָס מיינט איר עס? — האָט אַנדרעי פּלוצלונג אויסגעשריען.

דער סטודענט האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט:

— דעם אויסבראָך, — האָט ער טעמפּ איבערגעחזרט, — שפּירט איר? — און ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַראָפּצו, אויף די טישן, וואָס זיינען געווען אַרומגעקלעפּט מיט הוליאַקעס, ווי סענקעס מיט פעלדקראָען.

— אָט וועט איר זען!

מיט איין ריי נידעריקער פון דעם טיש, לעבן וועלכן זיי זיינען געזעסן, האָט זיך אויפן באַנק ברייט אויסגעשפּרייט דער סטודענט. דאָס אויסגעפּוצטע אין פאַרשיידענע קאָלירן קאָרפּאָראַנטישע היטעלע האָט זיך אַראָפּגערוקט אויף זיין גלאַטן, ראָזן קאַרק. ער איז גע-

ווען אָן אַ רעקל, די אַרבל פון דער העמד פאַרקאַשערט. הינטער אים איז געשטאַנען אַ פריילין מיט אַ קערבעלע סערפּאַנטין. ער האָט גענומען פון קערבעלע אַ ראָליק סערפּאַנטין, האָט אָנגעוויקלט אויפן פינגער אַ ברעג סטענגע, האָט זיך אַ היבשע וויילע געצילט, דערנאָך האָט ער דעם ראָליק אַ לאָז געטאָן אין דער ריכטונג פון דעם אונטערשטן טיש. אויפן וועג פלעגט זיך די סטענגע פאַרפּלאָנטערן אין די קניפּלעך פון דעם סערפּאַנטין, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון די ביימער, אָדער זי פלעגט אָנפליִען אויף דער אָנקומענדיקער סטענגע און פלעגט זיך איבערפלעכטן מיט איר, אָדער זי פלעגט דאָ אויף אַן אָרט בלייבן שטעקן אין די צווייגן פון דער ליפּע, און ניט באַווייזן זיך פונאַנדערצוּוויקלען. דער סטודענט האָט, ניט געזענערהייט, אַראָפּגעלאָזן די האַנט אין דער אונטערגעשטעלטער קערבעלע, האָט אַרויסגענומען אַ נייעם ראָליק און האָט זיך געקליגט אויסצומיידן די קאָמפּליצירטע נעץ פון שטערונגען מיט אַ נייעם וואָרף. ער איז אַריין אין אַזאַרט און האָט זיך מיט יעדן דורכפאַל אַלץ מער צעבערענט. ענדלעך איז אים געלונגען צו פאַרטשעפּען מיט זיין סטענגע דעם הערלעכן אָפּדאַך פון סערפּאַנטין, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון זיין ציל. ער האָט אים געגעבן אַ צי אַראָפּ אויף די קעפּ פון די געסט אונטער אַן אַלגעמיינעם געלעכטער. דאָס שלאַכט=פעלד איז געבליבן פאַר אים. ער האָט ברייט פונאַנדערגעשטעלט די פיס, האָט גענומען אַ גאַנצן בינטל סערפּאַנטין און האָט געעפנט אַ ענערגישן פייער.

זיין ציל=פונקט איז געווען אַ מיידל. זי איז געזעסן מיט אַ באַיאָרטער און חשובער דאַמע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווי אַ מוטער אָדער ווי אַ מומע. די ערשטע סטענגע, וואָס האָט דערגרייכט דעם ציל, איז אַראָפּגעפאַלן דער מיידל אויפן אַקסל. זי האָט פּאַוואָליע אַראָפּגעוואָרפן דעם סערפּאַנטין אויף דער ערד. ווינציק סערפּאַנטין איז דען דאָ געווען? ער האָט זיך געשאָטן פון אויבן ווי אַ רעגן און האָט געשאָרכט אונטער די פיס אַזוי ווי אָפּגעהובלטע שפּענער אין אַ סטאָלער=וואַרשטאַט. די צווייטע סטענגע האָט איר אַ זעץ געטאָן מיט דעם קנײלכל איבערן האַנט. זי האָט מיט אומגעדולד אָפּגעשליידערט דאָס קנײלכל. די דריטע האָט זיך לייכט אַראָפּגעלאָזן אויפן טיש, פאַר דער דאַמעס פּנים. דאָס מיידל האָט פאָרזיכטיק אַוועקגערוקט

די סטעגגע אָן אַ זייט און, פּלאַפּלענדיק וועגן עפּעס, האָט זי ניט אָן אַ כּוונה אָנגעוויקלט אויפֿן פֿינגער.

דעמאָלט האָט דער סטודענט אָנגעצויגן די סטעגגע און האָט זי מיט גרויס פֿאָרזיכט אַ ריס געטאָן. דאָס מיידל האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, איר בליק איז דורכגעלאָפֿן אין דער הויך איבער דער לופֿט־קייט, און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם סטודענטס געזיכט, וואָס האָט זיך, גלאַנצנדיק פֿון שווייס, צעגאָסן אין אַ שמייכל. זי האָט אַ שמייכל געטאָן שעלמיש און האָט מיט אַ קורצער האַנט־באַוועגונג צעריסן די קייט.

קורט און אַנדרעי האָבן געלאַכט. דאָס געזיכט פֿון זייער באַגלייטער איז ווידער יונג געוואָרן און האָט זיך צעשפּילט מיט אַן אומזיכערן שמייכל.

— איר ווייסט, — האָט ער געזאָגט, — אַז דעם דאָזיקן יום־טוב רופֿן די סטודענטן דער הינעקאָלאָגישער סעזאָן? ניין? דאָס איז אַ באַלערעוודיקע געשיכטע. אַ היגער פּראָפֿעסאָר, האָט צוטרעטנדיק צו זיין קורס, געמאָלדן: „ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר הייבן אָן די אַרבעט אין דעם ווינטער־סעמעסטער און מיר וועלן די ערשטע צייט ניט האָבן די וואוילווירקנדיקע מאַטעריאַלן, וואָס אַדאַנק זיי האָט די עמבריאָלאָגישע אָפּטיילונג געקראָגן אַ אַלוועלטלעכע רעפּוטאַציע; אין צוויי־דריי חדשים אַרום נאָך דעם ערלאַנגענער יאַריד זיינען אַזעלכע מאַטעריאַלן דאָ איבערגענוג”. איר חידושט זיך? אייך איז דאָס ניט פֿאַרשטענדלעך? דער פּראָפֿעסאָר האָט געוואוסט, וואָס ער האָט גערעדט. איינמאָל אין יאָר פֿאָרן זיך צונויף אין דעם דאָזיקן אייביק הונגעריקן שטעטעלע מאַסן פֿרויען. עס וואַרטן אויף זיי דאָ די סטודענטן און די סאָלדאַטן. איר מיינט, אַז זיי וואַרטן אומזיסט אויף די פֿרויען? אין אַ פּאָר חדשים אַרום קומט אַ געוויסער פּראָצענט פֿון די אַלע בלויאויגיקע כּלהס, ווייבער, קוזינעס און שוועסטער ווידער אין דעם גאַסטפֿריינדלעכן ערלאַנגען און ליגן זיך אַוועק אויף די בעטלעך פֿון די אוניווערסיטעט־קליניקעס.

— איר זייט מגזם און איר קוקט פּעסימיסטיש, קאָלעגע, — האָט קורט געזאָגט.

— איך בין מגזם? איך קוק פּעסימיסטיש? אַ, איר ראָמאַנטיקער! איר ווילט גיין אין געוועט, אַז אַט דער בורש וועט זיך זיינס דערשלאָגן ניט שפּעטער פאַר היינט אָוונט? קוקט, קוקט!

לעבן דעם סטודענט, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַנק, האָבן זיך געשטויסן די בלומענפאַרקויפערינס. צווישן אים און דעם מיידל לעבן דעם אונטערשטן טיש איז געווען דורכגעצויגן אַ גייע סטענגע סערפּאַנטין. דער סטודענט האָט זיך צוגערירט מיט די ליפּן צו דעם עק סטענגע, וואָס איז געווען פאַרקוועטשט אין פויסט, און האָט מיט זיין גאַנצן משאדיק־שווערן קערפּער אויסגעדריקט זיין אומגעהייערן באַגער צו דעם מיידל. ער האָט אויסגעקליבן אַ בלימל פון דעם אונטערגערוקטן קערבל, האָט אויף אים אָפּגעשטעמפּלט אַ קוש און האָט עם אַוועקגעשיקט מיט דער בלומענפאַרקויפערין צו זיין דאַמע. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן איבערן קאָפּ דעם ביר־קופל און האָט א ם אויסגעליידיקט אין עטלעכע זופּן. דאָס מיידל האָט צוגענומען די בלומען, האָט זיי צוגעטראָגן צום געזיכט און האָט אומבאַמערקט געוואָרפן שעלמישע בליקן אויפן סטודענט. יענער האָט אין איין אויגנבליק זיי איבערגעכאַפּט און האָט אויסגעדריקט זיין אַנטציקונג דורך מימיק און דורך זשעסטן, און דאָס האָט זי געמאַכט לאַכעדיק.

— ס'איז פריילעך, אויף מיין וואָרט, ס'איז פריילעך! — האָט זיך קורט צעלאַכט.

— גיט נאָר אַ קוק אויף זיין פיגור, — האָט דער סטודענט אויסגעשריען, — ער זעט דאָך אויס שרעקלעך! פּרוּווט אים נאָר שטערן, רייסט אים נאָר אָפּ אויף איין מינוט, וועט ער זיך אַרויפוואַרפן אויף אייך מיט אַן אַכזריות פון אַ קצב און וועט אייך צערייסן! און ער וועט דערביי שפּירן דעם גרעסטן תענוג, ווייל ער איז איבערפולט ביז איבערן ברעג מיט דער גרעסטער אומגעדולד.

— איר רעדט דאָס וועגן דעם דאָזיקן בורש?

— איך רייד וועגן אַלעמען.

— איר זייט אַראָפּ פון זינען.

— כאַ־כאַ! איר זייט — אַ קינסטלער! כ'האָב טאַקע אַזוי געקלערט! איר זעצט זיך צי דאָ און דאַרפט אויף אייערע לייוונטענע שטולכעלעך און קיין איין מאָל איז אייך ניט געקומען אויפן זינען,

אַז איר זיצט אויף אַ וואולקאַן. כאַ־כאַ־כאַ! איינמאָל, אין אַ חיותדיקן פרימאָרגן וועט עס אייך צערייסן אויף שטיקלעך צוזאַמען מיט די עסקיזעלעך, מיט די שירעמלעך און מיט די שטולכעלעך, ווי אַ פלעשל סאָדע־וואַסער אויף דער זון. אַ כאַפּטע בורשעס, אַט ווי די אַ, וועלן מיט זייערע קנאַפּל צעטרעטן אייער גהויסמוטיקייט.

— אַ מאַניאַק, — האָט קורט, אַפּרוקנדיק זיך פון דעם סטודענט אַ זאָג געטאָן.

— וואַרט־צו, — האָט יענער געענטפערט און אַריבערגעוואָרפן די פיס איבער דעם בענקל, — איך דאַרף זיך זען מיט איינעם אַ אידיאַט. איך וועל זיך תיכף צוריקקערן און וועל אייך פאַרענדיקן מיין געדאַנק.

— איר דאַרפט זיך ניט מטריח זיין, — האָט קורט געענטפערט.

— מיר ווילט זיך אַריינבויערן אייך, — ניט אייך, ניט אייך, קאָלעגע, נאָר אַט דעם לאַנדסמאַן מיט דער שיינער נשמה, אַז... איך וועל אייך שפּעטער זאָגן, וואָס...

ער האָט זיך גענומען דרייען און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער האַלב שיכורער, רווישיקער מענטשישער שטופּעניש.

— לאָמיר אַוועקגיין, — האָט אַנדרעי געזאָגט, און אין זיין בליק, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פריינדס געזיכט, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זאָרג.

אַז זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צו די באַלאַגאַנעס און אַלץ אַרום זיי האָט זיך גענומען טראָגן אין אַ אָרגלמעסיקער ברומעניש, האָט קורט אַ זאָג געטאָן:

— ער איז געווים קראַנק, דער דאָזיקער בחור

און וואַרטנדיק אַ ווײַלע, האָט ער מיט אַ לעבלאָזן שמייכל אַרויסגערעדט:

— מיר וועלן זיך פאַרווײַלן אַן אים, אַ?..

* * *

בייגאַכט האָט זיך קורט, אויפן וואָקזאַל, אין דער ענגשאַפט און די אַמפּערייען פון די מענטשן, וואָס זיינען געקראָכן אין די וואַגאָ־

נעם — מיר פון דער זון, פון די קאַרוזעלן, פון די משקאות און פון דעם המון, — ווידער אַריינגעלאָזן אין מחשבות מכּוח ליבע און איז געווען באַגייסטערט פון דעם געלעכטער, פון די לידער און פון דער נאַכט.

— מיר וועלן סיי־ווי־סיי ניט קענען אַריינקריגן זיך אין צוג, אַנדרעי. לאָמיר פאַרענדיקן דעם יום־טוב אויף דעם אַלטן שמייגער: מיר וועלן אָפּזוכן אַ האָטעל, וועלן איבערנעכטיקן, און מאָרגן באַגינען — צופוס אַהיים, אין אונזער וואונדערלעכער, אין אונזער שיינער...

קורט האָט ניט דערענדיקט. זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ פּיראַמידאַל ביימעלע, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט לעבן טיש אין עק זאַל.

— אָבער יענער בחור, — האָט ער אַ וואָרטשע געטאָן, — יענער, וואָס איז צוגעשטאַנען צו אונז היינט, איז דאָך ניט אינגאַנצן אומגערעכט, דער טייוול זאָל עם נעמען!

הינטער דעם פּיראַמידאַלן ביימעלע איז אויפן טיש געשטאַנען אַ העל־געלער האַנט־רענצל. הינטער דעם רענצל האָט זיך אויף אַ לעדערנעם דיוואַן צעלייגט דער סטודענט, האָט אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך דאָס יונגע מיידל. מיט עטלעכע שעה צוריק האָט זיי דאָרטן, אויפן באַרג, אין דעם באַלאַגאַנישן רעסטאָראַן, פאַראייניקט בלויז די פאַפּירענע סטענגע פון סערפּאַנטין. זייערע אויגן האָבן געבלאַנקעט מיט פוילע פייערן. דער סטודענט האָט אַ פּאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן, אפילו ניט מיט דער האַנט, אפילו ניט מיט דער דלאָניע, נאָר מיט די בלויזע פינגער, וואָס זיינען געווען צוגעפגעלייגט שטייף און גלייך. דער דאָזיקער זשעסט — אַ ליימזעליקליבלעכער און גרינגשעצנדיקער — האָט געהאַט אַ שייכות צו דער באַזאָרטער און השובער דאַמע־מוטער אָדער צו דעם מיידלס מומע. די דאַמע איז געשטאַנען פון וויטן, האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — מען האָט ניט געקענט פאַרשטיין — צי מיט פאַרוואורף, צי מיט מיטלייד, צי מיט אויפמונטערונג. איר היטעלע האָט זיך אַראָפּגערוקט אויף אַ זייט, און די בינטלעך האָר,

וואָס זיינען אַרויסגעפאַלן פון אונטער איר הימעלע, זיינען געווען פייכט. דער סטודענט האָט פרידלעך געמורמלט:

— Adieu, Frau maman, adieu!

אַנדרעי און קורט האָבן זיך אַרויסגעקראָגן אויפן גאַס.

איבערן פּלאַץ זיינען געגאַנגען אַ כאָפּטע שרייער, אַ מאַן זיבן, האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און געבילדעט אַ פעסטע קייט, וואָס האָט זיך געוויגט רעכטס און לינקס. מיט הויכע שטימען האָבן זיי געזונגען אין אוניסאָן:

Die Maäner sind alle Verbrecher,
Jihr Herz ist ein finsteres Loch,
Die Frauen sind auch nicht fiel besser,
Aber lieb,
aber lieb
sind sie doch!

DICHTUNG UND WAHRHEIT.

— אָן קיין שום אָנשטרענגונג קענסטו זיך אַריבערטראָגן אויף הונדערטער יאָרן צוריק. דו לעבסט שוין ניט אין דער ציוויליזאַציע. די פאַנטאַזיע רעסטאַווירט לייכט די קלענסטע שטריכן פון דער פאַרגאַנגענהייט — דו זאָלסט זיך נאָר ניט שטעלן איר אַנטקעגן, ניט מאַכן קיין שטערונגען, ניט שלעפּן זי מיט גוואַלד אַראָפּ, אויף דעם היינטיקן אָוונט... און געדענק, דו ביסט דאָך שוין עפּעס אַ מייסטערגעזעלן, דו איילסט זיך צו קומען ביז פינסטער אין שטאָט אַריין, דו ווייסט זי, זעסט זי, שפּירסט זי, ווען איר רעדט מען אין די איינפאָרהייזער און אין די האָטעלן, ווען איר דערציילט מען עפּעס שעפּטשענדיקערהייט, ווען איר זינגט מען לידער. די דאָזיקע זעלטענשיינע שטאָט, מיט די גוטע מייסטערס פון אַלע איידעלע צעכן, מיט דער וואונדערלעכער קירך פון דעם הייליקן לאָרענס, וואָס קען זיך פאַרמעסטן אפילו מיט דער שטראַסבורגער קאַטעדראַלע, מיט די וואונדערלעכע פאָנטאַנען, מיט דעם אויסגעצייכנטן מאַרק און מיט די זעלטענע געבראָטענע וואורשטלעך. דו ביסט מיט יעדן טראָט נעענטער צום

ציל, און מיט יעדן טראָט ווערט קלענער דיין מידקייט. דו גייסט אַרויף אויף אַ בערגל און פֿאַר דיינע אויגן, אין דעם ריגג פֿון דער הויכער וואַנט, אין די טורעמס, אין די ביימער, אין די בלומען, שפּרייט זיך אויס די שטאָט. דו זעסט די טויערן, דו ווילסט אומבאַדינגט אַרייַנגיין אין זיי פֿריער, איידער די זון וועט זיך פֿאַרקייקלען הינטערן האָריזאָנט. דו לויפֿסט. נאָר אין דער אָוונט־פֿינצטערניש בלייבט פּלוצלונג הענגען אַן אויפֿרעגנדיקער אומעטיקער פֿייף. אַנטקעגן דיר גייט אַ הויכער מאָגערער מענטש. זייגע האָר זיינען צעפּלאָשעט, די אויגן האַלב אָפֿן. ער פֿייפֿט אונטער אויף אַ פּאַסטעך־פֿייפֿעלע אַ איינטאָניק ניגונדל און שפּרייזט לייכט, כמעט ער גליטשט זיך איבערן וועג, אַזוי ווי אַ לונאַטיקער. וואָס איז דאָס, וואָס איז דאָס, אַנדרעי? הינטער אים בייגט זיך אויס דער וועג־פֿאַס, וואָס איז ענלעך צו אַ קאָס פֿון אַ כוואַליע, וועלכע קען ניט דערגרייכן דעם ברעג. ער איז גרוי, דער דאָזיקער וועג־פֿאַס, און ווימלט מיט עפּעס באַשעפֿענישן אַזעלכע, אַנדרעי, — דאָס זיינען פּאַצוקעס, פּאַצוקעס! זיי שפּרייטן זיך אויס איבערן וועג, ווי אַ געדיכטע לאַווינע, קלעטערן אַרויף איינע אויף די אַנדערע מיט די פֿאַרשטאַרטע שוואַרצע פּאַמעשערקעס־אויגן, מיט די אויסגעשטשירעטע גאָמבעס. שטיי, שטיי, ריר זיך ניט! זיי וועלן דיך אויסמיידן, זיי באַמערקן גאָרנישט, זיי זעען גאָרנישט, זיי ווילן נאָר איין זאַך: — הערן דעם אומעטיקן פֿייף פֿון דעם מענטשן, וואָס האָט זיי אַרויסגערופֿן פֿון די נאָרעס און די לעכער פֿון די שפּייכלערס אויפֿן גאַס און האָט זיי אַוועקגעפֿירט נאָך זיך אין פֿעלד אַריין. אַ ייִל זיך: צוליב דער מחנה פּאַצוקעס פֿאַרמאַכט מען די שטאָטישע טויערן. די זון האָט זיך געזעצט. דיר איז קיל, די מידקייט איז אַראָפּגעפֿאַלן. דו גייסט אַריין אין שטאָט...

— דו גייסט אַריין אין שטאָט, — כאַפּט אונטער אַנדרעי, — און תיכּף רינגלען דיך אַרום די אויפֿגערעגטע געזיכטער פֿון בעלי־מלאכות, דינסטן, קליינוואַרג — די זעלביקע שטאָט־מענטשן, וואָס לאַכן אַזוי הילכיק אויף דעם זינגער־פֿאַרוועט און יאָמערן אַזוי ביטער, זעענדיק די ליידן פֿון אונזער האַר יעזוס אין דער מיסטעריע אויפֿן מאַרק־פּלאַץ. זיי זיינען איבערגעשראָקן, זיי פֿרעגן דיך אויף מיט די אויגן, זיי ווילן אומבאַדינגט וויסן, צי האָסטו ניט געהערט וועגן יענעם

אויסטערלישן יינגל, וואָס האָט זיך באַוויזן ביי זיי אין שטאָט היינט פאַרטאָג? דו ביסט דאָך—ניט קיין היגער? און דו קומסט געוויס פון ווייט, דו האָסט אַ סך געזעען און דו ווייסט אַ סך. איז אָט, האָט זיך היינט אינדערפרי באַוויזן אַ יינגל, וואָס קיינער קאָן אים ניט. ער איז בלאַס, אַזוי ווי פּאַפּיר, זיין הויט איז דורכזיכטיק, ער איז אַזוי דאַר און שוואַך, אַז ער קען ניט גיין קיין פינף טריט. ער האָט שיינע בלויע אויגן, זייער לאַנגע האָר, וואָס מען האָט, מן הסתם, קיינמאָל ניט געשאָרן, און זיינע ווייך, אַזוי ווי פוך. לויט זיין וואוקס, איז אים אפשר אַ יאָר פופצן, נאָר ער איז הילפלאָז, ווי אַ קליין קינד. פון זיין בליק ווערט אימהדיק — אַזאַ רייגער, אומשולדיקער בליק איז עס. נאָר וואָס ס'איז צומערסטן שרעקלעך, — איז דאָס, וואָס ער קען קיין איין וואָרט ניט ריידן, גלייך ער וואָלט אָט־ערשט געבאָרן געוואָרן. נו, אָט ביסטו געקומען פון אַן אַנדער שטאָט, פון האַללע, פון פראַנקפורט, אָדער גאָר אפשר — פון סאַמע ריין. האָסטו אין ערגעץ ניט געהערט וועגן דעם דאָזיקן יינגלינג? איז דאָס טאַקע אמת, אַז עפּעס אַ רוצח האָט אים געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין אַ פינסטער קעמערל, און — פון זינט זיין געבוירנטאָג אָן — האָט ער ניט געזען קיין איין מענטשלעך געזיכט און ניט געהערט קיין מענטשלעך קול?

— און דו האָסט זיך אויך איבערגעשראָקן, — זאָגט קורט און נעמט אָן אַנדרעיען פאַר די אַקסלען. — דו ביסט אַליין אומרויק, ווי די דאָזיקע גוטהאַרציקע מענטשן, דאָס קלאַפּן פון דיין האַרץ פאַלט צונויף מיט דעם קלאַפּן פון דער שטאָט־האַרץ, דו ביסט אַריינגעצויגן אין איר לעבן און דו לעבסט מיט דעם לעבן, גלייך דו וואָלסט דאָ געבאָרן געוואָרן און אויסגעוואַקסן...

די פריינד גייען שנעל, פוס אין פוס, איבער דעם גלייכן מיט געדיכטע שטיינער אויסגעלייגטן וועג. ביי די זייטן ציען זיך רייען פון קורצשטאַמיקע עפּלביימער מיט הערלעכע קרוינען, אַריינגענומען אין אין געל ווערנדיקע קויקן פון האַלב־רייפע פרוכטן. די פיס זיינען באַדעקט מיט גרוילעכן דינעם שטויב, נאָר דער טראָט איז נאָך אַלץ לייכט און מונטער. פאַראויס, הינטער דעם משופּעדיקן בערגל, ערגעץ־וואו אין הימל העננט אַ רויכפאַרביקער לייכטער אָפּדאַך. דאָרטן —

איז די שטאָט. די פריינד קוקן אַהין, פאָראויס, אין הימל, אויפגעהויבן אַ ביסל די אַנטבלויזטע, צעפּלאָשעטע קעפּ.

— דו עטעמסט מיט דער ברוסט פון דער דאָזיקער שטאָט. זי הילט דיך איין מיט איר ווען, אַזוי ווי אַ שלאָף. אַלץ, וואָס עס געשעט דאָ, געשעט אין דיר. דו לעבסט פון וואונדער צו וואונדער... דאָס יונגל, וואָס האָט זיך געשפּילט לעבן קלויסטער פון דעם הייליקן לאָרענס, האָט געזאָגט: דער טייוול זאָל מיך נעמען! ערשט ער איז דאָ, דער טייוול: איין רגע — דאָס יונגל צאַפּלט זיך ביי אים אונטערן אָרעם, און דאָס יונגל איז שוין אונטער דער ערד, און אויף דער ערד איז געבליבן בלויז אַ לעבעלע. צי דען איז דיר אַ נפקא־מינה, וואָס פאַר אַ הערנער דער טייוול האָט געהאַט, און וואָס פאַר אַן עק ביי אים איז געווען, און וואָס פאַר אַ ריח עס האָט זיך געהערט פון אים? און דו וואָלסט דען ניט געלאָפן אין בורג אַריין, כדי צו זען מיט דיינע אייגענע אויגן די שפּורן פון די קלויען אויף דער וואַנט פון יענעם פערד, וואָס איז אַריבערגעשפּרונגען אַריבער דעם פעסטונגס־גראָבן און האָט אויף זיך אַוועקגעטראָגן דעם רוצח?

די פריינד האָבן זיך אָפּגעשטעלט. פּונקט אונטער זייערע פיס האָט זיך גלייכמעסיק אַוועקגעצויגן דער וועג צו די פלעקן פון די העלע קוואַדראַט־פעלדער. די נייע שטאָט האָט מיט אַ טריבן קרייז אַרומגעגאַרטלט די אַלטע שטאָט. פינף טירעמס, ברייטע און שווערע, האָבן אָבסערווירט דעם געגנט. איבער די אויגעדרענגטע פינסטערע הייזער, וואָס זיינען צונויפגעוואַקסן געוואָרן אין אַ שטיינערנער ברוסט ניט אַ ריר צו טאָן, איז מיט אַ קרוין פון יאָרהונדערטן געלעגן דער ראָזיקער בורג.

— נירנבערג! — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי קורטן.

— נירנבערג! — האָט אַנדרעי איבערגעחזרט.

זיי זיינען געשטאַנען אומבאַוועגלעך און האָבן זיך געצויגן מיטן גאַנצן קערפּער פאָראויס, ווי וועג־לייט אין דעם מדבר צו אַ פּלוצלונג דערזעענעם ברונעם. דערנאָך האָט קורט אָנגעכאַפּט אַנדרעיען פאַר די הענט, האָט אים צוגעצויגן צו זיך, האָט מיט אַ העפטיקער, אייליקער באַוועגונג אַריינגעקוקט אים אין די אויגן — גלייך ער

וואַלט געוואָלט איבערגיסן אין אַנדרעיען די גאַנצע התפעלות זיינע, און זיי האָבן זיך צעקושט.

— אויף שטענדיק! — האָט אַנדרעי אַרויסגערעדט.

— אויף שטענדיק!

געגומען זיך פאַר די הענט, האָבן זיי פּלוצלונג אַרויסגעלאָזן אַ לאַנגן אויסגעשריי אָן ווערטער און זיינען אַוועקגעלאָפן אַראָפּצו, אין שטאָט אַריין.

* * *

ס'איז געווען אָוונט־צייט.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ פון זיינע מאַנסאַרדעס, האָט קורט באַגעגנט אַן אָפיציר. דער אָפיציר איז געווען יונג, באַוועגלעך, און פון זיין גאַנצער האַלטונג האָט זיך אַרויסגעזען אַ פרייקייט און אומגעצוואונגענקייט. דער אָפיציר האָט סאַלוטירט:

— קענט איר מיר ניט זאָגן, וואו וואוינט דאָ דער הער קינסטלער וואַן?

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?

דער אָפיציר האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ טרעפּל העכער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פּונקט אַנטקעגן קורטן, האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט כמעט אויסגעשריען:

— אַך, דאָס זייט איר טאַקע אַליין! כ'האָב אייך דערקענט נאָך דעם אַוטאָפּאָרטרעט — איר געדענקט, אַזאַ קליינע בלייפעדער־צייכענונג?

— איר... איר... — האָט קורט אַרויסגעמורמלט און האָט זיך פּלוצלונג אומגעקערט, כדי אַראָפּצוגיין. נאָר תיכּף האָט ער זיך באַטראַכט און איז אַריבערגעשפּרונגען איבער צוויי טרעפּלעך אויף אַרויף. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אויף אונטן, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם אָפיציר, האָט אַ דריק געטאָן זיין אויסגעשטרעקטע האַנט און האָט דיימלעך, מעשה־זעלנער אַרויסגערעדט:

— בין זייער צופרידן, הער לייטענאַנט.

— איר איילט זיך, קענטיק? כ'בעט אייך, איר זאָלט מיך רופן פשוט — פאָן שענאַו. מעגלעך, אינגאַנצן עטלעכע מינוט... כ'וועל אייך ניט פאַרהאַלטן. און כ'בעט אייך, פשוט — פאָן שענאַו.

— כ'בין זייער צופרידן, — האָט קורט איבערגעחזרט און האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט אין דער הויך.

— איך האָב אַייך אויפגעזוכט אָן איבעריקער מי, — האָט דער אָפיציר געזאָגט און האָט זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ, — הגם מיין אַגענט, מיט וועמען איר האָט ביז איצט געהאַט צו טאָן, האָט פאַרזיכערט, אַז אַייער אַטעליע איז בכלל אוממעגלעך צו געפינען. כאַ־כאַ! כ'האָב מורא, אַז דער דאָזיקער בעל־טובה וויל אומבאַדינגט אַיינהיטן די מחיצה צווישן מיר און אַייך. אַגב, זאָגט, וואָס פאַר אַ סומע האָט איר באַקומען פון אים דאָס לעצטע מאָל אַלס אַוואַנס?

— פינף הונדערט מאַרק.

— אַזוי! דאָס פאַרשאַפט אים כבוד, כאַ־כאַ!

קורט האָט געעפנט די טיר און האָט פריער דורכגעלאָזן דעם אָפיציר.

— אָט דאָס איז אַייער אַטעליע? אַזוי! אָט ווי די אמתע גרויסע מענטשן זיינען באַשיידן.

— איך בין אַייך זייער דאַנקבאַר, הער פאָן שענאַו, נאָר...

— באמת, איך שפּאַס דאָס. כ'האָב זיך געוואָלט מיט אַייך טרעפן. דער גוטהאַרציקער מענטש, מיט וועמען איר האָט געהאַט אַ עסק, האָט אַייך דערציילט, מן־הסתם, ווי איך שאַץ אַייער טאַלאַנט. איך האָב האָד בכלל ליב קינסטלער. לויט דעם קאָנטראַסט: ביי אונז איז אַלץ אַזוי קאָמפּליצירט — פאַרשטייערשאַפט, עטיקעט, און איר — זייט פשוט. זאָגט. דאָס איז אַייער נייער לייוונט? קערט אים איבער, קערט אים איבער, אָט... אָט אַזוי. דאָס איז אַלס אַוואַנס, וואָס? כאַ־כאַ!

— אַנטשולדיקט, הער פאָן שענאַו, נאָר כ'האָב שוין דאָס דאָזיקע בילד פאַרשפּראָכן אַן אַנדער פּערזאָן... אייגנטלעך דעם נירנבערגער מאַגיסטראַט..

דער אָפיציר האָט זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעל, האָט זיך אויסגעבויגן פּאַראַיים און זיך אָנגעשפּאַרט מיט דעם איילנבויגן אויף דער קני. זיין געזיכט איז געוואָרן קליין, דער ברייטער שטערן מיט דעם הויכן שטריך, וואָס האָט זיך ביי אים געבילדעט פונם

הימל, איז אויסגעוואַקסן, דער מויל האָט זיך שאַרף און קלאָר אָפּ־געצייכנט. ער האָט געקוקט אויפן בילד.

— וואָס האָט איר דאָרטן געזאָגט? — האָט ער אַ ברום געטאָן.

דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעריסן פון לייוונט:

— מיר האָט זיך געדוכט, אַז איר האָט עפּעס געזאָגט אַ נאַ־רישקייט, הער וואַן?

קורט האָט אַ שפּריז געטאָן צו דעם גאַסט, און זיין שטימע איז געוואָרן שווער:

— כ'האָב זיך געקליבן אייך אָפּצודאַנקען, הער פאָן שעגאַו... כ'האָב אייך געוואָלט אומקערן דעם אַוואַנס...

דער אָפיציר איז האַסטיק אויפגעשטאַנען, האָט די האַנט אַרויסגעוואָרפן פאָראויס, קורץ און שאַרף, ווי אַ גימנאַסט:

— גיט!

— צום באַדויערן, אין איצטיקן מאָמענט... האָב איך...

— איר רעדט שטותעריין, מייערער וואַן. איך גיב אייך די מעגלעכקייט צו אַרבעטן. איך יאָג אייך ניט. איר קענט מאָלן איין מאָל אין דריי יאָר אַ בילד, אַדרבא. איך באַזאָרג אייך. איך שטעל אייך ניט קיין שום באַדינגונגען, אויסער איינע: פון דעם דאָזיקן אַטעליע דאַרפן די בילדער וויסן בלויז איין וועג — צו מיר אין מיין זאַמלונג.

— אַ חרפּה!

דער אָפיציר האָט געהאַט אַ קלאָר און שאַרף אָפּגעצייכנטן מויל, און זיינע ווערטער זיינען אויך, ווי דער מויל, געווען קלאָר און שאַרף:

— דער הער קינסטלער פאַרשטייט, אַז מיט אים רעדט אַן אָפיציר, דער אָפיציר לייגט פאָר, דער קינסטלער איז מסכּים אָדער ער זאָגט זיך אָפּ. איר זאָגט זיך אָפּ?

— מיין גאָט! איר באַרויבט דאָך מיך פון דעם וויכטיקסטן, איר נעמט דאָך ביי מיר צו...

— איך פאַרשאַף אייך כּבוד. איר זייט באַקאַנט מיט דעם קאַטאַלאָג פון מיין זאַמלונג? וואַן־דעיק און רובענס, די פראַנצויזן,

און געענדיקט מיט סעזאַנען, מיט די דייטשן, ביז קלינגערן, כ'האָב אָפּגעגעבן פֿאַר אײַך אַ גאַנצע וואַנט.

— פֿון מיר ווייס קיינער ניט. איך אַרבעט... איך אַרבעט...

קורט כאַפּט זיך אָן אָן דעם אָנלען פֿון דיוואַן, שטויסט מיט די פּיס דעם לייוונט־אָנציער, רעדט אַרויס מיט אַן איבערגעריסענער שטימע, גלייך ער וואָלט אויסגעגאַנגען פֿון דאָרשט:

— איך אַרבעט אויף אײַך!

— איר מיינט עס מיט אַן אמת? וואַן, וואַן, איר זייט משוגע, ווי אַ זשעני. איר ווילט דורכגיין אײַער וועג טריטוויַז, און איך פֿאַרזיכער אײַער צוקונפט מיט איין ריר. פֿון אײַך ווייס קיינער ניט! און איך וועל מאַכן אַזוי, אַז פֿון אײַך זאָל וויסן די גאַנצע וועלט. כ'וועל דאָס מאַכן.

קורט פֿאַלט אויפֿן דיוואַן.

— אָבער דעם דאָזיקן לייוונט... טאַקע אָט דעם, איך בעט אײַך. כ'האָב אים געוואָלט זען אין מאַגיסטראַט. דאָס הינפעלע פֿון דעם דייטשן. מוזעי — ס'איז אונזערס, נירנבערגיש, ס'איז אַזוי נאָענט...

— וואַן, גענוג צו ריידן גאַרישקייטן! מיר וואָלט געוועז אומאָנגענעם איבערצולאָזן אײַך אין אַ שלעכטער שטימונג. אַגב...

דעם אָפּיצירס שטערן וואַקסט ווידער, דער רויטער שטריך פֿון דעם היטל ווערט בלאַס און פֿאַרשווינדט. דער אָפּיציר קוקט אויפֿן בילד.

— גוט. זייער. וואָס פֿאַר אַ גליק ס'איז צו אָבסערווירן אײַער וואַקסן. איר ווייסט...

דער אָפּיציר שטייט אויף, גייט צו צו קורטן, נעמט אים אָן פֿאַר די אַקסלען און קוקט זיך אײַן אין זיין געזיכט, פּונקט ווי אין דעם געזיכט פֿון אַ זעלנער — אויפֿמונטערנדיק:

— איר ווייסט, איר זייט — דער בעסטער פֿון די קינסטלער פֿון אײַער הור. איר זייט דאָך ניט קיין סך עלטער פֿון מיר, אַ?

דערנאָך באַקוקט ער ווידער דאָס צימער, נעמט אַרויס פֿון קעשענע אַ וויזיט־קאַרטע, שרייבט־אויף אויף איר עטלעכע ווערטער און זאָגט, אַזוי ווי פֿריער, פֿול מיט יונגשאַפֿט:

— איך בין דאָ דורכפאָרנדיק. בין זייער צופרידן, וואָס כ'האָב אייך דערוואוסט. אָט, נעמט, ס'וועט אפשר צוניץ קומען. און צום ווידערזען. איך וועל אייך אומבאַדינגט איינלאָדן צו זיך, קיין שענגאַי. איר וועט זען, וואָס פאַר אַ וואַנט איך האָב אייך אָפּגעגעבן. צום ווידערזען.

דער אָפיציר דריקט די האַנט, שאַרכט מונטער און פריידיק מיט דער אוניפאָרם, פאַרמאַכט רווישיק נאָך זיך די דינע גלעזערנע טיר.

קורט זיצט אומבאַוועגלעך.

פון אונטן, פון גאַס, הייבט זיך אָפּ דער דאָס אָוונט־געריידן פון די אַרבעטער, וואָס קערן זיך אום פון די פאַבריקן. ס'הערט זיך, ווי איבער דעם ברוק שאַרכן די וועלאָסיפּעדן־שיינעס. אין אַ ווינקל ציטער מוליעט זיך דער בין־השמשות. דער לייוונט אויפן מאָלבערט שטראַלט אָפּ מיט רויט.

קורט שפּירט אין זיין האַנט די וויזיט־קאַרטע. ער טראָגט זי צו צו די אויגן.

מיט אַ בלייער:

ארויסגעבן 200 אויפן חשבון פון דעם האַנדאַר.

פאַר „דעם הויפּל פון דעם דייטשן מוזעי".

מיט דרוק־פאַרב:

לייטענאַנט פאָן צור מולען שענגאַי
(מאַרקגראַ

דעמאָלט שפּרינגט קורט אויף פון דיוואַן, צערייסט די וויזיט־קאַרטע, לויפט צו צום פענסטער און דראָט מיטן פויסט אונטן אויפן גאַס.

מיט אַ שווערן אָטעם קריכט אַרויס און שוימט דאָס זידנדיקע וואָרט:

— איך האַס!

* * *

ראָזענאַו ליגט אין אַ טאָל, און אין ראָזענאַו איז פאַראַן אַ באַזשלקע. פון איר פייכטקייט, פון דעם זאַפטיקן גראָז פון די גאַזאָנען און די געדיכטע קרוינען פון די ווערבעס איז אין ראָזענאַו קיל.

און אַז ס'איז געוואָרן פינסטערלעך און די שטיקעניש האָט פאַרשטאָפּט די שטאָט, האָבן זיך די מענטשן צונויפגעזאַמלט אין ראָזענאַו.

ווייל אין דעם דאָזיקן זומער האָבן זיך איבער בייערן דורכגעטראָגן געוויטערס.

זיי האָבן זיך אויפגעזאַמלט אַנטקעגן נאַכט און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט צאָרן אויף דער שטאָט, אויף די וועגן און אויף די פעלדער. מיטן באַגינען — האָט זיך דער הימל אָפּגערייניקט, די טעג זיינען געשטאַנען הייסע, שטרענגע, און די אָוונטן זיינען געקומען אָנצושווימען וואָלקנס און ביינאַכט, צעפליקטע פון דעם געוויטער, זיינען זיי געפאַלן אויף דער ערד...

דער מענטש האָט אַריינגעטראָגן זיינע אויסבעסערונגען און זיינע משוגעתן אין דער נאַטור. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ בליץ־אָפּפירער, האָט דורכגעפירט קאַנאַליזאַציע, האָט צוגעטראַכט אַ שירעם.

אָ, דער שטאָלצער מענטש!

ווען דער ערשטער טראָפּן רעגן פאַלט אַלס קאַלטער אָנזאָגער אויף דער ערד, גיט ער מיט דער דלאָניע אַ טאַפּ דעם פליך, עפנט אויף דעם שירעם און איבער זיין געזיבט גליטשט זיך אַפילו ניט דורך קיין שאָטן פון באַרווירונג: אונטער דעם שירעם שפּרייזט אַלץ דער זעלבער הערשער פון דער נאַטור.

קיין שום באַרווירונג בכלל. ניט פאַרדאַגהט, ניט געאַיילט, ניט געשמייעט. דאָס לעבן — איז האַרמאָניע. און דאָס פּאָטערלאַנד פון האַרמאָניע — איז דאָס פאָטערלאַנד פון באַכן, מענדעלסאָנען, ליסטן, האַידנען.

אויף יעדן טראָט באַגעגנסטו אַ מענטשן, וואָס איז ניט פעיק

אונטערצושיידן c-dur פון a-moll, אָבער יעדערער ווייס, אַז האַידנען און מענדעלסאָנען האָט אַרויסגעגעבן דייטשלאַנד. און יעדערער גלויבט, ווי אַ פרומער העלענער, אַז די זיבן טענער פון דער מוזיקאַלישער גאַמע אַנטשפּרעכן די זיבן ספּעקטראַלע פאַרבן.

דאָס לעבן — איז האַרמאָניע, וואו יעדער ציגאַר — איז אַ געוויסע טאָנאַלישקייט.

די אָראַנזשענע דאַכלעוועס אויף די דעכער, דאָס קנעפּל פון דעם גלעקל, דער לעדערנער מאַנזשעט פון דער וואורשט־פאַרקויפעריין, דער קאָס ביי דער קעלנערין אין קאָפּ — איז אַ געוויסער, בלויז זיי אַליין אייגנשאַפטלעכער, בלויז זיי אַליין באַוואוסטער, אָנגענעמער טעמבער.

גיט אַ קלאַפּ מיט אַ מעסער איבער דעם קאַווע־טעצעלע פון אַ בערלינער לאָקאַל. דאָס טעצעלע וועט אַרויסגעבן דעם זעלבן טאָן, וואָס אַ קאַווע־טעצעלע פון אַ באַליביקן לאָקאַל פון האַנאָווער אָדער דרעזדען, שטעטין, ליבעק. ביים און דעם טינטער פון גערליצער שטאָטראַט אויף דעם טינטער פון בויצענער שטאָטראַט. די גערטע בירגער פאַלט גאָר ניט איין, אַז זיי טונקען זייערע פעדערס אין פרעמדע טינטערס.

ווי אַזוי איז דאָס בויצען? ווי אַזוי איז דאָס גערליץ? און די פערציק קילאָמעטער, וואָס טיילן אָפּ די דאָזיקע שכנותדיקע שטעט?

אָ, כאָטש פירהונדערט. פינפהונדערט און אַפילו טויזנט!

דאָס זיינען דאָך — טינטערס פון ושטאָטראָטן. און ניט קיין פּראָפעסאָרן, ניט קיין גלחים, ניט קיין אָפיצירן.

דאָס לעבן — איז האַרמאָניע.

און לעבן הייסט — ניט צעשטערן די האַרמאָניע. אין יעדן עלטער און אין יעדער שעה, אין יעדן באַרוף און יעדן ראַנג, אין יעדער געזעלשאַפטלעכער סביבה — קלינגען זיי מיט דעם פאַר זיי אייגנשאַפטלעכן און דעם געהעריקן אָנגענעמען טאָן...

אַזוי איז מען דעם דאָזיקן זומער, ווען איבער ביירן זיינען דורכגעגאַנגען געוויטערס און אין דער דעמערונג האָט די שטיקעניש פאַרשטאָפּט די שטאָט, גענאַגגען אין די אָוונטן קיין ראָזענאַו, צו דער קילקייט פון דער טאַזשלקע.

די מאַנסבילן האָבן אויסגעטאָן די רעקלעך, האָבן אָנגעהאָנגען אויף דעם ווענטל־קנעפּל די פּאַנאַמעס און די הוט (פּאָר אַ ספּעציעלן האַלטער — טיצם אַן אומזיסטע פּרעמיע), האָבן גענומען די שירעמס און זיינען אַוועק.

און שוין מיט דעם ערשטן טראָט, ווי נאָר זיי האָבן אויפגעהויבן די פיס, אַראָפּגענומען די רעקלעך און אויפגעהאָנגען די הוט אויף די קנעפּלעך, איז אַלץ אַוועק לויט דעם ריטם און לויט דער מאָס, וואָס איז איינגעשמעלט געוואָרן פון דער האַרמאָניע.

אָט אַזוי: די מאַנסבילן.

נאָך זיי — זיינען לעבעדיק געגאַנגען די פרויען, די טעכטערלעך, די שווינגערס. אַלע אין ווייסע בלוזעס, מיט האַנט־בייטלען, מיט שירעמס.

און פּאָראויס — די זונדלעך: אין קאַפּעלושן, אין „ראָבעספּיער"־העמדלעך, וואָס זייגען געווען אַריינגעלאָזן אין די קורצע הויזעלעך. גו, די־אָ זיינען געגאַנגען אָן שירעמס. נאָר ביי דעם ערשטן הילך פון דונער: גלייך גענומען לויפן, מאַרש־מאַרש, אַהיים. און די „ראָבעספּיערן" וועלן זיך מאַרגן אויסטריקענען און וועלן אויסגעפּרעסט ווערן...

לעבן טישעלע זיינען זיי געזעסן פּעסט, לאַנג. האָבן אַנטשלאָסן געהערט דעם אָרקעסטער. האָבן אונטערגעזונגען פון שטראָמען און האָבן זיך צעגאָסן.

— אַ גוטער קאָמפּאָזיטאָר. prosit!

דער פעלדפעבעל־דיריגענט האָט דיריגירט דייטלעך, אַזוי ווי אויף אַ פּאַראַד: ער האָט זיך אומגעדרייט אויף די אַפּלאָדיסמענטן — איינס, צוויי, דריי. און האָט זיך פאַרנייגט, אויף וויפל עס האָט ערלויבט דער מיליטערישער רעגלאַמענט און דער קראַגן.

דער פּלייטיסט איז אויפגעשטאַנען און האָט אומגעביטן דעם נומער־ברעטעלע — „4".

דאָ האָט יעדע משפחה אין קאָנסעקווענטער פּאַטריאַרכאַלישקייט — געקוקט אויף דער פּראָגראַם:

— פיר? שומאַן, לידער־פּאָפּורי.

— אַך, שומאַן!

— יאָ, פֿון לידער...

— אַ פֿיינער מוזיקאַנט, הגם — אַן עסטרייכער? prosit!
אַלץ לויט דעם דאָזיקן ריטם און מאָס.

נאָר בײַנאַכט, איידער דער געווײַנלעכער און באַקוועמער ריטם האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן דער שטאָט און זיך צעגאָסן אין אַ געוויטער־וואָלקן, איז ער צעבראָכן געוואָרן.

אין די דאָזיקע, זיי אַליין אײַנגעשאָפּטלעכע, זיי אַליין באַוואוס־טע און אומפֿאַרענדערלעך אָנגענעמע טעמפּערס, האָבן זיך נאָך דער ראָזעגאַווער קילקייט, נאָך שפּראָנגען און שומאַנען, אַרײַנגעשניטן ווערטער, וואָס האָבן צעריסן די האַרמאָניע, ווי דאָס געוויטער — די שטייקעניש.

די מענטשן האָבן זיך געקליבן אין קופּעס אויף די שיידוועגן, געשמיסן פֿונם שלאַקס־רעגן, גלײַך ווי פֿייגל, וואָס דער ווינט האָט אַרונטערגעשלאָגן, גלײַך ווי שעפּסן — פֿאַרטוויבטע פֿון דונער.

זיי האָבן אויפֿגעעפֿנט און פֿאַרמאַכט די שירעמס. זיי האָבן האָבן אָפּגעשפּילעט און פֿאַרשפּילעט די קראַגנס. זיי האָבן אויס־געטאָן און אָנגעטאָן די הוט.

נאָר זיי האָבן זיך ניט גערירט; זיי האָבן געוואַרט אויף אַ בליץ.

און אַז ער איז בגנבה דורכגעפֿלויגן איבער די דעכער, האָבן זיך די מענטשן אײַנגעגעסן מיט די אויגן אין די שמיקלעך דעפּעשן, וואָס זײַנען געווען אויסגעקלעפּט אויף די ווענט, כּדי גאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פֿאַרבלענדט צו ווערן פֿון די ווערטער:

— ע ר צ ה ע ר צ אָ ג!

דערנאָך האָבן זיי זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, פֿאַרשמיסענע, אונטערגעשלאָגענע, פֿאַרטויבטע פֿון דעם געוויטער און פֿון דעם שלאַקסרעגן, און האָבן ווידער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער מאַסע, וואָס האָט זיך געטוליעט אויף די שיידוועגן און האָבן זיך ווידער געלאָזט פֿאַרבלענדן פֿון דעם וואָרט:

— ע ר צ ה ע ר צ אָ ג!

און האָבן זיך ווידער ניט באַוועגט; האָבן געוואַרט אויף אַ בליץ.

אַזוי איז יעדערער: אין יעטווידן עלטער, אין יעטווידער באַרוף, פון יעטווידער געזעלשאַפטלעכער סביבה.

ווייל פון דער דאָזיקער נאַכט אָן איז, פאַרבלענדט פון דעם וואָרט:

— ערצהערצאָגן!

געוואָרן אויס מיט דער אַלטער האַרמאָניע, און — צעטומלטע — האָבן זיך די מענטשן אַ וואָרף געטאָן זוכן אַ נייע.

* * *

נאָס ביזן לעצטן פּאָדעם, האָט זיך אַנדרעי דערשלעפּט דורך באַקאַנטע עק־שטאָטישע געסלעך צו דעם הויז, וואו קורט האָט געוואוינט. אונטער די העפּטיקע שטויסן פון דעם ווינט זיינען די נאַסלאַפּן אָפּגעשטאַרבן און ווידער אויפגעלעבט. אַנדרעי האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, האָט אָפּגעזוכט דעם קנעפּל פון גלעקל. אין אַ מינוט דריי אַרום האָט זיך פון אויבן אַראָפּגעגליטשט אויפן גאָס אַראָפּ אַ שוואַכע שטימע:

— דאָס זייט איר, הער וואַן?

אַנדרעי איז אָפּגעלאָפן פון טיר אויפן מיטן ברוק:

— אַנטשולדיקט, וואָס איך באַאומרויִק אייך, פרוי מאַיער. קורט איז דען ניטאָ אין דער היים?

— אַך, הער סטאַרצאָוו! גוטן אָוונט. מיר האָבן געמיינט, אַז הער וואַן איז מיט אייך. ער איז שוין לאַנג אַוועק. ביי אים איז געווען עפּעס אַן אָפיציר.

— אַן אָפיציר?

— אַ יונגער אָפיציר.

— און קורט איז אַוועק מיט אים?

— ניין. דער אָפיציר איז אַוועק פריער

— און וואו איז קורט?

— באמת, איר שרעקט מיך, הער סטאַרצאָוו. פונוואַנען זאָל איך וויסן, וואו ער ווערט פאַרפאַלן? בעת ער איז אַוועק האָט ער

אזוי אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר, אַז ביי מיר אויפן קיך האָט געגנו־מען טאַנצן דאָס געשיר.

— אַנטשולדיקט, וואָס איך באַאומרויק אייך, פרוי מייער. אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט, הער סטאַרצאָוו!

דער ווייסער פלעק אויף דעם בוידעם־שטיבל איז פאַר־שוואונדן, דער פענסטער האָט זיך פאַרמאַכט. אַנדרעי איז געשטאַ־נען עטלעכע רגעס אומבאַוועגלעך. דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט גיכן הויך:

— דער אָפיציר...

דערנאָך איז ער לאַנגזאַם אַוועק צוריק, איבער די עק־שטאָ־טישע געסלעך, וואָס האָבן אים געבראַכט צו קורצם וואוינונג. אינדערהיים האָט ער זיך אויסגעטאָן, האָט זיך איינגעריבן מיט אַ טרוקענעם האַנטעך די ברוסט, דעם רוקן, דעם בויך, די פיס, האָט איבערגעביטן וועש, האָט אויפגעעפנט די פענסטער, האָט זיך איינ־גערעט און איז תיכף איינגעשלאָפן, גלייך ער וואָלט אַראָפגעפאַלן אין ערגעץ אַ טיפעניש. אין דער דאָזיקער טיפעניש האָט ער דערזען געזעען:

אין דער גרענעצלאָזער, אפשר שנייקער, רהבות הענגט אַ מענטשלעכער קאָפּ. אַרום און אַרום איז אַלץ שטיל און אומבאַוועגלעך. פּלוצלונג דערשיינט פון דער פינסטערניש אַרויס אַ סטודענט אין אַ קאָרפּאָראַנטן־היי־טעלע אויף דעם גלאַטן, ראָזיקן קאַרק. די ברויגע אויגן פון דעם קאָפּ זיינען אָפן, די שוואַרצלעך זיינען געווענדט אויף דעם סטודענט.

— Adieu, Frau Mama — זאָגט דער קאָפּ און ווינקט אונטער צו דעם סטודענט. דעמאָלט לויפט אָפּ דער סטו־דענט אויף צוריק, שטעלט פונאַנדער וואָס ברייטער די פיס און הייבט אויף די הענט. פונוואַנען קומען צו אים שמאַטענע פילקעס? דעם ערשטן קלאַפּ אויסגעמיטן. דעם צווייטן אויך. די פילקעס טראָגן זיך אויף אַ האַלבן סאַנ־טימעטער רעכטס און לינקס פון דעם קאָפּ. דער קאָפּ

ווענדט אָפּ דעם בליק אויף אַנדרעיען און עפנט אויף די בלויע ליפּן, כּדי צו זאָגן עפּעס. נאָר אויף אַ סעקונדע פאַרשטעלט אים די פּילקע און ער שאָקלט זיך און טרייסלט זיך, גלייך ער וואָלט געווען פאַרטיפט אין מחשבות, דערנאָך פאַלט ער פּלוצלונג אַרונטער אויפן קאַרק און פליט ערגעץ אונטן. און אין דער זעלבער סעקונדע פאַרשווינדט די שטייִקע גרענעצלאָזיקייט און פאַר אַנדרעיען וואַקסן אויס גראַנדיאָזע שטיינערנע טרעפּ, און דער קאָפּ קאָלערט זיך איבער זיי מיט אַ כראָנאָמעטרישער פּינקטלעכקייט און קלאַפּט זיך אָפּ הילכיק, לויט דער ריי, אָן יעדער טרעפּל, וואָס מיטן געזיכט, דאָס מיטן קאַרק:

בומם — באָמם
בומם — באָמם...

נאָר זיין בליק זויגט זיך איין אָן אויפהער אין אַנדרעיס בליק, הגם עס מוז דאָך זיין מאָמענטן, ווען אַנדרעי קען ניט זען דעם דאָזיקן בליק, קען ניט!

בומם — באָמם!
בומם — באָמם....

אַנדרעי איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער. ער איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט שווייס, און זיין מויל איז געווען געבונדן מיט עפּעס אַ געזאַלצענע טרוקנקייט. ער האָט צוגעדריקט דעם קאָפּ מיט די הענט. האָט זיך צוגעהערט. די קלינגענדיקע קלעפּ האָבן שטאַרק אָפּגעהילכט אויף דער גאַס. אַנדרעי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פענסטער, האָט אויפגעהויבן אַ ביסל דאָס פאָרהענגל

אין דעם פרישן נאָכגעוויטערדיקן באַגינען האָבן אָן אַ שיעור פאַרקעווס געקלאַפּט איבער דעם ברוק. אין דער לופטן, אויף די שפּיצן פון די קאַוואַלערישע שפּיזן האָבן געפלאַטערט צווייפאַרביקע פענדלעך. די גלאַנציקע טונקל-גרינע אוניפאָרמען, וואָס זיינען געווען אָנגעפילט מיט פיינע ברייטברוסטיקע קערפּערס, האָבן געקוקט האָפערדיק און האָבן אונטערגעטאַנצט אין די זאָטלען. איבער די שוואַרץ-לאַקירטע קוואַדראַטן, וואָס האָבן געשלאָסן די העל-

מען, זיינען געלאָפן אומזיכערע שאָטנס פון דעם אינדערפריִיקן הימל.

פאָראויס פאַר דער קאַוואַלעריע האָט זיך אויף שוואַרצע פערד באַוועגט דער פאָלק־אָרקעסטער, אָנגעצונדן פון דעם הייסן קופער פון די טרומייטן. דער גרויסער פויק האָט אויפגערטייסלט די רו פון די שלאָפעדיקע גאַסן:

בומם באָמם...

בומם — באָמם...

אַנדרעי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן פענסטערברעט און האָט מיט די דלאָניעס פאַרשטעלט דאָס געזיכט.

* * *

די מענטשן האָבן זיך דערמאָנט, אַז אויף דער וועלט זיינען דאָ קיניגן.

זייער אַבסאָלוט רעאַלע עקסיסטענץ איז פּלוצלונג געוואָרן באַשיימפּערלעך, נאָך דעם, ווי דאָס בלענדנדיקע וואָרט

— ע ר צ ה ע ר צ אָ ג

האָט זיך אַרייַנגעריסן אין דער האַרמאָניע, האָט צעשמעטערט די ריטמען, האָט צעדרייט די מאָס און האָט פאַרקרימפּלט די טעמבערס.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קיניגן לעבן ניט נאָר אויף די זייטן פון די זשורנאַלן און ביי די פאָטאָגראַפן אויף די וויטרינעס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קיניגן ניט נאָר זיי רייזן, פאָרן אַריבער פון די ווינטעדיקע רעזידענצן אין די זומערדיקע, שמייכלען אויף די פאָרטרעטן און פייערן אַלע טאָג זייער געבורטסטאָג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קיניגן עקסיסטירן ניט נאָר אין דער געשיכטע און אין דער געאָגראַפיע, דאָס הייסט, אייגנטלעך—אויף די שול־בענק. ניין!

די קיניגן האָבן געלעבט אין דער ווירקלעכקייט, אויף אַן אמת. די קיניגן האָבן אויף אַן אמת געהאַט שאַרבנס, וואָס זייער באַציונג צו קוילן איז געווען פונקט ווי די שאַרבנס פון זייערע אונטערטאַנער. און די קיניגן האָבן אַזוי גוט געשריען, אַז זייערע

קולות האָט מען געפּלעגט הערן אין די זייער ווייטע ערטער פון די רעזידענצן.

און, גאָט, ס'אַר אַ סך קיניגן עס האָבן זיך עס פּלוצלינג אָפּגעזוכט! מיט יעדן טאָג און מיט יעדער שעה זיינען זיי אַרויסגעקראָכן פון זייערע רעזידענצן, ווי חיי פּרייסלעך פון די לעבער. סוף־כל־סוף האָבן זיי מיט זיך פאַרשטויבט אַלע ווינקעלעך פון די צייטונגען, און ס'איז געקומען די צייט צו מאַכן אַן עק צו דער דאָזיקער קיניגלעכער אומאָרדענונג.

גענוג צו הערן דעם מישמאַש פון מיינונגען, גענוג זיך אַריינצוטראַכטן אין דעם כאַאָס, גענוג צו קאַליע מאַכן זיך די אויגן פון די אַלע נאָמען, מעמאָראַנדומס, ווילנסאויסדרוקן און מאַניפעסטן, גענוג!

צי דען איז נאָך ניט גענוג קלאָר, וואוהין עס רופט אייך דאָס געפיל פון חוב?

האָרכט דעם דאָזיקן געפיל — דעם געפיל פון חוב! בלויז אים, מער קיינעם ניט!

דאָס דאָזיקע געפיל וועט אייך ברענגען אויפן גאַס, צווישן דער מאַסע, די מאַסע וועט אייך אַרויפוואַרפן אויף אירע פּלייצעס, ווי אַ כוואַליע וואַרפט אַרויף אַ שפּענדעלע אויף איר קאָם. און איר וועט זיך אַ לאָז טאָן צו דעם הויז פונם סערבישן האַנדלס־קאָנסול, און דאָס געפיל פון פליכט וועט אַרויסקוועטשן פון אייערע אינגעווייד אַ געשריי פון צאָרן. און דערנאָך וועט איר קלאַפּן מיט אַ שטעקן איבער דער פאַרמאַכטער פראָנט־טיר פון דעם קאָנסולאַט, ביז וואַנען צו אייך וועט ניט צוגיין אַ שוצמאַן און וועט אייך ניט דערקלערן, אַז איר נאַרט זיך, אויב איר מיינט, אַז די אָרדענונג ערלויבט, כלומרשט, קאַליע צו מאַכן די טיר. און דעמאָלט וועט אייך דאָס געפיל פון חוב אַוועקשלעפּן איבער די גאַסן צו דעם הויז פון דעם איטאַליענישן האַנדלס־קאָנסול און איר וועט זינגען דעם נאַציאָנאַלן הימען און שרייען „vivat Italia!“ ביז וואַנען צו אייך וועט ווידער ניט צוגיין קיין שוצמאַן און וועט אייך ניט ראַטן צו גיין אַהיים, ווייל עס קומט אָן די פּאָליציי־שעה און מען דאַרף אויפהערן צו טומלען. און הגם דאָס געפיל פון חוב און די הייזעריק

געוואָרענע האָלז וועלן אָפּקילן אייער היץ, וועט איר דאָך פאָרט שרייען און זיך כעסן, און בייזערן, ווייל — ניט שוין־זשע קען דאָס לעבן קלינגען מיט דער פריערדיקער האַרמאָניע נאָך דעם אָפּ־פרישנדיקן געוויטער, ניט־שוין־זשע טאָר מען ניט פאַרזוכן פון דער שיינער, לאַנג געגאַרטער ענדערונג? ניט שוין־זשע הערשט שוין ווידער דער געבענטשטער, שווערער, האַרמאָנישער שלום? אָ, קיינ־מאָל ניט! פאַר קיין געלט! אַן ענדערונג, אַן ענדערונג, אַן ענדע־רונג!

מיר פאָדערן, מיר לעכצן, מיר גאַרן נאָך אַן ענדערונג.
פאָלגט זשע דעמאָלט דעם געפיל פון חוב.

* * *

די מאַ־ע האָט זיך געקאָכט לעבן דעם פאָראָד־אַריינגאַנג פון דעם סערבישן האַנדלס־קאָנסול, און אין דער מאַסע זיינען געווען אַנדרעי און קורט. נאָר זיי האָבן איינגע די אַנדערע גיט געזען, ווייל אויב מען זאָל די מאַסע, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין די זייטן פון דער גאַס, אָננעמען פאַר אַ גראָדעק, וואָלט זיך אַנדרעי גע־דאַרפט געפינען אין איין עק דיאַגאָנאַל, און קורט — אין צווייטן. און דער דאָזיקער צווייטער עק פון דיאַגאָנאַל וואָלט אויסגעקומען אַקוראַט לעבן דעם פאָראָד־אַריינגאַנג פון קאָנסולאַט, און דער ער־שטער — האָרטן, וואו עס זיינען געשטאַנען די מענטשן, וואָס זיי־נען ניט געווען דורכגעדרונגען מיט דעם געפיל פון חוב אָדער — בטבע ניט פאַרמאָגט אים.

די מעכאַניק פון די פאָלקס־מחנות אויף די שטאָטישע גאַסן האָט זיך אירע געזעצן, און די דאָזיקע געזעצן קענען, נאַטירלעך, ניט צעשטערט ווערן דורך אַזעלכע אויסערלעכע דערשיינונגען, ווי די מענטשלעכע פריינדשאַפט.

און בעת דער המון האָט זיך אומגעקערט און איז אַוועק צו־ריק — צו דעם הויז פון דעם איטאַליענישן האַנדלס־קאָנסול, — האָט זיך אַנדרעי געפונען פאָראויס פאַר דעם צוג און איז געגאַנ־גען בראש פון אים ביז דעם ערשטן געסעלע.

דאָרטן איז ער פֿאַרשוואונדן געוואָרן הינטערן ראָג און — דורך די עקן שטאָט — איז ער אַוועק צו קורטן.

דערוואוסט זיך פֿון פֿרוי מייער, אַז איר קוואַרטיראַנט איז פֿון אינדערפֿרי ניט געווען אין דער היים, איז ער אַריין צו אים אין צימער, דאָרט אויסגעזוכט אויפֿן טיש אַ שטיקל פּאַפּיר און, מיט אַ צופֿעליקן ברוינעם פּאַסטעל־בלייער, וואָס האָט זיך אים אונטער־געקוקט אונטער דער האַנט, האָט ער אָנגעשריבן מיט דיקע אותיות:

וואָס איז מיט דיר, קורט? איך בין צוויי מאָל געווען ביי דיר. כ'וועל קומען מאָרגן פֿרי. כ'בין פֿאַרמאַטערט.

אַ נ ד ר ע י.

אויף מאָרגן איז די זון אויפֿגעגאַנגען מיט צוויי און אַ האַלב שעה שפּעטער, איידער אין דעם פֿאַריקן טאָג. בכלל האָט זיך דער באַגינען מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט.

ווי שטענדיק, האָבן זיך אַרום זיבן אַ זייגער אינדערפֿרי באַוויזן אויף די גאַסן די וועלאָסיפּעדיסטן מיט זעק און קערבלעך אויף די הויקערס, שאַרכנדיק מיט די שינעס, האָבן זיך די וועלאָסי־פּעדן געקאָלערט רעכטס און לינקס פֿאַרביי קורטס פֿענסטער.

די, וואָס האָבן זיך געקאָלערט רעכטס, האָבן געטראָגן אויף זייערע זאָמלען יאָהאַן פֿאַבערס אַרבעטער. ווי שטענדיק, פֿלעגן די אַרבעטער איבערלאָזן די וועלאָסיפּעדן אין אַ גרויסן גאַראַזש, אין די געשטעלן, און פֿלעגן זיך אויפֿהייבן צו דעם גאַרדעראָב־צימער. דאָרטן פֿלעגט יעדערער עפֿענען זיין שאַפֿקע — מיט אַ באַזונדער שלעסל, מיט דעם נומער און פֿאַמיליע פֿון דעם אַרבעטער, — פֿלעגט אויסטאָן דעם רעקל, פֿלעגט אָפּשפּיליען די מאַנזשעטן, דעם צעלולאָידענעם קראַגן מיט דער מאַנישקע און, אויפֿגעהאַנגען דאָס אַלץ אין שאַפֿע, פֿלעגט ער זיך אָנטאָן אין אַ ליוונטענער בלוזע.

זיבן אַ זייגער זיינען אַלע געשטאַנען אויף זייערע ערטער.

זיבן אַ זייגער האָט דער מייסטער מייער אָנגעהויבן די צווייטע שיכט פֿון דעם שטענדיק ברענענדיקן אויוון.

די מעסט־אַפּאַראַטן, די ראַדיאַציאָנעלע פּיראָמעטערס האָבן זיך געפֿונען אין דעם שכנותדיקן בנין, וואו היינטער די שקאַלן, די

טאַבעלן און די מעטערס זיינען אין אַן אומבאַוועגלעכער פּאָזע געזעסן מענטשן, וואָס האָבן אויף דעם סאָציאַלן קראַפט־מעסטער אויסגעקוועטשט מיט איין מיליאָנג מער, ווי דער געוויינלעכער מייסטער. די דראָמן, די גלעקלעך, די טעלעפאָנען האָבן פאַר־אייניקט די דאָזיקע מענטשן מיט מייערן, און ער האָט אויסגעפירט זייערע באַפעלן, אַזוי ווי אַ מאַטראָס, וואָס פירט אויס די סיגנאַלן פון דעם לאָצמאַן־טורעם.

ער האָט זיך געפּלהאַפט פאַרגעשטעלט די צאָל פון די אומ־באַוועגלעכע מענטשן, וואָס זיינען געזעסן ביי די פּיראַמעטערס אין דעם דערבייזיקן בנין. ער האָט בלויז געוואוסט די סיגנאַלן, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן לויט זייער ווילן, און לויט די סיגנאַלן האָט ער זיכער געקענט זאָגן, וואָס פאַר אַ נומער שטיפטן ס'ווערט אָפּ־געברענט אין אויוון.

ער האָט געגלויבט אין דעם לאָצמאַן־טורעם און אויך אין דעם, אַז דאָרטן, הינטער די ליוקן, הינטער די שרויפן, הינטער דער בעטאָנמיטער, פאַראייזנטער וואַנט איז אָנגעוואָרעמט דער רוים — וואָס הייסט אויוון, אפשר ביז 1300 גראַד.

ביז 1300 לויט צעלסיוס.

דער מייסטער מייער האָט אין דעם געגלויבט.

אַלע בייטאָג פלעגן די אַרבעטער צוגיין צו די האַנטפאַסן און צו די פאַבריק־האַנטעכער, פלעגן זיך אָנטאָן אין די צעלולאָידענע קראַגנס און מאַנזשעטן און פלעגן גיין אין גאַראַזש נאָך די וועלאָ־סיפּעדן.

אין דעם טאָג זיינען זיי צוגעגאַנגען צו די האַנטפאַסן צען אַ זייגער אינדערפרי און האָבן די וועלאָסיפּעדן ניט גענומען. צען אַ זייגער זיינען אין דעם לאָקאַל פון דעם שטענדיק ברענענדיקן אויוון אַריינגעגאַנגען צוויי מענטשן.

— אַט־וואָס, מייער, — האָבן זיי געזאָגט — היינט גייען מיר אַרוים אויף דער גאַס. מיר זיינען קעגן מלחמה. קום מיט אונז.

— קעגן מלחמה? — האָט מייער איבערגעפרעגט — האָס איז גוט, אָבער איך האָב דאָך — אַן אויוון.

— דאָס איז ריכטיק, מייער, דו האָסט מאַקע אַן אויוון. אָבער מיר האָבן געמיינט, אַז אויסער דעם האָסטו נאָך אויך אַ קאָפּ...

מייער האָט אויפגעהויבן די ברעמען און האָט אַזוי אַ קוי געטאָן, גלייך ער וואָלט אין מויל געהאַלטן אַ לולקע.

— אָבער איך זאָג האָר אייך, אַז איך בין קעגן.

— נו, מאַ קום.

— און דער אויוון?

— מאַ לאָז אָפּ די אַרבעטער.

מייער איז אָפּגעגאַנגען אין אַ ווינקל, האָט אַרויסגענומען פון קעשענע טאַבאַק און האָט אַרויסגעוואָרפשעט מיט אַ נידעריקן באַסלעע:

— איך ווייס גאָרנישט...

און אין אַ פערטל שעה אַרום האָט אַ צעשויבערטער מענטש אין אַ מאַמעשענעם כאַלאַט זיך אַריינגעריסן אין טיר און האָט אַריינגעשריען מייערן אין פּנים אריין:

— מייער, איר זייט דאָ?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן פאַרלאָרן און איז תיכף אַרויס־געפלויגן אין דרויסן.

דעמאָלט איז מייער צוגעגאַנגען צו דעם טעלעפאָן־טרייבל און האָט רויק געזאָגט:

— שיקט מיר צוויי מענטשן צו דערלאַנגען. מיינע זיינען ער־געץ פאַרפאַלן געוואָרן, דער טייוול ווייס וואו...

און אין אַ פערטל שעה אַרום איז צו דעם מענטשן, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן פון די פאַבריק־טויערן דעם פּלאַקאַט:

> מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן,
> זיינען קעגן מלחמה

צוגעגאַנגען דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר, האָט אַרויסגענומען פון זיינע הענט דאָס דרענגל און, איבערגעבנדיק דעם פּלאַקאַט דעם שוצמאַן, האָט ער געזאָגט:

— טראָגט אוועק די שמאַטע אין צירקל.

הינטער דעם מענטשן, ביי וועמען מען האָט אָפּגענומען דעם פּלאַקאַט, האָט זיך געוויגט א קערפּערלאָזע, פאַרמלאָזע מאַסע. הינטער דעם אינספּעקטאָר האָבן זיך אָפּגעצייכנט אויפן ברוק און אויסגעצויגן אין א גלייכער ליניע די שוצמאַנישע מונדירן. אין א משך פון א מינוט האָט די מאַסע געקוקט אויף די מונדירן. דערנאָך האָט זי געגומען שיטער ווערן, דערנאָך איז זי צערונען געוואָרן, און דער לעצטער פון דער מאַסע — יענער, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן אויפן גאַס דעם פּלאַקאַט — האָט זיך שטיל אומגעקערט אויף דעם פאַבריק-הויף און האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די משוהונעגע טויערן.

דאָס איז געווען עלף אָן א פערטל.

און אין דער זעלבער צייט איז אַנדרעי צוגעגאַנגען צו דעם הויף, וואו ס'האָט געוואוינט קורט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן טיר, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. זיין בליק איז געפאַלן אויף א צונויפגעקנייטשטן שטיקל פּאַפּיר, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן טראָטואַר, לעבן קורטס פענסטער. עפּעס האָט אים א שטויס געטאָן פאַראויס. האָט ער זיך אָנגעבויגן, האָט אויפגעהויבן דאָס פּאַפּירל און האָט אים פונאַנדערגעוויקלט.

דאָס אָנגעריסענע, צעקנייטשטע, מיט ברוינעם פּאַסטעל פאַרשמירטע צעטעלע האָט זיך געענדיקט מיט איין וואָרט:

א נ ד ר ע י.

בלומען.

מייער האָט געטראָגן א געשטריקטע קורטקע, מיט קעשענקעלעך אויף דער ברוסט. פון איין קעשענקעלע אין דאָס צווייטע איז אַריבערגעהאַנגען א קייטעלע. פונם ציינערלאָזן און אָנגענעמען מויל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט א גראָלעכער בערשטלאַרטיקער באָרד און וואָנצעס — האָט זיך אַראָפּגעלאָזן א לאַנגע לולקע-ציביק. די לולקע איז געלעגן אויפן בויך. דער בויך איז געווען דיק, גאָר ניט פון דעם, וואָס מייערן האָט זיך גוט געלעבט און

ער האָט געגעסן אַ סך וואורשט, נאָר פּשוט, מייער איז שוין אַריין אין דעם זעקסטן צענדליק, און דער בויך, וואָס האָט זיך גענוג אָנגעהאָרעוועט אויף קאַרטאָפל, אויף סאַלאַט און אויף לעבערוואורשט, — איז אַ ביסל אַראָפּגעהאַנגען.

אַכצן יאָר, ווי מייער איז אַ מייסטער, און קען זיך נאָך אַלץ ניט ערלויבן דעם פאַרגעניגן צו באַהייצן אַלע צימערן פון זיין דאַךשטיבל, און דאָס סאַמע גרעסטע צימער (צו דרום־מזרח־זייט) פאַרדינגט ער.

און איצט, נאָך מיטאָג, איז מייער, מיט דער לולקע אין מויל, אַריין צו זיין שכן — דעם פאַנטאַסט, דעם אָריגינאַל, און בכלל דעם ווילן בחור — דעם קינסטלער קורט וואַן.

יער ווילער בחור איז געשטאַנען לעבן אָפענעם פענסטער און האָט געקוקט אונטן, אויפן גאַס

— וואָס עס טוט זיך דאָס אויף גאָטס וועלטל!.. — האָט מייער געזאָגט און האָט די לולקע אַריינגענומען מיט די ליפּן.

דער ווילער בחור האָט זיך ניט אָפּגערופן

— די זאַך ווערט, משמעות, זיין אַ סך ערגער, ווי אין איין און־זיבעציקסטן...

ער ווילער בחור האָט אַ זעץ געטאָן מיט דעם קנאַפּל אָן דיל.

— ווי דו גיסט נאָר אַ טראַכט... — האָט מייער ווידער אָנגעהויבן און האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג:

— טץ־טץ־פּץ־טץ...

דער ווילער בחור האָט זיך ניט אומגעקערט און האָט געפרעגט:

— וואָס הערט זיך נייס, הער מייער?

דער באַלעבאָס האָט אַ זויג געטאָן די לולקע און האָט זיך צוגעזעצט אויפן דיוואַן; בשעת־מעשה האָט ער אָפּגערוקט פון זיך דעם שטויביקן לייוונט־אָנציער.

יעטווידע קונסט האָט זיך איר גאַנג, אַז מען זאָל זיך צו איר גוט צוקוקן, קען מען זי באַגרייפן. איך קוק אויף אייער קונסט און פאַרשטיי גאָרנישט. ווען ווערט איר, הער וואַן, הייסן מיין ווייב, זי

זאָל אויסווישן ביי אייך דעם שטויב?.. נײַן? אַלץ דאָס זעלבע: בלויז נאַרישקייט.

— פליכט איז, לויט אייער מיינונג, — נאַרישקייט? האָס, צאָרן — אויך?

קורט האָט זיך אומגעקערט, האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין האַרצן אַריין און האָט אויסגעשריען:

— ווען דאָ־אָ איז אַזוי ווי קאָכיק וואַסער, אַזוי ווי פייער! — און האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום פענסטער.

מייער האָט אַרויסגעלאָזן אַ קליינעם רויך.

— די פאַבריקע נאַכטן האָב איך ניט געשלאָפן, הער וואַן. כ'האָב געטראַכט, הער וואַן. אַזוי, אַז מיין פרוי האָט מיר געוואָלט צולייגן זענפטפלעך צו די פיאַטעס. רעיונות אַזעלכע זיינען מיר אַרויפגעקומען אויפן זינען, הער וואַן. ווי איר ווייסט, שטיי איך שוין אַזוי פיל יאָרן לעבן מיין אויוון. מיין פריינד — דער קינסטלער וואַן, וואָס לאָזט ניט אויסווישן דעם שטויב ביי זיך אין צימער— גייט אַרום הינטערן שפּאָט צייכענען פון דער נאַטור, און דערנאָך מאָלט ער בילדער. מיך און מיין פריינד האָט קיינער ניט באַליידיקט און מיר האָבן ניט אויף וואָס צו באַליידיקן זיך. און פלוצלונג...

— די נאַציע, הער מייער, חי נאַציע, דאָס פאָלק! — האָט קורט אַריינגעשריען אין פענסטער.

— איך פאַרשטיי, הער וואַן. נאָר איך האָב געמיינט, הער וואַן. אפשר וואָלט איך באַדאַרפט פאָלגן ווען די זענעפטפלעד: דאָס וואָלט אָפּגעצויגן דאָס בלוט פון קאָפּ. כ'האָב געטראַכט, פאַרוואָס איז עס אַזוי איינגעאָרדנט? פאַרוואָס דאַרף איך זיך באַליידיקן אויף...

קורט האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ס'זיינען פאַראַן פאַלן, ווען מען מאָר ניט טראַכטן. אַנטשולדיקט מיר, הער מייער, אייך האָט מען געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים, און איר פילאָסאָפירט.

— כ'האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם גלייך מיט אייך, פון די ציימונגען, אויף דעם צווייטן טאָג. דורכן טעלעגראַף. און ווען דער

דאָזיקער פּאַטש האָט זיך דערהערט, האָב איך רויק געשלאָפן מיט דער ווייב.

קורט האָט זיך אָפּגעריסן פון פענסטער, איז צוגעלאָפן צו דעם באַלעבאָס, און האָט פאַרשטיקט אַרויסגעברומט, וואָרפנדיק בשעת־מעשה מיטן קאָפּ:

— כ'האָב אייך געבעטן, הער מייער, ניט ריידן מיט מיר אויף דער דאָזיקער טעמע.

— כ'האָב ניט גערעכנט, אַז איר זייט אַזאַ היציקער, — האָט מייער געענטפערט און האָט מיט די ליפּן אַריינגענומען די לולקע.— כ'האָב גאָרניט געוואָלט באַרירן די דאָזיקע טעמע. איר האָט מיך אַליין געפרעגט, וואָס הערט זיך נייס? האָב איך געוואָלט דערציילן, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן פאַר מיטאָג...

מייער האָט אויפגעעפנט דאָס רעקעלע פון לולקע, האָט מיט דעם פינגער צעריבן דעם טאַבאַק און האָט אַ זויג געטאָן די לולקע.

— אינדערפרי רופט מען מיך צום טעלעפאָן. מען זאָגט: מיטאָג־צייט זאָל איך קומען צו פאָרן אין קאַנטאָר. בין איך געקומען. דער צווייטער דירעקטאָר, הער ליבער, גייט מיר אַנטקעגן, שטרעקט אויס די האַנט און זאָגט: די פאַרוואַלטונג האָט מיר איבערגעגעבן אויסצודריקן אייך, הער מייער, אין איר נאָמען אַ דאַנק פאַר דעם, וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן דאָס געפיל פון פליכט און האָט ניט פאַרלאָזן אייער פּאָסטן בעת די אומאָרדענונגען. זאָג איך אים: הער דירעקטאָר, אָבער דער אויוון וועט דאָך... דאָ דערלאַנגט מען אים אַ פּאַפּיר און ער פרעגט, וואָס איז דאָס? זאָגט מען אים — אַ פּאַפּיר, אַ שטראָף־בלאַט. דעמאָלט נעמט ער אַרויס פון קעשענע אַ בלייער אין אַ גרויסנקער אייַנפאַסונג, אונזער פּאַטענט, האָט סאַמע לעצטע וואָרט: איר ווייסט, הער וואַן, דער שטיפט, גייט זיך אַליין, מעכאַניש, מען דאַרף גאָר — ניט קוועטשן, ניט אויסשרייבן, — בלעטערט ער איבער דאָס פּאַפּיר, און איך זע, בלאַט נאָך בלאַט, בלאַט נאָך בלאַט, איך צייל אָבער ניט, נאָר איך קוק אויף דעם דירעקטאָרס פינגער. אַזעלכע לאַנגע און אַזעלכע ווייסע פינגער. גלויבט מיר, הער וואַן, כ'האָב טאַקע נאָר געטראַכט, אַז ביי מיר זיינען קיינמאָל אַזעלכע פינגער ניט געווען, אַפילו אין דער יוגנט, און זינט

מחמת אַרבעט, — נאָר פּשוט — בײַ מיר זײַנען גאָר באַזונדערע פֿינגער, פֿון געבאָרן אָן. דער הער דירעקטאָר האָט דורכגעבלעטערט דאָס פּאַפּיר און האָט לײַכט אַזוי געפֿירט מיטן בלײַער, וואו מען האָט באַדאַרפֿט, און עך דערלאַנגט מיר די האַנט און רעדט אין נאָמען פֿון דער פֿאַרוואַלטונג. האָב איך אים אַ דריק געטאָן די האַנט — די האַנט איז לגמרי געווען אָן בײַנער — און געזאָגט, אַז דער אױװן װעט דאָך... און אַזוי װײַטער, און אַלײן בין איך װעגן קײן זאַך ניט ביכולת צו טראַכטן. .אויסער װעגן די פֿינגער. און אַזוי בין איך אַרויס. דורכגעגאַנגען דעם הויף, גענומען דער װעלאָסיפּעד, אַ דרײ געטאָן מיטן פֿוס דעם פּעדאַל און דאָ זאָג איך פּלוצלונג צו זיך: שטײ, אַלטער מײַער, שטײ! דו האָסט האָך געװיס אָנגעפּאַסקודעט, װיבאַלד דו האָסט באַקומען אַ דאַנק, בעת די גאַנצע פֿאַבריק, אַלע אַרבעטער...

דעם קינסטלערס אױגן האָבן זיך לאַנגזאַם פֿאַרזשמורעט, ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט געפֿרעגט:

— זײַט זיך מודה, הער מײַער, איר זײַט — אַ סאָציאַליסט?

מײַער האָט אַרויסגעלאָזן די לולקע, האָט אַ פֿײַטל געטאָן אויף דעם ליכטיקן פֿענסטער און זיך געפֿלײַסט בשעת־מעשה צו קוקן אויף דעם שכנס געזיכט, האָט אַ טשמאָקע געטאָן מיט דעם װײכן מויל, דערנאָך האָט ער אַ שמײכל געטאָן ניט זיכער און איז אויפֿגעשטאַנען.

— פֿריער זײַנען אײַך די שפּאַסן בעסער געלונגען, הער װאַן.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

קורט האָט געקוקט אין פֿענסטער.

איבער דעם אַרומגעלעקטן, װײַסן װעג זײַנען, שאָרכענדיק רעכטס און לינקס מיט די שינעס, געפֿאָרן װעלאָסיפּעדן. אויף די הויקערס פֿון די פֿאָרערס האָבן אַרויסגעשטאַרצט זעק און קערב. איבער די רודערס האָבן זיך אַזוי װי פּאָמפּעדיקלס געװיגט די לול־ קעס, װאָס דו באַמערקסט גאָרניט, װי זײ װאַרפֿן אַרויס הינטער די רוקנס פֿון די רויכערער קנײלכלעך בלויען רויך. די קנײלכלעך האָבן זיך געװאָרפֿן אויף די זעק און די קערב, האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף זײ, האָבן זיך אויסגעצויגן אין אַ װײַסן פּאַס און זײַנען פֿאַר־

שוואונדן. די וועלאָסיפּעדיסטן האָבן אַריבערגעיאָגט איינע די אַנדערע, האָבן זיך צונויפגעדרענגט אין אַ מענגע, זיינען זיך צעקראָכן אין אַ קייט, זיינען אַיילִיק אַרויסגעשוואומען פון הינטער די הייזער און זיך צונויפגעשלאָגן אין אַ געדיכטן שוואַרצן שטראָם אויפן עק גאַס.

אָט איז אַ געלער וועלאָסיפּעד מיט אַ הויכן רודער און מיט אַ פּאָרער, וואָס איז געזעסן אַזוי ווי אין אַ פּאָטעל, גלייך און רויק— אַרויסגעשוואומען אויפן וועג, האָט זיך גענומען דרייען און זיך אוועקגעקייקלט רעכטס: דער הער מייער איז געפאָרן צו פּאַבערן.

און אַזוי אַ פערטל שעה נאָכאַנאַנד: אַריבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע, אויפדרענגענדיק זיך אין אַ מענגע, צעקריכנדיק אין אַ קייט, פאַרשווינדנדיק אין אַ געדיכטן שוואַרצן שטראָם אויפן עק גאַס. וועלאָסיפּעדן, וועלאָסיפּעדן, וועלאָסיפּעדן. און אַז ס'איז אַריבער די פערטל שעה, און קיינער האָט ניט פאַרשפּעטיקט, ווייל קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט, איז דער וועג פּוסט געוואָרן. אַ פרוי האָט, אויסווישנדיק דעם שווייס פון געזיכט, אונטערגעטריבן אַ פּאָר מוסקלדיקע הינט, וואָס זיינען געווען איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע. די הינט האָבן אויפגעעפנט די פּיסקעס און אויף דעם דאַך=שטיבל, הויך איבערן וועג, האָט מען געהערט זייער פלייסיקן אָטעמען. אַ מאַגאַר, אין אַ ברוינער גלהישער קאַפּאָטע מיט אַ קאַפּישאָן און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטייפן געדרייטן גאַרטל מיט פרענזן, מיט קלויסטער=פּאַטשערקעס אין די הענט, האָט זיך געטראָגן איבערן וועג מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

קורט האָט געקוקט אין פענסטער.

* * *

— מלחמה.

ווער האָט אַרויסגערעדט דאָס דאָזיקע וואָרט?

— מלחמה.

וועמעס שטימע איז עס?

— מלחמה.

צו וואָס דאַרף מען דאָ, אויף די וועגן, וואָס זיינען באַפלאַנצט

מיט עפּלבּיימער, אין דעם שאָטן פון די צעדער־בּיימער, וואָס מען האָט אויסגעהאָדעוועט, אויסגעצערטלט, ליב געקראָגן — צו וואָס דאַרף מען דאָ?

— מלחמה.

אין דער הילכיקער וואָרקעניש פון די טורבּינעס, וואָס טריג־קען זיך אין דעם גרינגם פון די ווערבּעס; אין די פּייפעריייען און שאָרכענישן פון די דאַמבּעס, וואָס לאָזן דורך די קאַראַוואַנען, צו וואָס דאַרף מען דאָ?

— מלחמה.

אונזערע הייזער זיינען אַרומגעפּלאַנצט מיט בּלומען, אונ־זערע פעלדער זיינען צעאַקערט אויף דער נייער גערעטעניש, אונ־זערע פאַבּריקן, אונזערע פאַבּריקן, אונזערע פאַבּריקן — זיינען טעמפּלען, וואו מיר ריכטן אָפּ פון קינדווייז אויף תּפילות טאָג און נאַכט! צו וואָס, צו וואָס?

— מלחמה.

די עפּלבּיימער און די צעדערבּיימער, די בּלומען און די טור־בּינעס, די פעלדער און די דאַמבּעס און אונזער אייבּיקע תּפילה צו דער פאַבּריק — ליגן אויף אונזערע בּיינער, אויף אונזערע מוסקלען, אויף אונזערע נשמות — און מיר ווילן ניט, מיר ווילן ניט, מיר ווילן ניט!

— קיין מלחמה.

* * *

קורט לויפט אַראָפּ איבּער די טרעפּ, לויפט אַריבּער דעם וועג, שפּרינגט אַריין אין טראַמוואַי. דער טראַמוואַי טראָגט זיך צום צענטער, אין אַלטשטאָט. דער צענטער, די אַלטע שטאָט, מיט די אַוטאָבּוסן, מיט די בּאַר־רעסטאָראַנען, מיט די פלעצער און די גאַסן, מיט די קלויסטערס, מיט די אַוטאָמאַטן און מיט דעם מיטל־אַלטערלעכן בּורג טראָגן זיך אין דער וועלט אַריין.

זי איז געווען צו שטיל, די דאָזיקע שטאָט, זי האָט כּמעט גע־דרעמלט, זי האָט געשאָנעוועט די רו פון איר מיטלאַלטערלעכן שטייגערנעם סקעלעט. די בּאַר־רעסטאָראַנען און די אַוטאָמאַטן

האָבן ניט זייער הויך געקלאַפּט מיט די מעסערס און גלעזער, און די אַוטאָבוסן האָבן כמעט מיט אָפּשיי פאַרשטיקט זייערע מאָטאָרן, כדי ניט צו באַאומרויִקן, ניט צו שטערן דעם אײַנגענעמען דרעמל פון דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט.

און איצט דאַרף די אויפגעוועקטע, דערשראָקענע, אויפגעוואַכטע שטאָט אין עטלעכע טעג, אין עטלעכע שעה אָניאָגן דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זי דאַרף אים אָניאָגן, כדי צו פאַרהיטן איר מיטלאַלטערלעכן סקעלעט. וועגן דעם קלאָגן די צייטונגען — די אינדערפרייִקע און די אָוונטיקע, די קאָנסערוואַטיווע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, די ליבעראַל־פאָלקישע און די קירכלעך־קאַטױלישע, די רייכע, די אָרעמע, די גרויסע, די קלײנינקע, מיט לעזער און אָן לעזער, די איליוסטרירטע, די עקסטרע, די טראַדיציאָנעלע, פאַר קריסטן, פאַר ווירטינס, פאַר דינסטן און פאַר די הערן אָפיצירן.

מען האָט שוין אַוועקגעשיקט קאָרעספּאָנדענטן אויף די גרעניצן, מען האָט שוין געמאָלדן, אַז עס דרוקן זיך פיר נייע קריגס־ראָמאַנען, ס'איז שוין ערשינען דער ערשטער קריגס־באַריכט — מיט פעטן שריפט אויף די פאָדערשטע זייטן פון אַלע צייטונגען — די קריסטלעכע, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און די אַנדערע — מיט פעטן שריפט, דער ערשטער קריגס־באַריכט:

נעכטן, פיר אזייגער נאָך האלבן
טאָג, האָט זיך אונזער גרעניץ־פּאַטרול
לעבן דער פערמע פּאַנואַר, צו דרום־מערב
פון מעץ, צונויפגעשטויסן מיט אַ פראַנ־
צויזישער אויסשפּיר־אָפּטײלונג און האָט
זי אַטאַקירט. אָפּגעשאָסן זיך אַן ערפאָלג,
האָבן די פראַנצויזן גענומען לויפן.

— אָ, אָ! זיי אַנטלויפן שוין!

— אָ, אָ! זיי קענען ניט שיסן ווי געהעריק!

— איר האָט געלייענט?

— און איר האָט געלייענט?

— איר האָט געהערט, ווי אַ פראַנצויזישער שפּיאָן, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן ווי אַ גייסטלעכער...

— איר ווייסט, אַז די רוסישע זיינען שוין זייער=זייער לאַנג...

— אָ, מיר זיינען געווען צופיל איידלמוטיק און אונזער געדולד...

— מען האָט אים געכאַפּט און — וואָס מיינט איר? — אין מויל ביי אים האָט מען געפונען פּיראָקסילינישע...

— כאַפּט עס דער טייוול, דאָך האָט ער געשריבן בריוו צו אונזער קייזער, און אין דער זעלבער צייט...

— זי האָט געהאַט אַ פּאַס פון אַ פּשוטער לערערין, און בעת מען האָט זי באַזוכט...

— געמיינע פּחדנים, זיי אַנטלויפן תיכף, ווי זיי דערזעען אונזערע העלמען!...

— איך פאַרזיכער אייך, זייער אַ גוטמוטיק אויסזען: בלויע אויגן...

— כ'וואָלט זיך תיכף אָנגעשטויסן!

— האַלט, האַלט, האַ=אַ=לט!

— עקסטרע טע=לע=גראַ=ם=ם!..

— עקסטר...

— ...גראַ=אַמ=ם!..

— לייענט, לייענט!

— אַהאַ=אַ!..

— כ'האָב געזאָגט, כ'האָב געזאָגט!..

— איר ט'געלייענט?

— און איר?

— און איר?

— אָ, אָ! זיי זיינען שוין אַנטלאָפן!

— אָ, זיי קענען גיט שיסן, ווי געהעריק!

היינט פינף אזייגער אינדערפרי איז אין דער ראָטער אומגעגנט פארהאלטן געוואָרן אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אָנגערופן...

אַ פורמאַן שאָקלט זיך אויף דער הויכער קעלניע און פאָכט מיט דער טעלעגראַם אין דער לופטן. דער שאָפער, וואָס האַלט אין

אײן האַנט דעם רודער, פֿאַרשטעקט מיט דער צװײטער האַנט די טעלעגראַמע אין אַרבל-קעשענע. דער שוצמאַן גײט אָפּ אויף עטלעכע טריט פֿון דעם שײדװעג און קרימט אויס אײן אויג אויף דעם פענסטער, װאָס איז פֿאַרקלעפּט מיט דער טעלעגראַמע. אַ װעלאָסיפּעדיסט קויפט, ניט אַראָפּקריכנדיק פֿון װעלאָסיפּעד, בײ דעם פּאַרסאָפּעטן יונגל אַ טעלעגראַמע. אין די רעסטאָראַנען, בירהאַלעס, אַװטאָמאַטן, טראַמװאַיען, איבער די קעפּ, אין די הענט, אין די קעשענעס, אויפֿן דיל — געפֿינען זיך טעלעגראַמעס. אין די פענסטער, אויף די װענט, אין די װיטרינעס, אין דער לופט — געיאָגט פֿון װינט — טעלעגראַמעס!

— עקסטרע טע-לע-גראַם-מע!

— עקסטר...

— ...גראַ-מע!..

— גלײך מען װאָלט פֿאַרגאָסן אַ שטאַרקן װײן איבער דער שטאָט, און די מענטשן פֿאַרכלינען זיך מיט אים און שװימען, טריקען זיך, קומען אין אים אום.

קורט קנײטשט צונויף אַ שטיקל װײס פּאַפּיר, באַזײט מיט אָפּגעהאַקטע אותיות, דערנאָך גלײכט ער עס אויס, לויפֿט איבער מיט דעם שאַרפֿן אויג איבער די דײטלעכע שורות, קנײטשט װידער צונויף דאָס פּאַפּיר אין אַ שטײפֿן קנײלכל, שרײט:

צעצאָלט זיך, לויפֿט ער אַרויס אויפֿן פּלאַץ. דאָרטן — אין -- יעלנער!

רויש און אין ציטער פֿון דער שטאָט, װאָס װערט פֿאַרכלינעט, װאָס טרינקט זיך — שטעלט ער זיך פּלוצים אָפּ אינמיטן טראָטואַר. מען גײט אים אַרום, מען שטויסט אים, מען ק..זט זיך אויף אים אום. ער באַמערקט גאָרנישט. ער קוקט דורך די קעפּ, דורך די פּלײצעס, דורך די היט און די שירעמס גלײך פֿאַר זיך אין יענער זײט, װוּ ער איז אָט-ערשט געגאַנגען. פּונקט אַזוי פּלוצלונג, װי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פֿאַרקערעװעט ער זיך, שנײדט איבער דעם פּלאַץ, זעצט זיך אַרײן אין טראַמװאַי. צו דעם װאַגאָן, װאָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער מענטשלעכער סטענגע אויף דעם טראָטואַר, לויפֿט דורך דורכן פּלאַץ עפּעס אַ מענטש. דער װאַגאָן האָט זיך גערירט.

דער מעגמיש פארשנעלערט דעם לויף, שפרינגט ארויף אויפן טרעפל, גייט אריין אין וואגאן, זוכט אפ עמעצן מיט די אויגן.

— קורט!

קורט קוקט אויף דער גאס, קנייטשט אין האנט דאס ווייסע שטיקל פאפיר.

— קורט, קורט!.. האסט מיך געזען?

קורט האט זיך אומגעקערט, האט ארייגערוקט די הענט אין די קעשענעס. זיין מויל איז פארמאכט, די איבערשטע רינג וויעס זיינען פארקוועטשט הונטער די ברעמען.

— מיר האבן ניט וועגן וואס צו ריידן.

— קורט!..

— הערט, — הייבט אן קורט.

— נאר יענער, וואס האט אים אנגערופן מיטן נאמען, כאפט זיך פארן קאפ און שעפטשעט:

— ביסטו הייסט עס אנטלאפן פון מיר?

קורט לאזט זיך אראפ אויפן באנק. זיינע ליפן ציטערן אויף, די אויגן ווערן רויט. אפשר וועט ער זיך באלד צעשמייכלען, אפשר וועט ער זיך צעוויינען, אפשר וועט ער זיך צעשרייען.

ער זאגט אויך שעפטשענדיק:

— איך האס דיך, אנדרעי... איך מוז האסן! גיי אוועק. זיי געזונט... גיי אוועק!

— דו רעדסט קעגן פארשטאנד, קעגן הארצן!

— הארצן? הארצן? — שרייט קורט און הייבט זיך אויף פון ארט.

— גיי אוועק, לאז מיך אפ. מיר האבן ניט וועגן וואס צו ריידן. אבער גיי אוועק! א ניט וועל איך זיך צעשרייען איבערן גאנצן וואגאן — ווער דו ביסט, און מען וועט דיך...

— שריי, שריי! איך ריר זיך ניט פון ארט.

זיי שטייען געזיכט צו געזיכט, ניט אראפנעמענדיק איינער פון דעם אנדערן די עקשנותדיקע בליקן, און זייערע פנימער זיינען בלאס, אויסגעקרימט פון אנשטרענגונג און באדעקט מיט שווייס.

— איך וואַרט.

קורט שווייגט.

— צום ווידערזען, קורט. דו וועסט קומען צום שׂכל — איך וויים.

— כ'בין ניט קיין צוויאַק. אַדיע, — זאָגט קורט און קערט זיך אָפּ פון אַנדרעיען.

סטאַרצאָוו שפּרינגט אַראָפּ פון וואַגאָן.

אַנטקעגן אים פליט איבערן גאַס אַ ציימונגס־פּאַרקויפער אויף אַ וועלאָסיפּעד און רייסט די שטילקייט מיט אַ הייזעריקן געשריי:

עקסטרע מעלע־גראַמע!

— עקסטר...

— ...גראַ־אַמ־מע!..

די הייזער אַרום זיינען שטיל און וויסט, אין די אָפענע פענ־סטער ווערן די בלומען פאַרגעלט און קרויזן זיך. די מאַנסאַרדעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף די גאָרנס, היטן די רו פון די גאַסן. די מענטשן זיינען אַוועק פון דאַנען אין צענטער — צו די באַרן, צו די אַוטאָמאַטן, צו די רעדאַקציעס און צו די קלויסטערס, זיינען אַוועק, אַנטלאָפן, זיך אַוועקגעיאָגט, כדי צו זען מיט די אייגענע אויגן, ווי די שטאָט, וואָס האָט לאַנגע יאָרהונדערטן געדרעמלט; וואַכט אויף צו מלחמה און רום.

אַנדרעי גייט שטיל, דורך די עקן שטאָט, דורך די פּאַרטיי־עמע געסעלעך, אין דעם אומרעגלמעסיקן, קרומען פּלאַן פון די אַל־טע שטיינערנע בנינים. אַיילן זיך איז ניטאָ וואוהין. פון הינטן — יאָרן, וואָס ניט דו וועסט זיי אומקערן, ניט זיי זיינען דיר נייטיק, מענטשן, וואָס וועלן קיינמאָל ניט ווערן די זעלבע וואָס פריער, קיינ־מאָל ניט. איז דען ניט אַלצאיינס, וואוהין צו גיין? איז דען ניט אַלצ־איינס, וואו דו וועסט קומען און צי דו וועסט בכלל ערגעץ־וואו קו־מען?

דער דורכפאָר דורך דעם וועג, וואָס גייט קיין פירט — דער ערשטער, עלטסטער וועג פון דייטשלאַנד, — דער דורכפאָר, וואָס אַנדרעי איז פאַרביי אים אַזוי אָפט דורכגעגאַנגען, איז באַוואַכט פון אַ סאָלדאַטן־פּאַטרול.

צי האָט אַנדרעי באַמערקט, ווי די סאָלדאַטן טראָגן גרינלעך־גרויע מונדירן און מאַטע קנעפּלעך, ווי די רענצלעך זיינען פון קאַלבנפעל, ווי די העלמען זיינען באַדעקט מיט לייוונטענע איבער־ציערס און ווי אויף ביידע זייטן בויך גערפינען זיך פּאַטראָנטאַשן? צי האָט ער באַמערקט, אַז די סאָלדאַטן זיינען אָנגעטאָן אין קריגס־אוניפאָרם? און אַז אויף דער אוניפאָרם קוקט מען פון די פענסטער, פון די טירן, פון דעם וועג, פון די טראָטוארן? צי האָט ער געזען ווי אין די פענסטער פון דעם צוג, וואָס האָט אַוועקגעפויזעט אין פּירמ, האָבן זיך געגומען ווארפן, געגומען טאַנצן טיכלעך, שירעמס, היט, הענט, און ווי אַזוי עס האָבן זיך אַ שאָט אַהוים געטאָן פון די פענסטער, געגומען פליען צו די פיס פון די סאָלדאַטן אין דער קריגס־אוניפאָרם בלומען, ציגאַרן, פּאַפּיראָסן און ווידער בלומען, בלומען, בלומען? צי האָט ער געזען, ווי די סאָלדאַטן אין דער קריגס־אוניפאָרם האָבן מאַיעסטעטיש פאַרוואָרפן די קעפּ און וואָס פאַר אַ שמייכל ס'האָט אַראָפּגענידערט פון זייערע ליפּן אויף די טיכלעך, שירעמס, היט, בלומען? די סאָלדאַטן אין דער קריגס־אוניפאָרם האָבן ניט אויפגעקליבן אַלע בלומען, וואָס מען האָט געוואָרפן צו זייערע פיס, נאָר האָבן אריינגעשטעקט צו איין רויז אין די רערן פון די ביקסן און אין די פּאַסן, צו די פּאַטראָנטאַשן. דו וועסט דען אויפקלייבן די בלומען, וואָס דאָס פּאָטערלאַנד האָט אויסגעבעט אויפן וועג דער אַרמיי אין דער קריגס־אוניפאָרם? האָט דאָס אַלץ געזען אַנדרעי?

איז דען ניט אַלץ אייגס?

אַנדרעי איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

אויף די ליכטיקע, אויסגעוואַשענע טרעפּ, וואו ער האָט גע־וואוינט, זיינען אומבאַוועגלעך געשטאַנען מענטשן אין לאַנגע שוואַר־צע מאַנטלען און אין נידעריקע הארטע היט. פינף זיינען זיי געווען. זיי זיינען געווען שטיל. אַנדרעי האָט באַמערקט די מענטשן, ווען ער האָט זיך געפונען אין זייער רינג.

דער ווייס־פּנימדיקער, גלאַט ראַזירטער, מיט אַ גוטן בליק אין די ליכטיקע אויגן, האָט אַ ביסל אויפגעהויבן דעם הארטן הוט און האָט אַ פרעג געטאָן:

— הער סטאַרצאָוו?

— יאָ.

— זייט אַזוי פריינדלעך, — און ער האָט פאַר אַנדרעיען אויפגעמאַכט די אָפּגעשפּאַרטע טיר.

— אפשר ווייסט איר ווער סטאַרצאָוו באַווייזן זיינע זאַכן?

די פיר מענטשן האָבן אויסגעטאָן די היט, די מאַנטלען, די רעקלעך, האָבן אָפּגעשפּילעט די מאַנזשעטן און האָבן פאַרקאַשערט ביז די איילנבויגנס די אַרבל פון די פּאַסקעוואַטע העמדער. אויף די דינע רימענע פּאַסן זיינען ביי די אויסגעטאָנענע מענטשן געהאַנגען אין בלאַס־געלע שיידלעך, פעסט צוגעדריקט צום רעכטן דיך, קליינע קאָלטס *.

* אַזעלכע רעוואָלווערן.

דאָס קאַפּיטל וועגן אָפּווייכונגען.

לעגענדעס — רכילות — מעשיות.

די ווילע אורבאַך ליגט אין די בערג, ניט ווייט פון דעם באָהע=
מישן גרעניץ. אַרום און אַרום וואַקסן סאָסנעס, וואָס אײַנאָוונט באַ=
קומען זיי אַ ליליע=קאָליר און אין האַלבן טאָג זײַנען זיי געל. די שטיי=
נער אויף די שפּיצן פון די בערג זײַנען פליכוואַטע, שאַרפקאַנטיקע.
אַז מען קוקט פונדערווייטנס, דוכט זיך אויס, אַז אויף די בערג ליגט
אָנגעוואַלגערט אַלטע צעבראָכן מעבל. אַגב, אויף איין באַרג=שפּיץ
פאַרגייען זיך צו מזרח די דריי מאָנאַכינס אין גלחישע מיצן און
קאַפּישאָנען, וואָס זײַנען אָפּגעלייגט אויפן רוקן. אייניע האַלט אין די
הענט קלויסטער=פּאַמשערקעס: דאָס איז דאָס געגרייזלטע ראָזע
סטעפּ=גראָז, וואָס קריכט אַרויס פון די שפּאַלטן. אין דעם טאָל, וואָס
שלענגלט זיך צו דער ווילע אורבאַך, ציט זיך אַוועק אַ ווייסער שאָסיי,
לעבן אים — אַ שמאָלע אײַזנבאַן=ליניע. דאָרטן, וואו דער טאָל
שפּאַרט זיך אַיין אין דעם משופּעדיקן צופוסן פון לאַושע — געפינט
זיך דער רויטלעכער, פאַררויכערטער דאַך פון דער סטאַנציע. שטיי=
ענדיק אויבן, אויף דעם קײַלעכדיקן באַרג=שפּיץ לאַושע, וואָס איז
ענלעך אויף אַ ברוסט, קען מען דעם טאָל, דעם שאָסיי, די באַן=ליניע,
די סטאַנציע — אַרײַנגעמען אין איין הויפן. די איבערפּײַפּענישן פון
די לאָקאָמאָטיוון הערן זיך פון דאַנען — אַזוי ווי דאָס משיריקען פון
שפּערלען. דאָ פאַרגראָבט זיך דער עכאָ אין די ווייכע טיילן פון די
יונגע סאָסנע=נאָדלען און שלאָפט. דערפאַר קלעטערט יעדער קלאַנג
פון טאָל זיבן מאָל אַרויף צו די פיס פון די דריי מאָנאַכינס. פאַר=
נאַכט, ווען די פויערשע פורלעך אײַלן זיך איבערן שאָסיי אויף נאַכט=

לעגער, קען אַפילו דער סאַמע דרייסטער מענטש ביים צופוסן פון די דריי מאָנאַכינס ניט איינזיצן.

וועגן דער ווילע אורבאַך עקסיסטירן ניט קיין שום לעגענדעס. ס'איז באַוואוסט, אַז פריער האָט זי געהייסן פאָן פרייליבן, ביז די לעצטע טרעגערין פון דעם דאָזיקן נאָמען האָט התונה געהאָט פאַר איינעם — אורבאַך — וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום באַשעפטיקונג און האָט ניט געשטאַמט פון דעם אַדל. אין אַ גויט וואָלט מען געקענט צוטראַכטן אַ לעגענדע וועגן דער ווילע פאָן פרייליבען. נאָר ס'איז ניט געווען אין דעם קיין גויט.

אויף צפון פון די דריי מאָנאַכינס שטייען חורבות פון אַ קאַפוציגער מאָנאַסטיר. אַ בליץ האָט אים פאַרברענט אין דעם מאָמענט, ווען די מאָנאַכן האָבן געהאַט פאַרלאָקט אין דעם מאָנאַסטיר־קעלער אַריין צוויי יפת־תוארס פון אַ דערבייאיקן דאָרף. אַלע קאַפוציגער זיינען פאַרברענט געוואָרן אויף אַש. ס'זיינען בלויז געבליבן לעבן — דורך אַ נס — ביידע פויערשע שיינהייטן: די געטלעכע השגחה האָט פאַרהיט די אומשולד, כדי די קריסטן זאָלן זיך אַראָפּנעמען דערפון אַ מוסר־השכל. די דאָזיקע געשיכטע האָבן באַשטעטיקט די פויערים, וואָס אין זייער דאָרף זיינען געווען די שיינהייטן. דאָ קומט די מעשה וועגן דעם געשלעג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די חתנים פון דעם גאַנצן געגנט צוליב די מיידלעך: יעדערן האָט זיך געוואָלט דורך זיי קומען אין באַרירונג — מיט דער געטלעכער השגחה. נאָר איצט איז ניט די צייט אָפּצושטעלן זיך אויף דער דאָזיקער מעשה.

איצט רעדט זיך וועגן דעם, וואָס די פויערים האָבן זיך ניט גע־גייטיקט אין לעגענדעס.

איידער ס'איז געקומען אַהער דער קאַפוציגער אָרדן, איז דער שלאָס, וואָס האָט קריסטוס־פריינדלעך געדינט דער פרומער ברודער־שאַפט, לאַנגע יאָרן געווען די רעזידענץ פון די הערשער פון דער קליינער מאַרקגראַפשאַפט צור מילען־שענאַו. די אָבות פון דעם דאָזיקן ריטערשן שטאַם זיינען אַמאָל געווען נאָענט צו דעם וואַטיקאַן און האָבן צוויי מאָל אויסגעריכט חייל־אָפּטיילונגען צו יעזוס קבר. אין דער דרייסיק־יעריקער מלחמה זיינען די מאַרקגראַפן אָפּגעזעסן, אַזוי ווי די פעלדערמייז, אין די שיסלעכער פון דעם שלאָס. דערנאָך

האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט רויבעריי אין דעם פּראָטעסטאַנטישן זאַקסן. דערנאָך האָבן זיי שטיל גענומען וועלקן. דער קאַרדינאַל סעבאַסטיאַן האָט געבעטן ביי די מאַרקגראַפן אַ מקום-מקלט פאַר דער פאַראָרעמטער ברודערשאַפט פון דעם קאַפּוצינער אָרדן. האָבן די מאַרקגראַפן אָפּגעגעבן זייער רעזידענץ פאַר אַ מאָנאַסטיר. און האָבן געמאָלדן וועגן דעם דאָזיקן אַקט אַלע קאַטוילישע קייסאָרים. צו דער דאָזיקער צייט זיינען אין שלאָס פאַרבליבן בלויז נעסטלען און שפּינען.

אויף מערב פון לאָושע, כמעט לעבן איר סאַמע שיפּוע, האָט זיך געמאַכט אַן אָרט אַ נייער שלאָס — אַ קלענערער, אַ גוטמוטיקערער און אַ יינגערער פון די רוינען. אַהער האָט מען אַריבערגעטראָגן די אָבות פון די ריטערס, וואָס האָבן אָפּגעטראָטן די קאַפּוצינער די נעסטלען און די שפּינען. דאָ האָבן זיך געהיט די רעליקוויעס פון דעם הערשער-שטאַם. דאָ איז געוואַקסן זיין לעצטער שפּראָץ — דאָס שווייגעדיקע, גלאַטינקע בלאָנדע יינגעלע — מאַקסימיליאַן יאָהאַן פאָן-צור-מילען-שענאַו. ער איז געוואַקסן אונטער דער השגחה פון דעם אַפּיטראָפּוס און אויף די אויגן פון די פויערים — די אייניקלעך פון די, וואָס האָבן צוויי מאָל געפּרוווט העלפן דעם האַר-גאָט אָפּנעמען זיין קבר ביי די אומגלויביקע.

אָט פאַרוואָס אין די דאָזיקע ערטער נייטיקט מען זיך ניט אין קיין לעגענדעס. אָט פאַרוואָס, בעת דו קוקסט-נאָך דעם אַוועקגייענדיקן פויער, וואָס שטעלט אויס די פיס אַזוי ווי אַ פערד, דוכט זיך דיר, אַז אויף זיין רוקן הויערט די שווערע משא פון יאָרהונדערטן, מיט זייערע ריטערס, מלכים, קאַרדינאַלן און מאָנאַכן. ווען ניט דער דאָזיקער רוקן, וואָלט אפשר — ווער ווייס — אין דער ביבליאָטעק פון שלאָס — אויף מערב פון לאָושע — געלעגן אַ זעלטנשיינער, פאַרגרינטער פאָליאַנט: „דאָס יחוס-בוך און דער שטאַם-בוים פון די הערשנדיקע מאַרקגראַפן פאָן-צור-מילען-שענאַו"?

וואָס קען מען נאָך דעם אַלעמען זאָגן וועגן דער ווילע אורבאַך?

אָנרכילותן אַ ביסל, אָנרכילותן — אָ, יאָ!

אַז אומפאַרשטענדלעכער מענטש איז דער דאָזיקער הער אורבאַך! מעגלעך, אַז אין אַן אַנדער לאַנד וואָלט ער אויף זיך ניט גע-

צווינגען קיין שום אויפמערקזאַמקייט. נאָר אין דייטשלאַנד, אין דייטשלאַנד...

קודם-כל: מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך? אַ גוטבאַזיצער. גוט. נאָר פאַרוואָס האָט ער קיין איין מאָל ניט אַריינגעשמעקט אין דער קעזקאָכעריי, ניט באַקוקט די שטאַלן, זיך ניט אינפאָרמירט וועגן דעם היי-שניט? ער האָט אַ פאַרוואַלטער? גוט. ס'איז פאַרשטייט זיך, ניט פאַרגונפטיק אָנצוטרויען אַ גרויסעווירטשאַפט אַן איינפאַכן אָנגעשטעלטן, נאָר אַ רייכער מענטש קען זיך פיל ערלויבן. אָבער פאַרוואָס האָט הער אורבאַך קיין איינמאָל ניט אָפּגענומען קיין רעכענונג פון דעם פאַרטרויונגס-מאַן, און שיקט אָפּ יעדעס מאָל צו זיין פריי— פרוי אורבאַך, געבאָרענע פרייליכן? אפשר איז הער אורבאַך — אַ מלוכה-באַאַמטער? אַ מיטגליד פון לאַנדטאַג? ס'הייבט זיך ניט אָן. אפשר אַ געלערנטער? אָבער דעמאָלט וואָלט מען דאָך אים גערופן פּראָפעסאָר. אפשר — אַ שרייבער? אין דעם פאַל וואָלט דער פון געוואוסט יעטווידער זשאַנדאַרם. אפשר פשוט — אַ ראַנטיע? פירט דען אָבער אַ ראַנטיע אַזאַ לעבן? איין טאָג אין דער ווילע, איין טאָג אין שטאָט, איין טאָג אין קוראָרט. די נעכט — אין די בערג, מיטאָג-צייט — שלאָפט ער, אָדער ער גייט אין ערגעץ ניט אַרויס דריי מעת-לעת נאָכאַנאַנד. דער לעבנסשטייגער פון אַן אמתן ראַנטיע ווערט איינגעשטעלט פון אַ גאַנצן קאָנסיליום פּראָפעסאָרן. אַ ראַנטיע לעבט ניט, נאָר ער פילט זיך שטענדיק געזונט. מען זאָגט, אַז הער אורבאַך צייכנט עפּעס פּראָיעקטן. אָבער וואָס זיינען עס פאַר אַ פּראָיעקטן, ווייס קיינער ניט. אָט, מען רעדט בלויז.

גייז, הער אורבאַך — איז אַן אומפאַרשטענדלעכער מענטש. פרוי אורבאַך וואָלט פאַר אים קיינמאָל ניט חתונה געהאַט, ווען ניט... מיט איין וואָרט, זי איז נאָך געווען פריילין פאָן פרייליכן, ווען ביי איר איז געבאָרן געוואָרן אַ זון. דערצו הינקט זי אויפן איין פוס: דאָס איז ביי איר פון קינדווייז-אויף. נאָר זי איז אַ סאָלידע, אַ שטרענגע, אַ וואוילטעטיקע דאַמע, און ניט גריסן זיך מיט איר, בעת זי פאָרט דורך דעם שאָסיי, איז עפּעס ניט באַקוועם.

זיי האָבן קינדער. יענץ יינגעלע, וואָס מיט זיין קומען אויף דער וועלט איז הער אורבאַך פּלוצלונג באַגליקט געוואָרן, און אַ מיידעלע

מיטן נאָמען מאַרי. ס'איז מאָדנע, ווי דער גורל איז גערעכט און שטרענג. דאָס עלטערע קינד איז געראָטן אין דער מאַמען. הייגריך אַדאָלף איז — פאַרשטייט זיך — ניט אורבאַר. הייגריך אַדאָלף פאָן פרייליבן איז דער יורש און דער נאָכקומער פון דעם שטאַם. מאַרי... נו, וואָס קען מען זאָגן וועגן דעם דאָזיקן מיידעלע?

אָנריידן אַ ביסל רכילות, אַ ביסל רכילות — אָ, יאָ!

פרעגט וועלכן פויער איר ווילט — מען קען זי אין דעם גאַנצן געגנט. זי באַווייזט זיך אַלע מאָל און אומעטום אומגעריכטערהייט, אַזוי ווי אַ שאָטן. באמת, ס'איז אַ שלעכטער סימן, אַז מאַרי לויפט אַרויף אויף אַ פרעמדן הויף. נאָך איר אַוועקגיין מוז אַלעמאָל עפּעס טרעפן אין דערווירטשאַפט: ס'ווערט קראַנק אַ פערד, אָדער ס'צעברעכט זיך די שנייד־מאַשין, אָדער — לפּחות — די מילך ווערט זויער. איינמאָל האָט זיך עפּעס מאַרי אָפּגעשטעלט לעבן אַ קלויסטער. אין דער זעלבער צייט איז פון די אָרטן אַרויסגעגאַנגען דער אָרגאַניסט.

— גוט מאָרגן, מיידעלע, — האָט ער געזאָגט.

און דאָ האָט מאַרי געגעבן אויף אים אַ קוק מיט אַזעלכע אויגן, אַז יענעם האָט תיכּף געגומען בייסן אין נאָז. און וואָס מיינט איר — דער אָרגאַניסט איז דאָך טאַקע קראַנק געוואָרן אויף קאַטער און האָט זיך אַזוי צעניסט בעת דער גאָטעס־דינסט פון גרין־חגא, אַז פון די באָרן האָט מען בלויז געהערט אַפּטשי און אַפּטשאַ!

און איין מאָל האָט מאַרי אַריינגעקוקט דורכן פענסטערל צו דעם פאָרשטאַנד. יענער איז געזעסן, האָט פונאַנדערגעקליבן זייגע פּאַפּירן און האָט געשריבן פאַרשיידענע זאַכן.

— אָהאָ, — זאָגט מאַרי, — וויפל פּאַפּירלעך דו האָסט! ניט־שוין־זשע פאַרפּלאָנטערסטו זיך ניט אין זיי?

— ניין, — האָט יענער געענטפערט, — אויף דעם בין איך דאָך אַ פאָרשטאַנד, איך זאָל זיך ניט פאַרפּלאָנטערן. און דו גיי אַוועק פון דאַנען, שטער ניט.

— נו, — זאָגט מאַרי, — אָט וועסטו זיך פאַרפּלאָנטערן!
און איז אַנטלאָפן.

און דער פאָרשטאַנד האָט פון יענעם טאָג אָן אָנגעמאַכט אַזעל־

בע זאַכן, אַז פון שטאָט איז געקומען אַ באַאַמטער און האָט געהייסן, וואָס גיכער אים צונעמען.

ניט אַנדערש, אַז אין דעם מיידעלע איז געזעסן עפּעס אַ דיבוק, און זי איז געבאָרן געוואָרן ניט אין קיין גוטער שעה...

נאָר אַזוי ווי אין די דאָזיקע ערטער בייטיקט מען זיך ניט אין קיין לעגענדעס, ווייל יעדער שטיין איז דאָ באַוואַקסן מיט לעגענדעס, אַזוי בייטיקט מען זיך גיט אין קיין רכילות וועגן מאַרין, וואָרעם די מעשה וועגן איר קינדהייט איז פול מיט צופעליקייטן און מיט סודות, וואָס זייער באַשיידונג איז איבערראַשנדיקער און שרעקלעכער פון אַלע רכילות.

ווען מאַרי איז אַלט געווען דריי חדשים, איז צום ערשטן מאָל געקומען נאָך איר דער טויט. הער אורבאַך האָט געבראַכט צו פירן פון שטאָט צוויי דאָקטוירים, און די דאָקטוירים האָבן פאַרבראַכט אין אורבאַכס ווילע נייגצן טעג. ניינצן טעג האָט דאָס קינד געגוססט. געווען איז עס אַ שטילס און האָט כמעט קיין קלאַנג ניט אַרויסגע־לאָזט, נאָר איין מאָל אין מעת־לעת — אין די אָוונטן — פלעגט עס געמען ברעגען, אַזוי ווי אויף הייסע קוילן, און פלעגט זיך לאַנגזאַם אָפּקילן פאַר דער נאַכט, און זיך פאַרדעקן מיט אַ גראָלעכער בלאַס־קייט, אַזוי ווי מיט אַש. אירע אויגן, וואָס זייגען צייטנווייז געווען קלאָר, אַזוי ווי אַ פרילינג־וואַסערל, האָבן זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט אויף דעם פאָטער, און דעמאָלט פלעגט הער אורבאַך אַרויסלויפן פון שטוב און אַרומבלאָנקען אין די בערג. די דאָקטוירים האָבן זיך באַ־ראַטן, האָבן געשריבן רעצעפּטן און האָבן לאַנג עפּעס דערקלערט דעם קינדס פאָטער, דערנאָך האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אין דער הויך, אין די צימערן, וואָס מען האָט פאַר זיי אָפּגעגעבן, און האָבן זיך געזעצט לעבן שאָכברעטל. ספּעציעלע שלוחים זיינען געפלויגן מיט די רע־צעפּטן אין די אַפּטייקן, האָבן געבראַכט קאָמפּרעסן, טערמאָמעטערס, וואַגעס, דערנאָך זייגען זיי געזעסן אין קיך און האָבן פאַוואָליע גע־מאַכט דעם חשבון, וויפל דעם קינדס לוויה וועט אָפּקאָסטן דעם באַ־לעבאָס.

מאַרי האָט געגוססט. דאָס איז געווען קלאָר ניט נאָר פאַר די זייטיקע מענטשן — פאַר די דאָקטוירים און דער דינערשאַפט, נאָר

אויף פאַר דעם פּאַמער. ער פלעגט אַלץ אָפטער און אָפטער פאַר־שווינדן אין די בערג און פלעגט זיך אומקערן בגנבה, און זיך צוהערן צו דער שטילקייט פון דעם קינדער־צימער. פרוי אורבאַך האָט דער־וואַרט דעם סוף פון דער טאָכטער און איז ניט אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער.

אויף דעם אַכצנטן טאָג איז איין דאָקטאָר נימאס געוואָרן צו שפּילן אין שאָך און ער איז אַוועקגעפאָרן. ער האָט צוגעזאָגט צוצו־שיקן פון שטאָט זיין קאָלעגע. אויף דעם נײַנצנטן טאָג — האָט דער צווייטער דאָקטאָר געמאָלדן, אַז ער קען מיט קיין זאַך ניט זיין נוציק.

און אין דעם זעלבן טאָג, אינאָוונט, בעת דאָס אָפּגעשמאַרבענע קערפּערל פון דעם קינד האָט זיך באַדעקט מיט אַ הייסער היץ־פאַרב, האָט זיך אין קינדער־צימער דערהערט אַ געוויין. געווען איז עס אַ קורצער, הילפלאָזער געוויין און האָט מיט זיין ענערגישקייט אַלע־מען דערמאָנט אָן יענעם געבעכדיקן קווימש, מיט וועלכן מאַרי איז מיט דריי חדשים צוריק געקומען אויף דער וועלט.

— אַ גוטער סימן, — האָט די קראַנקענוואַרטערין געזאָגט, — דאָס קינד איז אַ צווייטן מאָל געבאָרן געוואָרן.

הער אורבאַך האָט זיך צעקלאָגט.

— מיר דוכט, — האָט דער דאָקטאָר בעתן זעגענען זיך גע־זאָגט, — אַז ניט געקוקט אויף דער אוממעגלעכקייט פון דעם דיאַג־נאָז, איז די קוראַציע, וואָס מיר האָבן אָנגעווענדט, געווען פולקום ריכטיקע.

דער האַזיקער מאָמענט האָט אויף שטענדיק באַשטימט דעם אָרט, וואָס מאַרי האָט פאַרנומען אין דער משפחה: זי איז געוואָרן דער ליבלינג פון פאָטער און די מוטער האָט זי פיינד געקראָגן. נאָ־מירלעך, האָט פריער אָדער שפּעטער געמוזט אַזוי פּאַסירן, ווייל אין דער משפחה איז געוואַקסן דער זון — היינריך אַדאָלף — מיט דעם פאַמיליע־נאָמען אורבאַך און מיט דעם בלוט פון פאָן פרייליבן. נאָר אַזוי האָט זיך געטראָפן דווקא פון דעם מאָמענט אָן, ווען מאַרי איז געבאָרן געוואָרן אַ צווייטן מאָל.

די ציגענע מילך, מיט וועלכע מען האָט זי גענומען צוקאָרמען נאָך איר קראַנקהייט, האָט געהאַט אויף איר אַ גוטע פעולה. אַז זי

האָט זיך אויסגעלערנט כאַפּן און דער פּאָטער האָט איר אָנגעשאָנקען אַ סך שפּילצייג, האָט מאַרי ניט אַרויסגעוויזן פאַר מענטשן קיין שום אינטערעס צו די מתּנות, און בלויז ווען זי פלעגט בלייבן איינע אַליין אין איר ווענקעלע, פלעגט זי נעמען באַטראַכטן די שפּילצייג.

צו ניין חדשים האָט זיך מאַרי אויסגעלערנט גיין. דער פּאָטער האָט צופעליק געזען, ווי דאָס איז פאָרגעקומען. דאָס קינד אַרומגערינגלט מיט שפּילצייג, איז געזעסן אויפן דיל. די ניאַניע איז אַרויסגעגאַנגען. גאָכגעקוקט איר און איבערצייגט זיך גענוי, אַז אין צימער איז קיינער ניטאָ, האָט זי זיך אַ צי געטאָן מיט די הענטלעך צום שטול. קרעכצנדיק און קוועטשנדיק זיך, האָט זי זיך אויפגעהויבן אַ ביסל און האָט אָנגעהויבן צו שטעלן די אומגעהאָרזאַמע פיסלעך, וואָס האָבן זיך געטשטשפּעט איינע אָן די אַנדערע. אַרומגייענדיק דעם טיש, האָט מאַרי באַשלאָסן צו מאַכן עטלעכע טריט אָן אַן אָנלען און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום בעט. נאָר זי איז תּיכּף געפאַלן און האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיטן קאַרק אָן דיל. הער אורבאַך האָט ניט ווילנדיק אַ שפּרינג געטאָן פאָראויס. מאַרי האָט זיך מיט מי אויפגעהויבן, האָט געפּרוווט מיט דער האַנט דערגרייכן דעם צעקלאַפּטן קאַרק און אַ רייב טאָן אים, האָט אים ניט דערגרייכט, האָט עפּעס אַ פּלאַפּל געטאָן אונטערן נאָז און האָט זיך אַרומגעקוקט. דער שטול איז געשטאַנען הינטער איר, די בעט — פאַר איר. כּדי אָנצוכאַפּן זיך פאַרן שטול, האָט מען באַדאַרפט מאַכן אַ צוויי־דריי טריטלעך. ביזן בעט איז געווען מערער. מאַרי האָט באַשלאָסן צוצוקומען צו דער בעט. תּחילת האָט זי זיך געשטעלט אויף די קני. דערנאָך האָט זי, מיט גרויס אָנשטרענגונג, אונטערגעשטעלט די קני אונטערן בויך און האָט אַ ביסל אָפּגערוט, שטייענדיק אויף אַלע פיר. אויפהייבן דעם קאָפּ און אָפּרייסן אין דער זעלבער צייט די הענט פון דיל איז געווען שווערער. מאַרי האָט געקענט לייכט צופויזען ביזן בעט אויף אַלע פיר. נאָר זי האָט באַשלאָסן צו שטעלן זיך אויף די פיס, און זי האָט געמוזט אירס אויספירן. איין הענטל האָט זיך ענדלעך אָפּגעריסן פון דיל און האָט זיך גענומען באָמבלען אין דער לופטן. דעריבער האָט זיך די גאַנצע משא פון דעם קליינעם גופעלע אָנגעשפּאַרט אויף דער צווייטער. אויפשטיין איז געווען אוממעגלעך. דעמאָלט האָט זיך מאַרי

צוגעזעצט, האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט אָנגעהויבן די אַרבעט פון דאָס ניי. ווידער האָט זי די קניעלעך אונטערגעבויגן אונ־טערן בייך, ווידער האָט זי איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, ווידער האָט זיך ביי איר איין האַנט געגומען באָמבלען אין דער לופטן. נאָר דאָ האָבן זיך פלוצלונג די פיסלעך פון זיך אַליין אונטערגעבויגן אין די קנעכלעך און מאַרי האָט זיך דערזען זיצנדיק די פיס אונטער זיך. דעמאָלט האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענטלעך אָן די קני, האָט זיך אָנגעשטרענגט, זיך אויסגעגלייכט און, ניט צונעמענדיק די הענט פון די קניעלעך, האָט זי תחילת געשטעלט איין פוס, דערנאָך די צווייטע. איבערציייגט זיך, אַז זי קען זיך באַוועגן, האָט מאַרי אויס־געצויגן איין הענטל פאָראויס, האָט זיך נאָך מער אויסגעגלייכט און האָט אַוועקגעהונקען, וויגנדיק זיך, פאָראויס, פאָראויס, כמעט ביזן סאַמע בעט. דאָ האָט זי אויך צוגענומען דאָס צווייטע הענטל פון קני, האָט אַ פּאַטש געטאָן פון פרייד מיט די הענטלעך, האָט אַ קרעק געטאָן אַזוי ווי אַן ענטל און איז אַנידערגעפאַלן אויפן געלעגער, אײַנ־קלאַמערנדיק זיך בעת־מעשה מיט די פינגער אין קאָלדרע.

דעמאָלט האָט זיך העך אורכאַך אַ וואָרף געטאָן צו איר, האָט זי אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ און עפּעס אויסגעשריען אַן אומ־פאַרשטענדלעך וואָרט.

נאָר מאַרי, וואָס איז געווען געוויינלעך אַ שטילע, האָט זיך פלוצלונג אַזוי צעוויינט, אַז מען האָט זי ניט געקענט באַרויקן, גלייך זי וואָלט זיך ביטער באַליידיקט, וואָס עמעצער האָט איר נאָכ־געקוקט אין איר איינזאַמקייט.

נאָך דעם, פלעגט מאַרי יעדעס מאָל, אויף וועלכן אופן מען זאָל זי ניט האָבן געלערנט גיין, ווי מען זאָל זי ניט האָבן געצוואונגען שטעלן זיך אויף די פיס, זיך זעצן און בלייבן אומבאַוועגלעך, ווי אַ שטיין, ביז וואַנען זי איז ניט אַלט געוואָרן קיין יאָר און איז אַוועק זיכער אָן קיינעמס הילף.

די שטיינערנע מאַרקגרעפין.

אַ ווייכער, אָנגעפוילטער נאָדלבוים אונטער די פיס, אַ גלייכע שורה מאַסטבייטער, פעלזן, אַרומגעפלאָכטן מיט סטעפּ־גראָז, אומע־

טום אָנגעוואַלגערטע בערג, שלאָס־רוינען, אַ מאָל, אַרומגעגאַרטלט מיט דער אייזנבאַנליניע, און דער משופּעדיקער, גלייכער צופוסנס פון לאַושע — איז געווען מאַרים קינדער־צימער.

אויף איר האָט געדריקט די היים, דאָס מעבל און דאָס גרעסטע אומגליק פון איר לעבן איז ביי איר געווען דער ווינטער. נאָר אַפילו ווינטער האָט מאַרי אויך געלעבט אויפן פראָסט, אויפן ווינט, געלעבט מיט די נאַרטעס, מיט דעם גליטשן זיך פון די בערג, מיט דעם לויפן און קלעטערן איבער די אָנגעפראָרענע, גליטשיקע שטיינער. געלאָפן און געקלעטערט האָט זי, אַזוי ווי אַ ציג, האָט זיך געדראַפּעט איבער די שטײלע פעלזן, זיך געקלאַמערט אָן די אומגעזעענע אַרויסשטאַרצן, שנעל און רוישלאָז. ס'איז געווען אמת, וואָס מען האָט דערציילט, אַז זי איז געווען געראָטן אין איר אַם — אין דער בייזער קאָכלעפל און קריגערין, וואָס האָט דערעסן דעם גאַנצן געגנט.

עפּעס איינמאָל האַרבסט־צייט איז מאַרי פאַרשוואונדן געוואָרן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זי ניט געקענט אָפּזוכן, און אינאָווענט האָט די ווילע אורבאַך געמאַכט אַן אַלאַרם. מען האָט צעשיקט מענטשן אין אַלע עקן. אין דאָרף האָט מען אויסגעפרעגט די קינדער, וואָס האָבן געפירט מיט מאַרין באַקאַנטשאַפט. קיינער האָט זי ניט געזען.

די פינסטערניש האָט שפּורלאָז פאַרדעקט דעם וואַלד, די וועגן האָבן זיך אַוועקגעצויגן אין דער נאַכט אַריין, אַ קליין רעגעלע איז געבליבן הענגען, אַזוי ווי אַ קאַלטע צאַם צווישן די בערג.

מען האָט דאָס גאַנצע דאָרף אויפגעהויבן אויף די פיס. די פּויערים, פאַרכאַפּנדיק מיט זיך די לאַמטערנעס, האָבן זיך צעטיילט אויף פּאַרטיעס און ווי נאָר זיי האָבן זיך געלאָזט אין פאַרשיידענע זייטן, איז פון דעם גרויסן וועג אין גאַלאָפּ געקומען צו פליען אַ יונגער פּאַרעבאָק. זיין פערד איז געווען פאַרדעקט מיט שוים, די היי אין וואָגן איז געווען צעוואָרפן, אַליין איז ער געווען באַגאָסן מיט שווייס, האָט געשווידערט און האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקענט דערציילן ווי געהעריק, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בעת ער האָט, פאַרבייפאָרנדיק דעם שאָסיי, געמיטן די דריי מאָנאַכינס, האָט זיך אויף אים פּלוצ־

לונג אַרויסגעוואָרפן אַ שרעקלעך געוויש. דעם יונג האָט זיך אויס־געדוכט, אַז די בערג האָבן זיך גערירט פון אָרט און גיטנומען האָבן זיך צעלאַכט און צעבילט הינטער אים. דאָס פערד האָט זיך צעטראָגן און ער אַליין האָט זיך קוים איינגעהאַלטן אין וואָגן; ער האָט דערביי דערמאָנט דעם נאָמען פון יעזוס קריסטוס און אָפּגעזאָגט אַלע תפילות, וואָס דער גייסטלעכער האָט אים אויסגעלערנט. און הינטער אים — הערט זיך אַ פייפעריי, אַ צווינקריצעריי, אַ הירזשעריי, אַ בי־לעריי. קענטיק, אַז דער אשמדאי אַליין ריכט אָפּ היינט דעם יום־טוב פון זיין געבורטסטאָג.

ניט אַזוי לייכט איז געווען אויסצוזוכן מענטשן, וועלכע זאָלן וועלן גיין בייבאַכט צו די דריי מאַנאַכינס. דער הער אורבאַך איז גע־גאַנגען פאָראויס פאַר די דרייסיק פויערים. ער האָט מסתמא גוט געקענט זיין טאָכטער, אויב ער האָט תיכף באַשלאָסן, אַז זי קען אין ערגעץ ניט זיין, אויסער ביים טיוול צו גאַסט!

מען האָט באַדאַרפט הערן, וואָס פאַר אַ קאָנצערט ער האָט אָפּ־געגעבן דעם דאָזיקן אָוונט! אַרום און אַרום איבער די וועלדער האָט זיך געקאָלערט אַ טראַסקעריי און אַ קנאַלעריי, פּונקט ווי אַ געוויטער וואָלט געצונדן און געוואָרפן די סאָסנעס אויף דער ערד; די בערג האָבן געברומט און געקרעכצט, מוראדיקע באַשעפעניש האָבן ביי זיי געריסן די ברוסט מיט די נעגל, און דאָ — איז נאַכט: כאָטש נעם זיך אַרויס אַ אויג, זעסטו קיינעם ניט, און די לאַמטערנעס לעשן זיך אַלע ווייַלע אויס פון דעם רעגן. דער, ביי וועמען די נשמה איז ווערט אַ שפּיי, דער העט, קען זיין, זיך אַוועקלאָזן אויך אין אַזאַ נאַכט צו די דריי מאַנאַכינס.

ביי די וואַילע יונגען האָט אָבער געקלעקט מוט פּונקט ביז דער באַנליגיע. אַריבערגיין זי און אַרויסגיין אויפן שאָסיי האָבן זיי זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. הער אורבאַך האָט אויסגעקליבן אַ וואָס בעסערן לאַמטערן און איז אַוועק צו דעם פעלז אַרום און אַרום. ער האָט ניט באַוויזן אַריבערצוגיין דעם שאָסיי און אַרומגיין די דריי מאַ־נאַכינס, ווי דאָס רווישן האָט פּלוצלונג אויפגעהערט. פון דעם שפּיץ באַרג האָבן זיך פון צייט צו צייט אַראָפּגעקאָלערט ברעכעוודיקע קלאַנגען פון אַן אייזערנעם טאָוול, וועלכן מען האָט ריטמיש גע־

טרייסלט. קיין ווידערקול האָט דאָ קיין איינמאָל אַפילו ניט אָפּגע־קלונגען.

הער אורבאַך האָט אויסגעשריען:

— מאַרי!

— אַ־אַ! — האָט זיך דערהערט אַן ענטפער.

— איך וואַרט אויף דיר אונטן.

— כ'גיי־יי!

ס'האָט זיך געהערט, ווי דאָס אייזן האָט אַ קלונג געטאָן אַן שטיין און האָט געגומען הודיען. און ביסלעכווייז, רגע נאָך רגע, האָט זיך אין די בערג אויסגעלייגט אַ שטומקייט.

שנעל גליטשנדיק זיך איבער די פייכטע שטיינער, אַ צעקאָר־טשעטע, אַ באַשאָטענע מיט פליטערלעך פון רעגנטראָפּנס, איז מאַרי ערשינען אין דעם געלן קרייז פון דער לאַמטערן־שיין. זי האָט צוגע־לייגט אַ פינגער צום מויל און האָט, ווי אַ פאַרשווערערין, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— טאַטעשי, זאָג גאָר קיינעם ניט, אַז דאָס בין — איך. דאָס בלעך איז געבליבן דאָרטן, אינדערהויך. מאָרגן וועל איך קומען אַהער ווידער און וועל ברענגען מיט זיך נאָך אַ מאָל.

— מאָרגן וועסטו אַ גאַנצן טאָג ניט אַרויסגיין פון צימער.

— ניין, טאַטעשי, מיר וועלן קומען אַהער צוזאַמען. דו דאַרפסט אומבאַדינגט זיצן אין דער הייך, לעבן די סאַמע פיס פון די מאַגנאַכינס.

— דו וועסט ביי מיר זיצן אונטערן שלאָס, האָב איך געזאָגט.

— אַך, וואָס פאַר אַ מאָדנער דו ביסט! איך זאָג דאָך דיר: דאָרטן איז אַזוי שרעקלעך, אַז ס'איז נימאָ קיין כוחות איינצוהאַלטן זיך. דו וועסט זיך געווים אַראָפּקייקלען אונטן פון שרעק!

זי האָט זיך צעלאַכט, האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָטער פאַרן האַנט און איז אַוועקגעלאָפן פאָראויס, אומטערשפּרינגענדיק, גלייך ניט ער האָט זי געפירט אַהיים, נאָר זי — אים.

דאָס איז געווען די לעצטע שטיפעריי, וואָס האָט ניט איבערגע־לאָזן אויף מאַרין קיין שום שפּור.

וועסגע־צייט האָט זי זיך געגומען צוקוקן צו אירע דאָרפישע

פריינד. מען האָט באַדאַרפט אויספרואוון זייער פריקיים, אויסקלייבן די סאַמע זיכערע, אַנטשלאָסענע, שווייגעדיקע און שטאַנדהאַפטיקע. בלויז אויף דריי האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן מיט אַ לייכטן האַרצן. דאָס זיינען געווען די דרייצן-פערצניאָריקע יונגאַטשעס, ברייטפּלייציקע, פעסטע, איינע אין איינע — מיט אַזעלכע קיילעכדיקע, גרויסע אויגן, וואָס בעת מאַרי האָט דערציילט די שרעקלעכע געשיכטעס, האָט זיך איר געדוכט — אַז די דאָזיקע אויגן וועלן אָט-אָט ארויסשפּרינגען אויף דרויסן און וועלן זיך אַוועקקייקלען. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע יאַטעס האָט גוט געאַרבעט דער קאָפּ און זיי האָבן געקענט האַלטן די צונג צווישן די ציין. אויסער דעם האָבן זיי עפּעס געהערט וועגן דער שטיינערנער מאַרקגרעפין, וואָס איז געווען באַגראָבן מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק אין שלאָס. מען האָט זיי געקענט לייכט איינריידן, זיי זאָלן זיך אונטערנעמען צו מאַכן געהיימע אויסגראָבונגען אין די חורבות פון דעם מאָנאַסטיר: זיי אַליין האָבן מאַרין ניט געלאָזט צורו און האָבן לאַנג אַרומגעטראַכט דעם פּלאַן, וואו ווער ס'זאָל אַנטלויפן, ווען אין די היילן פון דעם שלאָס וועלן זיך אָפּזוכן די אוצרות פון דער מאַרקגרעפין.

ניט יעדערער וואָלט געהאַט שכל אַוועקשטעלן ווי געהעריק אַזאַ דעליקאַטן ענין, ווי דאָס אויסגעפינען דעם אוצר.

מאַרי האָט געוואוסט, וואָס מען האָט באַדאַרפט טאָן.

איינמאָל האָט זי געבראַכט אירע פריינד אין דעם פאָטערס קאַבינעט אַריין. פון די שאַפעס און די פּאָליצעס האָבן זיך אויף די יונגעלעך אַ שאָט געטאָן ביכער, קאַרטעס און פּלענער.

— אָט! זעט! דאָ איז אויפגעשריבן אויף ענגליש: מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָבן די מאַרקגראַפן אַנטדעקט אין זייער פאַמיליען-קבר די פאַרשטיינערטע מאַרקגרעפין. ווען זיי האָבן געפרואווט אַראָפּנעמען פון איר די צירונג, האָט זיך דאָס דעקל פון דער טרונע אַליין פעסט פאַרהאַקט און מען האָט זי ניט געקענט עפענען.

— אָט האָט איר אַ דאָקומענט. דאָ איז אויף דייטש. דייטש קענט איר אַליין לייענען: „אין יאָר 1560 האָבן די מאַרקגראַפן איבערגעגעבן זייער שלאָס דעם קאַפּוצינער-אָרדן". איר זעט? לייענט: דעם קאַפּוצינער-אָרדן.

ס'איז ניט געווען וואָס צו דערווידערן: ס'איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס — דעם קאַפּוציינער־אָרדן. אויך דאָס יאָר. מיט אומגע־ווייגלעכער געוויקייט — דאָס יאָר 1560.

— אַן אמתע זאַך, — האָט איין מיטגליד פון דער קאָמפּאַניע געזאָגט.

— אַהאַ! — האָט מאַרי אויסגערופן און אַלע האָבן זיך דער־שראָקן.

— ווייטער, אָט אין דעם בוך. איר זעט, דאָ איז אויך פאַראַן אַ בילדל: דער אַלטער שלאָס צור מילען שענאָו. און ס'איז אָנגע־שריבן, אַז די מרונע מיט דער גרעפין שטייט אונטער די חורבות ביז היינטיקן טאָג. איר פאַרשטייט?

אַלע האָבן, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען אויסגעצייכנט. און מען האָט ניט געקענט ניט פאַרשטיין, בעת מאַרי האָט אַרויסגעוויזן פאַר אירע מיטהעלפער אַן אומגעווייגלעכע ערודיציע, האָט געלייענט ניט נאָר ענגליש, נאָר אויך האָלענדיש און אַפילו אַמעריקאַניש, האָט פונאַנדערגעוויקלט עפּעס בלויע בלעטער אַזעלכע, ריזיקע טעקעס און קאָלירטע קאַרטעס. אָט ווען די אויגן האָבן געהאַט פון וואָס אַרויס־צושפּרינגען!

— איצטער צו דער זאַך! — האָט איין מיטהעלפער אַ שעפּ־טשע געטאָן.

— גו, ניין, — האָט מאַרי געמאָלדן — איצט דאַרף איך זיך פאַרנעמען מיט אויסשטודירן.

דאָס דאַזיקע וואָרט האָט אָפּגעקלונגען פייערלעך, און אַלע האָבן איינגעשטימט, אַז אָן אויסשטודירן דעם ענין קען מען צו אים ניט צוטרעטן.

— ווער האָט עס היינט געגישטערט אין מיינע טעקעס? — האָט ער אורבאַך געפרעגט אינאָווניט.

— וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו? — האָט זיך מאַרי דער־שראָקן און האָט אָנגעבויגן דעם פאַטערס קאָפּ צו אירע ליפּן:

— דאָס זיינען אַלץ מאַנוסקריפּטן, וואָס אַנטפּלעקן די געהיי־מעניש...

— דו וואָלסט זיך בעסער באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען ניט מיט גע־היימע זאַכן, נאָר מיט אַריטמעטיק.

אָבער דער סוד איז אַנטפּלעקט געוואָרן.

דער סוד איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין וואַלד, ניט ווייט פֿון די רוּינען, און איז באַשטאַנען אין דעם פּלאַן, אויף וועלכן ס'איז מיט מאָריס האַנט געווען אָנגעצייכנט אַלע אונטערערדישע גענג פֿון דעם אַלטן שלאָס. דאָס אָרט, וואו מען האָט באַדאַרפֿט מאַכן די אויסגראַ־בונגען, אין דעם קבר־הייל פֿון דער שטיינערנער מאַרקגרעפֿין. אין דעם דאָזיקן מאָג האָט דער גלויבן אין די אונטערערדישע אוצרות זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ זיכערקייט.

— שווערט זיך, חזרט איבער נאָך מיר יעדעס וואָרט, — האָט מאָרי געשעפּטשעט און האָט אויפֿגעהויבן די האַנט.

און די פֿאַרשווערער האָבן געפֿאָלגט:

— מיר שווערן, אַז מיר וועלן קיינעם אויף דער וועלט ניט אַנט־פּלעקן אונזערע סודות. מיר שווערן צו אַרבעטן, ביז מיר וועלן גע־פֿינען די שטיינערנע מאַרקגרעפֿין. מיר שווערן צו אַרבעטן, אַזוי ווי חיות, צו אַרבעטן, אַזוי ווי אָקסן. זאָל מען אונז ברענען אויפֿן פֿייער און פּייניקן מיט אײַזן. מיר שווערן, ניט אַרויסצוגעבן מיט קיין האַלבן וואָרט ניט איינער דעם אַנדערן. מיר שווערן צו צעטיילן זיך מיט דעם אוצר, אַזוי ווי ברידער, אָן קריגערײַ. מיר שווערן צו קריגן אַ לאָפּעטע, אַ לאָמפּערן און אַ שפּריק, און אין אַלץ — צו פֿאָלגן מאָרין. אָמן.

— וואָרט, — האָט מאָרי געזאָגט, בעת די שבועה איז געווען געענדיקט, — דער סוף געפֿעלט מיר ניט און מען דאַרף איבערחזרן.

אַלע האָבן נאָך אַ מאָל אויפֿגעהויבן די הענט און האָבן גע־זאָגט:

— און אין אַלץ און דאָס גאַנצע לעבן וועלן מיר פֿאָלגן מאָרין. מיר שווערן, מיר שווערן, מיר שווערן. אָמן!

— אָט איצט איז גוט. מען קען צוטרעטן צו דער אַרבעט.

דער ערשטער אַרויפֿגאַנג אויף די רוּינען האָט זיך באַגרעניצט מיט אויספֿאָרשן דעם געגנט. מען האָט געפֿונען אַן אַרויסשטאַרץ, פֿאַרשאָטן מיט ערד, באַדעקט מיט מאָך, אַ משופּעדיקער און אַ הויי־כער. מען האָט באַשלאָסן, אַז דאָס איז דער אַרייַנגאַנג אין דער הייל.

דעם צווייטן טאָג איז מען צוגעטראָטן צו די אויסגראָבונגען. די אַרבעט האָט זיך געצויגן דריי טעג.

אין די פֿרימאָרגנס, ווען אויף די קוסטעס האָבן נאָך געברענט די גלעזערנע טוי-טראָפּעלעך, האָבן די דריי פֿאַרשווערער אַרויסגענומען בשתיקה די רידלען פֿון דעם פּאָטערס שטאַלן און זיך געגנבעט צו די רוינען, יעדערער מיט זיין וועג. ווען זיי האָבן זיך אויפֿגעטראָפֿן אין זיך דורכגעוואָרפֿן מיט פֿינסטערע בליקן, האָבן זיי דאָרטן אויסגעקליבן איינעם, וואָס זאָל שטיין אויף דער וואַך. צוויי האָבן זיך גענומען צום גראָבן. די ערד איז געווען אַ צעווייכטע, די וואָרצלען און די פּעניאַקעס, וואָס האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אויף דער לאָפּעטע, האָבן זיך פֿון אַ לייכטן קלאַפּ צעשאָטן אין פּולווער, קיין שטיינער איז ניט געווען און די אַרבעט איז געגאַנגען פֿאָרויס. ווען די זון האָט זיך אויפֿגעהויבן הויך איבער לאַזשע, האָט זיך צו דעם וואַך-פּאָסטן דערטראָגן דער אָפּגערעדטער פֿייף: מאַרי האָט די פֿריינד געטראָגן פֿרישטיק. דאָס איז געווען די בעסטע רגע, וואָס די אוצר-זוכער האָבן איבערגעלעבט. אַך, וואָס פֿאַר אַ געשמאַקע זאַכן עס האָבן זיך געפֿונען אין דעם בופֿעט-צימער פֿון דער ווילע אורבאַך! און וואָס פֿאַר אַן אַפּעטיט ס'האָט זיך דאָס צעברענט ביי די ערד-גראָבער אַרום אַ זייגער צען אינדערפֿרי! צוליב דעם איין עדאַמער קעז האָט געלוינט אַ גראָב צו טאָן מיט דער לאָפּעטע!

מאַרי האָט פֿונאַנדערגעפֿרעגט אירע פֿריינד, ווי אַן אָפֿיציר פֿרעגט פֿונאַנדער זיינע סאָלדאַטן, זי איז פֿון אַלע זייטן אַרומגעגאַנגען דעם צעגראָבענעם אַרויסשטאַרץ. האָט געקלאַפּט מיט דער לאָפּעטע אין דער ערד און האָט צוגעשריען:

— איר הערט, ווי עס ברומט?

— ס'ברומט, או-או-או! — האָבן זיך אָפּגערופֿן די פֿאַרשווערער.

— באַלד וועלן מיר זיך דערגראָבן.

— זיך דערגראָבן!

ס'איז מאָדנע, וואָס זיי האָבן זיך מיט אַן אמת דערגראָבן.

אויף דעם דריטן פרימאָרגן, בעת זיי האָבן זיך נאָך דעם פּריי־שטיק ווידער גענומען צו די לאָפּעטעס, האָט זיך דער גראָבן פּלוצ־לונג פאַרוואַנדלט אונטער די פיס אין אַ גרוב. זיי זיינען אין שרעק אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק. האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן געפּרוווט פאַרזיכטיק גראָבן די ערד לעבן דער גרוב. און אַ פרייז־דיקן, דערשראָקענעם, עפּעס אַזוי ווי אַ פויגלשן געשריי האָבן זיי אַרויסגעלאָזן: די שטיקער ערד, וואָס האָבן זיך אַ שאָט אַריין גע־טאָן אין גרוב, האָבן זיך טעמפּ אָפּגעקלאַפּט אָן דעם האַרטן אומ־געזעענעם דעק פון דער הייל.

— אַ שטריק! — האָט מאַרי באַפוילן, און אויסגעקליבן אין דער קופּע צעגראָבענע ערד אַ שאַרפקאַנטיקן שטיין.

אַלץ, וואָס ס'האָט נאָכדעם פּאַסירט, איז פאָרגעקומען ווי אויף אַן אייבערדעק פון אַ שיף — קורץ, דייטלעך און גלאַט.

פון דעם שטיין און דער שטריק האָט מען געמאַכט אַ ריכט־שנור. מיט דעם ריכט־שנור האָט מען אויסגעמאָסטן די טיפקייט פון דער גרוב. צו דער גרוב האָט מען צוגעקייקלט אַ טרוקענעם בוים און אַריבערגעוואָרפן איבער דער טיפעניש. אויף איין עק שטריק האָט מען געמאַכט אַ שלייף, דעם צווייטן האָט מען צוגע־פעסטיקט צום בוים. מאַרי טוט אויף זיך אָן דעם שלייף, נעמט אין די הענט דעם לאַמטערן און וואַרפט אַ טריומפירנדיקן בליק אויף די פריינד. איר פּנים פלאַקערט מיט אַנטשלאָסנקייט, דאָס מויל איז אַ ביסל אויפגעעפנט, און מיט אַ מינע פון אַ רויבער, ניט גלייך, צוקן די ליפּן. זי זעצט זיך אויף דער קלאָדקע, הענגט אַראָפּ די פיס אין גרוב און גיט אָפּ אַ באַפעל:

— לאָזט אַראָפּ!

די יאַמעס שפּאַרן זיך איין מט די פיס אין דער ערד, ציען אָן די שטריק. מאַרי שפּרינגט אַראָפּ פון בוים, און איר קאָפּ — וואָס איז אַזוי ווי אויסגעגאָסן אויף דעם שוואַרצן שניט פון גרוב — פאַרשווינדט אונטער דער ערד. די שטריק פויזעט אַוועק אין גרוב, ווי אַן אויפציטערנדיקע סטרונע, די וואוילע יונגען זויגן זיך איין מיט די אויגן אין דער לאָך, וואָס האָט אויפגעעפנט איר פּיסק פול מיט פינסטערניש, און ציען אָפּ דעם אָטעם מיט דער זעלבער

בהדימפילער פאַרזיכטיקייט, מיט וועלכער די צימעריקע הענט האַלטן די שטריק. נאָר אָט ווערט זי שוואַכער, זי באַמבלט זיך אין דער לופטן, פאַלט, און פון אונטער דער ערד קומט צו פליען, פאַר־שטיקט, קוים וואָס מען הערט:

— קומט אַהער!

און אַז די פאַרשווערער העגנען אַראָפּ די קעפּ איבער דער טיפעניש און זייערע אויגן דערקענען דאָרטן אַ טונקעלן פלעק פון אַ לאַמטערן און מאַרים צעשוואומען געזיכט אַרומגענומען מיט אַ שרעקלעכער בלאַסקייט, הערן זיי ווידער אַ דומפּ, פרעמד קול:

— די הייל! לאָזט זיך אַראָפּ אונטן, פאַרכאַפּט מיט זיך די לאָפּעטעס. איך וועל גיין פאָראויס.

זיי זעען, ווי דאָס בלאַסע געזיכט פאַרשווינדט אונטער דער ערד און די טונקעלע שיין צעפליסט, לעשט זיך אויס, ווערט פאַרפאַלן אין דער פינסטערניש. דעמאָלט שלעפּן זיי אַרויס פון גרוב די שטריק, גייען אָפּ אָן אַ זייט און הייבן אָן באַשליסן, ווער ס'זאָל זיך אַראָפּלאָזן אין דער הייל.

און אין דער דאָזיקער סעקונדע גיט די ערד אַ ציטער אונ־טער זיי, און אין די בערג, פון שפּיץ צו שפּיץ, קאַלערט זיך דורך אַ שווערער זיפץ: דער אונטערגעגראָבענער אַרויסשטאַרץ איז אַוועק אין דער ערד, און אויף דעם אָרט פון דער גרוב, וואָס האָט אײַנגע־שלונגען מאַרין, האָט זיך אויפגעעפנט אַ ברייטער פּיסק פון דעם ערד־אײַנפאַל.

נאָך איין סעקונדע — און די פאַרשווערער לאָזן זיך לויפן אין פאַרשיידענע זייטן. עס דערט זיך, ווי הינטער די רוינען קנאַקן אין פאַרשיידענע זייטן די צווייגן און עס שיטן זיך קליינע שטיינער. ווייטער און ווייטער.

שטיל.

אַזוי איז דער טויט צום צווייטן מאָל געקומען נאָך מאַרין...

די שבועה, וואָס די אוצר־זוכער האָבן געגעבן, איז ניט גע־בראָכן געוואָרן. אמת, מען האָט זיי טאַקע ניט געפּייניקט מיט אײַזן און ניט געברענט אויפן פייער, מחמת די לאָפּעטעס, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן לעבן די אויסגראָבונגען, האָבן אָן איבעריקער מי פאַר־

ראַטן אַלע מיטהעלפער, אָבער אויף זייער גורל זייגען אויסגעפאַלן שווערע שעהן. און ווער קען וויסן, וואָס איז געווען ביטערער: צי דעם פאָטערס פויסטן, וואָס זייגען געווען אויסגעפרווט פון לאַנגע צייטן, אָדער דער פאַרלוסט פון די אוצרות, וואָס דער טרוים וועגן זיי האָבן זיך צעזייט מיט דעם ערשטן אָוונטברויט?

ווייל ווען די פויערים האָבן זיך אינאָוונט — אין צען שעה אַרום נאָך דעם ערד-אייגפאַל — דערגראָבן צו די קאַטאַקאָמבעס און מאַרי האָט זיך פונאַנדערגעווייגט אויף דעם פאָטערס הענט, זייגען אירע ערשטע ווערטער געווען:

— די מאַרקגרעפין איז דאָרטן ניטאָ...

דער לאַמטערן, מיט וועלכן מאַרי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין הייל, האָט געטליעט, ווי אַ הילפלאָזע קליינע קייל. זי האָט זיך אין אים איינגעזויגן מיט אירע ביידע הענט. איר געזיכט האָט באַקומען אַן ערד-קאָליר און איז געווען שטרענג. די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אים אין לאַנגזאַמע שטרעמעלעך.

— נאַרעלע, נאַרעלע, — האָט הער אורבאַך געזאָגט, — האָסט תחילת באַדאַרפט ביי מיר פרעגן: די מאַרקגרעפין ליגט אין דעם נייעם שלאָס.

אַזוי איז צום דריטן מאָל מאַרי געבאָרן געוואָרן.

דאָס איז צונויפגעפאַלן מיט איר דרייצנטן געבורטסטאָג, און דעם דאָזיקן צופאַל האָבן די פויערים צוגעשריבן די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט מאַרין.

זי איז געוואָרן שווייגעוודיקער, לאַנגזאַמער, און אירע באַוווּגונגען איז פאַרשוואונדן די שאַרפקייט, זי איז נאָך אַלץ געבליבן אַ קינד, נאָר די שטריכן פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן זייגען גרייט געווען אַיינצושליגגען אין איר גאָר דאָס קינדישע. זי האָט אָפּגעשטויסן פון זיך אַלעמען, חער עס האָט זיך מיט איר באַגעגנט. דערהויפּט האָט פון אירע אויגן אָפּגעלויכטן עפּעס אַ שלעכטע עקשנות, און איין געדאַנק — אַ האַרטער און אַן אומרויקער — האָט שטענדיק דורכגענומען איר בליק מיט קעלט.

ון דעמאָלט אָן האָט מען וועגן מאַרין גענומען ריידן, אַז פון איר — איז ניט ווייט צום סאַמע טייוול און אַז ס'איז בעסער,

ווען מען טרעפט זיך מיט איר ניט אויפן וועג. דעמאָלט, טאַקע דע־מאָלט, האָט בײַם פֿאָרשטאַנד פּאַסירט דער אומדערקלערלעכער פֿאָרפֿאַל מיט די פּאַפּירן, און דער חשובער אָרגאַניסט האָט, אַדאַנק דעם מיידעלע, אָפּגעניסט די גאַנצע תּפֿילה פֿון גרין־חגא.

דער אַלטער קוטשער, וואָס האָט אויף זיין לעבן איבערגע־קוילעט אַ היבש ביסל היגער, געגנז און ענטלעך, האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעזאָגט אויסצופּילן די פּליכטן פֿון אַ קוילער. מען האָט אים בלויז געוואָרפֿט גוט אָנבויקערן אין קיך, האָט ער דערציילט, וואָס עס האָט זיך געטראָפֿן מיט אים אין שטאַל, ווען ער האָט זיך צום לעצטן מאָל געקליבן צו שעכטן אַ גאַנז. ער האָט זיך נאָר־וואָס איינגעאָרדנט לעבן שטול און, פֿאַרקוועטשנדיק די גאַנז צווישן די קני, האָט ער זיך צעוויגט מיט אַ קורצער שווערד איבער דער געני־זענער האַלז, ערשט צו אים איז צוגעלאָפֿן פֿריילין מאַרי און האָט געמאָלדן, אַז זי וויל אַליין, מיט די אייגענע הענט, קוילן די גאַנז. יאָ, יאָ, מיט די אייגענע הענט! ווי איז דאָס אים גוט געווען צו הערן? נאַטירלעך, האָט ער זי אָפּגערעדט, האָט זי געבעטן, האָט אַפֿילו געדראָט, אַז ער וועט זיך קלאָגן. ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפֿן! מאַרי האָט געכאַפּט די גאַנז פֿאַרן האַלז און האָט גענומען הזרן אירם — גיב און גיב. ענדלעך, האָט זי קוים אַרויסגעריסן ביי אים די שווערד און האָט מיט איר אַ זעץ געטאָן דער גאַנז איבערן האַלז. אָפּהאַקן דער גאַנז די האַלז איז איר ניט געלונגען, נאָר דאָס בלוט האָט אַ פּלייץ געטאָן, אַזוי ווי פֿון אַ פֿאָנטאַן, און די גאַנז האָט זיך אויסגעריסן פֿון דעם קוטשערס הענט. דער עוף איז געווען אַ גרוי־סער, אַ שטאַרקער, צוויי־דריי פּאַכן מיט די פֿליגלען — און זי האָט זיך אויפֿגעהויבן צום דאַך און האָט זיך גענומען דרייען אין דער לענג און אין דער ברייט פֿון שטאַל, האָט זיך אָנגעשטויסן אָן די דאַך־באַלקנס, אָן די אושאַקעס און האָט אַרויסגעוואָרפֿן אַ זיפֿצנ־דיקן כריפּ. זי האָט זיך אינגאַנצן פֿאַרבלוטיקט, און דאָס בלוט האָט זיך אין שווערע שוואַרצע טראָפּנס אַראָפּגעקייקלט אויף דער ערדע־נער דיל.

און מאַרי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך לעבן דעם אייבערשטן טיר־שוועל און האָט מיט עפּעס אַ טויטן אָפּגעקילטן בליק נאָכגע־

שפירט נאָך דעם גוססן עוף. און אַז דער קוטשער האָט באַמערקט דעם דאָזיקן בליק, האָט ער זיך ראַפּטום אַ לאָז געטאָן פון שטאַל. דערמאָנענדיק זיך אַן מאַרים אויגן אָדער גיין אין שטאַל, וואו ער האָט זיי געזען, איז אים געווען אַ מהדיק. און שעכטן דעם עוף האָט ער איצט פּשוט ניט געקענט.

באַלד נאָך דער געשיכטע מיט דער גאַנז האָט מאַרי צוגע־גנבעט אַדאָלפס באַליבטע קאַץ.

אַך, יאָ, היינריך אַדאָלף. נאָך ריידן וועגן מאַרין — הייסט גאָרנישט ניט זאָגן וועגן איר עלטערן ברודער. זיי האָבן געלעבט באַזונדער, פיינדלעך, אין פאַרשיידענע צימערן, אין צוויי קעגנ־איבערדיקע פליגלען. זיי האָבן געהאַט באַזונדערע לערער, באַזונ־דערע שמחות און אַ באַזונדערע פיינדשאַפט. מאַרי — איז אור־באַכס טאָכטער, היינריך אַדאָלף — איז פרוי אורבאַכס, געבאָרענע פאָן פריילעבנס זון. זיי האָט פאַראייניקט בלויז דער נאָמען און דאָס עסצימער. דאָס עסצימער מער, ווי די קיך. זיי זיינען געווען פרעמדע.

אַדאָלף, וואָס האָט זיך שטענדיק אַרומגעפירט מיט בעלי־חיים, האָט תיכּף באַמערקט, אַז ס'איז פאַרשוואונדן געוואָרן זיין ליבלינג — די אויסגעצערטלטע, דיקע אַנגאָרער קאַץ.

אין דעם גאַנצן הויז האָבן געגומען קלאַפּן די טירן, ס'האָבן זיך געהערט שטימען איבער די אַריבערגאַנגען און איבער די קאָ־רידאָרן, די פרוי אורבאַך גופא האָט אויפגעהויבן מיט איר שטע־קעלע, וואָס מיט דער גומענער גאַלקע, די ציכלעך און די דעקעס און האָט אַרונטערגעקוקט אונטער דעם מעבל און אונטערן בעט, אַדאָלף האָט זיך מיט אַ קוויטש און מיט אַ כליפּען, טופּענדיק מיט די פּיס, געטראָגן פון איין צימער אין דעם צווייטן און האָט זיך ענד־לעך דערוועגט אויף אַן אַרויספאַל אויף דעם פאָטערס טייל פון דער ווילע. גנבענענדיק זיך און מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, איז ער צוגעקומען צו מאַרים צימער, ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אַ ווײַלע ביים אַריינגאַנג און האָט מיטן גאַנצן כּוח אויפגעפּראַלט די טיר, איז אַריינגעפלויגן אין צימער און איז פאַרשטאַרט געוואָרן. אויף דעם קראַנשטיין פון דעם וואַש־לאָמפּ, צוקאָפּנס פון בעט, האָט

זיך, מיט אַ פֿאַרקאַשערטן עק און אויפֿגעשטעלט אויפֿן רוקן די לאַנגע ווייכע האָר, געוויגט די אויפֿגעהאָנגענע קאַץ. אירע פּיסלעך האָבן זיך געוואָרפֿן, איבער די אויסגעשטשירעטע ציינער האָבן גע־ציטערט, אַזוי ווי פֿון קיצלען, די גלאַנציקע האַרטע ווענצלעך, און דער בויך איז קאָנוואולסיוו איינגעפֿאַלן ביז דעם רוקנביין.

אַראָפּ האָט מאַרין ניט געזען. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער קאַץ, האָט זי אויפֿגעהויבן און האָט גענומען צופּן דעם שנירל, וואָס האָט זיך איר איינגעשניטן אין האַלז און זיך פֿאַרפּלאָנ־טערט אין די האָר. ער האָט זיך פֿאַרכלייעט — רויט און באַגאָסן מיט טרערן — האָט אַרויסגעציִשעט אַזעלכע קללות, האָט געטופּעט מיט די פֿיס פֿון אומגעדולד און האָט פֿאַרגאָסן אַ טעצעלע מיט מילך, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן דיל. דערנאָך האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ האַרצרייסנדיקן געשריי: די קאַץ האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט זיך איינגעגעסן אין אים מיט די נעגל.

די דינערשאַפֿט איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן.

מאַרי איז אין ערגעץ ניט געווען.

אינגאָוונט איז זי געשטאַנען אין דעם פֿאָטערס קאַבינעט און האָט אים נאָכגעקוקט אָנגעכמורעטערהייט, מיט פֿייכטע שאַרפֿע אויגן, גלייך זי וואָלט דערוואַרט אַז אָנפֿאַל און איז געווען גרייט צו אים, און האָט זיך, אַ קליינינקע, ענלעך אויף אַ חיהלע, צונויפֿגע־דרייט איינגאַנצן.

הער אורבאַך האָט געשפּרייזט פֿון ווינקל צו ווינקל, האָט גע־צופּט זיין קורצע פֿריזור, האָט אָפּט געפּאַטשט מיט די הענט, גלייך ער וואָלט עפּעס געזוכט אין די קעשענעס, האָט געקרעכצט און האָט אַרויסגעקוועטשט איבער גוואַלד:

— אַ־אַ־אַ!

ער האָט זיך צום דריטן מאָל אָפּגעשטעלט פֿאַר מאַרין, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס איז מיט דיר, וואָס איז מיט דיר, מאַרי?

זי האָט אַרויפֿגעהויבן די שאַרפֿע אַקסעלעך און, ניט אַראָפּ־געלאָזן זיי, האָט זי אין שרעקלעכער שטיִיגונג אויסגעשריען:

— איך זאָג דאָך דיר, אַז איך וואָלט זי אָפּגעקאָרמעט מיט מילך, די דאָזיקע פּאַסקודנע קאַץ!

– אָבער צו וואָס האָסטו געטאָן אַזאַ עקלהאַפטע זאַך?

— איך האָב געוואָלט זען, ווי זי וועט שטאַרבן...

— מיין גאָט!

הער אורבאַך איז אַנידערגעפאַלן אין פאָטעל. זיינע הענט זיינען געבליבן הענגען, אַזוי ווי קאַנטשיקעס, ער האָט זיך מיט די אומזעענדיקע אויגן איינגעקוקט אין דעם קאַפּטור פון לאָמפּ, איז געזעסן לאַנג, שטום, ניט געגעבן קיין ריר מיט קיין פינגער, ניט באַוועגט מיט קיין ברעם — ער האָט געטראַכט.

פרוי אורבאַך האָט אים דערציילט ניט בלויז וועגן אַדאָלפס קאַץ. זי האָט אויך געוואוסט פון דער געשיכטע אין שטאַל. זי האָט געוואוסט פון מאַריס שטיק אין סאָד, בלוטדאָרשטיקע, עקלהאַפטע שטיק. זי איז פעסט באַשטאַנען, האָט געפאָדערט, האָט באַפוילן, מען זאָל מאַרין אַוועקשיקן ערגעץ אין אַ אינטערנאַט, אין אַ קינדער־היים, ענדלעך — זיינען דאָך דאָ אַזעלכע אַנשטאַלטן פאַר מינדעריעריקע פאַרברעכער! ס'איז דאָך אוממעגלעך צו דערציען הייגריך אַדאָלפן אין דער געזעלשאַפט פון אַ דעגענעראַטין!

— שווייג! — האָט הער אורבאַך דעמאָלט אויסגעשריען.

פאַרמאַכטע, פאַרהאַנגענע טירן, אַ קלאַפּ פון דער גומענער גאַלקע איבערן היל; געווײנען, פאַרוואורפן, דראָונגען, אַ בזיונדיקע, אומזיניקע, גודזשענדיקע היסטעריק, יאָ, יאָ, אַ היסטעריק מיט דער וואוילטעטיקער, סאָלידער און שטרענגער פרוי אורבאַך.

מאַרי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע און האָט אָבסערווירט דעם פאָטער.

ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, האָט זי אָפּגעזוכט מיטן בליק און האָט מיט אַ פאַרביטענעם — האַרט געוואָרענעם, געדריקטן קול אַרויסגערעדט:

— וואָס קען מען מאַכן, וואָס קען מען מאַכן, מאַרי. כ'האָב דיר שטענדיק געוואונטשן גוטס, בין געווען דיין פריינד. וואָס קען מען מאַכן?

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין טיש.

— אין האַרבסט וועסטו אַוועקפאָרן אין אַ פּאַנסיאָן.

ער האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער טאָכטער:

— כ'האָב דאָך דיר קיינמאָל ניט ענג געמאַכט. איצט... וועט אַזוי בעסער זיין... גיי צו זיך.

מאַרי איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם לאָקער, האָט זיך אומזיכער געלאָזט צום טיר. עפענענדיק שוין די טיר, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער. ער איז ווידער געשטאַנען צו איר מיטן רוקן. זי האָט זיך לייכט און האַסטיק אַ וואָרף געטאָן צו אים, איז פאַרשטאַרט געוואָרן לעבן פאָטער, האָט פאָרזיכטיק צוגערירט זיך צו זיין רעקל און האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— אַ גוטע נאַכט, טאַטעשי.

ער האָט איבערגעחזרט ניט געבנדיק זיך קיין ריר:

— גיי צו זיך.

דעמאָלט האָט זי האַסטיק, כמעט אונטערשפּרינגענדיק, זיך אומגעקערט, האָט, לויפנדיק געשווינדט, אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און האָט זיך אַוועקגעטראָגן איבער די קאָרידאָרן

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי אָפּגעלעגן אין בעט, אין די קליידער, האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די איילנבויגנס אין קישן און האָט געקוקט אונטערן טיש, וואו אין אַ קופּע, אויף די בייכער, מיט די קעפּ אַראָפּ, האָבן געשטאַרצט די לאַנג פאַרוואָרפענע נעגערס, אייזלען, בעבים, בערן און פּאַוויאַנעס. מאַרי האָט אַלץ געווארט, די מאַלפּע בי-באַ-באָ זאָל אויסדרייען צו איר איר גאָמבע און זאָל אַרויסזאָגן איר באַדויערונג:

— אָרעמע מאַרי.

נאָר בי-באַ-באָ האָט געשוויגן.

די פרוי אורבאַך איז געווען פאַרנומען מיט האַנט-אַרבעט, ווען צו איר איז אַריין דער מאַן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט שטיל געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, וואָס איך בין געווען שאַרף און גראָב. כ'האָב באַשלאָסן צו טאָן מיט מאַרין לויט אייער עצה.

— דאָס איז פּונקט פּאַרנינפּטיק, — האָט פרוי אורבאַך אָפּגעענטפערט און האָט אַריינגעלייגט די שפּיצעלעך פינגער אין דעם מאַנס האַנט.

דער הער אורבאַך האָט, אַ קוש געבנדיק דעם ווייבס אין די פינגער, זיך אַראָפּגעלאָזן לעבן איר אויפן דיוואַן. דאָס הויז איז געווען פאַרזונקען אין שטיל-שווייגן. פרוי אורבאַכס קראַנקע פוס האָט זיך אַ ריר געטאָן אויף דעם בענקעלע, וואָס איז געווען אויסגענייט מיט פּאַטשערקעס. די ביינערנע שפּיזלען האָבן געקלאַפּט ווייך און האָבן זיך פאַרהאַלטן פון דעם פּיכיקן וואָל פון דעם שטריקעכטס. הער אורבאַך האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין דעם ווייבס פּראָפיל, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט בלאַסער שיין.

— ווי אַכזריותדיק איר זייט, — האָט ער געזאָגט, — ווי אַכזריותדיק!

— גייט אַוועק פון דאַנען, — האָט זי זיך אָפּגערופן און האָט אַ ווייַלע געשוויגן.

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער.

— כ'וואָלט עס געטאָן אָן אייער איינלאַדונג...

בי-באַ-באָ האָט געשוויגן. די אונטערשטע קינבאַק פון דער מאַלפּע האָט געפּילאָז פאַררים אין דער הויך דאָס גרויע בערדעלע און דאָס געל-רויטע, בורשטינענע אויג האָט זיך העל אויסגעגלאָצט אויף דער לבנה, וואָס האָט אַרונטערגעקוקט אונטערן טיש, צו די שפּילצייג. קיין איין באַוועגונג, קיין איין קלאַנג האָט זיך ניט געהערט פון דער גאַנצער קופּע לעבעדיקע באַשעפענישן און אוצרות.

אָרעמע מאַרי.

זי איז אויפגעשפּרונגען, האָט אַרויסגעכאַפּט פון אונטערן טיש די בי-באַ-באָ און, אַ זעץ געבנדיק זי אָן טיש, האָט זי זי אַ שליידער געטאָן אין סאָד אַריין.

— גלאָץ דאָרטן די אויגן אויף דיין נאַר, דער לבנד
דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזן דעם גאַרדין, און די פינסטער=

ביש האָט געזונגען, ווי אויף דעם געלעגער האָט זיך געצאַפּלט עפּעס אַ זאַך, איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע.

אינדערפרי האָט דער פאָטער אויפגעוועקט מאָרין.

— שטיי אויף. ווילסט פאָרן אויפן ים?

זי האָט געגעבן אַ שפּרינג־אונטער אויפן בעט, די קאָלדרע האָט זיך פון איר אַראָפּגעקייקלט; אַ צעוואָרעמטע פון דעם שלאָף, אַ ראָזיקע, אַ צעשויבערטע, האָט זי אַרומגענומען דעם פאָטער מיט דעם גאַנצן כּוח פון אירע אויסגערוטע, קלאַמערנדיקע הענט און האָט אים אַריינגעטעמט אין פּנים אַריין:

— איך בין אויף דיר ניט ברוגז. איך ווייס, אַז ניט דו האָסט אויסגעטראַכט דעם פּאַנסיאָן. אמת, — אַז ניט דו?..

די טריט ווערן האַרטער.

רחבות, רחבות און שיין.

דער ווינט טראָגט דעם ברענענדיקן, שטעכעדיקן זאַמד פון דרום אויף מערב, פון דעם גלאַטן געלן פּליאַזש־טאָוול אין ים־אַריין. די לאַנגזאַמע קאַמען פון די נידעריטשקע כוואַליעס גלעטן־צו דאָס רויקע וואַסער, פאַרלויפן אויפן זאַמד, צעמרייסלען אים און לאָקן, פאַרקאַמען אים, באַפאַרבן אים מיט עפּעס רויטס, דורכזיכ־טיקס, קאָלערן זיך צוריק אין ים אַריין, ווי אַ לײַלעך פון גלימער־שטיין. דער רויטער פּאַס אויפן זאַמד ווערט ראָז, גיסט זיך אָן אין אַ געלכל, פאַרשווינדט.

די וואָלקנס קערן זיך איבער פון איין זייט אויף דער אַנדע־רער, ציען זיך אויס און ווערן פאַרגליווערט: שפּיגלען זיך אין ים. פון הימל פאַלט אַ געדיכטע בלויקייט, טראָגט זיך אַלץ פלינקער און פלינקער, שפּרענקלט מיט אומצייליקן בלויען שרויט, און דאָס געשפּרענקל פון דעם שרויט, וואָס שפּרינגט אָפּ קלאַנגלאָז פון וואַ־סער, טראָגט זיך אַרויף, צו די וואָלקנס, העכער פון זיי, אין דעם בלויען אָפּגרונט, אין הימל אַריין.

דער גלאַטער געלער פּליאַזש־טאָוול שפּאַרט זיך איין ווייט אין האָריזאָנט, און אַהין לויפן, לויפן, לויפן — איז ניטאָ קיין כּוחות און ניטאָ קיין סוף. פון הינטער דעם שיינענדיקן פּאַס, וואָס

איז אויסטערליש ווייט — ווי אַזוי כאַפּט עס דאָס מענטשלעכע אויג? — הינטער דעם פּאַס, אפשר פון ים, אפשר פון הימל, ווייען אַנטקעגן ווינט, אין דער הפסקה צווישן זייגע שטויסן, ריחות פון עפּעס אַ פּעכיקער און געזאַלצענער קאָרע, און אָט — פון פיש, אָט פון — פרישע וואַרעמע מילך.

פאַרזשמורען די אויגן און געמען זיך דרייען אויף איין אָרט, און דערנאָך טרעפן, וואָס פאַר אַ פאַרב דו וועסט דערזען, ווען דו וועסט זיך שטעלן מיטן פּנים צום ים און עפענען די אויגן — בשום אופן וועסטו ניט טרעפן! אַ תכלתדיקע, אַ הימל־קאָלירענע, אַ שטאָלענע, אַ בלויע, און ערגעץ־וואו ליגט אַ פלעק פון גרויען קאָליר, אָנדאָרטן איז אַ שמאַראַגדענער, און אָן דאָרטן — איז אַ גריגער.

טראָגן זיך איבערן פּליאַזש מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, אַ שליידער געבנדיק די הענט אינדערהויך אָדער אויסשפרייטנדיק זיי, אַזוי ווי אויף אַרומצונעמען זיך, קוים אָנרירן מיט די הוילע פיס דעם אָנגעגליטן זאַמד, אונטערשטעלן דעם גאַנצן קערפּער אונטער זייגע שטעכיקע נאָדלען, אונטער דעם פאַרלאָזענעם ווינט, וואָס ברענט, שרפעט ביז אין די סאַמע ביינער. אין די אויערן טראָגן זיך קופּערנע זיפּצן פון דעם וואַסער, ערגעץ־וואו הינטער די אויגן, אין קאָפּ, אין זיין טיפקייט — וואָס איז אויפגערודערט, היים — גליען פונקען, וואָס ווערן ניט פאַרלאָשן, פלאַקערנדיקע פּאַסן און פערים שיין.

אַרום האַלבן טאָג איז מאַרי געגאַנגען מיטן ברעג, איבער דעם סאַמע זוים פון די שטילע כוואַליעס, וואָס זיינען אָנגעלאָפן אויפן פּליאַזש. אונטער די פיס האָט זיך ווייך געלאָזט טרעטן דער זאַמד, וואָס איז געווען אָנגעטרונקען מיט וואַרעמען וואַסער, און די טריט האָבן אויסגעדריקט אַרום זיך ניט קיין טיפע לעכער, וואָס זיינען אין איין רגע ווייס געוואָרן און זיינען נאָכדעם ווידער פול געוואָרן מיט אַ געדיכטער טונקעלער פייכטקייט. אַן אָפגערייניקטער, אַ צוגעפוצטער מיט פאַרביקע ביידעלעך, איז דער פּליאַזש לאַנג געבליבן פון הינטן. די געלאָקטע, טונקל־גרינע קוסטעס האָבן אַליין נעענטער זיך פאַרקליבן צום וואַסער. הינטער די דריי ווערבעס איז געלעגן אַן אונטערגעפוילטער, האַלב־צעבראָכענער סקעלעט פון אַ זעגל־שיף.

דאָרטן, וואו זיינע ריפּן האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט אינם זאַמד, איז געקראָכן פעט ביידעריק גראָז, און אויף אים האָט זיך העל גערויטלט אַ ברייטער פלעק.

מאַרי האָט זיך אונטערגעגנבעט צו אים, און האָט שטיל געטראַכט איבערן זאַמד.

אונטער דער ווערבע איז אין אַ רויטן באָד־קאָסטיום געזעסן אַ בלאָנד ייִנגעלע, מיטן רוקן אויסגעבויגן צום ים. אויף דעם זאַמדיקן גאַקעטן פלעצעלע האָט ער צווישן די אויסגעצויגענע פיס עפּעס געמייסטערט פון מושלען, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און האָט זיך במעט ניט גערירט און גאָרנישט ניט באַמערקט אַרום זיך.

מאַרי איז צוגעגאַנגען צו אים אַזוי נאָענט, אַז זי האָט געזען, ווי זיינע הענט — מאָגערע און ווייסע, ווי דער זאַמד — האָבן סאָרטירט די מושלען און פאַר אים זיינען אויסגעוואַקסן וואונדערלעכע גראָטן, פעסטונגען, באַסטיאָנען. זי איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען הינטער דעם ייִנגלס רוקן, און דערנאָך איז זי שטילערהייט אַוועקגעגאַנגען, ניט אַרויסגעבנדיק זיך מיט קיין איין אומפאָרזיכטיק וואָרט אָדער באַוועגונג.

לעבן ים האָט מאַרי אָנגעקליבן מושלען: זיי זיינען ווי אַ כוואַליעדיקער פּאַס געלעגן אַרום ברעג, עטלעכע טריט פון וואַסער, אויסגעטריקנטע פון דער זון, אויסגעלופטערטע, טרוקענע. נאָר אויסבויען עפּעס פון זיי, אַפילו אַ סאַמע איינפאַכע זאַך, איז מאַרין ניט געלונגען. די מושלעך האָבן זיך ביי איר צעשאָטן אין די הענט, זיינען אַראָפּגעקראָכן איינע פון די אַנדערע, זיך אַראָפּגעקאָלערט, און מיט קיינע המצאות האָט זי זיי ניט געקענט צונויפקייטלען אין אַ גאַנצער זאַך און צווינגען זיי צו האַלטן זיך. מאַרי האָט די מושלען איינגעטראָטן אין זאַמד.

דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט צו די ווערבעס און האָט זיך פאַרגנבעט צו דעם ייִנגל. די פעסטונגען זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט פעלזן, פון באַסטיאָן צו באַסטיאָן האָבן זיך געצויגן שטעגעלעך פון רויטן ברעג־זאַמד, די גראָטן האָבן זיך געטרונקען אין זאַמד. דאָס איז געווען אַ גאַנצע וועלט!

און אַט — איינס־צוויי! — אַ שפּרונג אין רעכטן מיטן פון דער דאָזיקער וועלט, מיט די שנעלע פיס — אין די גראָזן, אין די פעסטונגען, אין די באַסטיאָנען, דערנאָך — אין די זייטן — אין דעם זאַמד, אין די מושלען — מיט אַ קנאַקעריי, מיט אַ גערויש — און אַ פאַרצווייפלט געשריי.

דאָס ייִנגל איז אָפּגעלאָפן, האָט זיך אומגעקערט. ער האָט אויסגעשריען פון שרעק — און ניט דערפאַר, וואָס ס'איז אים אַ שאָד געווען די קינסטלערישע געבײַדע פון די מושלען—און איצט, שטייענדיק פון דער ווייטנס, האָט ער זיך געחידושט פון זיין שרעק. מאַרי האָט אים באַטראַכט, האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און האָט געוואַרט. זי האָט געוואַרט אויף אַ ווידערשטאַנד, אויף טרערן, אויף פאַרטיידיקונג מצד דעם ייִנגל, וואָס איז געווען באַשעפטיקט, גלייך ער וואָלט געווען אַ מיידל, מיט אַזעלכע נאַרישע פּוסטע זאַכן, ווי שפּילן זיך מיט מושלען. נאָר — מאָדנע, פאַר איר איז געשטאַנען אַ בחור, — זי האָט אים ערשט איצט באַטראַכט, ווי גרויס, שטאַרק און רויק ער איז געווען, — און האָט ניט געטראַכט, ניט וועגן טרערן, ניט וועגן ווערן זיך. ער האָט געקוקט אויף מאַרין מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק פון זיינע ברייטע ליכטיקע אויגן, האָט קוים־קוים געעפנט דאָס מויל, און האָט געשוויגן.

אַ רגע האָט מאַרין אויסגעוויזן, אַז זי האָט אַמאָל געזען זיין געזיכט. זי האָט זיך שאַרפער איינגעקוקט אין אים און פּלוצלונג האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַ נאַקעטע, אַז זי איז אַוועקגעלאָפן צום ים אָן אַ קאָסטיום, אַז ער — דאָס דאָזיקע בחורל — איז דער ערשטער מענטש, וועלכן זי האָט באַגעגנט, אַרויסלויפנדיק פון ביידעלע, און אַז איר טיילט אָפּ פון אים בלויז די שיין און די לופט. זי האָט אַרויסגעקוועטשט דורך די ציינער די טריער צוגעגרייטע ווערטער:

— אַנו, פּרוּוו־נאָר, ריר נאָר אָן!

נאָר דאָס ייִנגל האָט זיך ניט גערירט, — האָט אַלץ געקוקט אויף איר מיט דעם פאַרשטאַרטן בליק, און דער דאָזיקער בליק האָט זי אינגאַנצן אַרומגענומען — פון די פיס ביזן קאָפּ.

דעמאָלט האָט זיך מאַרי אַ וואָרף געטאָן צום ים...

דערנאָך — ווען זי האָט זיך מיטן פאָטער אומגעקערט אַהיים— האָט זי אין דעם וואָקזאַל=טונעל פון דער רווישיקער שטאָט דערזען ליכטיקע, ברייטע אויגן — און איר איז געוואָרן אומפאַרשטענדלעך פרייליך און שרעקליך. די אויגן האָבן זיך אויף איר ניט אָנגעשטויסן — די באַגעגעניש איז געווען אַ מאָמענטאַלע, — נאָר זי האָט באַוויזן צו זען, אַז אויף זיי האָט זיך אָנגערוקט אַ טיפער דאַשעק פון אַ מיליטערישן היטל. דעם גאַנצן וועג האָט זי זיך עקשנותדיק געוואָלט דערמאָנען, וואו האָט זי צום ערשטן מאָל געטראָפן דאָס געזיכט מיט דעם קוים=קוים אָפענעם מויל און מיט דעם דאָזיקן פאַרשטאַרטן ליכטיקן בליק. און אָט — אַז עס האָבן שוין געהאַט פאַרבייגעשווינדלט די באַקאַנטע סאָסנעס, ווען די דריי אָנגעברוגזטע מאָנאַכינס האָבן באַקוקט דעם צוג פון אויבן אַראָפּ און דער קליינער לאָקאָמאָטיוו האָט, ווי אַ צעכעסטער שפּערל, אַשיריקע געטאָן לעבן דער שוואַרץ געוואָרענער סטאַנציע — אָט דעמאָלט האָט דאָס געזיכט מיט דעם קוים=קוים אָפענעם מויל זיך פּלוצלונג געפונען לעבן איר.

אַ גלאַטינקער, בלאָנדער יונגער איז צוגעגאַנגען צו מאַרין, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די קנאַפּל און האָט, בלאַס און אײַלנדיק זיך, געזאָגט:

— מיר זיינען, דוכט זיך, באַקאַנט... אויפן פּליאַזש...

מאַרי האָט זיך אָנגעצונדן, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָטערס האַנט.

— איך בין אַ היגער. שענאַו... מיר זיינען — שכנים...

מאַרי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פאָטער, האָט אײַליק אָפּגעריסן פון אים די האַנט און האָט געפרעגט:

— פון דעם שלאָס, דאָרטן, הינטער לאַושע?

— יאָ, אויף מערב...

מאַרי האָט אַנטשלאָסן אַ שפּרייז געטאָן פאָרויס.

— זאָגט מיר, די מאַרקגרעפין, די שטיינערנע מאַרקגרעפין...—

איר האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם, זי האָט ניט געקענט ענדיקן.

— יאָ, אין דעם נייעם שלאָס. איר ווילט זען? קומט צו גיין.

הער אורבאַך איז צוגעגאַנגען צו אַ קיילעכדיקן באַאַרטן

טענטישן, וואָס איז געשטאַנען פּונקט פון דעם יונקער, און האָט אויפגעהויבן דעם הוט...

ווי אַזוי זיינען אַריבער די צוויי טעג, וואָס האָבן געדויערט ווי אַן אייביקייט, צווישן דער פאַררויכערטער סטאַנציע אין די בערג און די אויסגעהאַקטע וואַלד־פעלעצער אויף מערב פון לאַאושע? ווי אַזוי האָבן זיך גערוקט און זיינען אַוועקגעפלויגן די שעהן, וואָס זיינען געשטאַנען אומבאַוועגלעך טאָג און נאַכט? ווי איז געקומען דער סוף פון די לאַנגזאַמע יסורים, ווען יעדער רגע מוז עפּעס פּאַסירן, יעדער רגע קען זיך דערהערן עטעצנס געשריי און אין יעדער סעקונדע ליגט באַהאַלטן עפּעס אַ פּראַגע?

נאָר דער סוף איז אָנגעקומען, און דעמאָלט האָבן זיך די רגעס, די מינוטן, די שעהן געגומען טראָגן, איבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע, מיט די פּיס איבער די אויסגעהאַקטע וואַלד־פעלעצער, פאַרביי די געלע סאָסנעס, אין דעם ריח פון פעד און אין דעם קנאַקן פון די יונגע נאָדל־ביימער.

— ר'זייט געקומען?—האָט דער העלאָויגיקער יונקער געפרעגט.

און מאַרין האָט אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך פאַרהוסט פון שרעק.

— האָט קיין מורא ניט, — האָט זי אים צוגעגעבן מוט, — גלייך אַהין, צו איר...

דער שלאָס איז געווען שטיל, אין דעם פּאַרק, וואו מאַרי האָט אָפּגעוואַרט דעם יונקער, זיינען פּאַזע די אַלטע ווענט געלעגן בערגלעך פון אָפּגעשאָטענעם קאַלך, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז, די טירן און די דורכגאַנגען זיינען געווען נידעריקע, די קלאַנגען פון די טריט זיינען זיך צעלאָפן איבער די זייטן און זיינען אויסגעוואַקסן אין אַ הילך ערגעץ טיף אין די ווענט.

— אָ, דאָס איז — אַן עכטער שלאָס! — האָט מאַרי אַ זאָג געטאָן.

נאָר די באַוואוינטע צימערן זיינען כמעט געווען אַזעלכע, ווי אין אורבאַכס ווילע. אָבער אומעטום זיינען געהאַנגען בילדער אין שווערע, טונקעלע ראַמען, און די שמאָלע פענסטער האָבן אַריינגעגנבעט און פאַרשטיקט די שיין — און מאַרי האָט זיך גענומען איילן:

— נו, גיכער, גיכער!

און אָט — ענדלעך — גייט מאַרי דורך געוועלבטע קאָרידאָרן, מיט אַ לאָמפּ אין דער האַנט, איבער האַרטע שטיילע טרעפּ, צווישן שטיינערנע פייכטע, קאַלטע ווענט.

— רעכטס, — הערט זי די שטימע פון איר באַגלייטער, און איר דוכט זיך, אַז ער איז שרעקלעך ווייט פון איר, הגם זיין אָטעם איז דאָ — הינטערן פּלייצע, גאָר נאָענט.

— בייגט זיך אָן נידעריקער, אָט באַלד...

אַן אייזערנע, האַלב־קיילעכדיקע טיר פון אויבן, אַ פאַרראָסטער ריגל — אָן אַ שלאָס, אָן אַ סעקרעט — נאָגנדיקע זאַוויעסעס, שווערע, אומגעהאָרכזאַמע האַלבע טירן און אַ טיפער אַראָפּגאַנג אָן טרעפּ.

—שפּרינגט. איר זעט די דיל? איצטער לינקס, אָט דאָרטן, דער דריטער...

וואָס דער דריטער?

— דער דריטער קבר פון דאַנען. די צוויי — זיינען שטיינערנע, יאָ, פוסטע. אין זיי ליגן די טרונעס, אין דער ערד. און דאָס איז — אַ טרונע.

— אַן עכטע?

— יאָ. באַלד וועל איך אַראָפּנעמען דאָס דעקל.

— און דאָ — איז זי?

— אָט וועט איר זען...

דאָס דעקל הייבט זיך אויף לייכט, גליטשט זיך, אַנטפּלעקט דעם צוקאָפּנס, לייגט זיך מיט אַ הילכיקן קלאַפּ קווער דער טרונע.

— נו, קוקט.

מאַרי טוט אַ טראָט, אַ צווייטן, שטרעקט אויס פאָרויס, ווי מעגלעך ווייטער, דעם לאָמפּ, ציט זיך דורך דעם מאַסיוון דעקל.

אין דער טרונע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויען דינעם פּולווער־שטויב, — ליגט אין דעם פּולווער, אַזוי ווי אין אַ קישן, — אַ האָרלאָזער קאָפּ. דאָס געזיכט איז בלאָס־געל — פאַר דער שיין פון דעם מאַטלאָזן לאָמפּ, די ווייעס טיף איינגעגראָבן, די נאָז איז כמעט דורכזיכטיק, גלייך, מיט לייכטע פאַררונדיקטע נאָזלעכער, דאָס מויל איז האַלב געעפנט און די ציינער — גלייכע,

יונגע — גלאַנצן ניט, נאָר זיינען מאַט־געל, ווי דער שטערן, ווי די גאָמבע, ווי די פיין אויסגעבויגענע, מיט פּולווער־שטויב עטוואָס באַדעקטע האַלז.

— איר איז סך־הכּל געווען זיבעצן יאָר, — זאָגט דער יונ־קער, — אַזוי ווי מיר...

מאַרי קוקט זיך אום אויף אים — ער שטייט הינטער אירע פּלייצעס — זיין געזיכט איז בלאַס, אַפילו בלאַס־געל, ווי ביי דער מאַרקגרעפין, און דאָס מויל, דאָס מויל זיינס איז האַלב אָפן, און די ציינער זיינען אויך פּונקט אַזעלכע...

מאַרי קוקט זיך אום אויף אים — ער שטייט הינטער אירע גליווערדיקן, פאַרשטיינערטן געזיכט.

— אַ שיינע, — שעפּטשעט זי.

— מען ווייזט זי שוין לאַנג, אויב מען וויל. אַט זעט.

דער יונקער רוקט אַריין די האַנט אין טרוגע, נעמט אַרויס פון דעם פּולווער־שטויב אַ העמערל אויף אַ לאַנג, אַרומגעשליפן הענטל, — גיט אַ קלאַפּ מיט אים איבערן קאָפּ פון דער מאַרק־גרעפין. דער קאָפּ רופט זיך אָפּ אויף די קלעפּ קורץ און טעמפּ, און דאָס העמערל פאַלט ווייך און זינקט אין דעם פּולווער־שטויב

— אינגאַנצן, ווי שטיין.

אין דער פינסטערניש פויזט אַוועק אַ לאַנגע ריי פון נידע־ריקע שטיינערנע מצבות, דער שוואַרצער געוועלב איז געבליבן הענגען אויף דעם קבר־הייל, אַזוי ווי אַן איי, די ריטער, די אַדע־ליקע, די מאַרקגראַפן שווייגן שטיל אין דער אייביקער פייכטקייט פון שטיין און ערד.

— און די אוצרות... איר האָט זיי אַראָפּגענומען פון איר?— שעפּטשעט מאַרי.

— קיין שום אוצרות זיינען ניט געווען... שוין לאַנג ניט געווען...

וואָס איז עס? דאַכט זיך, ער האָט אַ שמייכל געמאַן? ניין, דאָס האָט דער שרעק אויסגעקרימט זיין געזיכט. וואָס האָט ער זיך דערשראָקן? ווי בלאַס ר'איז—ער איז בלאַסער, געווים בלאַסער פאַר

שטעט און יאָרן

דער מאַרקגרעפין. די אויגן האָבן זיך בײַ אים אָפּגעשטעלט, ער עטעמט כמעט ניט. וואָס איז מיט אים, וואָס? ער שטרעקט אויס אַ האַנט צו מאַריין, ער נעמט זי אַרום, זײַן האַלב אָפן מויל איז גאָר נאָענט צו אירע ליפּן, ער..

— אַ־אַ־אַ!

מאַרי שלאָגט אים מיט אַלע כּוחות אין האַרצן, דער לאָמפּ ציטערט און שמילקעט בײַ איר אין האַנט, זי קערט זיך אום, לויפט צו צום אַרויסגאַנג, צו די אײַזערנע פליגלען פון דער הויכער טיר, קריגט זיך אַרויס אין קאָרידאָר, לויפט, לויפט. לעבן דעם ווינקל, וועלכער צווייגט זיך פונאַנדער אין בײדע זײַטן, שטעלט זיך מאַרי אָפּ; ער איז דאָך געבליבן אין דער פינסטער, — דאַרטן איז פינסטער, אַזוי ווי... דעמאָלט, אונטער דער ערד, — ער וועט ניט קענען אַרויסגיין — אָט אַ טאָמישער! און זי קײַכט פון געלעכטער און שרײַט:

— אַו־אַו, האָפּ־האָפּ!

דערנאָך גייט ער פאַראויס, טראָגט געהאָרזאַם דעם לאָמפּ, און באַלײַכט אַ לאַנגע צײַט יעדן ווינקל, יעדן אַרויסשטאַרץ, יעדן שוועלעכל. בײַם אַרויסגאַנג פון פּאַרק זאָגט מאַרי:

— איך וויל גיין אַליין. אַדיע.

און פון פּאַרק אַרויס, ווען עס זײַנען שוין פאַרשוואונדן געוואָרן די אָפּגעשאָטענע, מיט קאַלך פאַרווײַנטע ווענט, שרײַט זי:

— אַו־אַו, האָפּ־האָפּ! אַו!

און זי קײַכט, זי קײַכט, גלײַך זי וואָלט שפּירן פאָראויס, אַז דער דאָזיקער געלעכטער — איז אויף לאַנג, אַז אין אָוונט, אין דער היים, וועט איר דער פאָטער זאָגן:

— מאַרי, איבערמאָרגן — קיין ווײַמאַר, צו מים ראָני.

— איז דאָס טאַקע אמת? — שרײַט אויס מאַרי.

— וואָס קען מען טאָן, וואָס קען מען טאָן, מאַרי — וועט הער אורבאַך זאָגן און וועט זיך פאַרשליסן אין זײַן צימער.

דער פּאַנסיאָן פון מים ראָני.

דער פּאַנסיאָן האָט פאַרנומען אַ גערוים הויז, וואָס איז געוועזן אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער טשוהונענער צאָם מיט באַגולדטע שפּיצן, מיט שטיינערנע קוילן אויף די טויערן. פון דעם אַריינגאַנג דורך דעם סאָד צו די טירן האָבן געפירט שטעגלעך פון בעטאָן־טאָוועלעך, וואָס זיינען געווען פעסט אויסגעלייגט, האָבן געגלאַנצט פון דעם הייסן וואַסער און די בערשטלעך. די אַלייען פון דעם סאָד זיינען געווען גלייך אויסגעשאָטן מיט זשוויר, די איינע איבער איינע אַריינגעזעצטע געלע און בלויע אייזערנע ביינדלעך האָבן ווי מיט אַ שפּיצנגאַרטל אַרומגענומען די בלומענביימן און די לאָנקעלעך, — אויף די אַרומגעהובלטע שטעקנס, וואָס זיינען געווען אַריינגעשטעקט אין די בלומענביימן, האָבן ווי פילפאַרביקע זונען געשיינט די גלאַזירנע קוילן. אַ גנאָם מיט אַ ווײַסער בערד האָט געשטאַנען...

דאָס הויז איז געשטאַנען סאָליד, גלאַט און פאַרשפּילט, און האָט, ווי אַ שוצמאַן מיט די קנעפּלעך, געגלאַנצט אויפן זון מיט דעם קופּער און דעם ניקל פון די פענסטער־ביישטיידלען, מיט די שלעסער, מיט דעם אָפּגעשייערטן בעכערל פון גלעקל און דעם מאַסיוון טיר־ברעטל:

פּאַנסיאָן
פון מים ראָני
פאַר אדעליקע טעכטער

אויף דער פענסטער־ראַם פון דער נאָענטסטער אַריינגאַנגס־טיר האָט אין אַ זיגזאַגאַרטיקן האַלטער געברענט אַ שפּיגעלע. וואָס איז געווען געווענדט צו דעם אַריינגאַנג. הינטער דעם פענסטער מיט דעם שפּיגעלע, וואָס איז געווען טונקל פאַרדראַפּירט און שטענדיק שווייגעדיק, האָט זיך פאַרבאָרגן דער קאַבינעט פון מים ראָני. לעבנ־אַנאַנד מיט אים זיינען געווען די אַנדערע צימערן פון איר וואוינונג, אין דעם ווייטן ווינקל — איז געווען דאָס לערער־צימער,

איבער דעם קאָרידאָר — די דירה פאַר דער דיגערשאַפט, די קיך, די שפּייזאַרניעס און דער קאַרצער. דער אייבערשטער שטאָק איז געווען פאַרנומען מיט די קלאַסן, מיט דעם גימנאַסטישן זאַל און מיט דעם גערוימען דאָרטואַר.

דער רעזשים אין דעם פּאַנסיאָן האָט מיס ראָני איינגעשטעלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל, און ער איז אויך געווען אַזוי גראָדליניק, האַרט און פּינקטלעך, ווי די משוחזגענע גראַטע, ווי די שלעסער אויף די פענסטער, ווי די סטעזשקעלעך און די גלאַזירטע קוילן אין דעם סאָד. יעדער מענטש, וואָס איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון מיס ראָנים מלוכה, האָט געמוזט גיין בלויז לויט דער קלאָר און גלייך אָנגעצייכנטער ליניע פון דער דירעקטאָרין, האָט זיך געמוזט זעצן אויף די שטולן, וואָס מען האָט פאַר אים באַשטימט, האָט געזיפצט אין די פאָרויסאָנגעוויזענע ערטער און האָט געשמייכלט אין די פאָרויסגעזעענע מינוטן. דאָ איז ניט געווען קיין אויסנאַם פאַר קיינעם. דער לערער פון ענגליש און די קעכין, די קלאַסנדאַמע און דער גערטנער, די דירעקטאָרין און די לערערין פון טאַנצן — האָבן טאַקע געהאַט פאַרשיידענע דאגות, נאָר האָבן זיך אונטערגעוואָרפן איין איינציקן רעזשים. לגבי דעם סטאַטוט פון דעם פּאַנסיאָן זיינען די איידעלע פרייליינס ניט געווען גלייך צו די דינסטן, וואָס האָבן אויפגערוימט זייער שלאָפצימער, נאָר פאַרן עובר זיין אויף דעם סטאַטוט פלעגט מען באַשטראָפן מיט אַ גלייכער שטרענגקייט אי די פּאַנסיאָנערינס אי די דינסטן.

— פרייליין, — האָט מיס ראָני געזאָגט דער פאַרזינדיקטער פּאַנסיאָנערין, — איר האָט אַ טעות, אויב איר מיינט, אַז אַרויסגעפירט פון געדולד, וועל איך אייך אָפּשיקן צו די עלטערן. גייט צו דער קלאַסנדאַמע און זאָגט, זי זאָל אייך פאַרשפּאַרן אין קאַרצער אויף דריי שעה.

מיס ראָני האָט אײַנגעפונען, אַז דער פּאַנסיאָן איז זיכער נאָר דאַן, ווען זיין גאַנצע פירונג שפּיגלט אָפּ מיט אַ גענויער פּינקטלעכקייט איר אייגענעם לעבנספּיר.

מיט ראַני פלעגט אויפשטייענדיק, מאַכן אַ קאַלטע וואַנע, מאַכן גימנאַכטיק, אָפּווישן זיך מיט האַנטעכער, אָנטאָן דאָס אַר־בעטס־קלייד, אָפּזאָגן די תּפילות און צוטרעטן צו דער אַרבעט. און זי האָט געפאָדערט, אַז יעדערער, ווער עס האָט מיט איר געוואוינט אונטער איין דאַך, זאָל, באַלד נאָכן אויפשטיין, צוליב דעם הוחק אין וואַנעס, זיך אַרומשווענקען, מאַכן גימנאַסטיק, אויסרייבן זיך מיט אַ האַנטעך און אָפּזאָגן די תּפילות. אפילו דער גערטענירער — אַ זקן פון אַ יאָר זעכציק — האָט פאַרזיכערט מיט ראַנין, אַז אַלע פרימאָרגן איבט ער זיך לויט מילערס סיסטעם און בייט פּינקט־לעך די וועש, ווי ס'איז איט פאָרגעשריבן — מיטוואָך און שבת. די פרויענדיינערשאַפט האָט מיט ראַני געקענט פערזענלעך קאָנטראָ־לירן און דאָ האָבן קיינע אָפּנאַרערייען ניט געקענט געמאָלט זיין. קיין מאַנסביל, ווידער, זייגען אויסער דעם גערטענירער און די לערער, וואָס פלעגן קומען אין פּאַנסיאָן אויף די לעקציעס, אין הויז ניט געווען.

צוואַנציק שילערינס — שטענדיק צוואַנציק, ניט מער און ניט ווייניקער — האָבן זיך געפונען אונטער דער שטענדיקער השגחה פון דער דירעקטאָרין, און קיין זאַך האָט פון איר ניט געקענט פאַר־הוילן ווערן, פונקט ווי קיין זאַך, וואָס פלעגט פּאַסירן לעבן פּראָנט־אַריינגאַנג, האָט ניט געקענט ניט אָפּשפּיגלען זיך אין דעם שפּיגע־לע, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צום פענסטער פון מיס ראַנים קאַבינעט.

נאָך דעם מיטאָג, נאָך די מעגץ און די תּפילות פלעגן די לערער אָנשטעלן די זייגערס, און די זון אַליין פלעגט זיך צוקוקן צו די היגטערשטאַטיקע עקסקורסיעס און שפּאַציר־גענג פון מיס ראַנים פּאַנסיאָן.

צוויי מאָל אום ווינטער פלעגן די פּאַנסיאָנעריגס גיין אין געמע־הויז, און פאַר דעם פלעגט מיס ראַני לייענען אין קלאַס פראַג־מענטן פון זיין ביאָגראַפיע, מספּים זייענדיק בשעת־מעשה, אַז דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן מענטשן קען מען אויסריידן צוגלייך מיט שעקספּירס נאָמען.

פרילינג און האַרבסט פלעגן זיי פאָרן הינטערן שטאָט, און דעמאָלט פלעגט זיך מיט ר'אַני פאַרדעכטיק צוקוקן צו דעם, וואָס דער לערער פון נאַטורוויסנשאַפט פלעגט זאָגן וועגן דער באַשטויבונג פון געוויקסן.

איין מאָל אַ חודש פלעגט מען מאַכן אַ שפּאַציר איבערן שטאָט. און אַלע וואָך פלעגט מען באַזוכן די קירך, וואו מען פלעגט הערן די דרשה פון דעם פּאַסטאָר און אונטערהעלפן דעם אָרגל.

דער טאָג-טעגלעכער שפּאַציר פלגט געמאַכט ווערן אין סאָד, איבער די אַלייען און שטעגלעך, ווייט פון דער גראַטע, אַרום דעם שמייכלענדיקן גגאָם און די שיינענדיקע קוילן אויף די בלומענבייטן, און פלעגט געדויערן דריי פערטל שעה. גיין פלעגט מען פּאָרוויז, געלאַסן, ניט אַרומגעקוקט זיך, דרייענדיק זיך און דורכגייענדיק צענדליקער מאָל איין און דעם-זעלביקן פונקט, און פאָראויס פלעגט גיין די קלאַסנדאַמע, מיט אַן אויסגעצויגענער האַלז און מיט צוגויפגעלייגטע הענט אויפן בויך, און פון היגטן האָט מיט ראָני אָפּגעשטעמפּלט אָן דעם זשוויר די אומבויגעוודיקע זוילן.

— פריילין, — האָט זי געזאָגט און האָט אָנגערופן די פּאַנסיאָנערין מיטן נאָמען, — שטעלט זיך אָפּ. כ'האָב באַמערקט, אַז איר האָט אָפּגעריסן פון דעם טאָפּאָל אַ צווייג און האָט אַ וואָרף געטאָן אויפן גאַזאָן. איר האָט, אַזויערנאָך, אָפּגעטאָן צוויי שלעכטע זאַכן. רופט זיי אָן. ערשטנס...

— ערשטנס, האָב איך אָפּגעריסן אַ צווייג פון דעם טאָפּאָל.

— און צווייטנס...

— צווייטנס, האָב איך דעם צווייג אַ וואָרף געטאָן אויפן גאַזאָן...

— מער דאַרפט איר קיין זאַך ניט זאָגן?

— אַנטשולדיקט, מיס ראָני.

— הייבט אויף דעם צווייג פון דעם גאַזאָן און טראָגט אים אָפּ אין דער מיסט-קאָרב.

אָ, די ערציִונגס-סיסטעם, וואָס מיס ראָני האָט אָנגעווענדט, איז אָנערקענט געוואָרן ניט בלויז פון די פּנדאַגאָגישע אַווטאָרי-

מעטן, גאָר פון דער געזעלשאַפט און אַפילו פון דער הויכער וועלט. זי איז געווען פאָרוואורפסלאָז, די דאָזיקע סיסטעם, און דאָס האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די פּאַנסיאָנערינס.

דאָס האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען מאַרי, ווען, אַנטוועקנדיק דאָס פעלערינדל, די לאַנגע אייבער־קאָפּטל ביז די איילנבויגן און דעם פאַרטעך, האָט זי פלוצלונג פאַרלאָרן איר געזיכט, איר שטימע, אַפילו איר בליק, און אין איר זיכרון האָבן פלוצלונג זיך דורכגעגליטשט די נעפּלהאַפטע, מיט ווי פאַרשטעלטע, גלייך ווי קיינמאָל ניט עקסיסטירטע מאָנאַסטיר־רוינען, דער שפּיץ פון לאַושע, אויף וועלכן עס קלעטערט די זון, די שאַרפקאַנטיקע פעלזן, וואָס זײַנען געווען אָנגעוואַלגערט אויף די קאַמען פון די בערג, ווי צעבראָכענע מעבל, די פינסטערע קברים־הייל פון די מאַרקגראַפן און אין איר — דאָס בלאַסע, צעשראָקענע, בעטנדיקע געזיכט מיט דעם קוים־קוים אָפענעם מויל.

פון דער מינוט אָן האָט מאַרי דערשפּירט ביז פּיזישער אומבאַקוועמלעכקייט דעם אײַזערנעם קאָרסעט, אין וועלכן ס'איז געווען אײַנגעשרויפט דאָס לעבן פון דעם פּאַנסיאָן און אין וועלכן מען האָט איר אויך איצט אײַנגעשרויפט. און זי האָט דערשפּירט, אַז איר יוגנט איז אַוועק. זי האָט זיך שאַרפער אײַנגעקוקט אין די פאָרמען, וואָס האָבן אויסגעפילט דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון פּאַנסיאָן, צו דער פאַרשנירונג פון דעם קאָרסעט, צו די בײַנדלעך און העקלעך, האָט זיך געפּרוווט אַ ריר טאָן לינקס און רעכטס, באַוועגן זיך פאָראויס אָדער צוריק — יעדעס מאָל האָט זי זיך אָבער פאַרשאַפט ווייטאָג און האָט אַרויסגערופן דעם ווידערשטאַנד פון די אַ סך עקשנותדיקערע פון איר, וואָס אויף זייער באַראָט איז זי געווען אויסגעשטעלט. און דעמאָלט האָט זי זיך איבערצייגט, אַז צערייסן דעם דאָזיקן קאָרסעט, צעברעכן, פאַרניכטן אָדער אַפילו אָפּלאָזן, אָפּשוואַכן אים — קען מען אויך ניט. און דעמאָלט האָט זי שלום געמאַכט מיט אים און אָן שוועריקייטן, גלייך זי וואָלט געבאָרן געוואָרן פאַר דעם, האָט זי אָנגעטאָן אים מיט די אייגענע הענט, וואָס זײַנען געווען געוויינט צו ווידערשטאַנד, צו קאַפּריזן און צו פריי־

הייט — האָט אים אָנגעטאָן אויף זיך און האָט תיכף אַלעמען אי־בערצייגט, אַז זי שפּירט זיך אויסגעצייכנט.

— פרייליין מאַרי, — האָט מיר ראַגי איינמאָל געזאָגט, — איך באַמערק אויף אייך, אַז איר זייט זייער פאַרטראַכט און חברט זיך כמעט ניט מיט קיינעם. איר דאַרפט זיין אַ ביסל אויפגעלעבטער.

ווען מאַרי איז געוואָרן אַ ביסל אויפגעלעבטער, האָט שוין מיס ראַגי ניט געקענט געפינען אין איר אַזוינס, וואָס מען זאָל באַדאַרפן פאַרבעסערן, און צו ניטל האָט זי איינגעשריבן אין אירע פּאַפּירן:

„אויסגעצייכנטע אויפפירונג, גוטע פעולות, פלייסיקייט און אויפמערקזאַמקייט".

און צו די זומער־קאַניקולן:

„מוסטערהאַפטע אויפפירונג אין פּאַנסיאָן און גוטע פעולות".

דעם באַזונדערן אָרט צווישן די שילערינס איז מאַרין אָנגעקומען אָן שום שוועריקייטן, יעדנפאַלס אָן אַן ערד לייכטער, איידער איר פאָטער — דער גלויבן, אַז דאָס האָט זי, זיין טאָכטער מאַרי, פאַרנומען אַזאַ אָרט. ער איז געווען פאַרדעכטיק און וואַכזאַם, און אפשר אויך באַליידיקט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט קיינמאָל ניט פאַרדינט אַזאַ העפלעכע טרוקענע באַנעמונג מצד מאַרין. צי האָט זיך אים ניט געדוכט, אַז דאָס אַלץ איז אַ באַצאָלונג פאַר דער האַרבקייט, מיט וועלכער ער איז זיך באַגאַנגען מיט מאַרי? ווער קען וויסן? דערפאַר איז פרוי אורבאַך געוואָרן אָפן וואוילגענייגט צו דער טאָכטער און אויף אירע אַכטונגסמולע קניקסן פלעגט זי אָפּענטפערן גנעדיק.

אַזוי זיינען אַוועק צוויי יאָר.

און אויף דעם דריטן יאָר איז בעת דעם שפּאַציר פון פּענסיאָנאַט איבער די שטילע גאַסן פון וויימאַר, פאַרביי די פּאַלאַצלעך, וואָס זיינען געווען ענלעך צו דעם פּאַנסיאָן, מיט די סעדער הינטער די מישורהינגע גראַטעס און מיט די גנאָמען, וואָס האָבן געשמייכלט אין די בלומענבייטן, — אַ יונגער אָפיציר שנעל אַריבערגעגאַנגען דעם וועג און איז צוגעגאַנגען צו דער ערשטער סאָליד שפּאַצירנדי־

קער פאַנסיאָנערין־פּאָר, וואָס איז געגאַנגען הינטער דער קלאַסנ־דאַמע, צו דער שילערין מאַרי אורבאַך.

— מאַרי! — האָט ער שיר ניט אויסגעשריען.

— מאַקס! — האָט זי געענטפערט, און אירע באַגלייטערינס האָבן געזען, ווי ביי איר האָבן זיך אַרויפגעקאַשערט די ברעמען, און דאָס בלוט האָט זיך צעגאָסן איבער אירע באַקן.

— הער לייטענאַנט! — האָט זיך די קלאַסנדאַמע אומגע־קערט.

— איין מינוט נאָר, — האָט דער אָפיציר געזאָגט און האָט זיך געלאָזט צו מיס ראָני.

— גנעדיגע מיס, ערלויבט מיר דורכצורעדן זיך מיט מיין קוזינע, פריילין אורבאַך?

— אָבער הער לייטענאַנט, אין פּאַנסיאָן זיינען פאַראַן באַ־שטימטע שעהן...

— זייער ריכטיק, גנעדיגע מיס... אָבער איך האָב זיך דאָ אָפּ־געשטעלט דורכפאָרנדיק, סך־הכל אויף איין שעה, און איך דאַרף...

ער האָט פּלוצלונג סאַלוטירט, האָט געזאָגט „איך דאַנק אייך", גלייך ער וואָלט באַקומען איר הסכם, און האָט זיך געאיילט צו מאַרין.

איין מינוט בלויז האָט געדויערט די פאַרווירונג, בשעת־וועל־כער די רייען פון די פּאַנסיאָנעריגס האָבן זיך צעבראָכן און צע־פלאָנטערט, עמעצער האָט אויפגעהויבן די האַנט, עמעצער האָט זיך צעלאַכט, זיך צעכליפּעט; די פאַרווירונג, בשעת־וועלכער דער קלאַסנ־דאַמע האָט אָנגעכאַפּט גיט קיין געוויינלעכער הוסט, דער גאַנצער צוג איז צעשטערט געוואָרן, און די מיס ראָני אַליין האָט געמאַכט איבעריקע צוויי טריט פאַראויס און איין טראָט אויף צוריק, וויל אין דער האַזיקער רגע איז אין איר פאַרגעקומען אַ שנעלער געראַנגל
אין דער האַזיקער רגע איז אין איר פאַרגעקומען אַ שנעלער געראַנגל
צווישן דער אַכטונג צו דעם מונדיר פון דער זאַקסישער אַרמיי און דעם פּאַנסיאָן.

נאָר שוין אין דער נאָענטסטער מינוט האָט דער אָפיציר דורכגעוואָרפן זיך מיט מאַרין מיט קורצע ווערטער, האָט איר געגעבן די האַנט, און זיי זיינען אַוועק איבערן וועג, זיך צעלאַכט און פאַרשנעלערט דעם גאַנג. און דעמאָלט האָבן אַלע געזען, ווי מאַרי האָט זיך צוגעטוליעט צו דעם אָרעם און דעם אַקסל פון דעם אָפיציר, און אַלע האָבן געהערט, ווי זי האָט זיך אומגעקערט און האָט הויך און פריילעך אַרויסגערעדט:

— גאָט מיינער, איר זייט דאָך, מיט ראַני, ענלעך אויף אַ פּיקהאָלץ!

און דערנאָך נאָך העכער:

— אַדיע, אַדיע, מיידעלע!

און נאָך דעם וואָרט „מיידעלע״ האָט מאַרים חברטעס אויסגעוויזן, אַז געאַרעמט מיט דעם אָפיציר האָט זיך דערווייטערט נים קיין מיידעלע אין לאַנגן אייבער־קאַפּטל, אין אַ פערעלינדל און אין אַ פאַרטעך, נאָר אַ יונגע פרוי — אַ בייגעוודיקע, אַ עלאַסטישע און אַ שיינע...

דער לייטענאַנט האָט כמעט ווי נים געזאָגט קיין ליגן מיט ראַנין, ווען ער האָט געזאָגט, אַז און ווייטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט דורכפאָרנדיק און סך־הכל אויף איין שעה: ער האָט זיך פאַרקערעוועט הינטערן ראָג און איז אַזוי ווי אין וואַסער אַריין, און מיט אים אויך מאַרי.

וואו איז זי פאַרפאַלן געוואָרן דריי טעג און צוויי נעכט — דאָס האָט זי נאָר אַליין געוואוסט.

אויפן דריטן טאָג איז דער הער אורבאַך געזעסן אין זיין כאַבינעט, און דעם אַלטן בישאָפּסבערגער הויז, ווען מען האָט אים דערלאַנגט אַ וויזיט־קאַרטע:

לייטענאַנט

פאָן צור מילען־שענאַו

(מאַרגקראַף)

דאָס דאָזיקע ווערטל אין קלאַמערלעך, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט מיט אַ קלענערן שריפט אין ווינקל פון דער גרויסער קוואַד־

ראַט־אַרטיקער וויזיט־קאַרטע, איז שוין לאַנג געווען צוגעטראַכט פון פאָן צור מילען שענאַו און האָט אַבסאָלוט ניט באַטייט, אַז אין דייטשלאַנד איז רעסטאַווירט געוואָרן דער גרויסער טיטל פון קאַרלס צייטן, גאָר בלויז, אַז מען קען ניט צונויפמישן דעם נאָכקומער און דעם יורש פון דעם מאַרקגראַפישן שטאַם מיט עפּעס באַלטישע באַראָנען, וואָס האָבן צופעליק געטראָגן פונקט די זעלבע פאַמיליע.

דער לייטענאַנט איז געקומען צו פאָרן מיט מאַריען, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייַ קלייד. דאָס דאָזיקע קלייד האָט זי געמאַכט שלאַנקער און העלער. זי איז געווען אין אַ נייער פריזור און מיט עפּעס אַ נייעם בליק אין די טונקל געוואָרענע, אויפגערעגטע אויגן. זי איז געזעסן אין דעם גאַסט־צימער, גלייך זי וואָלט געקומען מיט אַ וויזיט אין אַ ווייניק באַקאַנט הויז,—האָט ניט אַראָפּגענומען דעם הוט און די הענטשקע פון דער רעכטער האַנט האָט זי אַראָפּגעצויגן אויף דער העלפט. דער שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען הינטער איר פּאָטעל, האָט איר ניט געגעבן קיין רו, און זי האָט זיך אומגעקערט צו אים מיטן געזיכט.

דער לייטענאַנט איז אַ מינוט פינף געבליבן אין קאַבינעט פון איר פאָטער, דערנאָך זיינען זיי דורכגעגאַנגען דורך דעם גאַסט־צימער, און דער הער אורבאַך האָט, קרימענדיק זיך אויף דער טאָכ־טער, אַרויסגעמורמלט אין גאַנג:

— אַ גאַסט איז דאָ!

דערנאָך האָט זיך דער לייטענאַנט אומגעקערט אין דעם גאַסט־צימער אַליין, האָט אַ קוש געטאָן מאַרין אין האַנט און האָט געזאָגט:

— אַלץ איז אין אָרדענונג. איר בלייבט דאָ, און איך וועל זיך אומקערן קיין שענאַו. מאָרגן ביינאַכט וועל איך דאָ זיין...

פאָן שענאַוס פאָרשלאָג, וואָס איז געקומען אומגעריכט און קאַטעגאָריש, מאַרים אַנטלויפן פון פּאַנסיאָן, וואו זי איז געווען — „די מוסטערהאַפטע אויפפירונג און די אויסגעצייכנטע פּעולות",

נאָר דער עיקר, פאַרשטייט זיך... דעם מאַרקגראַפס פאַרשלאָג, ניט עפעס פון גלאַט אַ באַראָן — און דער עיקר, פאַרשטייט זיך... מיט איין וואָרט, פרוי אורבאַך איז געווען שטאַרק אַנטמוטיקט און געהנפעט. דאָס אַלץ האָט אַזוי צעפלאָנטערט איר פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס ס'איז דערלאָזלעך און אָנשטענדיק, אַזוי אָפּגעטעפּט די שטענדיקע פעיִקייט צו אָבסערווירן, אַז זי האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף מאַרים אויסטערלישן אָנצוג און אויסטערלישע מאַניערן, און דער פאָטער איז געווען דערדריקט און האָט זיך פאַרבאָרגן אין זיין צימער.

און דעם דאָזיקן אָוונט האָט פרוי אורבאַך זיך דערמאָנט, אַז ווען מאַרי פלעגט אויף די פעריען קומען אַהיים, פלעגט זי גאַנץ אָפט אַוועקגיין קיין שענאָ און פלעגט פיל ריידן וועגן די בילדער, וואָס דער אַפּוטרופּוס פון דעם מאַרקגראַף האָט צונויפגעזאַמלט אין שלאָס. ווי עס ווייזט אויס, איז די זאַך ניט באַשטאַנען בלויז אין די בילדער. פרוי אורבאַך איז געווען צופרידן.

הער אורבאַך האָט אַרומגעשפּאַצירט איבערן קאַבינעט און האָט זיך דערמאָנט בלויז איין זאַך: אָט יענץ נייַ פרעמד קלייד, אין וועלכן ער האָט מאַרין דערזען, ווען ער האָט איר געזאָגט „אַ גאַסט איז געקומען". ער האָט אָנגעקלונגען, האָט געהייסן ברענגען בריקעט און אײַנהייצן דעם קאַמין, הגם אויפן גאַס האָט געשמאַכט דער יונגער זומער.

אויף מאָרגן אַרום האַלבן טאָג איז דער לייטענאַנט פאָן צור מילען שענאָ געקומען אין דער באַגלייטונג פון זיין אָפּעקון — אַ פּאַרלאַמטער, אַ קיילעכדיקער, שטייף אײַנגעבויגענער פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע, — און דער אָפּעקון האָט באַשטעטיקט דעם פאָרשלאָג, וואָס דער לייטענאַנט האָט געמאַכט. די תּנאָים האָט מען אָפּגעלייגט אויף צוויי יאָר, ווען מאַרין האָט געדאַרפט ווערן אַכצן יאָר. דאָס איז אויסגעקומען פרילינג פון יאָר נײַן הונדערט זעכצן.

דאָס קאַפּיטל וועגן נײַן הונדערט זעכצנטן.

ווען מען זאָל אָפּהאַקן האַלדז פון אַ פלעשל, וועט עס לויט דער פאָרם דערמאָנען אָן אַן אַרטילעריש קויל פון אַ קליינעם קאַליבער מיט אַ פוגאַנדערגעריסענעם קאָנוס. דאָס פלעשל קען מען אָפּפאַרבן מיט זילבער=פאַרב און אָנקלעפּן אויף דעם אַ פּאָרטרעט פון אַ וועלכן=עס=איז גענעראַל. אַזאַ זאַך איז גוט אַוועקצושטעלן אויף אַ קלאַוויר אָדער אויף אַ בופעט — דאָס באַפּוצט דעם צימער, דאָס שאַפט היימלעכקייט. די ווירטינס זיינען באַלד דערגאַנגען דעם סעקרעט, ווי אַזוי מען פּראָדוצירט גלעזערנע קוילן, האָבן גענומען ברעכן פלעשלעך, קויפן זילבער=פאַרב, קאַרטלעך מיט בילדער פון גענעראַלן און מאַכן די באַפּוצונגען אויף אַן עקאָנאָמישן אופן. מחמת דעם איז די פאָדערונג אויף קוילן היפּש געפאַלן, און די פאַבריקאַנטן זיינען געווען געצוואונגען איבערצומאַכן די וואַרשטאַטן: איינע האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן די זילבער=פאַרב, די צווייטע האָבן גענומען דרוקן קאַרטלעך מיט גענעראַלן. וואָס נוגע די פלעשלעך, האָט זיך דאָ געשפּירט די פאַרמלחמהדיקע איבערפּראָדוקציע.

דערפאַר האָבן אַנדערע געביטן פון דער אינדוסטריע, וואָס זיינען דורך די טעכנישע מיטלען פון דער פּראָדוקציע געווען געשיצט מצד דער קאָנקורענץ פון די שטוב=ווירטינס — זיך ברייט צעוואַקסן און האָבן אַ לאַנגע צייט געמאַכט פאָרטשריט. אַזוי, למשל, האָט דאָס אויסאַרבעטן בראָשקעס און שפּילקעס אין דער פאָרם פון אַ 42=סאַנטימעטערדיקער האַרמאַט=קויל, איינגעוויקלט איז

אַ שוואַרץ־רויטן באָרדיור, דערגרייכט צו אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרנעם. די פאָרצעלײַ־פאַבריקן האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען אַראַנק דער פּראָדוקציע פון געשיר מיט די בילדער פון דער גליקלעך רעגירנדיקער קייזערלעכער פאַמיליע.

די קאַרטאָנאַזש־אינדוסטריע האָט איבערגעלעבט אַן עפּאָכע פון שטורעם און דראַנג. די פודעלעך און די קאַרטאָן־שאַכטלען פלעגן אַרומגעקלעפּט, אַרומגעוויקלט און אַרומגענייט ווערן מיט נאַציאָנאַלע פאַרבן. צו דעם צווייטן יאָר מלחמה פלעגט די גאַנצע פּראָדוקציע אונטערגעטראָגן ווערן דעם געברויכער אין אַ פּולקום פּאַטריאָטישער פאָרם, אָנהייבנדיק פון דעם ריצנאַייל אין אַפּטייק און ענדיקנדיק מיטן כאָמוט אין דער רימער־קראָם.

דאָס איז געווען אַן אומגעהייערער שוואונג פון דער פאַנטאַזיע, דאָס איז געווען אַן אַסקעטישע עבודה, דאָס איז געווען דער העכסטער שפּיץ פון אַחדות.

צו דעם יאָר האָט אַנדרעי זיך אַריבערגעצויגן קיין בישאָפּסבערג.

ער האָט געלעבט אָן כּוחות, אַן אָפּגעטעמפּטער, אַ מידער. די וועלט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, איז געווען מויער־פעסט, ניט גובר צו זיין, נאָר איר מויערדיקייט איז געווען אומעטום אַ גלייכע. אים איז ערלויבט געווען צו עטעמען, נאָר ער האָט ניט געקענט באַוועגן מיט די אַקסלען, כּדי אויסצוציען זיי און אַן עטעם טאָן טיפער. ער האָט געעטעמט דורך אַ טשערעטן טרייבל, וואָס איז דורך אַ דיקער וואַנט אַרויס אויף דער פרייער לופט, פּונקט ווי אַ ווילדער יעגער, וואָס עטעמט פאַרבאַהאַלטן אין אַן אָזערע.

פון יענעם טאָג אָן, ווען ער האָט זיך צעשיידט מיט קורטן אין נירנבערגער טראַמוואַי, האָט מיט אים רעגירט די אומפאַרמיידלעכקייט. ער האָט זיך פּלוצלונג דערזען, ווי אַ שטויבעלע צווישן רייזיקע מאַסן אומפאַרמיידלעכקייטן, וואָס האָבן זיך באַוועגט, אַזוי ווי אַ מאַשין. אין תּוך אַריין, איז דאָס געווען דאָס באַוואוסטזיין, וואָס איז געווען דער היפּוך פון דעם, מיט וועלכן ער האָט פריער געלעבט. צי דען האָט זיך אים פריער ניט געדוכט, אַז די זון וואַרעמט דער־

פּאַר, וואָס איר ווילן איז פריי? איצט האָט ער זיך באַנוגנט מיט דער וואַרעמקייט און מיט דער שיין, אַזוי ווי אַ בעטלער.

בישאָפּסבערג — איז ניט דאָס סאַמע ערגסטע אָרט אויף דער ערד. אַזוי ווי יעדע שטאָט, איז זי באַשטאַנען פון שניידער, פּאָליציי, בוכהענדלער, גייסטלעכע, בעקער, דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און וואַגאָנפירער. בישאָפּסבערג — איז אַן אַלטע שטאָט, און אין אַן אַלטער שטאָט דאַרפן זיין מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, דערהויפּט — אָרנטלעכע. יעדנפאַלס, האָט אַזוי געטראַכט די בישאָפּסבערגער מאַכט, וואָס האָט אויסגעשפּרייט איר חסד אויך אויף די סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

— ערלויבט, — האָט, צום ביישפּיל, געפּלעגט זאָגן דער פּאָליציי-סעקרעטאַר, — ווען אַ מענטש וואָלט בלויז געווען אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט? אָבער ער איז דאָך, אויסער דעם, אויך אַ בירברויער, אָדער אַ גלעזער, אָדער אַ קוריער. דאָס אַלץ — זיינען פולקום כשרע פּראָפעסיעס, וואָס בילדן אַ געוויסן טייל פון דער געזעלשאַפט. דעריבער בין איך לחלוטין ניט מסכים מיט דעם שטאַנדפּונקט פון דער שטוטגאַרטער פּאָליציי.

דאָ האָט דער סעקרעטאַר פאַנאַנדערגעוויקלט די „פּאָליציי-ידיעות פון דער שטאָט שטוטגאַרט“ און האָט פאָרגעלייענט:

> מאָנטאָג האַלב 8 אינאָוונט האָבן די אָנהענגער פון דער ראַדיקאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון ביידע געשלעכטער געפּרוווט איינאָרדענען אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע. פון קאַרלס-פּלאַץ האָט זיך דער צוג געלאָזט איבער דער דאָראָטעענשטראַסע צו שאַרלאָטנפּלאַץ, וואו מען האָט צו אים שנעל געמאַכט אַ סוף. די אָנפירער און די אָנפירערינס האָט מען אַרעסטירט. די שטוטגאַרטער באַפעלקערונג האָט קיין אָנטייל אין דער דעמאָנסטראַציע ניט גענומען...

— פרעגט זיך, פון וועמען-זשע איז באַשטאַנען דער צוג, אויב די באַפעלקערונג האָט קיין אָנטייל אין אים ניט גענומען? — האָט דער סעקרעטאַר אויסגעשריען.

דער דאָזיקער ליבעראַליזם פון פּאָליציי-סעקרעטאַר איז — צוליב דער קליינקייט און די גוטע מידות פון בישאָפסבערג — געווען באַוואוסט ניט נאָר די באַאַמטע, נאָר אַפילו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע גופא, און — גאָט איז אַן עדות, אַז מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן פרעכער און פרעכער. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער פאַבריקמאַכער פּאָל העניג, אַן אַלטער מיטגליד פון דער פּאַרטיי און דער נאָמען פון דער געזעלשאַפט פריינד פון כאָר-געזאַנג, האָט איינמאָל, זיצנדיק אין דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן געוועלבל, בפרהסיה געלויבט זיין שכן — דעם רוסישן סטודענט, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אין בישאָפסבערג פון אָנהייב מלחמה.

— איך פאַרזיכער אייך, — האָט דער דאָזיקער געוויסנלאָזער מענטש געברומט, — אַז מיין רוס איז די פריידלעכסטע באַשעפעניש, און ווען זיי אַלע וואָלטן געווען ניט ערגער פון אים, וואָלטן מיר זיי לאַנג געשלאָגן, און זיי וואָלטן נאָך אונז געהאָלפן שלאָגן די פראַנצויזן...

אָנשטאָט שטאַרקער אַכטונג צו געבן אויף זיין שכן און אַריינצודרינגען אין זיינע אמתע כוונות (ער דאַרף דאָך עפּעס האָבן וועלכע-ס'איז כוונות!) האָט פּאָל העניג זיך באַנוצט מיט דער מילדקייט פון דער מאַכט און געזייט, ווי מיר האָבן געזען, אומרו און צווייפל צווישן פאָלק. ניין, מען דאַרף מיט אַן אמת זיין זייער פאָרזיכטיק ניט נאָר מיט די אויסלענדער, נאָר אויך מיט אַ געוויסן טייל לאַנדסלייט. אפשר האָט די שטוטגאַרטער פּאָליציי געהאַט אַ גרונט, אויב זי האָט אַרויסגעפירט הינטער די קלאַמערן די גאַנצע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי? אָט אַפילו דער דאָזיקער פאַבריקמאַכער, פּאָל העניג...

נאָר צי איז דען ניט צייט צוצונעמען דאָס וואָרט ביי די בישאָפסבערגער יוסטע באַלעבאַטים און דערציילן וועגן אַלין מיט דער אָביעקטיווקייט, וואָס איז אונז אייגנשאַפטלעך?

* * *

אַלע טאָג גיין אַ זייגער גייט אַנדרעי אַרויס פון דער הויכער אַלטער טיר מיט דעם צעשפּאָלטענעם שניצעכץ און מיט די אָפּגעפּאַלענע דריידעלעך פון דעם אָרנאַמענט אויף די ביישטידלען.

מיט דריי טריט ווייטער שטייט פאול העניג, די הענט פאר־לייגט אהינטער, אין א ווייסן כאלאט. זיין געזיכט, וואס איז אנגע־גאסן מיט די פרימארגנזאפטן, ברענט, ווי דאס פריש געשייערטע קופערנע בעקנדל, וואס הענגט ביים אריינגאנג אין דער פריזירעריי. העניג צעגיסט זיך אין א מונטערדיקן שמייכל און זאגט ארויס הויך איבער דער גאנצער גאס:

— יעדער מענטש האט זיין פליכט, ניט אמת, הער סטאר־צאוו?

— יא, יא, — ענטפערט אנדרעי, — גוט מארגן אייך, הער העניג.

אויפן טאג, וואו דאס טעאטראלע געסל פארקערעוועט זיך, קלאפט אונטער מיט די פיס דער טאבאק־הענדלער, וואס איז אנגע־טאן אין זעלנערשע קליידער. ווייטער, לעבן דער צווייטער טיר, זיצט דעם שניידערס הויקערדיקע טאכטער. פון דעם שכנותדיקן פענסטער קוקט ארויס די ראזע בעקערין. דערנאך גייען די שמאלע, מיט טיולענע גארדינען פארצויגענע פענסטער פון דעם קאפע־הויז. דערנאך די יוועליר קראם, דער פרוכט־געשעפט, די ביבליאטעק.

אויף דעם פלאץ זיינען פאראן ווייניק מענטשן, און דאס ראט־הויז אויף אים איז פינסטער און קאלט. אונטערן בערגל קייקלט זיך פארזיכטיק דער טראמוואי. דער וואגאנפירער קוקט אויף אנדרעיען: ער קען אים געוויס, פונקט ווי אנדרעי, — דעם וואגאנפירער, דעם שוצמאן, וואס שטייט אויפן פאסטן, דעם טאבאק־הענדלער, דעם שניידערס טאכטער, דעם אלטן קוריער, וואס פארדרייט די לולקע אין רעכטן גאנג, אדער דעם שמאטע־קלייבער, וואס קלייבט אויף פון גאס די פאפירלעך מיט לאנגע אייזערנע צוועגגלעך. יעדער שטיין אויף דעם דאזיקן וועג, יעדע לעבעדיקע באשעפעניש, יעדער בליק און יעדער אויסרוף זיינען אים לאנג באקאנט, לאנג אויסגע־שעפט, לאנג דורכשמודירט, ווי די נעגל אויף די הענט, ווי דער אפגעטראגענער שטיוול, ווי די אוזארן און די פלעקן אויפן באלקן צו־קאפנס פון געלעגער. אט דא, פאר דעם אריינגאנג אין דער פאליציי, לעבן דער אפענער טיר פון דעם אלגעמיינעם וואלעט־צימער, פלעגט

די מומע מייער מיט דער שטענדיקער זאָק אין האַנט אַ וואָרף טאָן אַ שטיינערנעם בליק אויף אַנדרעיען, פלעגט עפּעס אַ וואָרטשע טאָן מיט אַ באַסיק שטימעלע און פלעגט זיך ווידער איינגראָבן אין אירע שפּיזלען.

אַן אַלטיטשקער באַאַמטער, מיט פאַרלאַמטע אייִלנבייגים און מיט אַ שפּילקעלע אין האַלזטוך, גיט אַנדרעיען ביז אַ שמאָך מיט אַ צוגעזשמורעט אייגל און פרעגט:

— נו?

— 52.

— גוט.

און באַהאַלט זיך הינטערן סעקרעטער.

דעמאָלט קען מען גיין אַהיים.

אויפן האַלבן וועג באַגעגנט אַנדרעי אַ קלייניטשקן, אייִלנדיקן מענטשן, מיט אַ צעקנייטשטן טרוקענעם געזיכט. ער שלעפּט שנעל אַרויס די האַנט פון קעשענע, הייבט קוים אויף איבער דעם פּליך דעם נידעריקן האַרטן קאַפּעלוש און שמייכלט מיט אַן אַ שיעור קנייטשעלעך אַרום די ווייסע, דינע ליפּן:

— Bonjur, bonjur, bonjur!

ער זאָגט אַרויס זיין באַגריסונג מיט אַ גיכן לשון, אומבאַ־דינגט דריי מאָל נאָכאַנאַנד, און דער שמייכל לויפט אַראָפּ פון זיין געזיכט פּונקט אַזוי גיך, ווי עס שליסן זיך די דינע ליפּן. זיינע הענט זיינען איבערגעבונדן אויף דעם אָרט פון די דלאָניעס מיט וואָלענע שמאַטעס: צוליב די איבונגען אויף דער האַרמאָניק זיינען ביי אים פונאַנדערגעצויגן די מוסקלען פון די הענט, אָבער ער מאָר ניט אָוועקוואַרפן די אַרבעט, ווייל ער האָט ניט וואָס צו טאָן און ווייל קיין אַנדער זאַך קען ער ניט טאָן.

דאָס איז — מאָסיע פּערסי, אַ בעלגישער בירגער און אַ מו־זיקאַלישער קלאָאון.

מאָסיע פּערסי האָט געוואוינט מיט אַנדרעיען אין איין קאָ־רידאָר, און פון אינדערפרי ביז נאַכט — שוין אַ מעשה פון אָנ־דערטהאַלבן יאָר — האָבן זיך כראָמאַטישע גאַמעס געוואָרפן און

גאַלאָפּירט איבער די טרעפּ. ווען ניט די דאָזיקע גאַמעס, וואָלט מאָסיע ניט געווען קיין טומלדיקער מענטש, אַדרבא — ער פּלעגט ניט ריידן, איז געווען שטיל און האָט זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן. אין די פרימאָרגנס פלעגט אים אַנדרעי באַגעגענען אויפן גאַס אָדער אין קאָרידאָר, און מאָסיע פערסיע פלעגט זיך מיט אים באַגריסן מיט אַ גיכן לשון, אויפהייבנדיק דעם נידעריקן הארטן הוט:

— Bonjur, bonjur, bonjur!

נאָר איינמאָל האָט מאָסיע פערסי דערלאַנגט און געדריקט אַנדרעיען די האַנט, איינמאָל, אין אַ פייכטן און ווינטיקן אָוונט, אין דעם קאָרידאָר, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַן אַלטן צעבראָכענעם גאַז-לעמפּל.

— עפּעס אַן אומעט, מאָסיע פערסי, — האָט אַנדרעי געזאָגט.

— די רוסן האָבן ליב אומעט, — האָט ער געענטפערט, — איך בין געווען אין רוסלאַנד, ווייס איך. לאָדז, ריגע, ליבאַווע, דאָרפּאַט — אַ גוט לאַנד. און אַלע טרינקען.

מאָסיע פערסי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— היינט איז מיין געבורטסטאָג, דערפאַר האָב איך אויך אויסגעטרונקען. עקלהאַפטער קאָניאַק. בכלל טרינק איך ניט. די פּראָפעסיע ערלויבט ניט. צוליב דער זעלבער סיבה בין איך נישט אומעטיק.

— איר שפּאַסט?

מאָסיע פערסי האָט זיך אָנגעבויגן צו אַנדרעיען און, באַוועגנדיק בלויז מיט די ליפּן, מיט אַ געזויכט, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן, אַזוי ווי אַ מאַסקע, האָט ער אָן אָפּשטעל גערעדט:

— אַ פּאַיאַץ ווייזט זיינע פּאַיאַצישע שטיק נאָר אין צירק, דאָס פאַרשטייען אויסגעצייכנט די רוסן. איך בין געווען אין מאַראָקע, אַלזשיר, ענגלאַנד, ביי די עסטרייכער, ביי די שוועדן, ביי די רוסן, ביי די דייטשן, כ'האָב זיך אָנגעזען אַ וועלט, איצטער טראַכט איך אין די נעכט, ווי אומגליקלעך איז די וועלט, ווי אומגליקלעך זיינען די מענטשן, אויב זיי לאַכן פון מאָסיע פערסים חכמות; אין

די נעכט פאַרמאַך איך די אויגן און קוק אויף די מענטשן: זיי פאַרשטייען גאָרנישט. מאָסיע פערסי זעט זיי אין אַלזשיר, אין שטאָסהאָלם, אין ווין, אין בישאָפּסבערג, אַלעמען מיטאַמאָל; אָבער זיי זעען נית דעם מאָסיע פערסי, זיי טראַכטן, אַז זיי — זייגען די גאַנצע וועלט, און די גאַנצע וועלט איז מער איידער דאָס, איידער דאָס אָ...

ער האָט מיט יראת=הכבוד אָנגערירט זיין האַרטן הוט מיט דעם ווייזפינגער.

— דאָס איז — מער ווי די וועלט, דאָ איז די גאַנצע וועלט, גלויבט מיר, מאָסיע, די גאַנצע וועלט...

— קומט אַריין צו מיר אין צימער.

— אָ, ניין! די הוסן האָבן ליב צו בענקען און צו ריידן וועגן דעם. איך בין — אַ בעלגיער. ביי טאָג אַרבעט איך, ביינאַכט פאַרמאַך איך די אויגן — אָ, אָ, מאָסיע פערסיס אַלטע אויגן! — און איך קוק אויף מענטשן. איך זע אויך אייך, איר זייט מיר אָנגענעם, זייער אָנגענעם.

ער איז פּלוצלונג אָפּגעשפּרונגען, האָט אַנטבלויזט זיין פּליך און איז אַוועקגעלאָפן איבער די טרעפּ און האָט בלויז איין מאָל אויסגעשריען:

— Bonjur !

דאָס איז געווען זיין ערשטער און לעצטער געשפּרעך מיט אַנדרע׳ען.

דערפאַר דער לעצטער, ווייל אין דער דאָזיקער נאַכט האָט מען דעם בעלגישן בירגער און מוזיקאַלישן קלאָון מאָסיע פערסי פאַרהאַלטן און אַוועקגעשיקט אומבאַוואוסט וואוהין

* *
*

צווישן די דאָקומענטן, וואָס מען האָט צוגענומען אין דעם צימער פון דעם בעלגישן בירגער פערסי, האָט מען דעם בישאָפּסבערגער שטאַדטראַט צוגעשטעלט אַ העפט אין הימל=קאָלירענעם פּאַפּירענעם איינבונד מיט אַ געמעל פון דער נאַציאָנאַלער בעלגי=

שער פאַן אויף דעם לינקן ווינקל פון דעם איינבונד, לעבן דעם רוקן. דאָס העפט איז געווען באַצירט מיט אַן אויפשריפט:

> צום אָנדענק פון דעם אַנגאַזשעמענט
> אָן אַ קאָנטראַקט. די מיינונגען פון דער
> קריטיק וועגן דער גאַלאַ-פאָרשטעלונג אָן
> מיין אָנטייל.

דער טעקסט איז באַשטאַנען פון אויסשניטן פון צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זיינען געווען פינקטלעך אָנגעקלעפט און באַזאָרגט מיט גענויע אָנווייזונגען פון די קוועלן. קיין שום קאָמענטאַרן זיינען אין ערגעץ ניט געווען. באַזונדערע נאָטיצן זיינען געווען אַרומגעצייכנט מיט טינט. משמעות, אַז זיי האָבן אויסגעוויזן מאָסיע פערסין פאַר מעריקווערדיקער. יעדנפאַלס האָבן אייניקע פון זיי געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם שטאַדטראַט, און ער האָט זיי באַצייכנט מיט אַ רויטן בלייער. אָט זיינען זיי.

ווען יעזוס פון נצרת, וואָס האָט געפרעדיקט ליבע צו פיינט, וואָלט ווידער באַגערט אַראָפּצוגיין אויף דער ערד, וואָלט ער געווים זיך פאַרקערפערט אין דעם דייטשן פאָטערלאַנד. און — ווי מיינט איר — וואו וואָלט מען אים געקענט טרעפן? איר מיינט אַוודאי, אַז ער וואָלט אויסגערופן פון דער קלויסטער-קאַטעדרע: שטאַרק זינדיקע דייטשן, ליבט אייערע שונאים? איך בין זיכער — אַז ניט! ניין! ער וואָלט געווען אין די סאַמע ערשטע רייען פון די קעמפער, וואָס שלאָגן זיך מיט גוואַלדיקן האַס. ער וואָלט געווען דאָרטן, ער וואָלט געבענטשט די בלוטיקע הענט און דעם טויט-ברענגענדיקן געווער; ס׳קען זיין, אַז ער גופא וואָלט זיך גענומען פאַר דער שטראָפנדיקער שווערד און וואָלט אַרויסגעטריבן די שונאים פון דייטשלאַנד ווייט הינטער די גרעניצן פון דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, ווי ער האָט אַמאָל אַרויסגעטריבן די הענדלער און פּראָצענטניקעס פון דעם יידישן בית-המקדש.

(„Volkserziehung").

די רעכטע זייט פון דער שכירות־ליסטע פון דער וועב־און שפּין־פאַבריק „קאָנקאָרדיע" אין בונצלוי:

היט דאָס ברויט!
מיט יעדן אָפּגעשפּאָרטן שטיקל ברויט קענט איר
באַהילפיק זיין אייערע מענער, פאָטערס און זין אין
דער שווערער מלחמה.
יעדער אָפּגעשפּאָרטער פענעץ ברויט —
איז אַ שאָס אין ענגלאַנד —
אין אונזער אורעלטן שונא!
יעדעם אָפּגעשפּאָרטע ברעקעלע ברויט פאַרקירצט
די מלחמה!

די צווייטע זייט פון דער זעלבער ליסטע:

די וועב־ און שפּין־פאַבריק „קאָנקאָרדיע" אין בונצלוי:
נומ... ארבעטס־לוין פאַר $57^1/_2$ שעה. . . 9.91 מ׳
אראָפּגערעכנט:
קראַנקנקאַסע . . . . 28 „ „
פאַרזיכערונגס־קאַסע . . 12 „ 40

נעטאָ. . . . . 9.51 מ.

פון איצט אָן איז קיינער ניט אימשטאַנד אַרויסצומאַכן זיך פון דעם לאָגישן אויספיר, אַז דורכקומען וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע, אַז די איינציקע מעגלעכקייט איז געווען מלחמה. ביז אצט — איז געווען דער ענטפער אויף דעם אַרויסרוף בלויז אַ זאַך פון כבוד, אַ מיטל צום ציל, פון איצט אָן — ווערט די מלחמה אַליין פאַר זיך אַ ציל! די גאַנצע נאַציע, ווי איין מענטש, ווערט פאָדערן אייביקע מלחמה!

Münchener Medizinische Wochenschrift

דערציען דעם האַס! דערציען צו אַכטן דעם האַס! דערציען צו ליבן דעם האַס! די אָרגאַניזאַציע פון האַס! צוזעק מיט דער קינדערשער פחדנות, מיט דער פאַלשער בושה פאַר דער היהשקייט און פאַנאַטיזם! זאָל אויך זיין אין פּאָליטיק לויט די רייד פון מאַרטינעטי: וואָס מער פּעטש, וואָס ווינציקער קושן! מיר טאָרן זיך גיט וואַקלען צו דערקלערן גאָמלעסטערגדיק: אונזער אַרב איז — די אמונה, די האָפענונג און דער האַס! דאָס גרעסטע צווישן זיי איז — דער האַס!

(מעדיצין־ראַט דאָקטער וו. פוקס,
שעף־דאָקטער פון דער באַדענער
מלוכישער פסיכיאַטרישער קליניק
אין עמערדינגען).

זייער שטאַדטראַט איז אָפּגעזעסן איבער דעם בלאַנקעט־העפט ביז טיף אין דער נאַכט און האָט געלייענט איין אויסשניט נאָך דעם צווייטן. זיי זיינען געווען אַ סך, זיי זיינען געווען אָנגעקלעפּט אָן אַ אָרדענונג, און מענטשן, בילדער, אידעען, אַנעקדאָטן האָבן זיך געשאָטן אויפן שטאַדטראַט, אַזוי ווי די קלימפּערלעך פון דער קאָרב פון דעם ווייגאַכט־זיידן — פאַרקריפּלטע, אויסגעפּוצטע אין פאַרשיידענע קאָלירן, אויסגעקרימטע, צירק־מעסיקע. דער שטאַדט־ראַט האָט פאַרשניצט מיטן מעסערל אַ רויטן בלייער און האָט מיט שאַרפע בוכשטאַבן אָפּגעשטעמפּלט אויף דער בלויער הילע:

די גאַמיצן, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט אין דעם דאָ־זיקן העפט, שטעלן מיט זיך גיט פאַר גיט קיין מלחמה־סוד, ניט קיין מלוכה־סוד, מחמת זיי זיינען פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין דער פרעסע. דאָך באַווייזט דער טענדענציעזער צפּקלייב פון די צייטונגס־ידיעות אויף די פיינדלעכע גע־פילן פון דעם זאַמלער צו דייטשלאַנד און ביי ענלעכע אומ־שטענדן וואָלט עם געקענט זיין דעם שונא צו דער האַנט. דעריבער האַלט איך פאַר נייטיק איבערצוגעבן דעם בעל־גישן בירגער פערסי צו דער מיליטערישער מאַכט.

* * *

אין דער געזעלשאַפט „פריינד פון כאָר-געזאַנג" האָט דער פאַבריקמאַכער פאַול העניג געזונגען אַלס באַס. די בעסטע זינגען אַ זעלטנהייט אין אייראָפּע, און פאַול העניג האָט געהאַט אַ גרונט צו האַלטן זיך פאַר ניט קיין געוויינלעכן מענטשן. די דאָזיקע אָנערקענונג האָט אים געמאַכט אומרויִק, און די אומרויִקייט האָט אים געבראַכט צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דאָ האָט ער זיך ענדגילטיק איבערצייגט אין זיין גרויסקייט און איז געוואָרן זייער אַ טומלדיקער מענטש אין בישאָפסבערג. אין די אָוונטן, ווען העניג פלעגט פאַרמאַכן די פאַבריקמאַכעריי און אַריינגיין צו אַנדערע‏ן שמועסן מכוח פּאָליטיק, פלעגט אין צימער, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ מאַגעזש, יעדער חפץ פון דעם אָרעמען מעבל אין איין רגע זיך פאַרוואַנדלען אין אַ וואַרשטאַט. אַרום האָט געראַשט, געקלאַפּט, געקלונגען, געציטערט, אַלס עכאָ אויף דעם ברומען, אויף דעם רימשען, אויף דעם דונערן פון דעם פאַבריקמאַכערס באַס. העניג האָט אָנגעפילט מיט זיך דעם גאַנצן מאַגעזש:

— שטות, דאָס אַלץ איז שטות! די הערן יונקערס פאַרשטייען ניט, אַז מיר גייען צום סאָציאַליזם. פאַר-שטיי-ען ניט!

— וואָס הייסט עס? — האָט אַנדרעי געפרעגט.

— אָ-האָ! איר פאַרשטייט אויך ניט, טייערער אַנדרעוס?

— איך זע, אַז מיר לעבן אויף דעם חשבון, וואָס מיר האָבן פריער אָנגעזאַמלט.

— אַנדררעאוס, אַנדררעאוס! מלחמה, איר פאַרשטייט? — מלחמה!

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ...

— וואַרט, וואַרט! העניג וועט אייך אַנטוויקלען זיין געדאַנק. ביי אייך איז ניטאָ קיין דיסציפּלין פון שכל, ביי אייך, ביי די רוסן. וואילדע יונגען. איך זאָג—איר, רוסן, זייט וואילדע יונגען! דער אַלטער ביסמאַרק איז געווען גערעכט, געווען גערעכט. ער האָט געזאָגט: קריגט זיך ניט מיט די רוסן, די רוסן — זיינען נאַטירלעכע,— איר פאַרשטייט? — נאַטירלעכע אַליאַנטן פון די דייטשן. העניג

אנטוויקלט ווייטער דעם געדאַנק פון דעם אַלטן ביסמאַרקן און זאָגט: וואוילע יונגען! נאָר ביי אייך איז ניטאָ קיין דיסציפּלין פון שכל. אין דער געזעלשאַפט פון „פריינד פון כאָר־געזאַנג” האָב איך אָפן געזאָגט: מיר גייען צום סאָציאַליזם!

— דורך דער מלחמה?

— אָ־אָ! דורך דער מלחמה! אַנדרעאוס, איר הייבט אָן דענ־קען דיסציפּלינירט, דאָס איז — מיין פאַרדינסט, כאַ־כאַ־כאַ! זייט ניט בייז, אַנדרעאוס! טאַקע דורך דער מלחמה. ווי אַזוי? די מלחמה לערנט אונז אויס צו פאַרטיילן די פּראָדוקטן, אויסמיידנדיק—אָ!— אויסמיידנדיק דעם קאַפּיטאַליסטישן אַפּאַראַט!

— די ברויט־קאַרטעס?

— אָ־אָ!

— און די אַנדערע לענדער?

— די אַנדערע לענדער?

פּאָול העניג האָט זיך אַ ריס געטאָן פון שטול און האָט אויפ־געהויבן די שטימע אויף צוויי טענער. די וואַרשטאַטן אין די ווינק־לען פון מאַנעזש האָבן גענומען ציטערן און קלינגען מיטן גאַנצן כוח.

— אַנדערע לענדער וועלן מיר אויסלערנען צו פאַרטיילן די פּראָדוקטן אָן די קאַפּיטאַליסטן. און צוליב דעם וועלן מיר זיי תחילת צעקלאַפּן, צעקלאַפּן, מיר, די דייטשן!

— נו, און ווי איז, אַז...

— וואַ־אָס?

העניג האָט אויפגעהויבן די שטימע אויף צוויי טענער.

נאָר אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויפגעעפנט די טיר און אַ לאַנג געפאַרבטער פלאָקן איז אַריינגעפאָרן אין צימער. תחילת האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן, צי זאָל ער זיך פאַרקערעווען רעכטס אָדער לינקס, האָט זיך געפּרווט אָנבייגן צו דער דיל, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן צום באַלקן און אָפּצייכענענדיק אַ פּאַראַבאָלע, האָט ער זיך פאַמעלעך גענומען אַריינרוקן אין צימער.

— „און ווי איז“, זאָגט איר? — האָט ער גוטמוטיק אַ ברום געטאָן און האָט תיכּף אַראָפּגעלאָזן דעם קול אויף פיר טענער.

אין דעם מאָמענט האָט מיטן דרענגל אינטערן אָרעם זיך אַריינגעקייקלט דעם פאַבריקמאַכערס געזעל, אַ געל־ראָזעווער, אַ צערעפּעטער, און האָט געסאָפּעט, אַזוי ווי אַ לאָקאָמאָביל. הינטער אים האָט זיך, ווי אַן עק פון אַ פּאַווע, געשלעפּט די גרויסע שטיק לייוונט פון דער פאָן, וואָס האָט זיך אויף דער העלפט פונאַנדערגעוויקלט.

— נו, עריך, וועמען האָט מען אָנגעבויקערט?

— די רוסן, מייסטער.

— אַך, אַ־יעמינקע, — האָט העניג געזאָגט, האָט גענומען דעם דרענגל און צוגעטראָגן זיין שפּיץ צום פענסטער. — רק עס גייט זיי ניט!.. אָט זייִנען דיר, אַנדרעאוס, די אַנדערע לענדער! די זאַך באַשטייט, פאַרשטייט זיך, ניט אין רוסלאַנד, ס'איז אַ סאָציאַליסטישע זאַך. נאָר איך רייד גאָרניט וועגן רוסלאַנד...

דער געזעל האָט אויפגעעפנט די פענסטער, האָט פונאַנדערגעוויקלט און אַרויסגעוואָרפן די פאָן, דערנאָך האָט ער גענומען אַרויסרוקן אויף דרויסן דעם דרענגל. דאָס דרענגל איז געווען לאַנג און שווער, און אַריינשטעלן אים אין דעם אייזערנעם מאַנזשעטל אונטערן פענסטער איז געווען אַ סך טירחה. דער געזעל האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט דעם דרענגל אויף אַ שטריקל, און פאַול העניג, וואָס איז געוואָרן רויט, אָנגעבלאָזן, האָט זיך געקליגט אַריינצופּאַסן דעם דיקן שפּיץ פון פלאָקן אין דעם מאַנקעט און האָט אומבאַמערקט אַרויסגעוואָרפן פון זיך אָפּגעריסענע, מעכטיקע אַרגומענטן:

— אין פלוג דוכט זיך, אַז מיר, סאָציאַליסטן, העלפן דעם אימפּעריאַליזם, און פאַקטיש העלפט ער אונז... דאָס איז אַ גוט שטיקל סאָציאַליזם — די פונאַנדערטיילונג... עריך, רעכטס, רעכטס... לאָז אַראָפּ אַ ביסל... ביי אונז איז די צאָלרייכסטע פּאַרטיי... נאָך דער מלחמה וועלן מיר מאַכן אַ סאָציאַליסטישן,,, עריך, לאָז אָפּ... — פאַרטיק!.. אַ סאָציאַליסטישן עקספּערימענט...

פון פענסטער האָט אַ בלאָז געטאָן מיט קעלט, און אפשר דערפאַר האָט אַנדרעיען גענומען טרייסלען. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווייטן ווינקל.

— איך פארשטיי. אָבער אייער פונאַנדערטיילונג וועט דאָך ניט אָפּשטעלן די מלחמה?

— מיר דאַרפן צעקלאַפּן דעם שונא, דעמאָלט וועט אויפ־הערן די מלחמה.

— נו, און ווי איז, אַז...

— קיין שום „אַז", אַנדרעאוס! מיר מוזן צעקלאַפּן. דאָס אי־בעריקע — איז שטותריי!

העניג האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַנדרעיען איבערן פּלייצע, האָט אים אַ הויך געטאָן אין מויל אריין מיט שלעכטן בראַנפן און האָט געזאָגט:

— איר ווייסט, וואָס איז אַזוינס דיסציפּלין? אַנדרעאוס, איר — רוסן — ווייסט ניט, וואָס איז אַזוינס...

ער האָט געגעבן אַנדרעיען די האַנט און איז אַרויסגעגאַנגען גלייך נאָך דעם געזעל.

ווען די טויזנטער, הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען איידעלע בירגער האָבן, זיצנדיק אין זייערע גאַסט־צימערן, געזונגען לויב־געזאַנגען דער דיסציפּלין, האָבן זיי ניט געוואוסט, וואָס איז עס אַזוינס. פון יענער צייט אָן, ווען זיי האָבן זיך אַלס יונגע בחורימלעך צוגערירט צו איר מיט פרייד, איז פאַריבער פופצן־צוואַנציק יאָר. פאַר דער צייט האָבן זיי באַוויזן אויסצולינגן זיך אויף די צווויי־פּלעצערדיקע פערענעס, אויסצוהאָדעווען די האַלב־טויטע קאַקטוסן, צו קאָנפירמירן זייערע טעכטערלעך און איינשאַפן זיך געטעס ווערק מיט גאָלדענע רוקנס.

טויזנטער, הונדערטער־טויזנטער, מיליאָנען איידעלע בירגער, האָבן אין דעם יאָר געבילדעט דעם לאַנדשטורעם. די רענצלעך פון קאַלבנפעל, וואָס דער לאַנדשטורעם האָט געטראָגן אויפן פּלייצע, האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין שווער, און די רימענס, וואָס זיינען געזונקען אין די פליישיקע פּלייצעס — צו שאַרף. דער לאַנדשטורעם האָט געשלעפּט נאָך זיך די טאָפּל־בעטן, די קאַקטוסן, די מתנות פאַר די טעכטערלעך צו דער קאָנפירמאַציע און געטעס באַגולדעטע ווערק. דאָס איז געווען צו שווער פאַר דער מלחמה.

— די מלחמה דאַרף האָבן מוסקלען און ביינער, — האָט איינער אַ מיליטער־שעף געזאָגט.

דער פעלדפעבל, וואָס האָט געמאַכט די איבונגען מיט דעם בישאָפסבערגער לאַנדשטורעם, האָט גוט פאַרשטאַנען די דאָזיקע סענטענץ. ער האָט געמושטירט דעם לאַנדשטורעם. מאַרשירן, מאַרשירן, מאַרשירן! לויפן, פאַלן, קריכן, און ווידעראַמאָל — לויפן, פאַלן, קריכן! דערנאָך קען מען אומבייטן: מאַרשירן, מאַרשירן, מאַרשירן!

פון דעם לאַנדשטורעם דאַרף מען אַראָפּקלאַפּן די שמאַלץ — די הינטנס, די בייכער, די רוקנס. דאָס טויג ניט פאַר דער מלחמה.

די מאַסיווע דיקע מענטשן, וואָס זיינען געווען איבערגעטאָן פאַר סאָלדאַטן, פלעגן זיך אומקערן פאַרנאַכט, נאָך דער איבונג ווייט הינטערן שטאָט, באַגאָסענע מיט שוויים אַהיים.

דער פעלדפעבל געדענקט, אַז די אײדעלע בירגער האָבן אַן איידעלע נטיה צו באַקוועמלעכקייטן. ער הערט, ווי אין זייערע רענצלעך רוישן די רגילותן. ער זעט יעדערן פון זיי אין אַ וויכן דיוואַן מיט אַ קישעלע, אויף וועלכן ס'איז אויסגעהאַפּט:

„Nur ein Viertelstündchen!“

אויף די ווענט זיינען אויסגעהאַנגען קאַרטלעך, פאַרגאָסענע מיט גיפּס, די טיר אויפן באַלקאָן איז אַ ביסל אויפגעעפנט, און אין איר קוקן אַריין אונטערגעשניטענע צווייגלעך פון בארנעס. אַ טאַבאַקרויכל ציט זיך אַזוי ווי אַ שטרעמל צו די צווייגן.

— אָפּ־טיי־לונג! — קאָמאַנדירט דער פעלדפעבל.

אָ, די אַלע בילדלעך דאַרף מען אויסוואָרצלען פון זיכרון פון די איידעלע בירגער, צוזאַמען מיט דעם פעטס פון די הינטנס, פון די בייכער און פון די רוקנס!

— אַ ני־יגו־ון!

מען שווייגט.

— אָפּטיי־לונג, שטיי!

דער לאַנדשטורעם האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— פאַרוואָס זינגט איר ניט?

מען שווייגט.

— אַ־פּ־טיי־לונג, אכטונג! רעכטס — קער! אין אַ קרייז — לויף!

און ווידער היגמערן שטאָט אין פעלד. ווידער — לויפן, צו־זעצן זיך אויף די געזלעד פון די שטיוול, פויזען. דערנאָך מאַרשירן, מאַרשירן, מאַרשירן. דערנאָך אהיים.

דער לאַנדשטורעם דערווידערט ניט.

אין שטאָט, אויף דעם אַלטן אָרט, טאַקע אויף דעם אָרט. וואו ס'איז צום ערשטן מאָל אָפּגעגעבן געוואָרן די קאָמאַנדע:

— אַ־ני־גון!

איז אַ שטיל־שווייגן.

— אָ־ט־טיילונג, שטיי! רעכטס — קער! אין אַ קרייז — לויף!

און ווידער פעלד.

דער לאַנדשטורעם פאַלט אָן כוחות, נאָר דער לאַנדשטורעם דערווידערט ניט.

און אין שטאָט, שוין אין דער נאַכט־פינסטערניש, אויף דעם זעלביקן אָרט:

— אַ־ני־גון!

און דעמאָלט הייבט אָן אַ הייזעריקע שטימע, אַנשפּאַלטנדיק זיך און פּלאַצנדיק, צו זינגען, און איר העלפן אונטער פונקט אַזעלכע צעשפּאַלטענע שטימען:

Ich hatte ein Ka-ma-ra-den.

* *
*

— קיין שום „מאַמער", אַנדרעאוס! איר, רוסן, ווייסט ניט, וואָס איז אַזויגס דיסציפּלין!

דער פּאַרק פון די זיבן סאַושלקעס.

ס'איז אַוועק דער צווייטער ווינטער פון זינט יענער צייט, ווען מאַדי האָט זיך דערוואוסט, וואָס איז אַזוינס מלחמה. מלחמה — דאָס איז אַן אומאויפהערלעכע טעטיקייט, וואָס פילט אָן דאָס בלוט מיט פיבערדיקער קראַפט, דאָס איז אַ גיין אויף אַ שטריק

איבער אַן אָפּגרונט, וואָס איז אויסגעפּילט מיט דעם פּלאָטערן פון פאָנעם, מיט שטורקאַצן־פייערן, וואָס וואַרפן זיך, מיט קופּערנע שטימען פון מרומייטן און מיט ניצחון־געשרייען. מלחמה — דאָס איז נצחון. אין דעם איז איר זין. אַגב, וועגן דעם זין פון מלחמה זיינען אָנגעשריבן געוואָרן גאַנצע ביכער, וואָס זיינען אויסגעלייגט אַזוי ווי אַ פּעכער אויף די קיילעכדיקע טישן פון פּרוי אורבאַכס גאַסט־צימער. אין די דאָזיקע ביכער וואָלט יעדערער געקאָנט געפינען אַ פולקום געניייע דערקלערונג — פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער פּאָזיטיווער פילאָסאָפיע, אָדער פון דער קריסטלעכער תורה, אָדער פון דאַרווינס טעאָריע, פּאַרוואָס ס'איז אין תּוך נייטיק פון צייט צו צייט מלחמה (mesdames, איר האָט געלייענט „די אַנטשטייונג פון די מינים"? אַך, די מלחמה פאַרן לעבן, דאָס געזעץ פון דער נאַטור — זייער איינפאַך!)

מאַרי האָט קיין איין מאָל ניט אַריינגעקוקט אין די ביכער, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט אויף די טישן פון איר מוטערס גאַסט־צימער. נאָר אויב זי וואָלט זיך צופעליק דערוואוסט, אַז דאָס רוב ביכער זיינען אפילו ניט פונאַנדערגעשניטן, וואָלט זי זיך אַ האָר ניט געחידושט, ווייל מלחמה איז קודם־כל — אומאויפהערלעכע מעטיקייט, וואָס דאָס גופא דערקלערט און באַרעכטיקט אַליין, אָן ביכער און אָן קאָמענטאַרן. פונקט אַזוי טראַכט אויך ניט אַ אַקטיאָר, וואָס פירט אויס זיבן ראָלן אין דריי אַקטן, וואָס איז אַזוינס טעאַטער; ער טוט זיך נאָר איבער.

מלחמה — דאָס איז מעטיקייט. ווען אין משך פון צען מעת־לעת האָט מען אין פוילן גענומען צוועלף פעסטונגען און פאַרנומען אַכט־און־צוואַנציק שטעט, האָט איבער בישאָפּסבערג געשוועבט אַ וואָלקן פון סאַזשע פון די פאַקעלן און די אילומיניר־לעמפּלעך. די קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון גימנאַזיסטן אונטער דער פירונג פון דעם לערער־פאַראיין, האָט געמאַכט אַ חשבון פון די פאָנעס, וואָס האָבן אין די דאָזיקע טעג באַצירט די געזעלשאַפטלעכע בנינים און די פּריוואַטע הייזער. די שטאָט איז געווען צעטיילט אויף ראַיאָנען. ווען די קאָמיסיע האָט פאַרענדיקט די אַרבעט און

האָט ערקלערט, אַז דורכשניטלעך קומט אויס אויף יעדן באַוואוינטן בנין פון בישאָפּסבערג צו $^{91}/_{87}$ פּאָנע, איז אַ באַיאָרנטער מענטש געקומען צו לויפן אַ פּאַרסאָפּעטער און האָט גענומען שרייען: „מיר האָבן אַ טעות געהאַט, אַ טעות געהאַט!" ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כדי צו קאָנטראָלירן די קאָמיסיע, האָט דער דאָזיקער מענטש אַליין אויסגערעכנט אַלע פּאָנעס, וואָס האָבן באַפּוצט די שטאָט, און האָט באַקומען דעם ציפער $^{91}/_{20}$! די בישאָפּסבערגער סאָציאַל=דעמאָקראַטישע צייטונג האָט, נאַטירלעך, ניט פאַרגעסן אַ פּיק צו טאָן די קאָמיסיע, אַז זי האָט אויף $^{8}/_{1073}$ דערנידעריקט די פּאַטריאָטישע ווערדע פון בישאָפּסבערג.

ווען מען זאָל אַפילו די אַרבעט, וואָס ווערט אָפּגעטאָן בעת דער מלחמה אויף די פאַבריקן, אויף די פעלדער און אין די שאַכטעס דורך די זעלביקע מענטשן, וואָס זיינען מיט איר פאַרנומען אויך אין שלום=צייטן, ניט רעכענען, וועט אַלץ די מלחמה אַרויסרופן אַ שטויגענדיקע ענערגיע אַפילו ביי די=יעניקע, וואָס פאַרנעמען זיך געוויינלעך ווייניק מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט! שוין אָפּגערעדט פון די אַרמייען, וואָס זיינען פאַרנומען יעדע סעקונדע מיט אויסראָטן די שטאַרקערע סיי אינדיווידועל און סיי גרופּעסווייז. די דאָזיקע אַרבעט האָט שטענדיק צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. ס'איז אַ סך באַלערעוודיקער צוצוקוקן זיך, אַ שטייגער, צו דעם בערלינער פאַראיין פון האָטעל=באַלעבאַטים, וואָס האָט געווידמעט עטלעכע פּראַקטישע פאַרזאַמלונגען דער פראַגע פון ענדערן דעם נאָמען „האָטעל" אויף איינפאָרהויז. נאָך היציקע דעבאַטן איז די ענדערונג אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווייל די באַלעבאַטים פון די האָטעלן האָבן אָנערקענט, אַז „האָטעל" שטאַמט פון דייטש. נאָך אַזאַ אַנטדעקונג האָבן די ליבהאָבער פון לינגוויסטיק ניט איין מאָל באַדויערט, וואָס דער עניין פון ענדערן דעם נאָמען פּעטערבורג האָט ניט געפונען דעם געהעריקן אַדרעס.

אין עמעדינגענער קליניק האָט מען די באַהאַוונטע פערזאָנען געוויזן אַ מענטשן, וואָס האָט באַאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ סטאַטיסטישן ביוראָ, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט אויסרעכענען די אַלע זיצונגען, וועלכע די קריגס=אַרבעט האָט אַרויסגערופן. צווישן די

מאַטעריאַלן, וואָס דער דאָזיקער מענטש האָט אויפגעזאַמלט, האָט זיך געפונען אַ פּראָטאָקאָל פון דער פאַרזאַמלונג פון דעם דייטשן צוקער־בעקער־פאַראיין, אויף וועלכער ס'איז דעבאַטירט געוואָרן די פראַגע — צי איז אַ טשאַסטע פּאַטריאָטיש צי ניט? די דאָזיקע פראַגע איז באַשלאָסן געוואָרן אין פּאָזיטיוון זין, ווייל די בעקער האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די קאָנדיטערײַ־אויסאַרבעטונגען ווערן געמאַכט דער עיקר פון צוקער, פון אייער, פון ראָזינקעס און פון מאַנדלען, ניט פאַרברויכנדיק דערביי קיין ווייצענע מעל, וועלכע די מאַכט האָט רעקווירירט. ס'איז אַ פאַקט, אַז ווען דער באַשלוס איז פּובליקירט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט, זיינען זעקס טויזנט דייטשע קאָנדיטערייען פיל געוואָרן מיט פרײלעכע פּאַטריאָטן...

אין פרוי אורבאַכס גאַסט־צימער איז אויף דעם אַריינגאַנג געהאַנגען אַ דעמבן ברעטל מיט אויסגעשניטענע צוויי פערזן:

Wir stehen in Ost und West Wie Fels und Eiche fest

די צוויי פערזן האָבן געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. אָבער זייער כוח איז ניט באַשטאַנען אין דעם. זיי האָבן באַטייט אַ פעסטע פּראָגראַם פון אַרבעט, אַ פּשוטן, אָנגענעמען „מ ע ן מ ו ז". זייער כוח איבער די מענטשן איז געווען פאַרבאָרגן אין דעם אומגעזעענעם באַפעל, וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון דעם דעמבענעם ברעטל. דאָס ברעטל האָט דיקטירט טעטיקייט, דאָס האָט געשפּירט אין פאַרשטאַנען יעדערער. דאָס האָט אויך געשפּירט און פאַרשטאַנען מאַרי פון דער ערשטער מינוט אָן פון דער מלחמה. און זי האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַפעל, וואָס האָט די אייגנליבע ניט באַליידיקט, נאָר האָט זי געחנפעט. זי האָט זיך צעגאָסן אין טעטיקייט.

זי האָט אויסגעשריבן פון בערלין ספּעציעלע עלף פאָנען־שטעקלעך, וואָס פלעגן זיך צופּעסטיקן צו די פענסטער, און צו די שטעקלעך האָבן זיך צוגעפּעסטיקט די פאָנעס, וואָס האָבן געהאַלטן דריי מעטער די לענג. ביסלעכווייז האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דייטשלאַנד איז גאָרניט געווען אַזוי איינזאַם אין דער מלחמה, ווי עס האָבן

דאָס געוואָלט די טרוימערישע שטאַנדאַרט־יונקערס. די קאָלעקציעס פון די אַליאַנטישע אימפּערישע לייוונטן איז אויסגעקומען צו דערפילן מיט טערקישע און בולגאַרישע נאַציאָנאַלע פאַרבן. דאָס האָט צוגענומען צייט, שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, וואָס כמעט יעדן טאָג האָט מען פון זיבעצן פאָנעס באַדאַרפט אויסקאָמבינירן עלף, כדי צו באַפּוצן מיט זיי דעם פּאַסאַד פון הויז.

פרוי אורבאַך איז געווען אַ פּאַטראָנעסע פון אַ שפּייז־פּונקט אויפן בישאָפּסבערגער וואָקזאַל. די עשעלאָנען מיט די סאָלדאַטן פלעגן גיין פאַרביי בישאָפּסבערג יעדע דריי־פיר טעג. פונאַנדערטיילן סאָלדאַטן בלומען און פּאַטריאָטישע געדענק־העפטן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אויף בריסטאָל־פּאַפּיר, אַרויסגעבן אַן אַנדערש מאָל קאַווע פאַר צוויי, דריי הונדערט ווייניק דערצויגענע מענטשן, צעטיילן צווישן זיי ציגאַרן און שמייכלען דערביי און זאָגן עפּעס אָנגענעמס וועגן פאָטערלאַנד — אַזאַ מין אַרבעט קען טאָן בלויז אַ מענטש, וואָס איז מיט אַן אמת איבערגעגעבן דער אידעע.

מאַרי האָט אונטערגעהאָלפן דער פרוי אורבאַך. דאָ, אויפן וואָקזאַל, אין דער ענגשאַפט פון די אָנוואָנציקע, ברייטמויליקע בחורים, אין דעם הוהאַ און געהילך פון די קופּערנע קולות, אין דעם שווינדלען פון די פעסטע שטערנס און נאַקנס, האָט מאַרי געשפּירט אַזאַ געפיל, גלייך זי וואָלט אין אַ הערלעכער שלאַכט געגאַנגען אין אַ האַנט־אַטאַקע. די באַרירונגען פון די איילנבויגנס, די כמעט שפּירעוודיקע קלעפּיקע בליקן, די פּליסיקע, אומאָנגרייפלעכע סטענגע פון שמייכלען און דער אייביקער רעפרעין:

— עך, אין זאַקסן זיינען די מיידעלעך שיין!

ווער קען בלייבן אין אַזאַ מין שטראָם אַ גלייכגילטיקע און אַ קאַלטע? ווער קען זיך איינהאַלטן ניט אַ זשלאָקע צו טאָן פון דעם שפּאַרנדיקן, קאָכעדיקן שוים?

און פלוצלונג האָט זיך מאַרי גענומען לאַנגווייליקן. דאָס האָט פּאַסירט אין אָנהייב פרילינג, ווי נאָר דער ווינט איז געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער און די ביימער זיינען אָפּגעגאַנגען. צום ערשטן מאָל פאַר די אַנדערטהאַלבן יאָר איז מאַרי ניט געקומען אויפן וואָקזאַל. דאָס הויז

פעלע הברטעס, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פונאַנדערגיסן די סאָלדאַטישע קאַווע אויפן וואָקזאַל, איז זיך אויפגעלאָפן צו איר פון אַלע זייטן שטאָט, צעטראָגענע, מיט גרויסע אויגן, שמוצערנדיק, אַזוי ווי סאָראָקעס. מאַרי איז געווען געזונט, און אין איר לעבן האָט זיך קיין זאַך ניט געביטן, זי איז געווען די זעלביקע מאַרי. נאָר איר איז געוואָרן לאַנגווייליק. זי האָט ניט געוואוסט, פאַרוואָס. די סאָראָקעס האָבן געטומלט, האָבן צורעכט געמאַכט זייערע קליידער, זיינען אַרומגעגאַנגען און האָבן באַרוקט, ענדלעך האָבן זיי אויסגעמוסרט און אויסגעלאַכט מאַרין. זי איז באַשטאַנען אויף אירם:

— ס'איז לאַנגווייליק!

מאָרגנע, זי אַליין האָט זיך ניט אָנגעשטויסן וועגן דער סיבה פון דעם דאָזיקן לאַנגווייל. זיצנדיק ביי זיך אין צימער און גריבלענדיק זיך אין די פאַסירונגען פון די לעצטע טעג, האָט זי באַשלאָסן, אַז אין עצם זיינען קיין שום פאַסירונגען ניט פאָרגעקומען און אַז אין דעם באַשטייט די גאַנצע זאַך. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די עשעלאָנען, וואָס מען האָט זיי אויפן וואָקזאַל פונאַנדערגעטיילט געדענק-העפטן און קאַווע, זיינען אָפּגעבלאַקעוועט געוואָרן און זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. אין דער גרויער סטענגע, וואָס האָט זיך געצויגן פאַרביי די טיילערינס, האָט זיך ניט געהערט קיין געלעכטער. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זיך אַ נידעריקער לאַנדשטורמיסט געווענדט צו מאַרין מיט די דאָזיקע ווערטער:

— גים אָן, טאָכטערל, וואָס הייסער!

ביי איר האָט גענומען ציטערן די האַנט, זי האָט אויף אים דורכדרינגלעכער אַ קוק געטאָן. דער סאָלדאַט איז געווען אַ ביסל אָנגעבלאָזן, זיינע דיקע וואָנצעס האָבן געגלאַנצט מיט גרויע האָר. די אָנגעברוגזטע, מיט קנייטשן צעאַקערטע פנימער האָבן זיך גלייכגילטיק געוויגט אין דעם גאַז-ליכט. איר האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען געבליבן דאָרטן, פונוואַנען זיי זיינען געקומען: דאָ, אויפן וואָקזאַל, האָבן זיך געוויגט בלויז קערפערס.

דער דאָזיקער פאַל איז געווען אַזאַ ווערטלאָזער, אַז ס'איז צו

באַוואונדערן, ווי אַזוי ער איז איצט אַריינגעהרונגען אין איר זיכּרון, איצט, ווען מאַרי האָט געוואָלט דערגיין די סיבּה, פאַרוואָס איר איז געוואָרן אַזוי לאַנגווייליק.

פונקט אַזוי אומגעריכט זיינען איר אויך געקומען אויפן זיכּרון די גאַלע פּנימער פון די פרויען, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם שול־קאָרידאָר, וואו מען גיט אַרוים די ברויט־קאַרטעס. מאַרי האָט זיך צוויי מאָל אין חודש פאַרנומען מיט פונאַנדערטיילן די קאַרטעס, און איר איז קיינמאָל ניט געקומען אויפן געדאַנק צוצוקוקן זיך צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך געטומלט אין די קאָרידאָרן. און מיט אַ קורצער צייט צוריק, ווען זי האָט איינעם פון זיי באַמערקט:

— קען מען ניט זיין אַ ביסל ליבּנסווערדיקער? — האָט מען פון אַ ווייטן ווינקל אַרויסגעקווישעט:

— איר זייט זאַט, דערפאַר זייט איר ליבּנסווערדיק!

דעמאָלט האָט מאַרי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ צענדליק פאַריאָגטע, אויסגעקרימטע אויגן. די פרויען, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם טיש, זיינען געווען אויסטערליש געל, גלייך זייער הויט וואָלט געווען באַפאַרבן ניט מיט בּלוט, נאָר מיט גאַל. צווישן זיי זיינען געווען יונגע מיידלעך, נאָר זייער יוגנט האָט מען געקאָנט דערקאָנען בּלויז נאָך די אויגן.

— עד, אין זאַקסן זיינען די מיידעלעך שיין!

דאָס איז אויך אַזוי געווען נישטיק, ווי די פּאַסירונג אויפן וואָקזאַל, און האָט אויך אַזוי גאָרנישט ניט דערקלערט. אַ לאַנגע ריי איינגעטאָגערטע פרויען און אָנגעבלאָזענע, אָנגעכמורעטע סאָלדאַטן האָבן זיך דאָ אָפּגעריסן, דאָ ווידער אַריינגעדרונגען אין זיכּרון, נאָר ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָס אַלץ איז געקומען אויפן זינען בּלויז איצט, ווען מאַרי האָט גענומען טראַכטן וועגן איר לאַנגווייל.

די צווייטע ערינערונג האָט זי שוין לאַנג ניט אָפּגעלאָזן אויף קיין איין טראָט. נאָר לייגט זיך דען אויפן שכל, אַז זי זאָל אויף איר אַרויפּאָגן אַזאַ אומעט?

דאָך, אפשר וועט זיך מאַרי פאָרט דערמאָנען אַלע פּרטים?

* * *

אין דעם ערב־פרילינגדיקן חודש איז אויסגעפאַלן אַ שנייִ־קער טאָג, וואָס איז געווען צוגעקליבן מיט פראָסט, אַ לעצטער ווינ־טערדיקער טאָג, אין דער רויטלעכער שיין פון דער נידעריקער זון. איבער די גאַסן האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ זיסער ריח, אַזוי ווי פון אַ פרישער קאָרב, און די מענטשן האָבן זיך הויך איבערגערעדט, דורכלויפנדיק שנעל אויף די טראָטואַרן:

— עהע, ווי עס בייסט!

— אָהאָ־האָ!

אויף דעם פּלאַץ האָבן פאַרבייגעשווינדלט שליטנס, וועלכע מען האָט באַגעגנט מיט רוישיקע געשרייען. די יונגלעך האָבן זיך כאַפּטעסווייז געלאָזן נאָך זיי. דער ריזיקער טערמאָמעטער אויף דעם ראָטהויז האָט זיך אויסגעפיינט מער ווי אַלע מאָל: אינדערפרי האָט מען אים אויסגערייניקט מיט בענזין. אויף אַזאַ מין זון, ווען די שנעלע פיס רייסן דעם שמעקעדיקן, אומוואָגהאַפטיקן שניי, ווילט זיך טראַכטן, אַז די וועלט איז אַ פרידלעכע און טראָגט נישט קיין שנאה, אַז די מענטשן האָבן זיך אויפגעזאַמלט אין די פרייל֫עכע שטעט און דערפער, כּדי אַרייננצוקוקן איינע די אַנדערע אין די אויגן, כּדי צו דריקן די הענט, און אויפמונטערן מיט אַ פריילעכן רוף הינטערן ראָג:

— פריילין מאַרי! די נאָז איז ביי אײַך רויטער פון אַ פּאָמי־דאָר!

— פריילין מאַרי, איר זאָלט אויף וועבערשטראַסע ניט פאַלן, דאָרטן איז אַן אמתער גליטש!

אָ, ניין, מאַרי וועט אויף וועבערשטראַסע ניט פאַלן! פאַר מאַרין איז די קעלט ניט שרעקלעך! זי האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי וואָלט, דוכט זיך, גובר געווען אפילו דעם אומצו־טריטלעכן אייז־גלעטשער. זי איז דערלאָפן ביז דער סטאַנציע, אַנט־קעגן דעם שטעכיקן פראָסט, האָט אים פונאַנדערגעהאַקט מיט דעם צעפלאַמטן פּנים און די הענט פאַררוקט טיף אין די אַרבל. איבער דער זייער שמאָלער, מיט שניי פאַרשאָטענער פּלאַטפאָרם האָבן אונטערגעטאַנצט צוויי־דריי פּאַסאַזשירן, דאָס שפּילצייג־

אַרטיקע, פּאַראַייזיקטע לאָקאָמאָטיוול איז, סאָפּענדיק פאַרצווייפלט, אַרויסגעשפּרונגען פון הינטערן טויער.

— אויף לאַושע!

דער טאָג איז געווען אַן אַרבעטס־טאָג, די וואַגאָנעס האָבן געפּוסטעוועט. די געגנט איז געווען אַן אומבאַקאַנטע, און — אפשר — דערפאַר האָט זיך אַזוי שנעל אָנגערוקט פון ווייטן די פאַרשנייטע לאַושע. די קאַפּישאָנען פון די דריי מאָנאַכינס זיינען צונויפגעוואַקסן געוואָרן אין אַ ריזיקן הימל, וואָס איז אַראָפּגע־האַנגען איבער די פעלזן אַזוי ווי אַ בלענדנדיקע קויל.

אויף דער שטייל ער סטעזשקע, וואָס איז געלאָפן צו די שפּיצן פון לאַושע, איז געווען אָפּגעדריקט אַן איינזאַמער שפּור פון מענער־פיס. מאַרי איז אַרויפגעלאָפן ביז דעם ערשטן שיפּוע און האָט אָפּ־געצויגן דעם אָטעם. די מענער־שפּורן האָבן זיך פאַרקירעוועט אַן אַ זייט, און די סטעזשקע האָט זיך געשלענגלט אַרויף אונטער דעם אומגערירטן שניי־צודעק, און צעשטויבן אים איז געווען פּונקט אַזוי פריידיק, ווי דורכלייגן אַ נייעם וועג. אין דער פעסטער, הויכער שורה פון די סאָסנעס, וואָס האָבן זיך אָנגעבויגן מחמת דעם שניי, וואָס האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף זיי, האָט זיך געוויגט אַן אָנגע־פראָרענער אַראָמאַט פון פעך, און די רויִקע שטילקייט, וואָס האָט פאַרשמידט די לאַושע, האָט אָנגעפילט מאַרין מיט אַ פרייליכער, לייכטער קראַפט.

מיט דער זעלבער פלינקייט, מיט וועלכער מאַרי האָט אַמאָל פאַרשאַפט פרוי אורבאַכן אַזוי פיל אומאָנגענעמלעכקייט, מיט דער זעלבער פלינקייט האָט זי גענומען איין אַרויסשטאַרץ נאָכן צווייטן! פּלוצלונג האָט זיך אויסגעדרייט איר פוס, זיך אויסגעגליטשט אויף אַ שטיין, און זי האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַראָפּ אויף אַ טריט צוועלף צוריק. פאַלגנדיק, האָט זי מיט דעם רוקן צונויפגעשאַרט דעם שניי אין אַ ווייכער קופּע און, אויסגעוואַקסן אין איין סעקונ־דע, האָט די קופּע זיך אַריבערגעקייקלט אַריבער איר און האָט איר פאַרשאָטן דאָס געזיכט, די ברוסט, די הענט. זי האָט הויך און דער־פרייט אויסגעשריען, אַזוי ווי פון דער חיותדיקער קעלט פון וואַסער־שפּריצן בעתן באָדן זיך. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט איבער איר

אַ קלונג געטאָן אַ פּעסטע שטימע, גלייך ווי אַ קלאַפּ איבער אַ פּאַר־פּראָרעגער סאָסנע:

— פּאַרזיכטיק!

זי איז אויפגעשפּרונגען, האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי. פון הינטערן בוים האָבן אויף איר געקוקט רויקע אויגן. איר האָט זיך געדוכט, אַז אין זיי איז געווען מער פריילעכקייט, איידער אומרויקייט.

— אייערע שפּורן פירן דאָס דאָרטן, אויפן סטעזשקע? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ. איך האָב געוואָלט געפינען אַ וואָס קירצערן וועג און האָב זיך פאַרקערעוועט אָן אַ זייט.

— איר גייט אויפן שפּיץ באַרג?

— יאָ

— דאָס איז דער סאַמע קורצער וועג.

— אָבער אויך דער סאַמע געפערלעכער, — איר האָט זיך נישט צעקלאַפּט?

— ס'איז נאָרנישט.

מער איז גיט געווען וועגן וואָס צו ריידן. מען האָט זיך באַדאַרפט פונאַנדערגיין. איבעריקנס, האָט מען געקענט גיין צוזאַמען.

— היינט איז אַ גוטער טאָג, — האָט ער געזאָגט.

— יאָ.

— איר גייט אויך אַרויף?

— אויך.

אַזוי איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי גייען אויף איין וועג און אַז זיי גייען מיט דעם סאַמע קורצן וועג.

— פון באַרג וועט איר אַראָפּפאָרן אויף אַ שליטל? — האָט מאַרי געפרעגט.

— איך ווייס נישט.

— ס'איז מוראדיק?

— איך בין קיינמאָל נישט געפאָרן.

מאַרי האָט זיך אומגעקערט צו אים. זיינע פיס זיינען געווען באַצויגן מיט דיקע זאָקן און האָבן געשפּרייזט ריטמיש און שטאַרק,

צום טאקט פון דעם רוזקן, הויכן אָטעם. דעם קאָפּ האָט ער גע־האַלטן הויך און האָט ניט געקוקט אַראָפּ צו דער ערד. ער האָט אָפּן א קוק געטאָן אויף מאַרין.

— ביי מיר איז היינט א גוט געפיל. איך בין זעלטן־ווען אויסן שטאָט, — האָט ער געזאָגט.

— איר זייט ניט קיין היגער?

ער האָט זיך צעלאַכט.

— איר זייט — א משעד? — האָט מאַרי געפרעגט מיט אַזאַ באַטאָנונג, וואָס מאַכט דעם דאָזיקן וואָרט פאַר א באַליידיקנדיקס.

— ערגער.

— כ'האָב טאַקע אַזוי געטראַכט. אַזעלכע, ווי איר, דאַרף מען האָבן אויף דער מלחמה. און איר שפּאַצירט זיך אַרום, ווי קיינמאָל גאָרנישט. איר זייט — א רוסישער?

ער האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— יאָ.

מאַרי האָט שנעלער גענומען גיין. אייניקע מינוטן האָבן זיי געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— די לאַגע ווערט אומבאַקוועם. מאַכן א סוף צו איר וואָלט געקענט בלויז דער פּאָליציי־באַאַמטער, ניט אמת?

— דאָס איז א גראָבקייט.

— כ'האָב אייך ניט געוואָלט באַליידיקן.

ביי אונז איז פאַראַן מער ריטעריישקייט, ווי עס מיינען די אויסלענדער.

מאַרי האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט.

— וואָס האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו רעכענען אונז פאַר מוסרים? אייך איז דען שלעכט ביי אונז, אייך, אונזער שונא?

זי האָט זיך ווידער געלאָזט גיין פאָראויס. דעמאָלט האָט איר באַגלייטער געזאָגט:

— ס'איז טרויעריק, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעוווינט צו לעבן פּשוט. מיטגלעד, אַז מיר האָבן דאָס גאָר קיינמאָל ניט געקענט? איבער די מחיצות און צאַמען זעט מען גאָרנישט. צו וואָס האָט איר באַדאַרפט ביי מיר פרעגן, ווער איך בין? צי דען קאָן מען אָן דעם

ניט גיין לעבנאַנאַנד, אַזוי ווי מיר גייען איצט? אַרום אונז איז שניי, סאָסנעס, שטילקייט. מיר זיינען מיט קיין זאַך ניט פאַרבונדן, בלויז מיט דעם דאָזיקן שניי, מיט דער דאָזיקער שטילקייט און מיטן שטיקל וועג, וועלכן מיר דאַרפן דורכגיין צוזאַמען. טאָ לאָמיר דורכ־גיין און פאַרגעסן. אַ צופעליקייט. צו וואָס זוכן אין איר דאָס, וואָס זי האָט ניט? ווען ס'וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין אַן עסט־רייכער אָדער אַייערער אַ לאַנדסמאַן, וואָלט איר אויף מיר אַנדערש געקוקט. און צי דען וואָלט זיך אַרום אונז עפּעס געביטן? אַלץ וואָלט געווען אַזוי איינפאַך.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם לעצטן באַרג־אַרויס־שטאַרץ. פון דאַנען איז שוין געווען ניט ווייט צום שפּיץ. אויף מערב האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, אַזוי ווי אויף אַ פּאָדעם, אַ ברייטער אויסגעהוילטער וואַלד־פּלאַץ. דורך אים האָט מען געזען, ווי ס'האָט זיך אַוועקגעצויגן, אַזוי ווי קאַנטן פון אַ דרייעק צום באַזיס, אַ בייע שיכט סאָסנע־פּלעצער, וואָס זיינען געווען באַצויגן מיט דער שנייי־קער בלויקייט פון טאָל, און אַ קייט פון קרומע בערג. דער הימל האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן שטח מיט פרידלעכער בלויקייט.

— דאָ בין איך אויסגעוואַקסן, — האָט מאַרי געזאָגט, — אָט דאָרטן, אויף יענעם בערגל, העגנט אַ סאָסנע, אַזוי ווי אַ שוואָם. דאָס איז דער ערשטער בוים, אויף וועלכן איך האָב אַרויפגעקלע־טערט. הינטער יענעם שוואָם — שטייט דער שלאָס שענאָו. איר זעט די שוואַרצע דעכער? רעכטס איז אַ שאָסיי, דאָרטן איז די גרעניין.

— די גרעניין? — האָט ער איבערגעפרעגט, — אַזוי נאָענט?

מאַרי האָט אויף אים אָנגעזשמורעט די אויגן:

— איר האָט דערשפּירט עפּעס הײמישס?

— דאָרטן זיינען די טשעכן.

— אָ, יאָ, בלויז די טשעכן!

— אָן דעם קען מען ניט?

זי האָט זיך געוועזט אַ רוק געטאָן צו אים, נאָר באַלד האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, גלייך זי וואָלט זיין געצוואונגען ניט צו הערן זיינע ווערטער. דערנאָך האָט ער פּלוצלונג הילכיק אויסגעשריען:

— גו, ארויף, גיכער! — און אָנהאַלטנדיק זיך אָן די שטאַ־מען אויפן וועג, האָט זי לייכט און קלאַמערדיק, ווי אַ באַרג־ציג, געקלעטערט.

אויף דעם צוגעקליבענעם פּלעצל פון דעם באַרג־שפּיץ זיינען אין אַ גלייכער ריי געשטאַנען נידעריקע לאַנגע שלימלעך. אַ שטרענ־גער וועכטער, מאַסיוו, ווי אַ שטיינערנע גלעמבע, האָט זיך לאַנג־זאַם אַרויסגעקייקלט פון דעם ברעטער־ביידל און האָט באַקוקט די געסט. די שעה איז געווען אַ שפּעטע, אויסערן וועכטער איז אויפן באַרג קיינער ניט געווען. דער איינגעפּאַרענער, אָפּגערייניקטער וועג האָט זיך אַוועקגעצויגן ביז דעם אָרט, וואו ער האָט זיך פאַרקערע־וועט ווי אַ שטייל קלאַמער. ביי די זייטן איז ער געווען געשיצט דורך די שניי־באַריערן.

און ווידער האָט מארי, פונאַנדערהאַקנדיק די צעגליטע, פאַר־גליווערטע לופט, אויסגעשריען:

— גענוג צו טראַכטן! מיר פאָרן!

זי האָט אויסגעקליבן אַ שליטל, האָט עס מיטן פּוס צוגעשטופּט צום אַראָפּ־באַרג, האָט זיך אַוועקגעזעצט רייטנדיק און האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן די רינגען פין די אויף פאָרנט פאַרבויגענע שליטנ־שטאַנגען.

איר האָט אַרומגערינגלט די לופט, מיט וועלכער זי האָט גע־עטעמט קינדהייט; די פעלזן, וואָס זיינען געווען אָנגעוואַלגערט און אָנגעבערקלט, אַזוי ווי צעבראָכן מעבל; די דיקע פעסטע ביימער מיט דער טרוקענער קאָרע, וואָס יעדער סוק זייערער האָט אויס־געזען, ווי אַן אַלטער פריינד; די צעפּלאָנטערטע שאַכבּרעט פון די וועגן אונטן און די הויכע וואַלד־פּלעצער; יעדער שטיין אויף די דאָזיקע בערג האָט מארין געמאַכט גרימאַסן, און זי האָט געדענקט זיין צונאָמען און האָט געוואוסט זיינע סודות. ס'אַר אַ שאָד, וואָס דערביי איז ניט געווען די קאָמפּאַניע, מיט וועלכער זי פלעגט צו־זאַמען שטיפן — די ברייט־ברוסטיקע, גרויסאויגיקע דאָרפישע יאַט־לעך. ווי גוט ס'וואָלט געווען אַ קאָמאַנדעווע טאָן מיט זיי, אָנשרייען און באַפעלן! וואו זיינען זיי איצט, די ליבע שטיפער?..

מארי האָט שנעל באַקוקט איר באַגלייטער.

— רעכנט זיך אוים מיט דעם וועכטער און זעצט זיך ניבער!.. זעצט זיך נעענטער צו מיר. ציט אוים די פיס פאָראוים. אָט אַזוי! נעמט מיך אַרום, ווי עס באַדאַרף צו זיין. שטייפער, נאָך שטייפער, וואָרעם אַז ניט וועט איר זיך אַרויסקייקלען. איך וועל האַלטן די לייצעס. געפאָרן!

אַ שטוים, נאָך אַ שטוים, אַ פאַרשנעלערט ריטמיש גליטשן זיך, אַ האַסטיק לויפן און אָט איז לעבן סאַמע געזיכט, איבערן קאָפּ — דער מיט אייז באַדעקטער אויסבייג פון דעם שניי=באַריער, וואָס האָט זיך מיט אַ סעקונדע צוריק אויסגעדוכט שרעקלעך ווייט. דער באַריער וואַלגערט זיך אַרויף אויפן קאָפּ, אַ שטעכיקער ווייסער שטויב פאַרשיט די אויגן, שלאָגט פון ערגעץ אונטער דער ערד ווי אַ פאָנטאַן ניט אייגצוהאַלטן און רייסט זיך פלוצלונג איבער, און אַ ווינט, ווי אַנגעשאַרפטער שטאָל, קלינגט איבערן געזיכט, און רייסט זיך אַרויף, אויפן באַרג, וואָס הייבט זיך צום הימל. דעם קער=פונקט האָבן זיי שוין לאַנג געהאַט געמיטן, די שליטנס האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגעריסן פון דער ערד, דער שטיילער אַראָפּלאָז — וואָס האָט מיט אַ רגע פריער אויסגעזען צו זיין אומענדלעך — איז שוין איצט אָנגעפלויגן אויף דעם קער=פונקט, און די שניי=באַריערן האָבן זיך אַרויפגעוואַלגערט אויפן קאָפּ.

— האַלט זיך! — שרייט מאַרי און הערט, ווי אין איר רוקן איז אַיינגעוואַקסן געוואָרן אַ פאַרהאַרטעוועטער ברייטער קערפּער אתן אין איר ברוסט—דער אַייזיקער היגג פון די איבערגעפלאָכטענע הענט. און דערצו — גיסט זיך איר אין סאַמע אויער אַריין, דורך דער קעלט און דער פייפעריי פון דעם שניי=שטויב, אויף להכעיס און אַנטקעגן דעם שניידיקן שטאָל פון דעם ווינט — אַ קוים וואָרעם פליסטערן, גלייך ווי פון אַ ווייטן באַרג=שפּיץ:

— האַלט=זיך=אַליין!

און דאַן זעט זי, ווי פון דעם מענערשן פוס, וואָס אַקערט דעם וועג, קנוילט זיך פון דער זייט אַ ווייסער ווירבל — העכער און רציחהפולער פון אַ קאַסקאַד, און הייבט אויף איר פוס... אַך, סייוויסיי, זאָל ער מיינען, אַז ער האָדערט! אַראָפּ, אַראָפּ, אונטערן באַרג אין אָפּגרונט אַריין!

דערנאָך טרייסלען זיי זיך אָפּ לעבן דעם משופּעדיקן צופּוסנס פון לאָושע, רייניקן אָפּ די האָר, די קראַגנס, די אויערן פון דעם שמעלצנדיקן, קלעפּעדיקן שטויב און זיי לאַכן.

משמעות, אַז דאָ האָבן זיי אויך וועגן עפּעס גערעדט, ווי זיי האָבן גערעדט אין דעם פּיצעלע ציממערל פון עפּעס אַ האָטעל, וואו מען האָט זיי מכבד געווען מיט שמעקעדיקן גראָג און מיט אַ פּרייז לעכן קאַמין־פייער. נאָר מאַרי האָט ניט געדענקט קיין איין וואָרט פון די דאָזיקע רייד. איבעריקנס, איין וואָרט — אַ קאָמישס, אַן אומ־אָנגענעמס — איז איר פאַרבליבן אין איר זכרון. צעשיידנדיק זיך מיט איר קאָמפּאַניאָן, פונוויימן לעבן דער סטאַנציע, האָט זי גע־פרעגט:

— ווי רופט מען אייך?

— אַנדרעי סטאַר—צאָוו.

— סטאַר—צאָוו? ווי שרייבט זיך עס?

* * *

דער ווינט איז געוואָרן וואַרעמער, און די ביימער זיינען אָפּגע־גאַנגען. אין אַזאַ צייט מאַכט אַן אָפּענער פענסטער ניט לייכטער דאָס אָטעמען. און אויב מע זאָל זיך ניט באַוועגן, ניט פליען שמעי־דיק מיט דער קראַפט פון אַ שטיין, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ באַרג, — וועלן די געדיכטע מערץ־טעג צונויפדריקן די האַלדז און דערשטיקן.

דער לאַנגוויילן איז געקומען צוזאַמען מיט דעם וואַרעמען ווינט, פלוצלונג, אין דעם ברען פון אַרבעט, און מיט יעדער שעה איז ער געוואָרן אומדערטרעגלעכער. דאָס איז אויך געווען דערפאַר, וואָס מאַרי האָט ניט געוואוסט די סיבה פון דעם לאַנגוויילן. מעג־לעך, אַז דאָס האָט זי פשוט פון לאַנגווייל אָנגעשריבן אַנדרעיען, אַז זי וויל אים זען.

ער האָט אויף איר געוואַרט אין פּאַרק פון די זיבן סאַזשלקעס.

אין אַן אָרדלייגע פלעגט דער פּאַרק ווערן בלאָטיק, די טראַמ־וואַי־וואַגאָנעס פלעגן צוגיין צו אים לוידיקע, די וויסטע אַלייען פלעגן זיך שוואַרצן איינטאָניק. נאָר פון דעם שמעלצן זיך פון דעם שניי

און פון דעם אומדייטלעכן, שרעקעדיקן שאָרכען פון עפּעס באַשעפעניש, האָבן איבער דער ערד אַרומגעבלאָנקעט ריחות פון אויפלעבונג און אַריינגעטעמען זיי איז געווען פונקט אַזוי פיינלעך, ווי קוקן פון דער הויך אויף דעם באַרג־אַראָפּהאַנג.

אַנדרעי איז געשטאַנען אויף דעם גראָדן צונויפטרעף פון צוויי אַלייען. איבער איינער פון זיי האָט מאַרי באַדאַרפט דורכגיין. דאָס איז געווען די ביסמאַרק־אַלייע — וואָס איז באַשטאַנען פון פיר רייען לינדנבוימער, וואָס זייַנען געווען אונטערגעשאָרן אַזוי ווי איבערגעקערטע קאַווע־טעפּעלעך. זי האָט מיט אַ גלייכן וועג, גלייך אַזוי ווי אַ קעגלבאַן, באַהעפט די שטאָט מיט דעם פּאַרק. די צווייטע אַלייע האָט אַרומגעגאַרטלט דעם פּאַרק מיט אַ קרומען וועג, און זיין אויסבייג האָט זיך געזען אַ טריט פופציק פון דאָרטן, וואו אַנדרעי איז געשטאַנען.

ער האָט דערזען מאַרין אין דער באַשטימטער שעה. זי איז געגאַנגען שנעל און האָט זיך געהאַלטן אַזוי נאָענט צו דער גלייכער ליניע פון די שטאַמען, גלייך זי וואָלט געזוכט הינטער זיי אַ שוץ. ווען איר געזיכט איז געוואָרן דערקענבאַר, האָט זיך אַנדרעיען געדוכט, אַז זי שמייכלט. ער איז אָפּגעגאַנגען צו דער אינעווייניקסטער זייט פון דער אַלייע, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט דעם פּאַרק. די ביז איצטיקע קוים געשפּירטע שאָרכן האָבן זיך פלוצלינג צונויפגעגאָסן אין אַ ברייטן, צעקאָלערטן גערויש. ער איז געוואַקסן און האָט זיך אויסגעברייטערט ערגעץ אין דער טיף פון דער ערד, גלייך ווי די אָפּגעגאַנגענע וואָרצלען וואָלטן מיט רציחה צעשפּאַרט דעם באָדן. אַנדרעי האָט געזען, ווי מאַריס טריט זייַנען געוואָרן שנעלער, זי איז כמעט געלאָפן צום פּאַרק. ניט שווין־זשע האָט זיך צו איר דערקייקלט דער ציטער און דער רויש פון דער ערד, וואָס האָט אָנגעפילט אַנדרעיען מיט אומפאַרשטענדלעכער אומרו? דער דאָזיקער אונטערערדישער ברום איז וואָס ווייטער אַלץ גרעסער געוואָרן, ער איז אַריבערגעגאַנגען אין אַ קלאָרן, דייטלעכן הערעוודיקן גערויש, ער האָט אַרומגעכאַפּט און האָט גענומען וויגן ניט נאָר דעם באָדן, נאָר אויך די לופט, ער האָט זיך אַריבערגעקייקלט אַזוי ווי אַן אומ=

געזעגנט לאווינע, ער האָט באַדאַרפט יעדע מינוט דערשטיקן אַנדרעיען!

ס'איז ניט צו דערקלערן, פאַרוואָס האָט זיך אַנדרעי ניט גע־רירט פון אָרט. ער האָט אין אַן אומבאַוועגלעכער פּאָזע געוואַרט אויף מאַריז און האָט אָבסערווירט איר דערנעענטערונג אין עפּעס אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד.

און אָט, ווען מאַרי איז שוין געווען ניט ווייט פון אים, האָט ער דערזען די לאַווינע. זי איז אַרויסגעקראָכן פון הינטער דעם אויסבייג פון דער אַלייע, אַ טריט פונפציק פון דעם אָרט, וואו ער איז גע־שטאַנען. דער ברום, וואָס האָט אויפגערודערט די ערד, איז גע־גאַנגען פון הונדערטער שווערע פיס.

מאַרי האָט בלויז באַדאַרפט אַריבערגיין דעם וועג, כדי אויס־צושטרעקן אַנדרעיען די האַנט. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך די לאַווינע דערקייקלט ביז דעם צונויפטרעף פון די אַלייען. אַנדרעי האָט נאָך געקענט באַמערקן, ווי מאַרים אויגן זיינען מיט פאַרווי־רונג אַריבערגעלאָפן פון אים אויף דעם מענטשן־צוג. דערנאָך — האָט דער צוג זיי פונאַנדערגעטיילט.

די באַוואָפנטע לאַנדשטורמיסטן, וואָס זיינען געגאַנגען לאַנג־זאַם, מיט איינגעבויגענע קעפּ, אָנגעברוגזט און שטרענג, האָבן אים אַרויסגערוקט פאַראויס. נאָך זיי זיינען געגאַנגען אין געשלאָסענע רייען סאָלדאַטן.

פיר פון דער ערשטער ריי האָבן זיך געהאַלטן אָן די שנאַלן פון די לאַנדשטורמיסטן. די וואָס זיינען געגאַנגען פון הינטן האָבן אָנגעלייגט זייערע הענט אויף די אַקסלען פון די פאָדערשטע.

די בלוילעך־גרויע צעקנייטשטע שינעלן זיינען געווען גענייט פון איין שניידער, און די טוכענע היטלען זיינען געווען אָנגעצויגן אויף איין מאַנעקען. נאָר די טריט פון דער זיך ווינגדיקער בלוי־גרויער זעלנער־מאַסע זיינען ניט געווען קיין טריט פון זעלנער. די פיס האָבן געשלעפּט אויף זיך צעריסענע שווערע לייוונטענע הויזן און האָבן זיך געשאַרט איבער דער ערד, כמעט ניט אויפהייבנדיק זיך איבער איר. די מענטשן האָבן זיך געוויגט אויף אַלע זייטן, האָבן זיך געשטויסן און זיך אָנגעשטויסן איינער אָן דעם אַנדערן.

זייערע הענט האָבן זיך אָן אויפהער אויסגעצויגן, טאַפּנדיק דעם רוים און אָנשפּאַרנדיק זיך אין די רוקנס און איילנבייגנס פון די, וואָס זייַנען געגאַנגען פאָראויס.

אַנדרעיען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איין סאָלדאַט. זיין קאָפּ איז געווען אומגעקערט אָן אַ זייט און ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין לאַנגער האַלז, אַזוי ווי אויף אַ פאָדעם. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט צו עפּעס, וואָס ס'האָט זיך צו אים דערנענטערט מיט יעדן טראָט. זיין געזיכט איז געווען אויסגעקרימט אין אַ גרימאַסע און דאָס מויל איז געווען צונויפגעדריקט אַזוי שטאַרק, אַז די קין-מוסקלען האָבן אַרויסגעשפּאַרט, אַזוי ווי באַקנביינער. אין דעם שוואַרצן קרייז פון די וויעס האָבן זיך געגלעזערט די אָפּגעשטעלטע אויגן. רויקע שאָטנס פון די איבער דער אַלייע אַראָפּגעהאַנגענע צווייגן האָבן דורכגעשוועבט אין זיי.

דער סאָלדאַט איז געווען בלינד.

דעמאָלט האָט אַנדרעי מיט איין אויגנבליק אַרומגעכאַפּט די פאַרבייפּויזענדיקע מאַסע.

די פּנימער פון צענדליקער און הונדערטער מענטשן האָבן אים אויסגעוויזן ווי איין פּנים און ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אין אים, האָט ער גענומען שרייען.

דאָס איז געווען קאַרל עבערסאָקס געזיכט, וועלכן ער האָט דערקענט אין דעם ערלאַנגענער מוזעי און דערנאָך אין חלום, ווען זיין בלוט-רויטער קאָפּ האָט זיך געשוועבט — צי זאָל ער אַראָפּפאַלן אָדער בלייבן אויפן לייטער. אָבער — אַ שרעק, אַ שרעק! — איבער דעם געזיכט פון דעם רוצח, וואָס איז מיט אָפענע אויגן אַרויף אויפן עשאַפאָט, כדי צו קוקן נאָכן טויט אומפאַרשעמט אויף מענטשן פון דעם מוזעישן ספּירט-סלאָי אַרויס — איבער דעם דאָזיקן געזיכט האָבן געראָנען טרערן!

אַנדרעי האָט שוין ניט געזען דעם המון. פאַר אים האָט זיך ערגעץ גאָר נאָענט, אויף אַ מהלך פון אַ מענטשלעכן אָטעם, געוואָרפן עבערסאָקס געזיכט. די בלויע ליפּן פון דעם געטויטן האָבן זיך אויפגעציטערט, זיך אויפגעעפנט, און אַזוי ווי אין חלום, האָט עבערסאָקס אַרויסגערעדט:

— איטאַליענער. מען האָט זיי גענומען היינטער טריעסט. דערנאָך האָט ער אַ וואונק געטאָן דורך טרערן און האָט צוגעגעבן:

— דער גאַנז הייסט געלער קרייץ. אַן אויסגעצייכנטע מאַרקע.

די שטימע האָט אַנדרעיען אויסגעוויזן טרויעריק. אפשר דערפאַר, וואָס דער דאַרינקער קאָנוואָיר פון די בלינדע האָט גערעדט?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט האַרט לעבן אַנדרעיען, צו פאַררויכערן די לולקע, און האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער אוים מיטלייד און אוים מענטשלעכקייט. דערנאָך איז ער אַוועקגעלאָפן אויף זיין אָרט און האָט געדריקט צום רוקן אַ לאַנגע ביקס — פון רוסישן מוסטער.

און דער שווייגנדיקער מענטשן־צוג איז אָן ־ויפהער געפלאָסן איבער דער אַלייע, און די אָנצאָליקע הענט האָבן געטאַפּט דעם רוים. די איינגעהויקערטע לאַנדשטורמיסטן, וואָס האָבן אָפּגעשלאָסן דעם המון, האָבן לייכט אונטערגעשטויסן די אָפּגעשטאַנענע, און דעמאָלט האָבן זיי אָנגעטראָטן אויף די פּיאַטעס פון די, וואָס זיינען געגאַנגען פאָראויס און האָבן פאַרוואָרפן די קעפּ, גלייך זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ס'האָט זיך מיט יעדן טראָט דערנענטערט צו זיי. מיסתמא האָבן זיי שוין דערקענט די קלעפּ פון דער האַק, וואָס האָט פאַרענדיקט בויען די לאַגער־באַראַקן.

עבערסאָקס געזיכט, וואָס איז געווען באַוואַשן מיט טרערן, האָט זיך צעפלאָסן אין דער ביז־השמשותדיקער מערין־לופט. דער רויש פון די שאַרנדיקע הויזן איז שטיל געוואָרן, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אונטערערדיש ברומען, האָט זיך צעגאָסן אין אַ שאָרכעניש פון דעם אויפלעבנדיקן פריליינג.

דער פאַרק פון די זיבן כאַזשלקעס האָט זיך געגרייט צו אָוונט.

דעמאָלט האָט זיך אַנדרעי אַרומגעקוקט.

איבער דער צווייטער זייט אַלייע איז, צוגעטוליעט צו אַ בוים, מיט פאַרמאַכטע אויגן, געשטאַנען מאַרי. זי איז געווען אַזוי ווי צוגעבונדן צום שטאַם, און אירע הענט זיינען הילפלאָז אַראָפּגעהאַנגען. אַנדרעי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, האָט זיך אָפּגע־

ריסן מיט כּוח פון דעם שטיקל ערד, וואָס האָט זי געהאַלטן צוגעשמידט. מאַרי האָט געטפּנט די אויגן. אַנדרעי האָט גענומען אירע הענט. זיי זיינען געווען קאַלט און האָבן זיך געטרייסלט, אַזוי ווי פון קדחת.

— אונזער באַגעגעניש... — האָט אַנדרעי אָנגעהויבן.

מאַרי האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן.

— כ'קאָן היינט ניט, — האָט זי געענטפערט...

דערנאָך האָט זי זיך אָפּגעשטויסן פון בוים, האָט אויסגעגלייכט די פּלייצעס.

— היינט וויל איך ניט ריידן... כ'קען ניט.

זי האָט אים אַ דריק געטאָן די האַנט.

— כ'וועל אײַך אפשר ווידער אָנשרייבן.

זי האָט זיך אָפּגעקערט און איז אַוועק אַהין, וואו עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די טראַמוואַי־וואַגאָנעם, וואָס האָבן אין יענער צייט געפּוסטעװעט.

ער האָט זי באַגלייט מיט די אויגן.

נאָך אַלץ בלומען.

אין דעם זומער האָבן זיך צוויי ים־מלוכות צום ערשטן מאָל באַגעגנט אויפן אָפענעם ים. די קריגסשיפן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן צו אויסראָטן און צו אומקומען, די קריגס־שיפן, וואָס גייען אויס פון גאָרנישט־טאָן און פון צופיל באַוואָפנטקייט — די קריגס־שיפן האָבן אין איין טאָג און אין איין שעה, אַזוי ווי באַזונדערע מאַגניט־וויזערס, פאַרלאָזן זייערע נאָרעס. דאָס אָרט פון דער באַגעגעניש איז געווען דאָרט, וואו דער דורכגוס סקאַגעראַק גייט אַרויס אין צפונדיקן ים. די שעה פון דער באַגעגעניש איז געווען די גורל־שעה, ווען די ווינטן הערן אויף צו בלאָזן און עס שטעלן זיך אָפּ די פּלאַנעטן און ווען מענטשן טוען אָן ריינע וועש. דער נצחון איז געווען גאַראַנטירט פאַר ביידע עסקאַדרעס, ווייל ביידע עסקאַדרעס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די סאַמע גרעסטע אין דער וועלט און ווייל די מלוכות, וועמעס עסקאַדרעס עס האָבן זיך צונויפגעטראָפן לעבן סקאַגעראַק, האָבן זיך געהאַלטן פאַר די סאַמע גרעסטע מלוכות.

אַלע מלוכות האַלטן זיך שטענדיק פאַר די סאַמע גרעסטע; דאָס איז פאַר זיי נייטיק, כּדי יעדע שלאַכט, וואָס טראַסקעט מיט דער פאַרראָסטער קיך פון דער ראַטע, זאָל זיך שפּירן פאַר אַ טאַמערלאַן.

לעבן סקאַגעראַק האָט די ים=ענגלאַנד מנצח געווען די ים=דייטשלאַנד, און די ים=דייטשלאַנד האָט מנצח געווען די ים=ענגלאַנד. באַזיגטע האָט זיך אין דער דאָזיקער שלאַכט אַרויסגעוויזן די לאָגיק — דאָס איז די=יעניקע מלוכה, וואָס איז אומעטום אָנערקענט אַלס סאַמע שוואַכע. דעם טריומף איבער איר האָבן געפייערט בײדע זיגערישע צדדים — ענגלאַנד און דייטשלאַנד. אויסער די=יעניקע ענגלישע און דייטשע ים=לייט, וואָס דער גאָלפשטראָם האָט זיי אַוועקגעטראָגן פון סקאַגעראַק אין דעם נאָרוועגישן ים אַריין.

דער דייטשער באַפעלקערונג האָט מען דערקלערט דורך דיאַגראַמען, אַז די ים=הערשאַפט פון ענגלאַנד איז ענדגילטיק געבראָכן און אַז געענדיקט האָט זיך דאָס אויף אַ זייער גליקלעכן אופן, ווען די דייטשע פאַרלוסטן זיינען נישטיקע. די ענגלישע צייטונגען, דערקעגן, האָבן דערוויזן דורך קאַרטאָגראַמען, אַז דעם דייטשן פלאָט קען מען רעכענען פאַר פאַרטיליקט און אַז דערגרייכט געוואָרן איז עס אין עצם דורך נישטיקע קרבנות מצד גרויס=בריטאַניע.

אַזוי אַרום האָט בישאָפסבערג אין די טעג פון סקאַגעראַק געהאַט אַ גענוגנדיקן יסוד צו מאַכן אַ יום=טוב. נאָך מער האָט זי געהאַט אַ יסוד צו דעם, ווייל זי האָט זיך געריכט אויפן קומען פון זיין מאַיעסטעט דעם זאַקסישן קיניג. אַזאַ זאַך טרעפט זיך זעלטן און פאַר בישאָפסבערג איז דאָס געווען אַ היסטאָרישע געשעעניש. מען האָט באַדאַרפט איינאָרדענען דעם הויכן באַזוך מיט ווערדע און מיט ברייטקייט. און אַזוי ווי יעדער הויכער באַזוך ווערט פאַרבונדן מיט עפּעס אַ געשעעניש, און זיין מאַיעסטעט דער קיניג פון זאַקסן איז געקומען קיין בישאָפסבערג פּשוט אויף יאַגד נאָך באַרג=ציגן, איז דעריבער נאַטירלעך, אַז זיין קומען איז געווען פאַרבונדן מיט דעם נצחון איבער דער גרויסבריטאַנישער ים=הערשאַפט. און מען האָט

אים געערט און געאַכפּערט, אַזוי ווי דעם אמתן העלד פון דער יום־לאַגדער שלאַכט...

נאָר דאָס איז — אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון בישאָפסבערג; דערקענען דאָס קאַפּיטל, וואָס מיר שרייבן, איז געווידמעט בלומען. אין אונזער ראָמאַן זיינען זיי זייער ווייניק; די מיידלעך, וואָס זיינען אין כּעס אויף די שרייבער למאַי זיי דערציילן וועגן לאַנדשטורעם און וועגן מלחמה, וועגן שטרייקן און וועגן קיניגן, אָנשטאָט צו ריידן וועגן פּאַראַטן און וועגן אומאָרעמונגען, וועגן ליבע און וועגן בלומען — די מיידלעך, האָבן זיי זייער ליב. ס'איז טרויעריק צו טראַכטן, אַז קיין איין מיידל וועט ביז די דאָזיקע מיטליידפולע ווערטער ניט דערלייענען. נאָר אויב אַ וועלכע־ס'איז צאַרטע נשמה, וואָס איז ענדלעך אויסגעמאַטערט געוואָרן פון די מאָלדאַמישע עשעלאָנען, פון די רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קיניגן, וועט עפענען דאָס בוך אויף דער דאָזיקער זייט, וועט זי דאָ געפינען אונזער פייערלעכע הבטחה, צו פאַרנעמען אַ גאַנצן קאַפּיטל בלויז מיט בלומען, מערניט ווי מיט שמעקעדיקע, מיט ריינעם טוי באַשפּריצטע, צניעותדיקע, לעבעדיקע בלומען!..

אויפן וואָקזאַל איז דער קיניג באַגעגנט געוואָרן פון דער מיליטער־מאַכט. פון דאָרטן האָט ער באַדאַרפט גיין אין ראָטהויז און אויפנעמען די מיליטערישע שררות. אין צוויי שעה אַרום האָבן זיך פאַר זיין מאַיעסטעט באַדאַרפט פאָרשטעלן די פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן.

אין דער אמתן האָבן די בישאָפסבערגער איינוואוינער איבערגעלעבט אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן טאָג אַ געוויסע אַנטוישונג. מען האָט געפּטרט אָן אַ שיעור קראָכמאָל, כּדי צו ברענגען אין אַ צערעמאָניאַלן אויסזען די אונטערקליידער, די מאַנישקעס, די מאַנזשעטן און די קראַגנס. מען האָט זיך גערעכט צו דערזען זיין מאַיעסטעט אין אָרדנס, סמענגעס און שטערנס, אַרומגערינגלט פון אַ סוויטע און פון אַ הויף־וואַך. נאָר דער קיניג איז געקומען אין אַ רעקל און אין אַ טיראָלער פילצענעם הוט באַצירט מיט אַ פעדער פון אַ בירקהאָן. מען האָט כּאַר אים צוגעגרייט ביים וואָקזאַל אַ גערוימען אַלמאָדישן פאַטאָן, איינגעשפּאַנט מיט צוויי אומגעלום־

פערטע פערד. ער האָט זיך געזעצט לעבן דעם איבער־בירגער־מייסטער, און די אײַזערנע רייפן פון די מיט נאַפט געשמירטע רעדער האָבן גענומען קלאַפּן איבער דער הויפט־גאַס. די אָנגעקראָכמאָלטע אונטערטאַנער, וואָס האָבן פאַרנומען די טראָטואַרן, האָבן, דערזעענדיק אַזאַ אַריינפאָר, פאַרגעסן אַראָפּצונעמען די היט. די שילער האָבן, אַרומרינגלענדיק דעם פאַעטאָן, זיך געטראָגן איבערן וועג מיט געשרייען און אויסרופן. זיין מאַיעסטעט האָט גוטמוטיק אַראָפּגעטרייסלט דעם ציגאַרן־אַש אויף די נעזער פון די קליינע יונגלעך, און האָט זיי אויפגעמונטערט אַרויפצוקלעטערן אויפן טרעפּל פון קאַרעטע און אָנהענגען זיך אויף די רעסאָרן.

— זע, — האָט איין יוסטער בירגער געזאָגט צו זיין ווייב, דערזעענדיק זיין הערשער, — ער טראָגט דאָך אַ רעקל, אַזוי ווי אונזער איידעם האַנס...

אַזוי האָט זיך פאַרטונקלט דער העלד אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם אָרנטלעכן בירגער.

אין דעם דאָזיקן טאָג, ווען מען האָט מנצח געווען די גרויס־בריטאַנישע ים־מלוכה און דער קיניג איז געקומען קיין בישאָפּסבערג. אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט פאַרענדיקט פרעסן די לעצטע קראַגנעלעך און מען האָט געפוצט די שיך, — אין דעם מאָמענט האָט פרוי זורבאַך, דורכלויפנדיק דורך דעם גאַסט־צימער, אויסגעשריען:

— מאַרי! מאַרי! מאַרי!

זי איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט פאַרגעסן צו פאַרכאַפּן מיט זיך דאָס שטעקעלע מיט דער גומענער גאַלקע, און האָט זייער קאָנטיק געהונקען. זי האָט זיך כמעט פאַרכלינעט שרייענדיק:

— מאַרי! מאַרי!

און בעת די טאָכטער איז אַריינגעפלויגן אין צימער, האָט זי אויסגעשאָסן אָן אָטעם:

— וואו זיינען אונזערע פלאַגן, מאַרי? וואָס זאָל עס באַטייטן? וואו זיינען די פלאַגן?

מאַרי האָט פאַרשפּילעט דאָס קלייד און האָט פאַרלייגט די

הענט אויף אַהינטער; איר איז געווען אומבאַקוועם, און זי האָט ניט תּיכּף איבערגעפרעגט:

— וואָס האָט פּאַסירט?

— די פּלאַגן, די פּלאַגן! בײַ אונז זײַנען ניט אויסגעהאַנגען די פּלאַגן!

— וואָס ווענדט איר זיך עפּעס צו מיר?

פרוי אורבאַך האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם אָנלען פון שטול.

— כ'האָב פאַרהערט, מאַרי? — האָט זי אַרויסגעמורמלט.

— איך זאָג, אַז איך ווייס ניט, פאַרוואָס בײַ אונז זײַנען ניט אַרויסגעהאַנגען די פּלאַגן.

— ס'קען זײַן, אַז איר ווייסט גאָרניט, פאַרוואָס מען דאַרף זיי אַרויסהענגען?

מאַרי האָט אויפגעהויבן אויף דער מוטער אַ גלײַכגילטיקן בליק:

— אָפּן געערדט, גײַן.

דעמאָלט האָט זיך פרוי אורבאַך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול. אומגלויבלעך! מיט אַ וואָסער האַלב שעה צוריק האָט דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער מענטש געערדט מיט איר גאַנץ לאָגיש!

— מיר האָבן אָט־ערשט אָפּגערעדט, מאַרי... — האָט פרוי אורבאַך אָנגעהויבן, האָט אָנגענומען וואָס מערער לופט און זיך אַוועקגעזעצט באַקוועמער: מען וואָלט באַדאַרפט אויפשטעלן דעם צעשטערטן גלײַכגעוויכט.

נאָר מאַרי האָט איבערגעשלאָגן:

— איך פאַרזיכער אײַך, אַז ס'האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט. איך קלײַב זיך צו גײַן אויפן וואָקזאַל, דערנאָך וועל איך קומען אין ראַטהויז. אײַער פאַרלאַנג וועט פּינקטלעך דערפילט ווערן. איך דאַרף זיך אָנטאָן, וואָרעם איר וועט פאַרשפּעטיקן.

— אָבער די פּלאַגן, די פּלאַגן! — האָט פרוי אורבאַך אויסגעשריען.

— וואָס נוגע די פּלאַגן, בעט איך אײַך איבערגעבן דעם דאָזיקן ענין אַן אַנדערן.

מאַרי האָט זיך פּלוצלונג צעלאַכט:

— נו, גיט עס איבער, צום ביישפיל, דעם פאפא! אמת? דער פאפא וועט מיט פארגעניגן אויסהענגען די פלאגן אפילו אלע אינ־דערפרי! דאס וועט זיין אויס־גע־צייכנט!

פרוי אורבאך איז לאנגזאם אויפגעשטאנען. איר קאפ האט זיך אפגעווארפן אויף א הינטער, די אויגן זיינען פארשטארט גע־ווארן. אין דעם קלייד, וואס איז געווען ברייט צעלאזן אויף אונטן מיט דער א ביסל אויפגעהויבענער און פארשטארטער רעכטער האנט, איז איר פיגור געווארן מאנומענטאל. א דייטלעך שעפטשען האט זיך ארויסגעגאסן פון אירע בלאס געווארענע צונויפגעצויגענע אנגעשטרענגטע ליפן:

— געדענקט איין מאל פאר אלע מאל: איך דערלויב ניט צו מאכן פון מיר חוזק ניט בלויז אייער פאטער, נאר אפילו אייך.

זי האט זיך אומגעקערט און איז ארויסגעגאנגען אזוי ווי א באליידיקטע העלדין אויף דעם קינא־עקראן — מאיעסטעטיש און כמעט פונקט אזוי רוישלאז.

ביי זיך אין צימער איז פרוי אורבאך געזעסן א ביסל צייט אין פאטעל און האט געפאכט אויף זיך מיט א טיכל. דערנאך האט זי אנגעקלונגען צו דער דינסט און האט איר געהייסן אויסהענגען די פלאגן. דערנאך האט זי זיך גענומען אנטאן...

דאס, וואס ס'האט מיט דריי שעה צוריק פאסירט אין דעם גרויסן זאל פון ראטהויז, וואו די פלאנטראפישע און אנדערע גע־זעלשאפטן האבן זיך פארגעשטעלט דעם קיניג, פארדינט די סאמע אויספירלעכסטע באשרייבונג. אזא באשרייבונג האט געגעבן די „בישאפסבערגער פרימארגנצייטונג“, וואו דער נייגעריקער לעזער וועט געפינען דעם גאנצן צערעמאניאל און, אגב, די פיינע רעדע, וואס פאול העניג — דער מיטגליד פון דעם פריזירער־פאראיין און דער קאסירער פון דער געזעלשאפט פריינד פון כארגעזאנג — האט געהאלטן אין נאמען פון די צעכן. דא וועלן מיר דערציילן בלויז וועגן אן אומבאדייטנדיקן דעטאל, וועגן וועלכן דער רעדאקטאר פון דער „פרימארגנצייטונג“, וואס איז ווירקלעך געווען אויף דער הייך פון זיין פאראנטווארטלעכער אויפגאבע, האט דיפלאמאטיש פאר־שוויגן.

קורץ פאַר דעם, ווי זיין מאַיעסטעט איז, באַגלייט פון דעם אייבערבירגערמייסטער, די שטאָדטראַטן און אַדיוטאַנטן, געגאַנגען פון איין דעלעגאַציע צו דער צווייטער און זיך דערנעענטערט צו פרוי אורבאַך, האָט זי זיך אַרומגעקוקט, כּדי צו איבערצייגן זיך נאָכ־אַמאָל, צי מאַרי שטייט הינטער איר. מיט אייניקע מינוט פריער האָט פרוי אורבאַך געזען, ווי איר טאָכטער האָט זיך דורכגעשלאָגן צו איר דורך דער מאַסע באַרפוצטע פרייליינס און דאַמען.

און אָט שטייט זיין מאַיעסטעט דער קיניג געזיכט צו געזיכט מיט פרוי אורבאַך.

דער אייבער־בירגערמייסטער רעדט אַרויס מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן:

— פרוי אורבאַך, געבאָרענע פאָן־פרייליבן, די פּאַטראָנעסע פון דעם שפּייז־פּונקט, די פּאָרזיצערין...

פרוי אורבאַך ווערט פאַרשטאַרט אין אַ טיפן רעווערענס.

זיין מאַיעסטעט שטרעקט איר אויס די האַנט און שלאָגט איבער דעם אייבער־בירגערמייסטער:

— וועגן אייך, מאַדאַם, האָט מען מיר שוין דערציילט אין דער רעזידענץ. אויף אייך וואַרט אין דרעזדען אַ פרידריך־אווגוסט־מעדאַל.

— מאַיעסטעט, — רעדט אַרויס פרוי אורבאַך און ווערט ווידער פאַרשטאַרט אין אַ רעווערענס. אויפגעהויבן זיך אַ ביסל און זעענדיק, אַז זיין מאַיעסטעט שמייכלט ווייטער גנעדיק, זאָגט פרוי אורבאַך שטיל:

— מאַיעסטעט, ערלויבט מיר פאָרצושטעלן מיין טאָכטער, פרייליין מאַרי אורבאַך...

זי דרייט אויס דעם קאָפּ אויף רעכטס און שטויסט זיך אָן אויף עמעצנס שטוינענדיקן און פאַרלאָרענעם בליק. זי קערט אום דעם קאָפּ לינקס און באַגעגנט אַ פרעמד, צעשראָקן געזיכט. און פלוצלונג בריען פון הינטן אָפּ איר דעקאָלטע עפּעס ווערטער פון אַ היץ־קראַנקהייט:

— פרייליין מאַרי איז דאָ ניטאָ!

— איך קענט ניט אָפּזוכן אייער מאַכטער? — הערט זי. נאָט, ניט שוין־זשע זאָגט עם דער קיניג?

— מאַיעסטעט, — שעפּטשעט פרוי אורבאַך.

— נאַרישקייטן, — לאַכט זיין מאַיעסטעט, — מיט מיר האָט היינט פּאַסירט אַן ערגערע מעשה: מיך האָט מען דאָ אַ נאָמען געגעבן ים־וואָלף, און מיך גודזשעט, ווען איך דאַרף דורכפאָרן דעם בריק איבער דער עלבע...

פרוי אורבאַך געפינט נאָך אין זיך כוחות צו שמייכלען פון דעם קיניגס שפּאַס, געפינט כוחות צו דערלאַנגען זיין מאַיעסטעט די האַנט. דערנאָך קערט זי זיך אום צו די פאַרפּוצטע פריילינגס און דאַמען, מעסט זיי אָפּ מיט אַ קורצן בליק, און מען טראָגט זי במעט ארוים פון זאַל...

ווען פרוי אורבאַכס בליק וואָלט געפאַלן אויף די בלומען, וועגן וועלכע עס דאַרף זיך ריידן אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, וואָלטן זיי, אוים מיטגעפיל, פאַרוועלקט געוואָרן.

* *
*

די שעה, אין וועלכער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, איז געבאָרן געוואָרן אונטערן צייכן פון וואָקזאַלן. די באַרג־ענלעכע וואָקזאַלן, מיט די אונטערערדישע גענג, מיט די אַריבערגעצויגענע בריקן און אַריבערגאַנגען, מיט די אַרומגעפלאָכטענע קנויל־רעלסן, אין אייביקער קאָנוואולסיע און גע׳אָמער, — די וואָקזאַלן האָבן גע־מאַכט די מלחמה. אַזוי ווי ריזיקע שטויב־פּאָמפּעס, האָבן זיי אַריינ־געצויגן אין זייערע פאַרדרויכערטע פּיסקעס אָן אַ שיעור שטייבע־לעך, האָבן זיי אויפגעזאַמלט אין די גענעראַטאָרן, האָבן זיי דורכגע־שלעפּט דורך די טרויבן און האָבן זיי אַרויסגעשפּיט אויף דרויסן, אין דער מלחמה אַריין. אייניגמאָל גערופן צום לעבן, האָבן זיי אויף אַ סעקונדע ניט אויפגעהערט צו אָטעמען מיט זייער שטאָלענער ברוסט, און יעדער אָטעם זייערער האָט אַריינגעזויגן און אַרויסגע־בלאָזן דעם מענטשלעכן שטויב.

אין דער שעה, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אונטערן צייכן פון די וואָקזאַלן, האָבן זיך די מענטשן אויפגעזאַמלט אויף די ליניעס,

וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט שטיינקוילן־שטויב, פאַרגאָסן מיט
ביימל און נאַפט, אויף די ליניעס, וואָס האָבן געפירט צו דער
מלחמה. און די מענטשן האָבן די האַזיקע ליניעס אויסגעבעט מיט
בלומען, און מיט בלומענבלעטלעך פון רויטע רויזן והאָבן זיי פאַר־
שאָטן די אייזערנע רעלסן־קנוילן, אַזוי, אַז מען האָט ניט געזען
ניט דעם שטיינקוילן־שטויב, ניט די ביימל, ניט דעם נאַפט. די סאָל־
דאַטן אין קריגס־אוניפאָרם האָבן אַריינגעשמעקט די רויזן אין די
לעכער פון די ביקסנרערן און הינטער די קוילנבייטלען און הינ־
טער די דעקלעך פון די רענצלעך, און מיט די שווערע שטיוול פון
דיקן לעדער האָבן זיי געטראָטן די רויזן אויף די פעראָנען און
רעלסן. ס'איז דען מעגלעך אויפצוקלייבן אַלע בלומען, וואָס דאָס
פאָטערלאַנד האָט אויסגעבעט אויף דעם וועג דער אַרמיי אין דער
קריגס־אוניפאָרם?

די אַרמיי אין קריגס־אוניפאָרם האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די
גענעראַטאָרן און האָט זיך געטראָגן איבער די טרויבן, כדי אויס־
צומישן זיך, אַזוי ווי גאַז, מיט דער לופט, כדי פאַרברענט צו ווערן
אין דער מלחמה. און די סאָלדאַטן — צעפלאַקערט פון דעם אייזער־
נעם קרעכץ פון די וואַקזאַלן, אויפגעהויבן דיבאָם דורך דעם טירוף
פון דעם המון — יובלענדיקע, יונגע, די סאָלדאַטן האָבן מיט שטו־
רעם געגומען די וואַגאָנעם און באַפוצט זייערע ווענט מיט לעכער־
לעכע אויפשריפטן:

— אָט איז אייך דער פראַנצויז, דער באַצווינגער פון דער
וועלט!

— אָט איז דער סערבישער קיניג פעטער, נאָך דער קאַמפּאַ־
ניע אויף ווין!

אין מיט אַ פעטער דייטלעכער אויפשריפט האָבן זיך געוויסט
די האָפערדיקע אותיות אויף יעדן וואַגאָן:

— קיין פּאַריז!

— קיין פּאַריז!

— קיין פּאַריז!

דאָס איז געווען אַ שעה, וואָס אין איר האָט דער ריח פון די רויזן פאַרשטיקט די נאַפט־ביטערקייט און דאָס שטינקעכץ פון די שטיינקוילן...

ווען מאַרי איז געקומען אין דער שליחות פון פרוי אורבאַך אויפן וואָקזאַל, האָט ער נאָר־וואָס געהאַט באַגעגנט דעם קיניג און האָט זיך געקליבן אָנצוהויבן זיין געוויינלעך לעבן: דאָס לעבן פון פאַר דער מלחמה. די מאַרש־ראָטע פון דעם לאַנדשטורעם איז אַוועק אויפן פראָנט, און דאָס הייפעלע רעקרוטן איז, וואַרטנדיק אויף דעם מאַרשרוט, זיך צעקראָכן איבער די אַריינגאַנגען, טונעלן און רעלסן. ווי שטענדיק, זיינען געגאַנגען מאַנעווערס, און דער וואָקזאַל האָט זיך געטרייסלט אין שטאָלענעם שוידער.

דער לאַנדשטורעם, וואָס האָט זיך צעשיידט מיט די ווייבער און קינדער, האָט באַפּוצט זיינע ביקסן מיט בלומען. דאָס זיינען געווען אָפּגעוועלקטע נעגעלעך און אַרבעסלעך, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער שמעקעדיקן ריח. ווייל קיין רויזן, וואָס האָבן אַמאָל אויסגעבעט דעם וועג פאַר דער אַרמיי, האָבן שוין מער ניט געקלעקט, און אויך ווייל רויזן זיינען געווען צו טייער פאַר די ווייבער, וואָס דער לאַנדשטורעם האָט אַוועקגעוואָרפן.

אַ רעקרוט, אַ וואָנצעס, מיט אַ בלאַך פנים, וואָס האָט זיך געלאַנגווייליקט און איז געווען מיד פון וואַרטן, האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער די רעזערוו־ליניעס. דאָ זיינען ניט געווען קיין מענטשן, דער וואָקזאַל האָט אַריינגעצויגן אין זיך אַלדאָס לעבעדיקס, דער וואָקזאַל האָט נאָר־וואָס געהאַט באַגעגנט דעם קיניג. איבער די רעזערוו־ליניעס האָבן זיך געשאַרט די וואַכן פון די אומרויקע לאָקאָמאָטיוון. דער רעקרוט האָט פון לאַנגווייל זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ משא־וואַגאָן, האָט פון לאַנגווייל אויפגעהויבן אַ שטיק קרייד, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ליניע און האָט פון לאַנגווייל אָנגעהויבן פירן מיט דעם קרייד איבער דעם ווענטל פון וואַגאָן:

— קיין פּאַריז...

אַ דורכדרינגלעכע שטימע, אַזוי ווי אַ פייף, האָט אים אַ שמיץ געטאָן איבערן האַנט:

— וואָס שמירסטו דאָרטן? ווער וועט דיך גיין אויפראַמען?

דער יונג האָט זיך אומגעקערט. איבער די רעלסן איז געגאַנגען די אויפֿראַמערין פֿון די ליניעס. איר געזיכט האָט געגלאַנצט פֿון ביימל, די הענט זיינען געווען שוואַרץ. ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפֿערן. סוף־כּל־סוף איז ער דאָך — אַ סאָלדאַט, באַלד וועט מען אים אַוועקטרייבן אויפֿן פֿראָנט, דאָרטן וועט ער זיך שלאָגן און די פֿאַרשלומפּערטע פֿויערטע וועט אַזוי ווי פֿריער אײַנשמוצן זיך אויף דער סטאַנציע, און ס'איז ניט קיין עוולה אויסצוזידלען זי מיט עפּעס אַ גראָבן וואָרט. נאָר דעם רעקרוט איז לאַנגווייליק, ער איז מיד פֿון וואַרטן, און די לופֿט אַרום אים שמעקט פֿון די אײַזערנע קרעכצן, און די זון גופֿא פֿייניקט זיך, אַזוי ווי אַ רעקרוט. פֿון אַ שטאַרקן קלאַפּ ווערט דער קרייד צוגעקלעפּט צום וואַגאָן ווי אַ ווייסער פֿלעק, און דער רעקרוט אַקערט מיט די קנאַפּל דעם זאַמד פֿון די באַנליניעס און שלעפּט זיך צום וואָקזאַל.

די אויפֿראַמערין ווישט אויס דעם וואַגאָן מיט אַ פֿאַרביימלטער שמאַטע, און אירע ליפּן שעפּטשען עפּעס, נאָר קיין ווערטער הערט מען ניט איבער דעם שאַרן זיך פֿון די לאָקאָמאָטיוון. אפֿשר האָט זי באַדויערט דעם רעקרוט? אפֿשר איז איר מאַן אַוועקגעפֿאָרן אין דעם וואַגאָן מיט דער האָפֿערדיקער אויפֿשריפֿט:

— קיין פּאַריז!

און וועט זיך ניט צוריקקערן אַהיים?

מעגלעך, אַז זי האָט אַפֿילו פֿיינט געקראָגן פּאַריז?

דער וואָקזאַל וויים דאָס ניט, דער וואָקזאַל מאַכט מלחמה.

די מענטשישע שטיבעלעך שווימען אין די טונעלן, אויף די אַריבערגאַנגען און איבער די זאַלן. צווישן זיי איז אויך — מאַרי. זי האָט דערפֿילט די שליחות פֿון פֿרוי אורבאַך און האָט זיך געקליבן צוריק אין שטאָט אַרײַן, כּדי צו קומען באַצייטנס אין ראָטהויז. נאָר אויפֿן פּעראָן, וואָס האָט נאָך געטעמט מיט דער פֿייערלעכקייט פֿון דער קיניגלעכער באַגעגעניש, האָבן זי פֿאַרהאַלטן לאַנדשטורמיסטן, וואָס זיינען געגאַנגען אויפֿן פֿראָנט. דאָס האָט פּאַסירט אַזוי:

מען האָט געגעבן אַ באַפֿעל אײַנצושטייגן

דער רויש פון די ווינטשעניש, פון דעם געוויין, פון דער בראַזגעריי פון די באַגגעטן און פון דער סקריפעריי פון דער מוניציע האָט זיך אויפגעהויבן ביז דעם גלעזערנעם קופּאָל פון וואָקזאַל און איז דערנאָך אַראָפּגעפאַלן, גלייך ער וואָלט אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן פון אויבן דורך דעם שטורים פון דעם ווינט. גרויע מענטשן האָבן זיך אוועקגעקייקלט צו די וואַגאָנעם, האָבן זיך שווייגעדיק אַוועקגעשטעלט פאַזע ליניע און האָבן נים אָפּגעריסן זייערע אויגן פון די אויגן פון יענע מענטשן, וואָס זיינען געבליבן שטיין לעבן די פענסטער פון דער סטאַנציע. דורך דער פּלאַטפאָרם האָבן זיך פון דעם וואַגאָן צום וואָקזאַל-צו אויסגעשטרעקט די בליקן פון הונדערטער פאַרשטאַרטע אויגן. דאָס איז געווען די געזעגעניש. און ווען נים די איינגעבוירענע איינגשאַפט פון דעם מענטשן צו באַמערקן די קלענסטע צעשטערונג פון דער איינאַרטיקייט פון דער מאַסע, וואָלט זיך די דאָזיקע געזעגעניש איינגעקריצט, ווי יעדע אַנדערע מאַסן-אַקציע:

„די מאַסע גייט".

„דאָס פובליקום אַפּלאָדירט".

„דאָס פאָלק איז מתפלל".

„די מאָביליזירטע זעגענען זיך מיט די ווייבער".

אָבער די איינאַרטיקייט פון דער מאַסע איז צעשטערט געוואָרן, און די מענטשן האָבן פלוצלונג דערזען אַזוינס, וואָס זיי האָבן פריער נים געוואוסט. דער איינגעשמוצטער, אומגעלומפּערטער לאַנדשטורמיסט האָט נים געפאָלגט די קאָמאַנדע און איז געבליבן אין דעם המון באַגלייטער, לעבן דעם פאַסאַד פון דער סטאַנציע.

ער האָט אַרויפגעלייגט די לאַנגע הענט אויף די אַקסלען פון דער בלאַס-פּנימדיקער פרוי, און האָט געבויערט מיט די טרוקענע אויגן איר מידן בליק. ער איז געווען באַשיימפּערלעך פריווילעגירט קעגן זיינע חברים, ווייל די אויגן פון זיין פרוי האָבן געפינטלט פונקט אַנטקעגן אים און ווייל דער לעצטער קוש איז נאָך אים פאַרגעשטאַנען, בשעת ווען ביי אַלע זיינע חברים איז ער שוין געווען אַ פאַריבערגעגאַנגענע זאַך. מעגלעך, אַז פון קנאה האָט עמעצער אויסגעשריען:

— נו, קוש זיך שוין, 42=סאַנטימעטערדיקער!

און ער האָט זיך צעקושט.

ער האָט איינגעבויגן זיינע לאַנגע הענט אין די איילנבויגנס, און זיין פרוים בלאַס פּנים האָט זיך גלייכגילטיק און ווייך דערנענטערט צו זיין ברוסט. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, דער קאָלנער פון שינעל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער זיין הויקער, דער ראַניעץ האָט זיך אַראָפּגערוקט צום גאַרטל. ער האָט זיך צוגערירט מיט די שוואַרצע וואָנצעס צו זיין פרוים פאַרשוויצטן שטערן.

און זי האָט געפרעגט:

— וואָס זאָל מען איבערגעבן אונזער קליינינקער?

— גיב איבער אונזער קליינינקער... — האָט ער אָנגעהויבן און האָט זיך אויסגעגלייכט בשעת מעשה.

זיינע הענט האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון איריע אַקסלען, זיינען געבליבן הענגען און האָבן זיך גענומען באָמבלען אין דער לופטן, דערנאָך האָבן זיי זיך מיט מי גענומען אויפהייבן צום קאָפּ.

— גיב איבער אונזער קליינינקער... — האָט ער העכער איבערגעחזרט — און האָט זיך שטיל גענומען צוזעצן.

— גיב איבער אונזער קליינינקער...

זיינע הענט האָבן פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, איבער אים האָט גענומען טאַנצן דער העלם, איז אַראָפּגעפאַלן אויפן הויקער, אויף דעם ראַניעץ, האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויפן דיל. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף די פּיאַטעס, מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אָן די קני און האָט אַרויסגעיאָמערט:

— אונזער קליי=ני=קע=ער!..

און נאָך אַמאָל, נאָך שטאַרקער און אויסגעצויגענער:

— אונזער קליי=גי=קע=ער!..

דער אונטער=אָפיציר איז אײליק צוגעגאַנגען צו אים און האָט אויסגעשריען:

— אויף דיין אָרט!

דער לאַנדשטורמיסט איז האַסטיק אויפגעשטאַנען און האָט קיין קוק ניט געטאָן אויף דעם ווייב, האָט ניט אויפגעהייבן דעם העלם און איז מיט אַ הוילן קאָפּ אַוועק צום וואַגאָן.

— דעק צו דעם קאָפּ! — האָט דער אונטער־אָפיציר געשריען.

ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט.

פון דער מאַסע, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם פּאַסאַד פון דער סטאַנציע, האָבן זיך אויסגעשפּרעקט הונדערטער הענט איבער דער פּלאַטפאָרם, צו דער ליניע פון די גרויע מענטשן לעבן די וואַגאָנעס און הונדערטער קולות האָבן אַרויפגעוואָרפן צום קופּאָל פון וואָקזאַל די מענער־נעמען:

— פּאַול! קאַרל!

— ראָבערט! פּאַול!

און גראָבע, הייזעריקע, אונטערגעריסענע שטימען פון די מענער האָבן זיי אָפּגעענטפערט:

— מאַריע! אַננע!

— ליזבעט!

און די אויסגעצויגענע הענט פון דער מאַסע, וואָס איז געשטאַנען איבער דער לענג פון דעם בנין, האָבן זיך באַגעגנט מיט די הענט, וואָס זיינען געווען אויסגעשטרעקט פון די וואַגאָנעס־אַרויס.

דעמאָלט האָבן די קאָמאַנדירן געמאַכט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן נאָך ניט אָפּגעגעבן דעם באַפעל איינצושטייגן.

* * *

אין דעם צימער, וועלכן ס'האָט פריער פאַרנומען מאַסיע פּערסי, האָט געוואוינט אַן אונטער־אָפיציר פון די פרייוויליקע. ער איז געווען מער אויסגעמישט מיט מענטשן און איז געווען טומלדיקער, איידער מאַסיע פּערסי, האָט געטראָגן אויסערגעוויינלעך הויכע קראַגנס און אָנגעטאָן אַ באַנגעט — האָט ער אויפן גאַרטל געטראָגן אַ קליין פּיניש מעסערל. אַ פּיניש מעסערל איז געווען אין דער מאָדע, און דער אונטער־אָפיציר האָט נאָכגעפאָלגט די מאָדע. איז געווען זייער העפלעך, געווען פּאַטריאָטיש אין דער מאָס, האָט געלייענט ווילדן אין איבערזעצונג און האָט אים גערופן, אַזוי ווי אַלע — ווילדע. אים אַליין האָט מען גערופן דיטריך.

אין דעם טאָג האָט ער איינגעלאַדן צו זיך זיין פעלדפעבל אויף אַ גלעזל טיי. דער מנהג פון דעם גלעזל טיי שטאַמט פון אויס־לאַנד, אין אים איז עפּעס דאָ אי ענגליש, אי רוסיש, און אין דעם וואָרט — טיי — גופא האָט דיטריך געשפּירט עפּעס ליבע־ראַלס, דערהויפּט אין יענעם טאָג, ווען מען האָט חרוב געמאַכט דעם ענגלישן פלאָט. אַ גלעזל טיי לכבוד ענגלאַנדס נצחון — אַזאַ זשעסט וואָלט אויך געקענט געפעלן ווערן אויף דער פרידריכשטראַ־סע אין בערלין.

דיטריכס געסט זיינען געווען, אויסער פעלדפעבל, פּאָול העני־ניג, זיין שכן אַנדרעי סמאַרצאָוו און פרייליין ליסי.

דיטריך האָט זיך אַריבערגעבויגן, האָט זיך געווענדט לויט דער ריי צו די געסט און האָט פאָרגעלייגט קעקס. דער פעלדפעבל האָט מיט די קורצע פינגערלעך אָנגעטאַפּט די סטרונעס פון דער ציטרע, דער אינסטרומענט האָט געשלוכצט און זיך געקלאָגט, דעם מוזי־קאַנטס געזיכט — אַ געפּאַקטס, באַשפּרענקלט אַזוי ווי אַ לעקעך — האָט טרו־עריק געשמייכלט. פרייליין ליסי — אַ קיילעכיטשקע, פּוכלע ברונעטין — האָט געמאַכט אייגלעך. און האָט זיך געפלייסט צופרידנשטעלן אַלעמען מיט אַמאָל.

פּאָול העניג איז קענטיק געווען דערשיטערט און ווי אַ מענטש, וואָס האָט אָקערשט איבערגעלעבט אַן אומגעוויינלעכע זאַך, האָט ער אויסגעזען עפּעס ווי ניט ענלעך צו זיך אַליין: ער איז געוואָרן שטיל, האָט גערעדט מיט אַ נידעריקן קול, האָט זיך איינגעקאָר־טשעט. נאָר איבער זיין געזיכט, וואָס איז געווען אַ ביסעלע פאַר־שוויצט און זיך געשפּיגלט, אַזוי ווי אַ קופּערן בעקענדל, האָבן אַרומ־געבלאָנקעט אָפּגלאַנצן פון שטאָלץ.

— דער באַגריף אינטערנאַציאָנאַל גופא, — האָט ער נאָך אַ לאַנגער פּויזע אַרויסגערעדט, — מיינט די עקסיסטענץ פון פאַר־שיידענע נאַציעס, אָ!

— זייער ריכטיק, זייער ריכטיק. נעמט קעקס — האָט דיט־ריך געזאָגט.

— איך ווייס וואָס איך רייד. דאָס איז פאַראַן ביי בעבלען.

— ניט שוין־זשע, הער העניג, האָט ער מיט אײַך אַזוי לאַנג גערעדט? — האָט פרײַלין ליסי, קוים וואָס מען האָט געהערט, געפרעגט און איר פוכלע קערפערל האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ גערוגצל פון גריבעלעך.

— ער האָט געפרעגט: פון דעם פריזירער־צעך? און האָט דערלאַנגט די האַנט. האָב איך געענטפערט: ריכטיק: אײַער מאַיעסטעט, פון דעם פריזירער־צעך, און האָב אים אַ דריק געטאָן די האַנט. בײַ אײַך איז אַ שטאַרקע שטימע, איר האָט גוט איבערגעלייענט דעם אַדרעס, האָט ער געזאָגט. האָב איך געענטפערט, אַז איך בין אין דער געזעלשאַפט פרײַנד פון כאָר־געזאַנג און האָב הײַנט געזונגען אין ראָמהויז „וואַכט אַם רהײַן”. דאַן האָט ער געפרעגט: אפשר זײַט איר אַ מיטגליד פון נאָך אַ געזעלשאַפט? האָב איך אָפן געזאָגט: מאַיעסטעט, איך בין — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

— און ער, גאָרנישט? — האָט פרײַלין ליסי אויסגעשריגן.

— ער האָט גיט קיין שום פאָראורטיילן, אונזער קיניג, — האָט הער העניג געפעליקסט באַמערקט. — ער האָט זיך פאַרנייגט און איז אָפּגעגאַנגען. איך האָב זיך אויך פאַרנייגט. דערנאָך בין איך אַוועק אויסטרינקען מיט אונזערע יאַטעס, און זיי האָבן מסכים געווען צו דעם, וואָס איך האָב אַזוי אָפן געזאָגט דעם קיניג, ווער איך בין.

— זייער גוט! — האָט דיטריך געזאָגט, — הער פעלדפעבל, שפּילט עפּעס נאָך. פרײַלין ליסי...

— אַך, שפּילט עפּעס אויף, שפּילט אויף, — האָט די ברונעטין געבעטן, און איבער אירע אָרעמס, איבער דעם העלדזל און איבער דעם אַנטבלויזטן אַקסל האָבן זיך אַוועקגעצויגן גריבעלעך.

— אַוודאַי איז גוט — האָט הער העניג געזאָגט און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן רוקן פון שטול. איך זאָג, אַז אונזער נאַציאָנאַלער שטריך — איז געווויסנהאַפטיקייט. איך האָב געווויסנהאַפטיק געמאָלדן: כ'בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

— אויף וויפל איך האָב פאַרשטאַנען, — האָט דער פעלדפעבל געזאָגט טרויעריק און האָט אָפּגעריסן די אויגן פון דער ציטרע און אַ קוק געטאָן אויף אַנדרעיען, — אויף וויפל איך האָב פאַר=

שטאַנען, האָט הער סטאַרצאָוו גערעדט וועגן דעם, אַז די סאָציאַליסטן דאַרפֿן זיך לחלוטין ניט פֿאָרשטעלן פֿאַר דעם קיניג. ניט אמת?

העניגס שטימע איז אַ ביסל פֿעסטער געוואָרן:

— אַנדרעאוס — איז אַ וואוילער בחור, נאָר ער פֿאַרשטייט ניט, אַז געוויסנהאַפֿטיקייט — איז אונזער נאַציאָנאַלער שטריך. אַנדרעאוס — איז אַ ניהיליסט, אָ! — אַ ניהיליסט! ער אָנערקענט ניט קיין טאַקטיק, טאַק-טיק, אָ!

— ביטע קעקס, — האָט דיטריך, באַאומרויִקט פֿון דער שטורעמדיקער כוואַליע פֿון דעם פֿאַבריקמאַכערס באַס, געזאָגט.

נאָר הער העניג האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן מיט אַ מיטפֿילנדיקן טאָן:

— די רוסן פֿאַרמאָגן אַ סך ליבע. דאָס האָב איך שוין לאַנג געוואָלט זאָגן. וואָס איז דער תכלית פֿון אַזאַ ליבע? טאַקטיק, אַנדרעאוס, טאַקטיק! פֿאַרוואָס ליבן מיר דאָס פֿאָטערלאַנד? ווייל מיר האַסן זיינע פֿיינד. ליבע קומט נאָך האַס! האַס צע-מענ-טירט די ליבע, אָ! ווען מענטשן האַסן איינע און די זעלבע זאַך, דעמאָלט קומט די ליבע. אַנדרעאוס וויל ליבן און קען ניט, כאַפּט עס דער טייוול, דאָס האָב איך שוין לאַנג באַמערקט. פֿאַרוואָס? ווייל ער האָט ניט וואָס צו ליבן, ווייל ער ליבט אַלץ גלייך. אַ ניהיליסט! ער פֿאַרשטייט ניט, אַז מענטשלעכע זאַכן דאַרף מען האַסן אינאיינעם מיט די מענטשן, וואָס שאַפֿן זיי...

דער הער העניג האָט אַ זיפֿץ געטאָן און האָט זיך אויסגעצויגן, פּונקט ווי נאָך אַ גוטן חזירשן קאָטלעט. ער איז געווען צופֿרידן מיטן סטיל פֿון זיין ריידן און האָט געזשמורעט מיט די אויגן פֿון דער דורכזיכטיקער קלאָרקייט פֿון זיין פֿילאָסאָפֿיע.

אַנדרעי האָט אַריינגענומען לופֿט אין זיין ברוסט און האָט אַלעמען באַטראַכט. דיטריכס געזיכט האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ תענוגימדיקן שמייכל: ער האָט געליטן פֿון אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז דאָס גלעזל טיי וועט צעשטערט ווערן פֿון עפּעס אַן אומאָנגענעמלעכקייט. דער פֿעלדפֿעבל האָט זיך מרה-שחורהדיק אָנגעבויגן איבער דער ציטרע. דאָס שוואַרצהנעוודיקע מיידעלע האָט מיד באַוועגט מיט די

וויעס, און איר בליק האָט גערעדט וועגן זאַכן, וואָס זיינען איינפאַ־כער און שענער, איידער די אַמפּערייען.

אַך, זיינען דאָס געווען גוטע מענטשן — דער אונטער־אָפי־ציר דיטריך, זיין פעלדפעבעל און פריילין ליסי! וואָס האָט מען זיי געקענט זאָגן, ווען יעדער באַוועגונג זייערע האָט געבעטן שווייגן? זיי האָבן דען ניט פאַרשטאַנען אַנדרעיען? גוטע מענטשן, גוטע מענטשן... אַנדרעי האָט אַרויסגעעטעמט פון ברוסט די שווע־רע לופט, וואָס ער האָט אָנגענומען אויף אַ יאָמער־געשריי, און האָט זיך אויפגעהויבן.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער שטיל געזאָגט, — איך קער זיך תיכף אום.

ער איז אַוועק דורך אַ פינסטערן קאָרידאָר, איינגעהויקערט און איינגעבויגן דעם קאָפּ. ווען עמעצער וואָלט אים דאָ באַגעגנט, וואָלט ער יענעם אויסגעוויזן, ווי אַ זקן, וואָס שלעפט נאָך זיך אַ משא פון פיליאָריקע ליידן.

ער האָט זיך ניט פאַרטראַכט איבער דעם, וואָס די טיר פון זיין צימער איז געווען איינגאַנצן אָפן. ער האָט זי אַ ביסל פאַר־מאַכט און האָט זיך געלאָזט גיין צום בעט. בעת פון דעם האַלב־פינסטערן ווינקל פון דיוואַן האָבן אים דעריאָגט די קוים פאַר־שטענדלעכע ווערטער:

— וואָס איז מיט אייך?

ער האָט זיך אומגעקערט, איז לאַנג געשטאַנען און האָט זיך איינגעקוקט אינעם ווינקל, אין דעם נעפלדיקן פלעק, וואָס איז געווען ענלעך אויף עמעצנס אַ געזיכט.

— איר זייט קראַנק? — האָט ער ווידער דערהערט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט.

— פאַרוואָס־זשע האַלט איר זיך פאַרן קאָפּ?

— איך האַלט זיך דען? — האָט ער געפרעגט און האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. און פלוצלונג האָט ער אויסגעשריען:

— דאָס זייט איר?

די שטילקייט, וואָס האָט איבערגעהאַקט דעם דאָזיקן געשריי, האָט צוגעגעבן אַנדרעיען אַן אומגעהייערע שווערקייט. ער האָט זיך נאָך מער איינגעהויקערט און, קענען זיין ווילן, האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ קורצער, ווייפולער קרעכץ. נאָר אין דעם זעלבן מאָמענט האָט די הילכיקע, כמעט ווילד־צאַרגדיקע שטימע איבער־געריסן די שטילקייט:

— יאָ, יאָ, יאָ!

און אַנדרעי האָט זיך אַ ריס געטאָן צום דיוואַן, אַנטקעגן דעם ווייסן קלייד, אַנטקעגן די דינע, אויסגעשטרעקטע הענט, אַנטקעגן דעם פּלוצלונג אויסגעלייטערטן, דייטלעכן גזיכט.

— מאַרי!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן און צונויפגעדריקט אירע הענט אַזוי שטאַרק, אַז פון ווייטאָג האָט זי פאַרזשמורעט די אויגן און, כדי ניט צו שרייען, האָט זי פאַרביסן די ליפּן.

— יאָ, יאָ, דאָס בין איך, — האָט זי געמורמלט און זיך געפּלייסט צו זעצן אים לעבן זיך, און ער האָט געקנאָטן אירע הענט אומגעשיקט און האַרט, און דורך דעם רוישן פון זיין אָטעם האָט מען ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. דערנאָך האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן דיוואַן.

— כ'האָב געמוזט קומען.

— געמוזט, אַוודאי האָט איר געמוזט, — האָט אַנדרעי נאָכ־געזאָגט, און זיינע ווערטער זיינען געווען אַזוי ווי פליענדיקע שטע־קעלעך — צעפּלאָנטערט, צעוואָרפן.

— כ'האָב געוואוסט, כ'האָב געוואַרט... אַוודאי האָט איר גע־מוזט, כ'האָב געוואַרט...

— כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט. כ'האָב ניט געקענט ניט קומען...

— ניט געקאָנט, כ'האָב געוואַרט אויף אייך... גוט, גוט...

— איר ווייסט פאַרוואָס?

— אַוודאי, אַוודאי!

— אָבער פאַרוואָס?

— כ'האָב געוואַרט יעדן טאָג

— חדשימווייז האָב איך געטראַכט וועגן דעם, אַז איך וועל קומען. איר זייט אומגליקלעך, איר האָט מיר געבראַכט אומגליק.

— איך?

— פון דאַן אָן, פון זינט מיר האָבן זיך געטראָפן, גייט מיר נאָך דאָס אומגליק אויף יעדן טראָט. כ'דאַרף בלויז אַרויסגיין פון שטוב, און שוין זע איך עפּעס, און דערנאָך האָב איך פון דעם קיין מנוחה ניט. אַזוי ווי דעמאָלט, אין פּאַרק. די דאָזיקע בלינדע האָבן מיר קיין רו ניט געגעבן. זיי האָבן זיך אַלץ געצויגן פאַרביי מיר, ווי נאָר איך פלעג פאַרמאַכן די אויגן. איר געדענקט, ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן איינע אָן די אַנדערע? ווי זיי האָבן אויסגעצויגן די הענט פאָראויס און די קעפּ — איבערהויך, איר געדענקט?

— זיי האָבן זיך אַלץ צוגעהערט צו עפּעס.

— יאָ, יאָ! און איך הער זיך אויך צו פון זינט דאַמאָלסט, גלייך איך וואָלט בלינד געוואָרן, גלייך מען וואָלט מיר פאַרביטן די אויגן, און איך קען ניט קוקן מיט זיי, מיט די פרעמדע אויגן. איר ווייסט, וואָס איך טראַכט?

מאַרי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— פרעמדע אויגן? — האָט אַנדרעי איבערגעפרעגט.

— אייערע אויגן, — האָט זי געזאָגט, און האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין אים, גלייך זי וואָלט קאָנטראָלירט איר געדאַנק.

— מיינע? ס'קען זיין.

— איך בין איבערצייגט. דאָס איז זיכער אַזוי. כ'האָב עפּעס פאַרלאָרן. פריער איז אַלץ געווען פּשוט... און גייטיק... נאָך דער באַגעגעניש אין די בערג... די איינזאַמקייט... און קיין איין מינוט רו... אויף יעדן טראָט! איצט בין איך אַרומגעפלויגן איבער דער שטאָט, איבער די גאַסן, איך ווייס ניט — וואו. אויפן וואָקזאַל האָב איך געזען, ווי מען פאָרט אַוועק אויפן פראָנט. הונדערט מאָל האָב איך באַגלייט די סאָלדאַטן און קיין איין מאָל האָב איך זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז דאָס באַגלייט איך פאַרמשפּטע צום טויט! ווען די סאָלדאַטן האָבן אויפגעהויבן די פּנים אויף די טרעפּלעך פון

די וואַגאָנעס, האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיי גייען אַרויף אויף די עשאַפאָטן.

אַנדרעי האָט שטיל געזאָגט:

— אָט איז שוין דאָס דריטע יאָר, ווי איך קוק זיך צו צו דער עקזעקוציע. יעדער סעקונדע שטאַרבן מענטשן — מיר שטייען אַלע אין דער ריי צום עשאַפאָט. און איך טראַכט אַלץ אָפטער וועגן דעם תּליון.

— דער גורל?

— די מענטשן, און ניט דער גורל.

— וואָס פאַר אַ מענטשן?

— איך מיט אייך. אַלע.

ער האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו מאַריין, האָט גענומען איר האַנט, האָט דורכגעפירט איבער איר מיט דער דלאָניע, האָט אָנגעטאַפּט די וואַרעמקייט און די גלאַטקייט פון דער הויט און האָט נאָך שטילער געזאָגט:

— מיר האָבן זיך אַליין פאַרמשפט.

— מיר?

— מען וואָלט זיך באַדאַרפט פאַרטראַכטן, ווי אַזוי מיר האָבן איינגעאָרדנט די וועלט?

מאַרי האָט זיך אַ וויג געטאָן צו אים און האָט עפּעס, מעשה־קינד, פשוט, צוטרויליך און שאַרף געפרעגט:

— ווי האָבן מיר איינגעאָרדנט די וועלט?

איצט איז געקומען די צייט צו דערפילן די פייערלעכע הבטחה, וואָס איז געגעבן געוואָרן, צו ריידן אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל מכוח בלומען. דאָס דאַרף מען טאָן, דאָס מוז מען טאָן, ניט פאַרלירנדיק אומזיסט קיין איין וואָרט, קיין איין שורה. מחמת אין דער דאָזיקער שעה איז מאַרי אַרויפגעטראָטן אויפן וועג פון דער פרוי, וואָס ליבט. און אויך מחמת דעם, וואָס אַ סך זייטלעך טיילן אונדז אָפּ פונם שילדערן די יונגע, שטענדיק אומגעריכטע און אויפ־רודערנדיקע געפילן, אָדער פונם שילדערן דעם צאַרטן טרויער,

אָדער פונם שילדערן דעם רייץ פון ווערטער, וואָס זייער זינען איז פונקט אַזוי ווייט פון זייער באַטייט, ווי מלחמה איז ווייט פון ליבע.

אַנדרעי און מאַרי האָבן גערעדט וועגן מלחמה. זיי האָבן גערעדט וועגן מלחמה, און זייערע הענט האָבן זיך צונויפגעקלאַמערט, האָבן אָנגעטאַפּט און געצערטלט די פינגער, די דלאָניעס, די האַנטווערצלען. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם, וואָס דאָס לעבן צערייבט און צעמרעט די מענטשן, און זייערע פּנימער האָבן זיך אָנגעצונדן פון דעם געהיפּערטן, אומגלייכן עטעמען. זיי האָבן גערעדט וועגן דער וועלט, וואָס איז פאַרגאָסן מיט בלוט, וועגן דעם, אַז דאָס בלוט פליַיצט איבער דער ערד אין אַן אומענדלעכן טייך, אַז צווישן די מענטשן שפּאַצירט אַרום דער טויט ביז די קנעכלעך אין בלוט, — און זייערע ליפּן האָבן זיך פון זיך אַליין אויפגעטראָפן, פייכטע, געזאַלצענע פון דעם בלוט, וואָס פליַיצט. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם סוף, וואָס וועט אַלץ צעשטערן און חרוב מאַכן — און האָבן געלייגט אַ נייעם יסוד, פון וועלכן אַלץ וועט אויף דאָס ניי אַרויסוואַקסן. זיי זיינען געווען יונג, זיי זייגען געווען שטאַרק און פון אַלץ, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, איז ביי זיי געבליבן אין זיכּרון בלויז דאָס, אַז זיי ליבן איינע די אַנדערע.

אַנדרעי האָט זיך אויפגעהויבן — אַ געשווינדטער, אַן אויסגעגלייכטער, אַן אויפגעשוידערטער, פונקט ווי נאָך אַ נאַכט אויף דער הויכער פרילינגדיקער ערד — און האָט אַ דריי געטאָן דאָס שליסל אין טיר.

אפשר איז פּאַול העניג געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז בעת מענטשן האַסן איינס־און דאָס־זעלבע, דעמאָלט קומט די ליבע.

* *
*

זיין קינגלעכע מאַיעסטעט האָט גנעדיק דערלויבט דעם איבערלייטענאַנט פאָר צור מילען־שענאַו צו טראָגן אין יעדער צייט — אַפילו אויף אינספּעקציעס און אויף פּאַראַדן — אַ וויַיד הימל. דעם איבערלייטענאַנט האָט מען דורכגעבויערט דעם שאַרבן און אַרויסגענומען דעם טייל פון דעם צעבראָקלטן שלייפבייגדל. די

אָפּעראַציע האָט מען דריי מאָל געמאַכט, דער אייבערלייטענאַנט האָט אַריבערגעטראָגן די יסורים אַזוי ווי אַ זעלנער; אַ האַלב יאָר כמעט האָט זיך זיין זינגען געגליטשט איבער דעם ראַנד פון ליכט און פינסטערניש, די דאָקטוירים זיינען געווען מייסטערס, די יוגנט איז געווען שטאַרק, און דער אייבערלייטענאַנט איז געוואָרן געזונט. פון דעם קאַרק ביז דעם רעכטן אויער איז געלאָפן אַ גלאַנציק=ראָזער שניט, אָבער דעם אייבערלייטענאַנטס געזיכט האָט געשפּילט מיט די פאַרבן פון זונענאויפגאַנג, גלייך עס וואָלט אָפּגעשפּיגלט די קאָלירן פון די סטענגעלעך, וואָס האָבן באַפּוצט דעם מונדיר. ער איז געווען דער מערקווירדיקסטער מענטש אין בישאָפסבערג, דער אויסגעצייכנטסטער נאָך דעם אייבערלייטענאַנט אַדאָלף אורבאַך, וואָס האָט באַקומען דעם אָרדן pour le mérite. נאָר יענעם האָט געגליקט: אַדאָלף אורבאַך איז דורכגעגאַנגען גאַנץ בעלגיע, איז איינער פון די ערשטע אַריין אין מאָבעזש, איז געווען אין סעדאַן, האָט זיך געשלאָגן היגטער ווערדען, און כאָטש איין ראַז זאָל ער באַקומען! פאָן שענאַו איז דערגאַנגען בשלום ביז צפון=שאַמפּאַן, האָט אַרויסגעשטויסן די פראַנצויזן פון דעם באַפעסטיקטן אָרט, און דאָ טאַקע, אין דער ערשטער שלאַכט, אין דעם ערשטן מער=ווייניקער העלדישן געראַנגל, האָט אים אַ נישטיק שטיקל קויל אַרויסגעפירט פון דער פראָנט=ליניע און באַלד נאָך דעם — שפּיטאָלן, קליניקעס, קוראָרטן, קאָנסיליומס — אַ וויכע, קריכעדיקע, גודזשענדיקע מוטנעקייט. פאַר אַן אָפיציר איז צו בזיון ביינטן, בעטוועש, קאָמפּרעסן און קליסטירן. אַן אָפיציר קאָמאַנדירט, בראָקט, גייט אַריין אין פעסטונג, רייסט אויף אַרסענאַלן, מאַכט מיליטער=אינספּעקציעס און באַקומט אָרדנס. דער אייבערלייטענאַנט אורבאַך — איז דער סאַמע מערקווירדיקער מענטש אין בישאָפסבערג, ווייל ער האָט אַן אָרדן pour le mérite. דער אייבערלייטענאַנט פאָן צור מילען שענאַו האָט בלויז צוויי אייזערנע קרייצן — פון דער ערשטער און צווייטער מדרגה. נאָר אורבאַך איז קיין איינמאָל ניט געקומען אין אורלויב, און פאָן שענאַו שפּאַצירט אַרום איבער די בישאָפסבערגער אָוונט=גאַסן, און אַלע זעען אים, — דעם פאַרוואונדעטן קאַוואַלער פון דעם אייזערנעם קרייץ פון דער ערשטער און

צווייטער מדרגה און אנדערע אָרדנס, וואָס זייערע סטענגעלעך באַפּוצן דעם מונדיר מיט די קאָלירן פון זונענאויפגאַנג.

— מיידעלעך, מיידעלעך! ער האָט זיך פאַרקערעוועט הינטערן ראָג!

— ער איז אַריין אין אַ קאַפע־הויז!

— איך לייג פאַר צו גיין קויפן קיכלעך!

— און אַז ער וועט טרינקען קאַווע?

— אַוועקזעצן זיך לעבן אַ דערבייאיקן טישעלע!

— ער האָט אַזעלכע אויגן!

— און דאָס מויל?

— אַך, דאָס מויל...

— וואָס פאַר אַ גליקלעכע!

— ווער?

— מאַרי.

— איך וואָלט אויף איר אָרט...

— ער קוקט! ער שמייכלט! לאָמיר גיין!

אין אָוונט זעט אוים די שטאָט ווי אַן אומבאַקאַנטע, אַ נעהיימע, אַ באַפּעלקערטע. די פייערן פון די מאַגאַזינען גיבן דעם מענטשן צו אויף יעדן טראָט אַן אַנדער אויסזען. אָט איז ער פינסטער און רעטעגישפול, אָט איז ער צערטלעך און אָפנהאַרציק, אָט איז ער טרויעריק, אָט — לוסטיק. אויב דו ווילסט איבערגיסן דאָס גליק אין די מוסקלען און אין די ביינער, אויב דו ווילסט אויספּרוּוון אים בחוש, אָנטאַפּן אים מיט דער דלאָניע — איז גיי אַרוים אין גאַס פונקט דעמאָלט, ווען מען צינדט אָן פייער אין די לאַמטערנעס און אין די קראָמען, לויף דורך דורך די כאַפּטעם מיידלעך, וואָס גישטערן אַרום איבער די טראָטואַרן, מייד אוים דעם דאָן־זשואַן, מיט דעם ליידיק־גייער און זשוליק, קער זיך אָפּ פון דעם פאַרנומענעם, פאַרדאַגהטן מענטשן, — און דיר וועט זיך דוכטן, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַריינגעפּרעסט ביי דיר אין הויפּן און ביי דיר איז די ברירה אויסצוטרינקען עס מיט איין אָטעם, אָדער אַרויסשפּייען עס אויפן וועג...

ווען מאַרי האָט, גנבענענדיק זיך איבער די פּראָמענאַדן, זיך אומגעקערט פון אַנדרעיען אַהיים, האָט אייבערלייטענאַנט פאָן צור מילען־שענאַו געשפּאַצירט איבער דעם ראָטהויז־פּלאַץ. ס'איז געווען געוויינלעך אָנגענעם צו הערן אַרום זיך אַ געפּליסטער, צו פילן אויף דער ברוסט די בליקן פון די פאַרבייגייער, צו ענטפערן אויף די פלינקע גערוסן פון די גימנאַזיסטן און אויף די סאַלוטירונגען פון די סאָלדאַטן, צו וויסן, אַז די מענטשן, וואָס דו געגנסט אָן, קערן זיך אום און קוקן דיר נאָך. דער מונדיר האָט לייכט און גלייך געהאָלפן טראָגן דעם צעהיצטן קערפּער, די שווערד שפּרינגט אָפּ אַלע ווײַלע פון דער עלאַסטישער דיך, און צוהאַלטן זי, די שווערד, לייכט מיט צוויי פינגער איז געווען אָנגענעם. ס'האָט אים אויסגעוויזן, ווי יעדער צענטער—צוועלפטער בליק פון די אָנגעגעגנטע אויגן האָט אים צאַרט גערופן, און ערגעץ אין די שלייפן זײַנען, גלייך ווי פון ווײַן, געשוואומען רעדער, דאָס שוואַרצע, אַזוי ווי אָנגעפאַרבטע וויעס, דאָס בלוט־רויטע, אַזוי ווי ליפּן.

ער איז אַרײַן אין אַ מאַגאַזין, וואָס אין זײַן פענסטער זײַנען געווען אויסגעשטעלט בילדער, איז געגאַנגען איבער די רייען לײַוונטן און ראַמען, האָט פרײַלעך געפינטלט מיט די אויגן אויף די רעפּלעקטאָר־פּייערן און אויף דער אַרבעט פון די היימישע קינסטלער, האָט אַ בלעטער געטאָן און געהייסן אָפּלייגן די גראַווירעם.

פון דעם מאַגאַזין איז ער ניט אַרויסגעגאַנגען, נאָר אַרויסגעפלויגן — אַ פאַרוימלטער, אַ האַסטיקער, אָנגעווייט מיט דעם ריח פון דער פריש־פּאַרפומירטער אוניפאָרם. די שווערד האָט זיך אַ שאַר געטאָן אָן טיר, האָט פאַרטשעפעט די שפּאָרע, די פיס האָבן אָנגעהויבן אַרומפאָרן, אַזוי ווי שפרינגפעדערס, איבערן אַספאַלט— און אָט געפינט ער זיך ווידער אין דער ווייכער באַרוישונג פון דער אָוונט־שעה, צווישן שמייכלען, געפּליסטערס און בליקן.

אַ בערדיקער, אײַנגעהויקערטער לאַנד־שטורמיסט, וואָס איז דערציטערט געוואָרן פאַר דעם אָפיצירישן מונדיר, וועלכער האָט בלוצלונג גענומען בלישטשען אין דעם המון, האָט אומגעלומפּערט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איר האָט דאָך מיר שיר ניט צעשלאָגן די נאָז, אַלטער תרח, — האָט פאָן שענאַו געזאָגט מיט אַ שמייכל און האָט אָפּגעשטעלט דעם סאָלדאַט, — אייך האָט מען באַדאַרפט האַלטן אין קאַזאַרמע. סאַלוטירט, ווי עס געהער צו זיין

דער לאַנדשטורמיסט האָט זיך אומגעקערט, איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט. די פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, דער בעהדייקער סאָלדאַט האָט, צושטעמפּלענדיק די זוילן צום אַספאַלט, זיך געלאָזן צום אָפיציר, האָט אויפגעהויבן דעם איילנבויגן. עמעצער האָט זיך הויך צעלאַכט.

— צוריק! — האָט פאָן שענאַו אויסגעשריען

דאָס פובליקום האָט זיך שנעל גרופּירט ביי די זייטן און האָט געבילדעט אַ קאָרידאָר, איבער וועלכן ס'האָט פריי מאַרשירט דער סאָלדאַט. מען האָט געזען בחוש, אַז ער איז געווען אַ שלעכטער סאָלדאַט, אפשר דער ערגסטער, און זיינע באַוועגונגען זיינען געווען אַזעלכע רחמנותדיקע: ער איז געגאַנגען אַזוי ווי אַ פויגל, און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף יעדן טראָט מיט דער נאָז. ס'איז געווען אַזוי ווי אין אַן אָפּערעטע.

— צוריק! — האָט פאָן שענאַו אַ קאָמאַנדעווע געטאָן און איז פלוצלונג הייזעריק געוואָרן.

די גימנאַזיסטן האָבן געכיכעט, האָבן מיט הכנעה געקוקט אויף דעם אָפיצירס געזיכט. עפּעס אַ שוואַרצהנעוודיק מיידל האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון אַנטציקונג. דער לאַנדשטורמיסט האָט צום דריטן מאָל אָפּגעבראַזגעט מיט די שטיוול און האָט נאָך עקלהאַפטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

פאָן שענאַו האָט געשטיקט עפּעס אַ וואָרט, איבער זיין קראַגן זיינען זיך אויפגעלאָפן די אָדערן, ער איז אינגאַנצן פאַרהאַרטעוועט געוואָרן פון אָנשטרענגונג.

אין דער זעלבער רגע האָט עמעצער הילכיק אויסגעשריען פון הינטן:

— אַ שאַנד!

פאָן שענאַו האָט אויפגעציטערט און פלוצלונג האָט ער דערזען זיך אַליין — דעם העלד פון שאַמפּאַן, דעם קאַוואַלער פון דעם

אייזערנעם קרייץ, דעם אָפיציר פון דער זאַקסישער אַרמיי — פאַר דער מאַסע, וואָס האָט געוואַרט אויף דעם פינאַל, וועלכער זאָל זיין ווערדיק פאַר דעם מונדיר, פאַר דעם טיטל, פאַר די אָרדנס. אין אַ מינוט אַרום וועט די גאַנצע שטאָט וויסן, ווי אַזוי עס באַגייט זיך אַן אָפיציר, ווען איבער דער שטיל געוואָרענער מאַסע בלייבט הענגען, אַזוי ווי אַ פאַטש, דאָס וואָרט — שאַנד! — די גאַנצע שטאָט! אין אַ שעה אַרום — וועלן וויסן אַלע צייטונגען, אין אַ טאָג אַרום — דאָס גאַנצע לאַנד! איצט, ניט פאַרלירנדיק קיין איין רגע, שטילערהייט, פאַר אַלעמען אין די אויגן, פאַר הונדערטער אויגן און אויערן, אַט איצט דאַרף מען באַשליסן, איצט דאַרף מען געפינען דעם אויסוועג!

פאָן שענאַו האָט אַ שפּרייז געטאָן צום לאַנדשטורמיסט, וואָס איז געשטאַנען מיט דער האַנט צוגעדריקט צום קאָפּ, און האָט אַקצענטירט אַרויסגערעדט:

— איר האָט געהערט, ווי דאָס פאָלק האָט געשטעמפּלט אייער באַצייגונג צום דינסט? ס'איז אַ גוטע לעקציע. גייט!

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט, און, פונאַנדערגעשפּאָלטן דעם המון, אַריינגעשניטן זיך אין זיין צושטימענדיק ברומען, האָט ער שנעל, אַזוי ווי אַ שפּרינגפעדער, זיך אַוועקגעגליטשט איבער דעם טראָטואַר.

ער איז געגאַנגען צו מאַרין.

ס'האָט זיך געדוכט, אַז די אָנגעפייערן זייגען טונקל געוואָרן, זיך אויסגעוועבט, אָפּגעקילט, אַז די מענטשן האָבן אויף אים — אויף דעם העלד פון שאַמפּאַן — געקוקט מיט אומצופרידנקייט, און די סאָלדאַטן האָבן סאַלוטירט אָן לוסט, אייַנגעהאַלטן. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אינסצענירט אַזאַ נאַרישע געשיכטע, און אים האָט געריצט עפּעס אַ געפיל פון באַליידיקונג. ער האָט ניט געקענט פטור ווערן פון דעם הילכיקן געשריי — אַ שאַנד! — וואָס איז פאַרבליבן אין זיינע אויערן, און ער האָט ניט געקענט פאַרגעסן יענע מינוט, ווען ער האָט יענעם געשריי אָנגענומען אויף זיין חשבון. נאַטירלעך, איז דאָס אַזוי ניט געווען און ס'האָט ניט געקאָנט זיין! מען האָט באַדאַרפט זען דאָס געזיכט פאַ

דעם מענטשן, וואָס האָט עס אויסגעשריען! וואָס איז עס געווען פאַר־
אַ מענטש? — דער דאָזיקער מענטש האָט אין עצם איבערגעלעבט
דאָס זעלבע געפיל, וואָס ער, דער אייבערלייטענאַנט: אַזאַ סאָלדאַט,
ווי דער־אָ לאַנדשטורמיסט, איז אַ שאַנד פאַר דער אַרמיי. אַ שאַנד,
אַ שאַנד! אָבער גאָט, וואָס פאַר אַ קומער עס ליגט אויף די גאַסן
פון דעם דאָזיקן שטעטעלע! און וואָס פאַר אַ גודנע, גרויע, אומ־
אָנגענעמע יוסטע באַלעבאַטים! ווען ניט מאַרי וואָלט ער דאָ קיין
איין שעה ניט פאַרבליבן. אָבער מיט איר — מיט איר איז גוט...

ער גייט אַריין אין צימער, פאַרמאַכט שטיל הינטער זיך די־
טיר, און, איינגעקוקט זיך אין דער פינסטערניש, זאָגט ער:

— איר זייט ניט פאַרנומען?

מאַרי שפרינגט אַראָפּ פון דיוואַן, מאַכט אייליק צורעכט
דאָס קלייד, שווייגט. אומקלאָרע ווערטער קייקלען זיך צו איר האַלז,
נאָר אַרויסריידן זיי האָט זי ניט קיין כוח.

— וואָס פאַר אַ נאַרישע געשיכטע! — שרייט אויס פאָן
שענגאַו און, פאַרזיכטיק טאַפּנדיק די פינסטערניש, זעצט ער זיך
צו אויפן ברעג דיוואַן. ער דערציילט וועגן דעם אומגעלומפּערטן
לאַנדשטורמיסט, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ פייגל, און וועגן דעם,
אַז די אַרמיי לאָזט זיך אָפּ, אַז די דיסציפּלין פאַלט, אַז די קרומ־
הענטיקע און קרומפיסיקע באַבערדיקטע לייט טויגן ניט אַפילו
פאַר קאַשע־קאָכערס.

— אָבער דאָס איז דאָך דייטשלאַנד! — שלאָגט אים
מאַרי איבער, און איר הוכט זיך, אַז דאָס גאַנצע מעבל איז פּלוצ־
לונג געוואָרן וואַכזאַם, זיך אויפגעשפּיצט, אָנגעשטעלט די אויערן.

— נ־יאָ... הם־ם... גאַנץ מעגלעך, אָבער איך רייד וועגן דער
אַרמיי... דאָס איז ניט גאָר אַלצאַיינס. ווען דער דאָזיקער פּוילישאַק
האָט דעמאָנסטרירט זיין מיליטערישע האַלטונג, האָט עמעצער
פון המון אויסגעשריען: — אַ שאַנד!

— אויף וועמעס אַדרעס איז דאָס געווען, אויף דעם סאָל־
דאַטס?

דער מאַרקגראַף איז אַ ביסל אויפגעשפּרונגען, האָט געוואָרפן
אַ בליק אויף דער טיר: זי איז געווען פעסט צוגעמאַכט. דעמאָלט

האָט ער צוגעפּגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און האָט אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן צימער.

— דוכט זיך, איך האָב דיך פאַרשטאַנען, אַזוי ווי דו האָסט פאַרלאַנגט. אָבער ניט שוין־זשע פאַלט דיר ניט איין, אַז איך וואָלט אויף אַן אָרט צעהאַקט דעם־יעניקן אויסוואורף, וואָס וואָלט געוואַגט אין מיין פרעזאָן צו באַליידיקן...

— אָ, אָ, געוויס! איך ספק ניט קיין איין מינוט! פאַר אַן אָפיציר איז דאָך קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ.

— ניטאָ קיין אויסוועג?.. איבעריקנס, לאָמיר עס לאָזן. דו ביסט היינט אין אַ שלעכטער שטימונג!

— יאָ.

— אַ שאָד...

ער איז צוגעגאַנגען צום דיוואַן, האָט זיך אַ צי געגעבן צו מאַריין מיט ביידע הענט. זי האָט זיך פאַררוקט אין ווינקל.

— אַ שאָד. כ'האָב דיר געוואָלט דערמאָנען, אַז מיר דאַרפן זיך צעשיידן...

— פאַרוואָס „דאַרפן”?

— מאַרי!

— אַנטשולדיק.

— די קאָמיסיע האָט מיך אָנערקענט פאַר געזונט. מען האָט מיך באַשטימט אויפן מזרח־פראָנט.

— און וואָס איז דאָ די איילעניש?

— מיט צוויי יאָר צוריק...

— אַך, מיט צוויי יאָר!.. נאָך מיט צוויי שעה צוריק האָב איך געקענט טראַכטן, אַז דאָס איז נויטווענדיק!

ער האָט פלוצלונג צוגעפּגעפּרעסט איר קאָפּ אין זיינע דלאָניעס און האָט זיך איינגעזויגן מיט די אויפגעריסענע אויגן אין איר געזיכט:

— וואָס איז מיט צוויי שעה צוריק געשען, מאַרי?

האָט מען דען אין דער פינסטערניש פון דער גאַכט, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אין די ווינקלען, געקענט זען, ווי אין מאַריס אויגן האָבן זיך איבערגעטראָגן די אָפּגלאַנצן פון צוויי באַשלוסן?

די דעמערונג האָט זיך אויפגעלייזט אין דער פינסטערניש, די ראיה האָט זיך צוגעוויינט צו איר, אָבער גוּבר זיין זי האָט זי ניט געקענט, און דער בליק האָט זיך געצויגן צום פענסטער, וואָס האָט זיך געווייסט פון די אין איין שטיק צונויפגעגאָסענע פייערן פון די טיפע גאַסן.

מאַרי האָט זיך אונטערגעגעבן דער באַוועגונג פון זיינע הענט, וואָס האָבן צונויפגעדריקט איר קאָפּ, זי האָט זיך שטיל צעלאַכט און מיט אַ שטימע, וואָס צוימט איין דעם מאַנספאַרשוין, האָט זי געזאָגט:

— נאַר. איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס איך בין אַזאַ צעדרייטע.

— איז, אַלזאָ, ווען?

— ניין, ניין. כ'האָב בלויז געענטפערט אויף דער לעצטער פראַגע.

— אָבער מען קען דאָך מיך יעדן טאָג אַוועקשיקן!

— ס'איז דען ניט אַלץ־איינס, ווי דו וועסט אַוועק, צי מיט אַ רינג, צי אָן אַ רינג?..

— פאַר מיר, מאַרי, פאַרשטייסטו, פאַר מיר איז ניט אַלץ איינס... נו?

מאַרי איז אויפגעשטאַנען. פאָן שענאָו האָט זיך אַ צי געגעבן פאָראויס און האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר, און פּלוצלונג, פאַרלירנדיק די גאַנצע גראָדקייט און דייטלעכקייט פון אַן אייבערלייטענאַנט, איז ער געבליבן הענגען אויפן ברעג דיוואַן עפּעס אַזוי ווי אַ קאַמפּע.

— נו?

— איך וויל ניט.

— מאַרי!

— אייך ברענגט אַריין אין פאַרווירונג די אומבאַשטימטקייט? אייך איז אומבאַקוועם פאַר די זייטיקע?

— איך ליב דיך.

— כ'ווייס.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, די נייע עלאַסטישע אוניפֿאָרם האָט אים אויסגעגלייכט, ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ:

— איך זע, אַז היינט קען מען מיט אייך ניט ריידן. צום ווידערזען. — שטייענדיק אין טיר האָט ער זיך אומגעקערט:

— אפשר וועט איר קומען קיין שענאַו?

— אפשר.

און אָט איז מאַרי ווידער אַליין. אירע הענט פֿליען געשווינדט אַרויף אין דער הויך, ציען זיך אויס איבערן קאָפּ, זי הייבט זיך אויף אויף די שפּיץ געזלעך פֿון די שיך — אַ דינע, אַ לייכטע, אַ ניט געהערטע, — און איר אָטעם שפּרייט זיך אויס מיט אַ רויקן שאָרך, וואָס האַרמאָניִרט מיט דער נאַכט. זי לייגט זיך. דאָס קלאַנגלאָזע מעבל, וואָס לאָזט זיך ניט אונטערשיידן אין דער פֿינסטערניש, רינגלט זי אַרום, און איר צימער ווייזט איר אויס מאָדנע ענלעך צו אַנדרעים.

דער אייבערלייטענאַנט גייט צום וואָקזאַל. ביי די זייטן טוישן זיך גאָכאַנאַנד בליקן, שמייכלען און שעפּטשעניִשן, זיין ברוסט טראָגט אַזוי ווי פֿריער די אייזערנע קרייצן פֿון דער ערשטער און צווייטער מדרגה, אָבער אים איז קאַלט, די שווערד פּלאָנטערט זיך אונטער די פֿיס, די פֿייערן אַרום זיינען טונקל און עליִד. ער נעמט אַ בילעט ביז לאַושע און זוכט אויס אַ פּוסטן וואַגאָן.

דאָס אַנטלויפֿן.

דער ציטאַדעל איז געשטאַנען שטום און אומצוטריטלעך. זיינע אַלטע שטיינער זיינען געווען הויט-בלוי, צווישן די שטיינפּלאַטן, וואָס האָבן אַרומגעצאַרטלט דעם פֿונדאַמענט מיט אַ שמאָל שטעגעלע, האָט זיך דורכגעשפּאַרט דאָס גריִנס פֿון שימל און שוואָמען: איבער די פּלאַטן האָט נאָך ניט געטראָטן קיין מענטשלעכע פֿוס.

די אַלטמאָדישע הייזעלעך האָבן צעשראָקן געגלאָצט מיט וויערע פֿענסטערלעך אויף דעם ציטאַדעל און האָבן זיך אָפּגערוקט אויף צוריק פֿון זיין דערהריקנדיקער מרה-שחורה און האָבן געבילדעט אַ רינגפֿאָרמיקע קייט. נאָר די מענטשן זיינען געווינט גע=

ווארן צו דעם ציטאדעל. קינדווייז פלעגן זיי זיך שפילן לעבן אים אין קאפ־און־אדלער, פלעגן פון דעם ארויסשטארץ פון דעם פונדאמענט קריכן איינע די אנדערע אויף די רוקנס, פלעגן איינשמירן די אלטע שטיינער פון די ווענט מיט קרייד און פארב. אין דעם ציטאדעל האבן זיך דענסטמאל געפונען די שטאטישע וואג און די היי־לאגערס, און די רויט־בלויע פעסטונג איז געווען ענלעך אויף אן אלטן בער אן ציינער, וואס האט זיך אויפגעדרייט און ווארעמט זיך אויף דער זון.

בשעת דער מלחמה האט מען פון ציטאדעל צוגענומען די וואג און ארויסגעפירט די היי, און די פענסטער אונטערן דאך האט מען אריינגעשטעלט גראטעס. ביים אריינגאנג האט מען אוועקגעשטעלט א געפאסקעוועט ביידל און — אויף צען טריט פון דעם שמאלן שטעגעלע — האט מען ארום דער פעסטונג דורכגעצויגן א שטריק. די ערשטע צייט האבן די בישאפסבערגער איינוואוינער זיך געקרימט אויף זייער שטוביקן בער, וואס האט זיך פארוואנדלט אין אן אומצוטריטלעכער, אנגעברוגזטער חיה. דערנאך האבן זיי זיך צוגעוויינט צו דעם, וואס לעבן ציטאדעל טאר מען זיך ניט אפשטעלן, וואס אלע זעקס שעה טוישט זיך אין ביידל די וואך און וואס הינטער די קראטעס אונטערן דאך זיצן פארברעכער. די פעסטונג האט מען אויפגעהערט צו באמערקן.

און אט, אין איינעם א טאג, וואס איז געווען מיד פון דער זון, אין איינעם א טאג, ווען דאס לעבן האט זיך געשלעפט, אזוי ווי די וועגענער איבער דעם זאמדיקן גרונט, — אין איינעם אזא טאג איז איבערן פלאץ געבליבן הענגען אן אויסגעצויגענער געוואי:

— א־א־א־אאו!..

די פארבייגייער האבן זיך אפגעשטעלט, האבן אומגעקערט די קעפ, האבן אויפגעהויבן די ברעמען און האבן זיך געוועטערט צו זיך צליין:

— נגא־נו! וואס קען דאס זיין?

דער געוואי איז ווידער אראפגעפאלן אויפן פלאץ, האט זיך דורכגעקאלערט, אזוי ווי א שרעקנדיקער ווינט פאר א געווימער:

— א־א־א־או!

ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די שמימע איז אַרוים פון ציטאַדעל. עפּעס אַ בירגער, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון טראָטואַר, האָט אויפגעהויבן די האַנט און האָט אויסגעשריען:

— אַן דאַרטן, אין פענסטער!

אַלע קעפּ האָבן זיך אומגעקערט צום ציטאַדעל.

— וואו? וואו?

— אונטערן דאַך!

אומדערוואַרט שנעל האָבן זיך אויפגעזאַמלט מענטשן, זיי זיינען אַרויסגעלאָפן פון די הייזער, זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער שטריק, וואָס האָט אָפּגעצאַמט די פעסטונג, האָבן זיך אויפגעדריקט אין אַ מחנה, און זיינען זיך איינציקווייז צעקראָכן, פאַרוואַרפנדיק די קעפּ, פאַרשטעלנדיק מיט די הענט די זון, ניט אָפּרייסנדיק די אויגן פון דעם פענסטער אונטערן דאַך פון ציטאַדעל.

— אַ-אַ-אַ-אַאו! אַ-אַ-אַ-אַאו!

דורך אַ צעבראָכענער שויב, דורך דעם אָוואַלן רינג פון דער גראַטע, האָט זיך אויף דרויסן אַרויסגערוקט אַ האַנט. די פינגער פון דער האַנט האָבן זיך דאָ אויסגעצויגן, דאָ צונויפגעביילט אין אַ פויסט, און אויף דער זון איז געווען קענטיק, ווי פון די וואונדן זיינען שוואַרצע שטרעמעלעך בלוט גערונען איבער דעם ווייסן קערפּער: די פויסט איז געווען צעראַצט, און דאָס בלוטיע סאָלדאַטישע מוד פון דעם אַרבל האָט זיך ווי פרענז געבאַמבלט לעבן איילנבויגן.

פון הינטער די גראַטעס האָט זיך געריסן דער ניט געשטילטער געוואַי:

— אַ-אַ-אַ-אַו!

עמעצער פון עולם האָט דערקענט די פרענז פון דער אוניפאָרם און האָט אויסגעשריען:

— אַ דייטשער סאָלדאַט!

און תיכף האָט אַן אומרויקייט אַ שווער געטאָן איבער די קעפּ, אַ שווער געטאָן און גענומען צאַפּלען מיט די פליגלען:

— אַ סאָלדאַט! אַ סאָלדאַט! אַ דייטשער סאָלדאַט!

עמעצנס אַ האַרצרײַסנדיקער געשרײַ איז כמעט װי אַ קװיטש אַרױפגעפלױגן צום דאַך פון ציטאַדעל:

— װאָס האָט דאָרטן פּאַסירט, חבר?

נאָר אַלס ענטפער האָט זיך איבער דעם פּלאַץ אויסגעשפּרייט אַלץ דער זעלבער געװאָי:

— אַ־אַ־אַ־אַו!

אַנדרעי איז געשטאַנען אַ ביסל װײַטער פון דעם המון, האָט פאַרקװעטשט די ליפּן און האָט מיטן גאַנצן קערפער זיך געריסן אַרויף, צום ציטאַדעל. אים האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס אַ שרעקלעכע קראַפט שלעפּט אָפּ דעם יאָמערנדיקן מענטשן פון פענסטער, אַז זײַן האַנט קלאַמערט זיך אָן דער לופט, אָן דער שײַן, און דאָ באַהאַלט זי זיך הינטער דער גראַטע, דאָ רוקט זי זיך װידער אַרויס אויף דרויסן. ער האָט באַטראַכט די פינגער, װאָס האָבן מיט אַ רינג נידעריקער פון דעם אָרט, װוּ די האַנט האָט זיך דורכגערוקט, פעסט געדריקט די גראַטע. גלײַך פאַר אים װאָלט זיך פונאַנדערגערוקט די װאַנט, — אַזוי דײַטלעך האָט ער געזען, װי דער פאַרשפּאַרטער סאָלדאַט איז, אויגנטערהייבנדיק זיך אויף דער רעכטער האַנט, געהאַנגען אויף דער גראַטע און מיט דער לינקער — מיט דער פרײַער — האָט ער געכאַפּט די שײַן און די לופט הינטערן װאַנט, אויף דער פרײַ. פּלוצלונג האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עפּעס מענטשן, קאַלטע און נאָענטע, העננען זיך אָן אָן דעם סאָלדאַטס פּיס און שלאָגן אים אין רוקן און פלײַסן זיך אָפּצורײַסן אים פון דער גראַטע. ער האָט זיך שיר ניט צעיאָמערט צוזאַמען מיט דעם אַרעסטאַנט איבערן גאַנצן פּלאַץ.

אין דער זעלבער צײַט האָט אַנדרעי דערהערט איבערן סאַמע אויער קורצע הילכיקע קלאַנגען:

— Bonjur, bonjur, bonjur!

אַנדרעי האָט זיך אומגעקערט. אַ האַרטער הוט האָט זיך קוים אויפגעהויבן איבער דעם צעקנייטשטן, װי אַ מאַסקע אומבאַװעגלעכן געזיכט.

— מאָסיע פּערסי!

— יאָ, מאָסיע, דאָס בין איך. מען האָט באַשלאָסן מיך באַהאַלטן אין דעם דאָזיקן זאַל.

מאָסיע פערסי האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן ציטאַדעל.

— דאָרטן איז, קאַנטיק, פרײַלער, — האָט ער צוגעגעבן און האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן אויף דער האַנט, וואָס האָט זיך געדרייט אונטערן דאַך פון פעסטונג

אַנדרעי האָט זיך אומגעקוקט. פון ביידע זייטן פון מאָסיע פערסי זײַנען פאַרשטאַרט געוואָרן צוויי יונגע סאָלדאַטן מיט ביקסן. אויפגעעפנט די מײַלער, האָבן זיי געקוקט אויפן ציטאַדעל. די פאַרווירונג פון דעם המון האָט זיי אויך אָנגעשטעקט, און, גע־פלעפטע, אַראָפּגעשלאָגענע פון וועג, האָבן זיי פאַרגעסן אָן זייער פליכט. אין איין ריי מיט מאָסיע פערסי האָט, די הענט פאַרבראָכן אויף אַהינטער, זיך געוויגט אַ מענטש אין אַ געשטריקטער קורטקע. די גרויִלעכע באַרשטיקע האָר פון די וואָנצעס און פון דער באָרד, וואָס זײַנען שוין אַ צייט ניט געווען געגאָלט און האָבן געגלאַנצט פון פעטס — האָט זײַן שמייכל געמאַכט ווייך און צאַרט. דער שמייכל האָט זיך צעגאָסן, האָט פאַרביק געמאַכט די העלע אויגן, האָט אַנטבלויזט די געלע אָפּגעשפּיצטע צייגער, און פּלוצלונג האָט אַ שטילע שטימע באַהויכט אַנדרעיס געזיכט מיט צערטלעכער װאַרעמקייט:

— איר דערמאָנט זיך ניט?

— מייסטער מייער? איר?

מייסטער מייער האָט גענומען אַנדרעיען אונטערן אָרעם און האָט אים לייכט אַ טרייסל געטאָן מיט אַ גוט ווינטשנדיקער מינע, אַזוי ווי אַ קינד:

— ניט מייסטער מייער, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, אַזוי ווי פריער, — נאָר דער שונא פון פאָטערלאַנד. וואָס קען מען טאָן? כ'האָב שטענדיק געזאָגט, אַז עס קומט פאָר אַ הזירײַ. מיך באַשולדיקט מען אין פּאָליטיק. אפשר איז דאָס, וואָס איך בין קעגן מלחמה, טאַקע פּאָליטיק? וואָס זאָגט איר?

— ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ פּאַסירט, מייסטער? ווי קומט איר אַהער?

— גאָר פּשוט. די גאַנצע געשיכטע באַשטייט אין דעם, וואָס אַרום און אַרום איז איין חזירײַ. ווי לעבט זיך אײַך, ליבער הער סטאַרצאָוו?

— זאָגט בעסער, וואָס איז מיט קורטן?

די אומרו אויף דעם פּלאַץ האָט זיך אײַנגעשטילט, גאָר דער עולם איז זיך ניט פונאַנדערגעגאַנגען. די האַנט פון דעם אַרעסטירטן איז פאַרשוואונדן, די צעבראָכענע פענסטער הינטער דער גראַטע האָט געלויערט מיט פּוסטקייט, קיין געוויינען האָט מען ניט געהערט. די קאָנוואָי-סאָלדאַטן האָבן זיך געכאַפּט, און איינער פון זיי — דער יינגסטער און דער לעבעדיקסטער — האָט אָנגעשריען אויף אַנדרעיען:

— ניט ריידן!

— וואָס האָט איר זיך אָוועקגעשטעלט? — האָט דער צווייטער געזאָגט, און האָט געשטויסן מאָסיע פּערסין אין אָרעם.

— אַדיע, — האָט יענער געענטפערט, האָט אויפגעהויבן דעם האַרטן הוט און האָט זיך געלאָזט גיין צום ציטאַדעל.

מייסטער מייער האָט באַוויזן אַ שאָקל צו טאָן צו אַנדרעיען מיטן קאָפּ און זאָגן:

— הער וואַן איז שוין אַוודאי אַ יאָר צייט אין געפאַנגענשאַפט אין רוסלאַנד.

דערנאָך האָט ער מעשה סאָלדאַט פאַרריכט די פוס און איז אַוועק פּלייצע צו פּלייצע מיט מאָסיע פּערסין. די קאָנוואָי-זעלנער האָבן באַקוועמער גענומען די ביקסן

אַנדרעי האָט געזען, ווי זיי זיינען צוגעגאַנגען צום טויער פון ציטאַדעל, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער וואַך. דאָס אויסגעשניטענע נידעריקע, לאַנגזאַם געעפנטע טירל פון טויער האָט אײַנגעשלונגען מאָסיע פּערסין, מייסטער מייערן און די סאָלדאַטן. די פּאָרטקע האָט זיך אַ לאַנגע צייט ניט פאַרמאַכט. פון איר איז אַרויס אַן אָפיציר, האָט דייטלעך דורכגעמאַרשירט איבער די שטיינערנע פּלאַטן פון דעם שטעגעלע, וואָס האָט אַרומגעצאַרטלט דעם ציטאַדעל, האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם המון, האָט מיט

אַ קופּערנעם אויסגעשריי אַ זעץ געטאָן אין אים און האָט אויפגעהויבן בשעת־מעשה די הענט אַלס צייכן, אַז ער וויל ריידן:

— איך בעט פאַנאַנדערגיין זיך! קיין שום אויסערגעוויינלעכס האָט ניט פּאַסירט. דער אַרעסטירטער איז געוואָרן גייסטיק קראַנק און מען האָט אים אַוועקגעשיקט זיין אַ הייל־אַנשטאַלט.

* *
*

מאַרים און אַנדרעיס קעפּ זיינען נידעריק אָנגעבויגן איבער דעם קיילעכיקן טיש. אויפן טיש איז אויסגעשפּרייט דער פּלאַן פון אורבאַכס ווילע און פון די שכנותדיקע גיטער. מאַרי פירט מיט אַ בלייער איבערן פּלאַן. אירע האָר לאָזן זיך אַראָפּ אין צעפּלאָנטערטע פּאַסמעס אויפן פּלאַן, און די געלע שיין פון דעם לאָמפּ, וואָס הענגט איבערן קאָפּ, שלאָגט זיך דורך דורך זיי מיט אַ טונקעלער נעץ פון פלעקן. די פלעקן וויגן זיך אויף די הענט און אויף דער באַפאַרבטער צייכענונג פון דעם פּלאַן, דער בלייער ווערט דאָ פאַרשטאַרט אויף אַ וועלכן־עס־איז פונקט, דאָ באַוועגט ער זיך איבער די געבראָכענע ליניעס.

— פון דאַנען איז דאָס אַ מינוט צוואַנציק, — זאָגט מאַרי, — און דו וועסט אַרויסקומען צום וואַלד־פּאָסט נומ׳ 7. פון אים דאַרף מען זיך נעמען לינקס, אויף מערב, מיטן וועג.

— וואַרט־צו, כ׳וועל אָנצייכענען.

אויף אַ ברעקל פּאַפּיר צייכנט אַנדרעי אָן אַ קרומע ליניע, האַקט זי איבער מיט אַ פּעמן שטריך.

— אויף מערב. ווייטער?

— אין אַ מינוט אַרום וועסטו פון דער רעכטער זייט דערזען אַ גראָבן. דאָס וועט זיין דער גרעניץ. אָבער אַריבערגיין אים טאָר מען ניט: שטענדיק זיינען דאָ פאַראַן מענטשן. דאַרפסטו גיין גלייך ביז דעם אָרט, וואו עס קרייצן זיך די וועגן, אָט־אָ־דאָ, זעסטו? דאָס איז דער גרעניץ־פּאָסטן. דאָ שטייען אונזערע סאָלדאַטן. און ווייטער — גלייך און גלייך. דער גרעניץ קערט זיך דאָ אָפּ פון וועג אויף צפון־זייט. איך האַלט, אַז אין פאַרלויף פון דריי פערטל שעה קענסטו זיך פאַרקערעווען אין וואַלד און אָט־אָ־דאָ איבער־

האקן דעם גרעניץ. איך ווייס, שטענדיק גייען דאָ אריבער די פויע־
רים. דאָס איז אַן אָפּגעלעגן אָרט, און מען דאַרף נאָר אַ ביסל פאָר־
זיכטיקער גיין.

אַנדרעי שטייט אויף און הייבט אָן גיין איבערן צימער. ווען
ער דערנעענטערט זיך צום לאָמפּ, זעט מען, ווי זיין געזיכט איז
צעקנייטשט פון דאגות.

— זאָג, מאַרי, איך בין גערעכט?

— יאָ, דו ביסט גערעכט.

— דו פאַרשטייסט, אַז מען קען נאַרנישט מאַכן?

— איך פאַרשטיי

— דאָ איז יעדער טראָט מיינער פאַרפּלאָנטערט. איך בין
קיינמאָל ניט אימשטאַנד עפּעס אָנצוהייבן. איך בין אַ פרעמדער.
און איך קען מער ליידיק ניט זיצן. איך מוז לויפן, איך מוז!

— דאָס איז דאָך שוין אָבער באַשלאָסן, אַנדרעי!

ער וואַרפט זיך צו מאַרין, דריקט זי צו זיך, קוקט איר אין
די אויגן, און פון אומצוטרוי און פון עפּעס אַ ווייטלען פּחד ווערט
זיין בליק שווער.

— מיר איז שווער זיך מיט דיר צו צעשיידן. צום ערשטן
מאָל אויף דער דאָזיקער ערד — אַ נאָענטער מענטש. מאַרי, דו
הערסט, — אַ נאָענטער מענטש! כ'האָב מורא, אַז איבערלאָזנדיק
דיך דאָ, וועסטו טראַכטן...

— שווייג!

— אָבער איך קען מער ניט אין דעם דאָזיקן ציטאַדעל! מיך
שטיקן די מענטשן, די מענטשלעכע שטימען, אַפילו די גוטס־
קייט פון די מענטשן...

— ס'איז באַשלאָסן, אַנדרעי, באַשלאָסן! שפּעטער וועלן מיר
זיך דאָך באַגעגענען.

— געוויס, געוויס.

זיי בייגן זיך אָן איבערן טיש, אַרומגענומענערהייט, און פירן
מיט די פינגער איבערן פּלאַן. דערנאָך זאָגט אַנדרעי:

— וואָס קען זיין איצטער מיט קורטן? האָט אַ סך געמוזט
אויסשטיין. מיר דוכט, אַז ער דאַרף ווערן אַן אַנדערער.

— געווים, — ענטפערט מאַזי, — ווערליג דו דערציילסט איז ער אַ וואוילער בחור.

— אַלזאָ, איז עס באַשלאָסן? — פרעגט אַנדרעי פונדאָסניי.

— באַשלאָסן...

ס'איז אַזוי גוט אויפצולעבן אין זיכרון יעדן ראָג פון די אויסגעשטודירטע וועגעלעך און שטעגעלעך, צו דערציילן וועגן די וואַכשטיבלעך, די פעלזן, די סאָסנעס פון וואַלד, וואָס אַנדרעי האָט באַגעגנט אויפן וועג.

אַ קילבלעכע אימה באַהערשט מאַרין, ווען זי רופט אָן די נעמען פון די האַלב־סטאַנציעס, וואָס ליגן אויסגעשפּרייט איבער ביימער, פון דעם גרעניץ ביז רייכענבערג. גלייך זי וואָלט פאַרטראַכט עפּעס אַ גייע קונדייסעריי מיט די פרייליכע פריינט פון דער קינדהייט, גלייך זי וואָלט זיך אונטערגענומען צו געפינען דעם פאַרבישופטן אוצר, גלייך זי וואָלט אַרויסגעגנבעט פון דעם פאָטערס קאַבינעט די פּלענער פון אורבאַכס ווילע און פון די שכנישע גימער. מיט וואָס קען מען פאַרבייטן אין לעבן די זיסקייט פון דער אויפרעגונג, וואָס עס אַנטהאַלט אין זיך דער סוד?..

נאָר אויף די טונקעלע טרעפּ, איידער מאַרי פאַרלאָזט דאָס זינגלאָזע אַלטן הויז מיט דעם צימער, וואָס איז ענלעך אויף אַ מאַגעזש, טוליעט זי זיך צו צו דער פייכטלעכער, קילער וואַנט. מען דאַרף לאָזן אויסקילן די ליפּן, אויף וועלכע עס האַלט זיך נאָך דער געשמאַק פון די קושן. מען דאַרף לאָזן באַרויקן דאָס האַרץ, אײַנשטילן זיך. מען דאַרף פאַר זיך אַליין באַשליסן אויף שטענדיק: פאַרוואָס, פאַרוואָס־עפּעס דווקא איצטער, ווען די ליבע באַווייזט זיך ערשט, איצט, ווען עס איז נאָך גיט אָפּגעטעמפּט געוואָרן איר ערשטער ווייי — דווקא איצטער דאַרף אַנדרעי אַנטלויפן?

אַרום דעם וואַלד־פּאָסטן גייען און וויגן זיך קאַמישקעס מיט דיקע קראָפּן. זייער בולבלענדיק קוואַקען האָט אַנדרעי דערהערט נאָך מיט אַ צייט פריער, איידער דאָס ברוינע וואַכשטיבל פון דעם פּאָסטן האָט זיך באַוויזן ביים ברעג פון דעם אויסגעהוילטן וואַלדפּלאַץ. וואָס ווייטער ער האָט זיך פאַרקליבן אין די בערג, אַלץ

שאַרפער איז געוואָרן זיין געהער. ער האָט נאָך פריער געקאָנט דעם וואַלד־גערויש, דעם אָן אויפהער זיך קאָלערנדיקן און צוגויפגנע־גאָסענעם גערויש. איצט האָט דער דאָזיקער גערויש זיך צעשפּלי־טערט אויף אָן אַ שיעור קלאַנגען. דאָס ברעכן זיך פון דער קאָרע, דאָס פאַלן פונם צווייג צוליב דער שווערקייט פון פויגל, וואָס האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזן, דאָס קנאַקן פון די סאָסנע־צאַפּנס, דאָס סקריפּען און קרעכצן פון די אויסגעטריקנטע אַלטע שטאַמען— עפּעס סאַמע דינע שאָרכן אַזעלכע — זיינען געוואָרן דייטלעך און הילכיק, גלייך יעדערער פון זיי וואָלט אָפּגעקלונגען אין דער טיפער פינסטערניש. דאָס געהער האָט פונאַנדערגענומען די מחיצות פון דיביימער, פון די שטיינער און פון די קוסטעס, און אַנדרעי האָט געזען דאָס, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פאַר זיינע אויגן. זיין גע־זיכט איז געווען רויק. ער האָט געשפּרייזט מיט גלייכע געמאָסטענע טריט, שווערלעך, אַזוי ווי אַ פויער, וואָס קערט זיך אום פון שטאָט אַהיים. ער האָט בלויז געטראָגן אַ לייוונטענע טאָרבע אויף די פּלייצעס און אַ שטעקן אין האַנט.

אַ מיידעלע איז, ניאַנטשענדיק אַ קינד, געשטאַנען ביים טיר פון וואַכשטיבל. זי האָט אָנגעזשמורעט די אויגן אויף דעם דורכ־גייער, האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט דעם זעלבן בליק, מיט וועלכן מען קוקט אויף אַ מענטשן און די אומבאַ־פּעלקערטע, אָפּגעלעגענע געגנטן, און האָט צורעכט געמאַכט אויף די הענט דאָס קינד, אַזוי ווי אַ פרוי

— גוט מאָרגן, — האָט זי געזאָגט.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, — האָט אַנדרעי געענטפערט און זיך פאַרקירעוועט לינקס, אויף דעם איינגעפאָרענעם גלייכן וועג.

אין אַ פערטל שעה אַרום האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ הוסטנדיקער קרעכץ פון אַ קאַטערינקע. אַנדרעי האָט זיך גנצוואָונ־גען צו שפּילן די טריט אַזוי ווי פריער, געמאָסטן און שווער. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס וואַרט אויף אים אויף דעם שיידוועג, צו וועלכן ער האָט זיך דערנענטערט, נאָר שוין וויפל נעכט, ווי ער שלאָפט איין מיטן געדאַנק, אַז בעת מען האַלט אין לויפן, דאַרף מען רויק באַגעגענען אַלץ וואָס פּאַסירט.

— מען דאַרף זיין גרייט, מען דאַרף זיין גרייט, — האָט ער פאַר זיך געחזרט און האָט מיט עקשנות איינגעטראָטן אין דער ערד די דיקע אומבייגעוודיקע זוילן.

הינטער די ביימער האָט אַ בלינצל געטאָן אַ גרויער רוקן פון אַ לאַנדשטורמיסט. דערנאָך איז אויפן פּאָן פון די שטאַמען אַרויסגעשוואומען און זיך אָפּגעצייכנט אַ מאַסיווער וואַר־סאָלדאַט מיט אַ ביקס לעבן די פיס. אַ צווייטער סאָלדאַט איז געזעסן אויף אַ גלייכן אונטערגעזעגטן פּיען און האָט אָנגעשפּאַרט דאָס געווער אָן דעם דערבייִיקן בוים.

אויף דעם שליאַך, וואָס האָט איבערגעהאַקט אַנדרעיס וועג, האָט אַ בלינדער זקן געדרייט דאָס הענטל פון אַ קאַטערינקע, אונטער אַ שוואַרצן פויגל מיט גרויסע נעגל און האַרטע פעדערן, וואָס איז געווען אָנגעשלאָגן אויף אַ סלופּ. די קאַטערינקע איז געווען געווענדט צו דייטשלאַנד, נאָר איר הילצערן פּיסל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער עסטרייכישער טעריטאָריע. דאָס איז געווען אַ רירנדיק אַרומגיין דאָס געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן צו קלייבן נדבות אין זאַקסן, דאָס איז געווען אַן אַפּעלאַציע פונם דלות צו דער אומ־ברחמנותדיקער אָרדענונג. וועלכער אָרנטלעכער און איידעלער פּאַטריאָט שמייכלט ניט פון דעם לידעלע, וואָס די האַנקבאַרע ווין האָט לייכטזיניק אָפּגעזונגען? און וואָס קען מען דערוואַרטן פון דער דאָזיקער זאָרגלאָזער ווין? אויף וויפל ווין איז ניט עובר אויף די פרעמדע געזעצן און די מנהגים, איז זי אָנגענעם און ליב.

אַנדרעי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם קאַטערינאַזש. ער האָט געקוקט אויף זיין טעמפּ גלייכגילטיק געזיכט, אויף זיין פליכוואַטן שאַרבן, וואָס האָט געברענט ווי אַ קיילעכדיקע זון, אויף די שטייף פאַרמאַכטע אויפציטערנדיקע וויעס. נאָר דעם גרענעץ־סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען מחוץ דעם זע־פּאָקוס, האָט ער פעסטער און דייטלעכער אַריינגענומען אין זיכרון, איידער דעם קאַטערינאַזש, וועלכן ער האָט שאַרף באַטראַכט. וואָס פאַר אַ געזיכט און וואָס פאַר אַ הענט דער דאָזיקער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אַ צוויי טריט פון אים, האָט געהאַט, וואָלט ער ניט גע־קענט זאָגן. אַנדרעי האָט ניט געזען ניט זיין בליק, ניט זיינע באַווע־

גונגען; נאָר ער וואָלט אים דערקאָנט צווישן טויזנטער אַנדערע, קיינמאָל ניט געזעענע סאָלדאַטן. קען מען פאַרגעסן אַ מענטשן, אין וועמעס הענט עס איז געלעגן זיין גורל?

אַנדרעי האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע דעם טייסטער, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַן אייזערנע מטבע, איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום סלופּ, האָט די מטבע אַריינגעלייגט אין היטל, וואָס איז געלעגן אויף דער קאַטערינקע, און האָט זיך אומגעקערט צוריק. ער האָט פאַרבייגייענדיק אַ קוק געטאָן אויף דעם צווייטן סאָלדאַט, וואָס איז געזעסן אויפן פיען. פריער האָט ער אויף אים ניט געקוקט, נאָר ער האָט געוואוסט, אַז דער סאָלדאַט האָט זיך ניט גערירט, כל-זמן ער האָט באַטראַכט דעם קאַטערינאַזש. ער האָט געהאַט אַ געפיל, גלייך ער וואָלט געזען מיטן רוקן.

ער האָט געזאָגט אין דער וועלט אַריין, צו קיינעם זיך ניט ווענדנדיק:

— גוט מאָרגן.

און איז אַוועק ווייטער.

אים האָט דעריאָגט אַ שווערער, מאַסיווער געהילך:

— גוט יאָר.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט געענטפערט דער סאָלדאַט, וואָס איז געזעסן אויפן פיען.

און פּלוצלונג האָט זיך אַ פרייד־יקער, הפקרדיקער און קאָמישער מאַרש גענומען פּלעסקען הינטער אים, האָט זיך אָנגעשטויסן אָן די ביימער און איז אָפּגעשפּרונגען פון די שטיינער.

ער האָט אומגעביטן דעם טראָט און, צום טאַקט פון דער מוזיק, האָט ער זיך געשווינדט און פריי געלאָזט פאָראויס.

דער ניט טיפער גראָבן, וואָס האָט זיך געצויגן אין דער לענג פון וועג, וועלכער איז געווען פאַרוואַקסן מיט מאָך און שוואַרצע יאַגדעס, האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעביגט אויף רעכטס און האָט זיך אַליין אָפּטער פאַרלאָרן אין וואַלד. דער וועג איז געגאַנגען אַראָפּ באַרג, לייכט און גלייך. ס'איז געווען שטיל און דורכזיכטיק. אין דריי פערטל שעה אַרום האָט אַנדרעי, ניט אַרומקוקנדיק זיך, פאַר=

קירעוועט אויף רעכטס, און די געדיכטע סאָסנעס האָבן אים פאַר־שטעלט.

אַנטלויפן? אַד, דאָס איז בלויז קאָמפּליצירט, געפערלעך און שרעקלעך פאַר די־יעניקע, וואָס טראַכטן וועגן דעם ביים פּולט, אָדער אין ביבליאָטעק, אָדער ביים וואַרשטאַט. די פונאַנדערגראַ־פירטע הויפט־ביכער, די סאָלידע צימערן, וואָס אין זיי איז אָנגע־גומען צו גיין אויף די שפּיץ פינגער, די רוישן און די ריחות פון דעם אַרבעטס־צימער, וואו יעדע זאַך האָט זיך איר סיבה און קומט צו איר סוף, — דאָס אַלץ באַקענט אונז מיט די פּחדימדיקע און פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונגען. די העלדן זיינען אין אונזער באַ־וואוסטזיין אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע גרוילן, וואָס אַ פּשוטער בשר־ודם איז עס ניט ביכולת צו פאַרטראָגן. אָבער, אוי־ווי, קיין שום אויסערגעוויינלעכס איז ביי די העלדן ניטאָ. דאָס זיינען — שטוב־חיות, מיט געזונטע מאָגנס, וואָס באַזיצן — ניט זעלטן — די פעיקייט אונטערצוגעבן זיך דעם געזונטן פאַרשטאַנד. מיר באַ־געגענען זיי אָפט אין דעם געמיינשאַפטלעכן לעבן און מיר שטויסן זיך ניט אָן, אַז מיר זיינען מיט זיי אַרומגערינגלט, אַזוי ווי מיט אַ באַלאַגערטער פעסטונג. און דערפאַר, וואָס מיר זיינען ניט חושד, אַז יעדער ערשטער־בעסטער איז אַ העלד, פאַרוואַנדלען זיי זיך אין אונזער געזעלשאַפט אומגעשטערט און אין אַ גרויסער צאָל. באמת, דו געדענקסט כאָטש איין געשיכטע, וואָס דו האָסט היינט געטראָפן אויפן גאַס? און צווישן זיי זיינען דאָך געווים געווען צוויי הערשטן פון רויבער־באַנדעס, פינף פאַנאַטישע פירער פון רעלי־גיעזע סעקטעס און, לכל־הפּחות, אַ טוץ דעזערטירן און אַנטרונענע. אַנטלויפן? אַד, דאָס איז אַזוי פּשוט און געוויינלעך, ווי אַ געוויינ־לעכער וואָכעדיקער טאָג.

• • •

אַנדרעי האָט געוואוסט, אַז פון דער עסטרייכישער זייט איז דער גרענ־יץ־שוץ צעזאָפּגעגומען. דער ווירט היט זיך שטענדיק פאַר דעם דינער, אָבער דער דינער — וואָס האָט ער זיך צו היטן פאַר דעם ווירט? אין דעם, וואָס זיינע אינטערעסן ווערן פאַרבויגן, איז

שולדיק די נאַטור פון די זאַכן גופא, וואָס האָט באַשאַפן האַרץ און קנעכט.

פון דעם גרעניץ, וואָס איז געבליבן הינטער אַנדרעיען, ביז דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע, איז געווען ניט מער ווי זעקס קילאָמעטער. אַנדרעיס פּלאַן איז געווען אַ פּשוטער: אַוועקפאָרן קיין פּראָג, פון דאָרטן קיין זאַלצבורג און אינסבּרוק, דערנאָך — צופוס צו דער שווייצאַרישער גרעניץ. פאַר אַזאַ מין נסיעה האָט מען בלויז באַדאַרפט האָבן איין זאַך: דרייסטקייט. פאַר די צוויי יאָר האָט זי זיך גענוג אָנגעזאַמלט ביי אַנדרעיען, און ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער באַן־סטאַנציע, האָט ער זיך שוין געשפּירט פריי.

ער האָט גענומען אַ בילעט ביז רייכנבערג. אין וואַגאָן איז געווען געדרויס, דער צוג האָט זיך געשלעפּט אָן לוסט, אַזוי ווי אַלע הינטערשמאָטישע צוגן, וואָס זיינען פאַרשלאַפּט געוואָרן פון דער אייביקער שליידערניש אויף אַ קורצן, איבעררייסיקן שטח. אין די פענסטער האָט געבלאָזן אַ מונטערער פאַרנאַכטיקער ווינט, די ווער־טער, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אַנדרעיען, האָבן געקלונגען ניי און האָבן זיך מאָדנע צונויפגעפלאָכטן מיט עפּעס היימישס, במעט לחלומ'ין אומפאַרשטענדלעכס.

און אויך די מענטשן האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען אומבאַגרייפלעך נאָענט, צוטרויעלעך און פּשוט, אַזוי נאָענט, אַז זייערע געדאַנקען האָבן דורכגעלויכטן דורך די גראַטעס פון די האַריקע ברעמען. און אַפילו די קלענסטע באַוועגונגען זייערע זיינען דורך זייער גראָבער, עפּעס אומגעלומפּערטער פּראָסטקייט געוואָרן מאָדנע קענטיק.

אָט האָט זיך אַן אַלטמאָדישער אונטערגעשאָרענער פויער צוגעזעצט צום פענסטער און האָט מיטן מיכל אויסגעווישט דעם שוים אויף זיין שטיילן ווייסן שטערן. אָט האָט זיך תמימותדיק צעגענעצט אַן אומבאַטערקבאַרער, קראַנקער זקן. אָט האָט אויפגע־פּראַלט די טיר פון קופּע־וואַגאָן און ס'איז אַריינגעקומען אַ דיקער, טרוקענער מאַנספּאַרשוין מיט אַ גלייכן און שניידיקן בליק. אין דעם דאָזיקן מאַנספאַרשוין איז געווען עפּעס אָפּנהאַרציקס און ווער־

דיקס. ער איז צוגעגאַנגען צו אַנדרעיען. ער וויל געווים זיך אַנידערזעצן לעבן אים אויפן באַנק, ער נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון זיין געזיכט און זיי שניידן מאַקע, די דאָזיקע אויגן, מען קען זאָגן, זיי זיינען שרעקלעך, זיי שטויסן אָפּ פון זיך! וואָס פאַר אַ גאווהדיקער־ און בייז־בשורהדיקער בליק! דער דאָזיקער מענטש איז פון אַן אַנדער ראַסע, פון אַנדערע ביינער, ער איז אומצוטריטלעך און גרויזאַם. ס'איז אַ סכנה, אַנדרעי, אַ סכנה! אַנדרעי איז יעדע סעקונדע גרייט אויף יעדן סורפּריז, ער וויים פריער, ווי צו באַגעגענען דעם סורפּריז, ווען ער וועט זיך מיט אים טרעפן פּנים־אל־פּנים. דאָך, נישט שווין־זשע אַזוי גיך, אַזוי אומברחמנותדיק גיך און פּשוט?

— אייערע דאָקומענטן!

— דאָקומענטן? כ'קער זיך אום אַהיים, קיין רייכנבערג. כ'בין געפאָרן ביז דער סטאַנציע...

— איר האָט ביי זיך נישט קיין שום דאָקומענטן?

— מיט זיך נישט, כ'האָב פאַרגעסן. אין רייכנבערג וועט אייך נישט שווער זיין פעסטצושטעלן...

— מיר קען בכלל קיין זאַך נישט זיין שווער. איך דערפיל אַ פליכט.

אין טיר באַווייזן זיך צוויי הויכע סאָלדאַטן. זיי זיינען מאָגער, מיט דינע פיס, פאַרצויגן מיט שמאָלינקע רימענדלעך. זייערע ליפן זיינען צונויפגעצויגן, אַזוי ווי די רימענס. דער דיקער מענטש וואַרפט מיט די אויגן פון אַנדרעיען אויפן סאָלדאַט און גייט ווייטער איבערן וואַגאָן...

— דער סוף.

נישט שווין־זשע אַזוי גיך, אַזוי אומברחמנותדיק גיך און פּשוט?

אָ, ניין! אַנדרעי איז דעם גרעניץ נישט אַריבערגעלאָפן! אַרום אים זיינען געווען די זעלבע מענטשן, פון וועמעס שטימען און פון וועמעס געלעכטער ער איז געלאָפן: אַ געדיכטע וואַנט, וואָס באַוואַשט יעדן טייל פון זיין קערפּער. ער קען אויסציען די הענט, אַ קערעווע טאָן דעם קאָפּ אָדער צופאַלן צו דער וואַנט. אָבער אויסגלייכן די פּלייצע, כדי אַן עטעם צו טאָן מיט דער גאַנצער ברוסט,— דאָס קען ער נישט. דאָס טרייבעלע, דורך וועלכן אים איז ערלויבט

געווען צו עטעמען, איז געוואָרן נאָך לענגער, די לופט ציט זיך דורך דעם טרייבעלע אַלץ לאַנגזאַמער, און די ברוסט אַרבעט מיט די לעצטע כוחות. ניין, דאָס זיינען אַלץ די זעלבע מענטשן, דאָס זעלבע לאַנד, וואו אַלץ איז אומפאַרענדערלעך און פעסט, ווי אַן אייזערנער דראָנג, וואָס איז אַריינגעגראָבן אין דער ערד און פאַרגאָסן מיט צעמענט — דייטשלאַנד!

איבעריקנס, דאַרף מען טראַכטן פּינקטלעכער און ניט אונטערגעבן זיך דעם יצר-הרע פון פאַראַלגעמיינערונגען אַפילו דאָרטן, וואו די פאַראַלגעמיינערונגען בעט זיך אַליין. ליגט זיך דען אויפן שכל, אַז אין דייטשלאַנד זאָלן פאָרקומען אַזעלכע געשעענישן, ווי די, וואָס ס'האָט ערוואַרט אַנדרעיען אויפן וואָקזאַל אין רייכנבערג?

אַנדרעיען האָט מען אַראָפּגענומען פון צוג און געבראַכט אויפן וואָקזאַל. אין דעם טומל און הו-האַ האָט מען לאַנג באַדאַרפט זוכן דעם מיליטער-קאָמענדאַנט. מען האָט בלויז געפונען זיין געהילף, וואָס האָט זיך געקליבן אין שטאָט אַריין. אַזוי ווי עס איז געווען שפּעט, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דעם פאַרהער פון דעם אַרעסטירטן אויף מאָרגן פרי. דאָס אַרעסטהויז פון וואָקזאַל איז געווען פאַרנומען מיט געפאַנגענע, ס'איז אַוועק אַ גוטע שעה אויף אָפּצוזוכן אַן אָרט פאַר דעם נייעם אַרעסטאַנט. אַן אָרט האָט מען געפונען אין דעם צאָל-פּאַקהויז, ניט ווייט פון וואָקזאַל.

דאָס איז געווען אַ קליין צימער אין אַ נידעריק הויז, מיט אַ פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ זייער שיטערן, מאָגערן סאָד.

דעם אַרעסטאַנט האָט מען פאַרשפּאַרט אויף אַ הענג-שלאָס, און דער וואַך-סאָלדאַט האָט באַקומען אַ באַפעל צו היטן דעם פענסטער פון דער זייט פון סאָד.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע און ווייכע, ווי עס טרעפט זיך נעכט אין חודש אַווגוסט, ווען עס ווערט צייטיק די תבואה און די עפּלביימער שפּאַלטן זיך פון דער שווערקייט פון די אָנגעגאָסענע פירות. אין דעם ברייטן פענסטער האָט זיך אָפּגעצייכנט דער אומבאַוועגלעכער הויקער פון דעם וואַך-זעלנער, נאָר הינטער אים האָבן זיך גערוישט די שפּיצן פון די ביימער, וואָס זיינען גע-

ווען באַלויכטן מיט דעם פייער פון סעמאַפאָר; איבער די ביימער האָבן געציטערט די טריבע שטערן: זייער גלאַנץ איז געווען פאַרנעפּלט דורך דער מאַסע רויך און שטויב, וואָס האָט זיך נאָך ניט געהאַט אויסגעלייגט אויף דער ערד.

דער וואַך=סאָלדאַט איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אומבאַוועגלעך. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן פאַרביי פענסטער אַהין און צוריק. דאָס געטומל פון וואָקזאַל איז שטיל געוואָרן, און די טריט פון דעם סאָלדאַט האָבן זיך קלאָר געהערט. ביסלעכווייז זיינען זיי געוואָרן געמאָסטענער, פלעגן ווערן שטיל און אויפהערן, ווען דער זעלנער פלעגט דערגיין ביזן סוף פון דעם מאַרשרוט, צו וועלכן ער האָט זיך געצילט, און זיי פלעגן ווידער ווערן הילכיק, ווען ער פלעגט פאַרבייגיין פאַרביי דעם פענסטער.

אַנדרעי האָט זיך צוגעהערט צו דער ראַם. זי האָט זיך אונטערגעגעבן אָן שום גערויש. מן הסתם איז דער פענסטער נאָך פריער געווען אָפּגעשפּאַרט. ער האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און האָט זיך צוגעקוקט צום סאָלדאַט. יענער איז אָפּגעגאַנגען צום ווינקל הויז, אַ טריט פופצן פון פענסטער, האָט געכאַפּט אַ קוק הינטערן ווינקל, פונוואַנען די סטאַנציע=גערוישן זיינען געקומען צו קריכן, און האָט זיך אומגעקערט צוריק. אַנדרעי האָט דעם סאָלדאַט געלאָזן פאַרבייגיין און האָט ווידער אַרויסגעקוקט אויף דרויסן. רעכטס, ביזן עק הויז, איז געווען ניט מער ווי צען טריט און צום סאָד=צו האָט זיך געצויגן אַ בייט פון נידעריקע ביימלעך.

אַנדרעי האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעהערט אין דעם סאָלדאַטס טריט. דער עיקר איז באַשטאַנען אין דעם, ניט צו שטערן די מעטאָדישקייט פון זיינע באַוועגונגען. דאַן האָט מען זיך באַדאַרפט באַנוצן מיט דער קורצער צייט, ווען דער סאָלדאַט קוקט אויפן וואָקזאַל. מער איז קיין זאַך ניט געווען וואָס פאָראויסצוזען. אַ צופעליקייט האָט געקענט גלייכצייטיק אי ראַטעווען, אי אומברענגען.

זי האָט אָבער געראַטעוועט. ווען דער סאָלדאַט איז אָפּגעגאַנגען אַ טריט פינף צו דעם ווייטן עק פון דעם מאַרשרוט, האָט אַנדרעי געעפנט דעם פענסטער. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן פענסטער=ברעט, האָט שטיל אַראָפּגעפויזעט אויפן בויך און איז

געבליבן הענגען אויף די הענט. מען האָט באַדאַרפט אויסרעכענען דעם מאָמענט פון שפרונג, וואָס האָט באַדאַרפט פונקט צונויפפאַלן מיט די לעצטע טריט פון דעם וואַד־סאָלדאַט. דער שפרונג איז געוועזן ניט קיין שווערער, ביז דער ערד איז געבליבן ניט מער ווי אַ מעטער. און פלוצלונג האָט אַ שאַרפער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, ערגעץ גאָר נאָענט לעבן פענסטער, זיך אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעטראָגן אין דער נאַכט אַריין.

אַנדרעי האָט אָפּגעלאָזן די הענט, איז צוגעפאַלן צו דער ערד און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער פינסטערער געדיכטעניש פון די קוסטעס. זייער ברעג איז געוועזן זייער שאַרף, דער וווּטאָג פון דעם צעקלאַפּן זיך און צעדראַצן זיך — איז געוועזן האַרט, אָבער נאָר אַייזן וואָלט געקענט אָפּשטעלן דאָס לויפן.

דער פייף האָט נאָך אַלץ פאַרהילכט דעם אַרום — אַ פייף, וואָס האָט געפלעפט און דערדריקט, אַזוי ווי אַן אוראַגאַן. און ווען זיינע עכאָס האָבן זיך געהאַט צעלייגט איבער די אומזעעוודיקע באַהעלטענישן פון דער נאַכט, איז אַנדרעי שוין געוועזן אויף אַן אומגעהייער גרויסן פוסטן פלאַץ, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט אין דעם באַן־אָנשיט. ער איז אַריבערגעלאָפן דעם פלאַץ און איז געשווינדט אַוועק מיט דער באַנליניע.

* * *

נאָמירלעד, איז דאָס געוועזן אַן אַנדער לאַנד, — וואו אַנדרעי איז אַריינגעפאַלן — אַ לאַנד פון תמימותדיקע מענטשן, אומגעלומפּערטע, נאָענטע, כמעט היימישע...

אָבער לויפן איבער דעם דאָזיקן לאַנד איז געוועזן ניט ווייניקער פשוט און אומזיכער, איידער איבער יעדעס אַנדער לאַנד. און דאָס אַנטלויפן בכלל — איז עס דען אַזוי פשוט, אַזוי אומזיכער און אַזוי לייכט? אַנטלויפן אַנטלויפט אַ העלד, און העלדן זיינען אַזוי ווייניק דאָ אויף דער וועלט. און נאָך אַלעמען, צי דען טרעפט מען אָפט אויפן גאַס אַ הערשט פון אַ באַנדע גזלנים, אָדער אַ פאַנאַטישן פירער פון אַ רעליגיעזער סעקטע, אָדער אַפילו זייער אַ שלעכטן דעזערטיר אָדער אַ בורח?

לויפן איז גוט איבער באַקאַנטע וועגן. די אומבאַקאַנטע — זיינען שווער און האַרב.

אַנדרעי האָט בלויז געוואוסט איין וועג אין דעם דאָזיקן לאַנד — דעם וועג, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער. און ער איז געלאָפן איבער אים. צוריק, צו דער גרעניץ.

* * *

אין שול האָט מען דעם אייבערלייטענאַנט פאָן צור מילען־שענאַו צוגעוויינט צו פירן אַ טאָגבוך. און יעדן טאָג איז ער געוויינט געווען צו פאַרנאָטירן עטלעכע ווערטער אין זיינע העפטן, וועלכע ער פלעגט אויפלייגן אין אַ זייעלכל אין שאַפע, וואו עס האָבן זיך געהיט די אָפיציעלע כתבים און די געשענקטע דאָקומענטן און דער פאַרגרינטער פאָליאַנט — די „העראַלדיקע" און דער „יחוס־בוים פון די הערשערישע מאַרקגראַפן פאָן צור מילען שענאַו".

דאָס נייע העפט האָט דער אייבערלייטענאַנט געעפנט מיט אַזאַ פאַרצייכעניש:

איך געזעגן זיך ווידער מיט די פענאַטן. איינם עבר איז געלעגן צו אומבאַזיגבאַרע קראַפט. איך הער זיך צו צו דעם שווייגן פון די זאַכן. דאָס דאָזיקע שווייגן איז פאַר מיר פאַרשטענדלעכער פון דעם קאָמאַנדירס באַפעל. איך בין זיכער, אַז איך וועל שטאַרבן ניט באַלד. מיר איז באַשערט צו פאַרענדיקן מיט זיך דעם שטאַם. ער מוז זיך אויסלעשן. איך בין זיין לעצט געוועב, וואָס איז פאַרמשפּט אויף אומקום. מען וועט מיך אַרומפירן מיטן פאָטעל, מען וועט מיך דאַרפן קאָרמען, אַרומוואַשן, ביז וואַנען איך וועל ניט צעפאַלן. די נאַטור האָט בכיוון געהאָלפן מיין זיידן רייך ווערן. דער שטאַם, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען גרויס אין צאָל, איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף ביסלעכווייזער אויסשטאַרבונג. דעם זיידנס עשירות וועט מיר געבן די מעגלעכקייט צו פוילן לעבעדיקערהייט. איך בין רייך בונקט אויף אַזוי פיל, אַז מיין איינזאַמען טויט זאָל קיין זאַך ניט קענען שטערן; אַז איך זאָל שטאַרבן צווישן די

רוינען, אין דעם שווייגן פון דער פאַרגאַנגענהייט, אזוי ווי אַ סימבאָל. דאָס איז שוין פון פריער אָנגעחתמעט פאַר דעם שטאַם. די שטערבלעכע וואונד, וואָס איך האָב באַקומען אין שאַמפּאַן, און וואָס איז שטערבלעך פאַר יעדן מענטשן — האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר מיר בלויז אַלס שווערע. נאָר ס'קלעקט, אַז פון דער דאָזיקער וואונד זאָל איך צום סוף פון מיין לעבן ווערן אַן אידיאָט. איך וועל זיין אַ אידיאָט, איך וועל זיין אַן פּיס, אַ העסלעכער, מען וועט מיך אַרומפירן אין אַ פאָטעל. אַזוי פאָדערט די נאַטור פון די זאַכן. די אייביקע נאַטור, וואָס האָט אויסגעבאָוועט מיין שטאַם, וועט צוזען זיין סוף.

די טעג גיי איך ווידער אַוועק אויפן פראָנט. דאָס באַוואוסטזיין, אַז אויף מיין טויט וועלן קוקן די היימישע ווענט, פילט מיך אָן מיט שרעקלאָזיקייט. איך בין זיכער, אַז די מלחמה שטעלט אין סכנה מיין לעבן. נאָר די דאָזיקע זיכערקייט איז פיינלעך אומעטיק.

היינט, שפּעט ביינאַכט, בעת איך האָב געשפּאַצירט אין פּאַרק, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מענטשן, וואָס האָט געזוכט דעם וועג. אַז ער האָט מיך באַמערקט, האָט ער זיך געפּרוּווט באַהאַלטן הינטער דיביימער, נאָר איך האָב אים דעריאָגט. דאָס פּנים איז ביי אים געווען אויסגעמאַטערט, משמעות, אַז שוין עטלעכע טעג, ווי ער לויפט. כ'האָב ביי אים געפאָדערט, ער זאָל זאָגן ווי ער הייסט. האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ געפאַנגענער און מער וועט ער קיין זאַך ניט זאָגן. האָב איך אים פאַרשפּאַרט אין דער קברים-הייל. זאָל ער קומען צו זיך. אינדערפרי וועל איך מאַכן דעם פאַרהער. געוויס אַ רעכטער העכט.

* *
*

אַנדרעי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער קעלט, גלייך מען וואָלט אים פּלוצלונג אָפּגעטונקט אין אַ פּאָלאָנקע. ער האָט איבער-געוואַלד אַרויסגעשלעפּט די הענט פון אונטערן קאָפּ. ער איז אינגאַנצן

געווען צוזאַמענגעשרומפּן, ווי אַ פרישע קאָרע, וואָס איז נאָר־וואָס אָפּגעשונדן פון בוים. פון דעם מאָמענט אָן, ווען מען האָט אים אַראָפּגלאָזט אין הייל אויף די גלייכע שטיינערנע פּלאַטן, איז ער איינגעשלאָפן, אַזוי ווי אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אָנגעטאַפּט די פּלאַטן. זיי האָבן זיך אַוועקגעצויגן אין דער פינסטערניש, ווי אַ גלאַטע אייבערפלאַך. ער האָט אַוועקגעפויזעט אָן אַ זייט, און האָט דאָ אויסגעשפּרייט די הענט פאָראויס, דאָ אויפגעהויבן זיי איבערן קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן. זיינע הענט האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטיין. די גראָדווינקלדיקע שטיינפּלאַטן, מיט וועלכע ס'איז געווען אויסגעלייגט די דיל, זיינען געבליבן הענגען אין דער הויך ווי אַ משופּעדיקער געוועלב.

אַנדרעי האָט געמאַכט עטלעכע שאַרפע באַוועגונגען מיט די הענט, כּדי צו דערוואַרעמען זיך.

הינטער אים האָט זיך דערהערט אַן אומפאַרשטענדלעך געמורמל. ער האָט זיך אויפגעהערט צו באַוועגן און האָט זיך איינגעהערט. דאָס געמורמל האָט זיך דערנעענטערט גלייכמעסיק, אַזוי ווי פעלזנשטיקער וואָלטן זיך ווייט געקאָלערט. פּלוצלונג האָט דאָס געמורמל אויפגעהערט און איז אָפּגעשטאָרבן אין דער פינסטער אין טויבע עכאָס. די שווערע אָפּגעריסענע טריט, וואָס האָבן פאַרביטן דעם געמורמל, זיינען שטיל געוואָרן ערגעץ נאָענט לעבן אַנדרעיען. דערנאָך האָט אַ בראַזגנע געטאָן דאָס פאַרראָסטע אייזן, דער שלאָס האָט אַ קלונג געטאָן אַזוי ווי אַן אַלטער זייגער, און אַ בליץ־ענלעכע שיין האָט אַ שניט געטאָן אַנדרעיען אין די אויגן. דורך דער נייער רויש־כוואַליע, וואָס אַ גידעריקע שטימע האָט אויפגעהויבן, האָט אַנדרעי דערהערט די ווערטער:

— ביטע, מיין הער.

ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ הויכן טרעפּל און האָט מיט מי איינגעבויגן די פאַרגליווערטע גלידער. אַ יונגער סאָלדאַט, אַן אָפיציר־דינער לויטן אויסזען, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל ביז די איילנבויגנס און אין ווייכע טופליעס, האָט דורכגעפירט אַנדרעיען דורך אַ לאַנגע ריי קאָרידאָרן און טרעפּ אין שטילע, טונקעלע

זאַלן, וואָס זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט געווער, מיט בילדער און מיט רימערישער אויסשטאַטונג. דערנאָך האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ נידעריקער טיר און האָט הויך געפרעגט:

— איר הייסט אַריינגיין?

אַנדרעי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ גערוימען צימער, פאַר אַ שרייב-טיש, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט רעמלעך און מיט אַ באַרג צאַצקעס. אַרום זיינען געהאַנגען בילדער, אַזוי ווי אין די מוזעאומס, אין דריי-פיר רייען, אויף אייזערנע שטעקעלעך, וואָס זיינען געווען דורכגעצויגן דורך די שוואַרצע ווענט.

דער אייבערלייטענאַנט איז געזעסן ביים טיש, איינגעפּאַסט אין אַן עלאַסטישער אוניפאָרם, מיטן פּנים צו דער טיר.

— דו קענסט גיין, — האָט ער געזאָגט דעם דינער.

דערנאָך האָט ער מיט אָפענע ליכטיקע אויגן באַקוקט אַנ-דרעיען.

— איצט האָט איר אָפּגערוט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל — ווערט איר אפשר דערציילן וועגן זיך אויספירלעכער?

אַנדרעי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— איך מיין, — האָט דער אייבערלייטענאַנט ווייטער גע-זאָגט, — אַז די גאַסטפריינדלעכקייט, וואָס דאָס דאָזיקע הויז האָט אייך אַרויסגעוויזן, פאַרפליכטעט אייך צו אַ געוויסער ליבנסווערדי-קייט.

— די גאַסטפריינדלעכקייט פון דעם הויז ? — האָט אַנדרעי אויסגעשריען. — איר האָט, מן-הסתם, געוואָלט זאָגן די גאַסט-פריינדלעכקייט פון קעלער?

— איך דאַרף מיר אַנטשולדיקן פאַר דעם דאָזיקן קליינעם שפּיצל. ער איז געקומען פון דעם פאַרלאַנג צו פאַרלענגערן און, אַזוי צו זאָגן, צו פאַרפעסטיקן אייער זיין דאָ.

— איך וואָלט נים געוואָלט שטערן אייך מיט מיין אָנוועזנ-הייט, — האָט אַנדרעי געענטפערט און האָט געקוקט מיט אַ דורכ-דרינגלעכן בליק אויף דעם אייבערלייטענאַנט. מען האָט באַדאַרפט צווינגען אים אומצובייטן דעם טאָן. אַנדערש וואָלט מען נים גע-קענט פאַרשטיין זיינע כוונות.

— אַגב, האָב איך ניט, וואָס צו באַאומרויִקן זיך, — האָט אַנדרעי געזאָגט און האָט אומגעקערט דעם קאָפּ צום וואַנט, — גאַסטפריינדלעכקייט געהערט בלויז צו די אייגנשאַפטן פון די ווילדע מענטשן. איך וואָלט ביי אייך ניט געקאָנט אָפּנעמען קיין צייט, אַפילו ווען איך וואָלט געוואָלט.

דער אייבערלייטענאַנט האָט אַ פּיר געטאָן מיט די ברעמען און האָט פאַרקוועטשט די שטענדיק אַ ביסל אָפענע ליפּן. נאָר תיכּף האָט דער פריערדיקער שמייכל אויסגעגלייכט זיין געזיכט. ער האָט זיך געשפּירט פריש און געזונט. דער טאָג איז געווען ניט קיין וואָלקנדיקער, די זון האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן איבער די ביימער און האָט ווייך געוואַרעמט דורך דעם אָפענעם פענסטער. דאָס ספּירט־מאַשינדל האָט געפּאָרשקעט אַ ביסל ווייטער פון דעם אייבערלייטענאַנט, אויף דעם קיילעכיקן טיש.

— כאַ, איך האָב נאָך פון אָוונט באַמערקט, אַז איר זייט דורכגעזאַפּט מיט פאָלעמישן גיפט. משמעות, צוליב דעם דורכפאַל פון דער אונטערנעמונג? איר דאַרפט אָבער אויספירלעכער דערציילן וועגן זיך, טאַקע צוליב אייערע אינטערעסן.

— אויס נייגעריקייט פרעגט איר דאָס, — האָט אַנדרעי געזאָגט, — אַלץ איינס וועט זיך קיין זאַך ניט ענדערן: אַנטשיידן מיין גורל וועט עמעצער אַן אַנדערער.

— אָט אין דעם ליגט די גאַנצע זאַך, — האָט דער אייבערלייטענאַנט אויסגעשריען, גלייך ער וואָלט זיך דערפרייט, וואָס דער געשפּרעך איז אַריבער אויפן רעכטן עיקר. — ווער וועט אַנטשיידן אייער גורל, אָט אין דעם ליגט די גאַנצע זאַך. הייסט עס, אַז איך פרעג ביי אייך וועגן דער עצם זאַך, און ניט אויס נייגעריקייט... וואָס באַקוקט איר דאָרטן?

— אַ בילד, — האָט אַנדרעי געזאָגט.

— פון מיר הענגט אָפּ, ווי אַזוי אייער גורל זאָל באַשלאָסן ווערן, — האָט דער אייבערלייטענאַנט קאַלט אַרויסגערעדט.

— אויף וואָס פאַר אַן אופן?

— אויף וואָס פאַר אַן אופן? — האָט דער אייבערלייטענאַנט דראָעריש איבערגעפרעגט און האָט איינדרינגלעך אָנגעהויבן פונאַנ־

דערצוציען די ווערטער: — איך קען אייך איבערגעבן צו דער מאַכט, אַלס אַנטלאָפענער קריגס־געפאַנגענער אָדער אַלס שפּיאָן. איר זעט מיר אויס צו זיין אַ מענטש נישט קיין נאַיווער. אַ בורח און אַ שפּיאָן — זיינען נישט קיין גלייכע פּאָר, נישט אמת? דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, קען איך אייך איבערגעבן צו דער מיליטערישער אָדער דער ציווילער מאַכט. איר שפּירט דעם אונטערשייד? וואָס באַקוקט איר עס דאָרטן אַלץ?

— איך קאָן דאָס דאַזיקע בילד.

— איר קענט נישט קענען דאָס דאָזיקע בילד! — האָט דער אייבערלייטענאַנט אויסגעשריען, — איך בעט אייך קוקן אויף מיר, בשעת איך רייד מיט אייך.

אַנדרעי האָט געוואָרפן אויף אים מיט די אויגן:

— איך קאָן דעם מאָלער.

— איר קענט נישט קענען — נישט דאָס דאָזיקע בילד, נישט דעם מאָלער! — האָט דער אייבערלייטענאַנט געגומען שרייען און האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער דלאָניע אין טיש. — איך זאָג אייך דורך־און־דורך! איר וועט זיך פון מיר נישט אַרויסדרייען! אייער מאַנעווער איז נישט קיין גלונגענער: בלויז איך אַליין קאָן דעם דאָזיקן מאָלער! בלויז איך אַליין!

— זיין נאָמען איז קורט וואַן, — האָט אַנדרעי שטיל געזאָגט.

דער אייבערלייטענאַנט איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש צו אַנדרעיען.

— קורט האָט געאַרבעט אויף דעם בילד פאַר דער מלחמה. איך רעכן, אַז ער האָט אים נישט פאַרענדיקט.

— איר קענט זיך מיט קורט וואַנען? — האָט דער אייבערלייטענאַנט געפרעגט, און זיינע ליפּן האָבן זיך געעפנט, אַזוי ווי ביי אַ קינד.

— איך פלעג וואָכנלאַנג אָפּליגן ביי אים אין בוידעם־שטיבל. מיר זיינען געווען פריינד.

דער אייבערלייטענאַנט האָט זיך אויסגעגלייכט פון פאַרוואונדערונג.

— זעצט אײַך, ביטע, — האָט ער געזאָגט, האָט אָנגעװיזן אויף דעם הויכן שטול און האָט זיך געזעצט אויף זײַן אָרט.

— קורץ האָט זיך געקליבן אַװעקצושענקען דאָס דאָזיקע בילד דעם ניורנבערגער מאַגיסטראַט. װי אַזוי איז עס אַרײַנגעפֿאַלן צו אײַך?

דער אײבערלײטענאַנט האָט אַ װײַלע געשװיגן און האָט געקוקט אויפֿן בילד.

— מאָדנע, — האָט אַנדרעי געזאָגט, — דאָס איז שוין דער צװײטער פֿאַל, װאָס דערמאָנט מיך אָן קורטן, נאָך דעם, װי איך האָב װעגן אים שוין צװײ יאָר צײַט גאָרנישט ניט געהערט.

— איר װײסט, װאָס מיט אים איז געװאָרן?

— ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, אין רוסלאַנד. דער אײבערלײטענאַנט האָט זיך אױפֿגעשטעלט און האָט גע־מאַכט צװײ ברײטע טריט צום פֿענסטער. דערנאָך האָט ער, ניט אומקערנדיק זיך, שטיל געפֿרעגט:

— און איר — זײַט אַ רוסישער?

— יאָ.

— איר זײַט געװען פֿרײַנד, — האָט דער אײבערלײטענאַנט געזאָגט, טראַכטנדיק װעגן עפּעס, — און אײַך האָט דער גורל צע־טײלט. דאָס איז טרויעריק. מיר אַכטן די פֿרײַנדשאַפֿט. אין אײַך איז דאָס דאָזיקע געפֿיל אַנטװיקלט. און אויך דאָס געפֿיל פֿון טרויער.

ער האָט זיך אומגעקערט, האָט אַ קוק געטאָן אויף אַנדרעיען, אויף קורטס בילד, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אומגעריכט פֿאָרגעלײגט מיט אַ ליבלעכן טאָן:

— איר װילט אַ טעצל קאַװע? איך בין געװען זײער ניט ליבנסװערדיק דערמיט, װאָס איך האָב פֿאַרגעסן צו פֿרעגן אײַך, צי איר זײַט זאַט. איר האָט זײער אַ מיד אויסזען. איר לױפֿט שוין געװיס אַ צײַט?

— איך בין זאַט, — האָט סטאַרצאָװ געזאָגט און האָט זיך אָראָפּגעלאָזן אויפֿן שטול, — נאָר כ'האָב שוין לאַנג ניט געטרונ־

קען און קאווע וועט מיך דערוואַרעמען. איך קען זיך ביז איצט ניט אַנוואַרעמען.

דער אייבערלייטענאַנט האָט אָנגעגאָסן אַ טעצל קאַווע, צו וועלכן ער האָט זיך נאָך ניט צוגערירט, און האָט פאָרגעלייגט:

— נעמט קעז.

„ביטע, קעקס, ביטע", — האָט זיך אַנדרעי דערמאָנט אָן דימריכן, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן און שטענדיק געשמייכלט. ער האָט אַ גרויסן זופּ געטאָן פון די קאַווע און האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, שפּירנדיק בשעת מעשה, ווי דער הייסער געטראַנק צעגיסט זיך איבערן לייב און ברענט אויס זיין וועג ביז וויטאָג.

דער אייבערלייטענאַנט האָט אַרומגעשפּאַצירט פון פענסטער צום וואַנט און האָט גערעדט:

— איך האַלט וואַגען פאַר אַ גרויסן טאַלענט. ער איז עקשנותדיק, איינגעשפּאַרט און אומברחמנותדיק צו זיך. יעדעס נייע בילד זיינס — איז אַ טראָט פאָראויס. כ'האָב באַשלאָסן אויפצוזאַמלען זיי און דערגאָך מיט אַ מאָל באַווייזן דייטשלאַנד דעם נייעם דייטשן קינסטלער. דאָס איז אמת, אַז אויף אים האָבן צופיל געווירקט די פראַנצויזן.

— אַ גוטע ווירקונג, — האָט אַנדרעי צוגעגעבן.

— די דייטשן דעמאָראַליזירט זי, — האָט דער אייבערלייטענאַנט געזאָגט. — אונז איז איינגעשאָפּטלעך בלויז די טעמע. דאָס זעט מען פון אונזער ליטעראַטור, און דאָס זעלבע זעט מען אויך פון אונזער אינדוסטריע. מיר באַאַרבעטן בלויז דעם געדאַנק. די פראַנצויזן גיבן זיך אָפּ מיט דער פאָרם. דאָס איז די נאַטור פון די גאַלן. זיי קענען מאַנעווורירן. זיי קענען אָבער ניט אָרגאַניזירן קיין אָנגהיף און קענען אפילו ניט אָפּטרעטן. זייערע רעוואָלוציעס זיינען געוואָרן קלאַסישע. אָבער וואָס איז געוואָרן פון פראַנקרייך אין רעזולטאַט פון די קלאַסישע רעוואָלוציעס? אַ רעכטלאָזע אָליגאַרכיע. די רעוואָלוציע פון די פראַנצויזן — איז אַ מאַנעווער, אַ מאַניער. ביי די פראַנצויזן קען זיין אַ סעזאַן, אָבער קיינמאָל ניט — קיין בעקלין?

— בעקלין? — האָט אַנדרעי אויסגעשריען און האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, — בעקלין? דאָס איז דאָך עקלהאַפט!

— איך בין מסכּים, אַז ער איז — אַ שלעכטער קינסטלער. איך רייד וועגן אים, ווי וועגן אַזאַ, וואָס דריקט אויס אַמבעסטן די טעמע. קיינער שטעלט ניט אַוועק פאַר דעם צושויער דעם געדאַנק, אַזוי ווי ער.

— קלינגער מאַכט עס נאָך בעסער, — האָט אַנדרעי געזאָגט, — און דאָך שטערט דאָס אים ניט צו זיין נאָך טאַלאַנטלאָזער פאַר בעקלינען?

— דערפאַר מאַכט די זעלבע פעיקייט פון לענבאַכן אַ זשעני, — האָט דער לייטענאַנט אויסגעשריען.

ער האָט גערעדט און האָט דערביי קורץ זשעסטיקולירט מיט איין האַנט, און האָט פונאַנדערגעשפּילט דעם הויכן קראַגן פון דער טוזשורקע, כּדי צו קענען באַקוועמער אָפּקערעווען דעם קאָפּ פון די בילדער צו אַנדרעיען.

— איך בין טיף איבערצייגט אין דעם דאָזיקן גרונט־אונטערשייד פון די נאַציאָנאַלע כאַראַקטערן. דעריבער זאָג איך, אַז די פראַנצויזן קענען שאָדן קורט וואַגנען, און ניט העלפן אים. פאַר זיין טעמע דאַרף ער געפינען זיינע מעטאָדן, און ניט נעמען זיי ביי די פראַנצויזן. ער האָט זיין אייגענעם וועג. אָט גיט אַ קוק אויף דער דאָזיקער וואַנט — דאָס איז זיין אַרבעט.

דער אייבערלייטענאַנט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די בילדער, האָט געכאַפּט דעם פּאָלירטן טייטל, האָט, אַזוי ווי אין שול, גענומען דערקלערן קורט וואַגנס מאַניער צו מאָלן און איז דערביי אַריבערגעגאַנגען פון איין לייוונט צום צווייטן. ער האָט געצוואונגען אַנדרעיען צוצוגיין נאָענט צו די בילדער און האָט אים פאַרן אַרבל געפירט איבערן צימער, כּדי צו אילוסטרירן פאַר אים אָנשוילעד, דורך אַ מוסטער־בילד, אַ וועלכן ס'איז געדאַנק זיינעם.

דערנאָך איז ער געזעסן אַ ביסל מיד און פאַרטראַכט, האָט אויסגעצויגן די הענט איבערן טיש און האָט זיי באַקוקט מיט אַ לאַנגזאַמען בליק.

— קורט וואַגנס האָט מיר ניט פאַרשטאַנען, — האָט ער טרויעריק געזאָגט, — אים האָט זיך געדוכט, אַז איך שטער זיין רום. ער איז געווען זיכער, אַז זיינע בילדער ווערן אומזיסט אין אומ=

גישט פאַרפאַלן אין עפּעס אַ דערפל. איך האָב אים געשריבן, אַז מען טאָר דעם עולם ניט רייצן מיט דעם אָפּטן באַווייזן זיך. יעדער אַרויסטריט פון אַ קינסטלער דאַרף קומען אומגעריכט. ער האָט ניט געגלויבט אין מיין אָפּנהאַרציקייט. דאָס איז פאַטאַל.

דער אייבערלייטענאַנט האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

— פאַטאַל, — האָט ער שטילער אַרויסגערעדט, — ווייל זיין אומצופרוי צו מיר איז געווען אינסטינקטיוו. מיר האָבן פאַר־שיידענע בלוטן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַנדרעיען מיט אַ פאַרשוינדיקן בליק.

— איר זייט זיינער אַ פריינד. הייסט עס, אַז איר גלויבט מיר אויך ניט.

אַנדרעי האָט געוואָלט עפּעס אַ מורמל טאָן, נאָר דער אייבער־לייטענאַנט האָט אַ פיר געטאָן מיטן קאָפּ און האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— מיר זיינען דאָס ניט בכוח. איך בין טייל מאָל מקנא אַזעלכע מענטשן, ווי וואַן, אָדער, אפשר, ווי איר, זיי קאָנען קיינעם ניט, אויסער זייער פאָטער. זיי זיינען איינזאַמע. זיי מוזן זיין, ווייזט אויס, זייער לייכט. זיי באַשליסן שטענדיק פאַר זיך אַליין, בלויז פאַר זיך אַליין. און פאַר אַזעלכע, ווי איך, האָבן שוין לאַנג באַ־שלאָסן די זיידעס, די עלטער־זיידעס, די געשיכטע.

דער אייבערלייטענאַנט האָט אָפּגעווישט די הענט, גלייך ער וואָלט זיי געהאַט געוואַשן.

— מען דאַרף מאַכן אַ סוף, — האָט ער אָנגעהויבן, — איך קען פאַרלייכטערן אייער גורל. איר האָט ניט ביי זיך קיין דאָקו־מענטן?

אַנדרעי האָט אַרויסגענומען פון בוזעמקעשענע אַ געל פּאַ־פּיר, צעגויפגעלייגט אין פירען. דאָס איז געווען דאָס איינציקע פּאַ־פּיר, וואָס ער האָט גענומען מיט זיך. דער אייבערלייטענאַנט האָט אים אויסגעשפּרייט.

שטאַדטראַט פון בישאָפסבערג.

צייגעניש.

דעם 23סטן אווגוסט 1916, דעם רוסישן בירגער, הער אַנדרעי סטאַרצאָוו, געב׳ 17 – XI – 1890, איז ערלויבט צו מאַכן אַ שפּאַציר אויפן לאַנשע.

שטאַדטראַט

פּאָליציי=פּרעזידיום.

— איר קענט זיך ניט באַקלאָגן אויף האַרצלאָזער באַציִונג צו אייך, — האָט דער אייבערלייטענאַנט געזאָגט מיט אַ שמייכל, — פאַרוואָס=זשע האָט זיך אייער שפּאַציר אַזוי פאַרצויגן? וואו זייט איר געווען גאַנצע דריי טעג? איר האָט געפּרווט אַנטלויפן?

דער אייבערלייטענאַנט האָט זיך צעלאַכט:

— אַהיים, דורך עסטרייך? כאַ=כאַ! איך וועל זיין אין רוסלאַנד פריִער פאַר אייך: אינגיכן שיקט מען מיך אַוועק אויפן פראָנט.

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן אָנלען פון שטול און האָט באַטראַכט אַנדרעיען.

— אויב איר ווילט, קען איך אייך אַרויסהעלפן? — האָט ער געזאָגט און האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

אַנדרעי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט די לעצטע שעה מיט מאַרין אינעם צימער, וואָס האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין דער ווייבער, קלאַנגלאָזער פינסטערניש. אויף אַזאַ=אָ שעה, ווען קיין זאַך אויסער באַרירונגען עקסיסטירט ניט און די גאַנצע וועלט ליגט אין דער מענטשלעכער וואַרעמקייט — אויף אַזאַ שעה האָט ער געוואַרט דאָס גאַנצע לעבן. און איצט ווידער זיין ערגעץ נאָענט לעבן מאַרין — און ניט זען זי, ניט צורירן זיך צו איר געזיכט?

— העלפט מיר, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטעריקער שטימע, — אויב ס׳איז מעגלעך. איך שעם זיך פאַר דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן מעשה=יינגל.

— נו, פאַרוואָס, — האָט זיך דער אייבערלייטענאַנט צולאַכט, — אַזאַ שוואונג איז העלדיש! ער האָט גענומען די פעדער און האָט מיט שאַרפע בוכשטאַבן אָנגעצייכנט אויפן פּאַפּיר אַ גראַטע פון ווערטער:

איך באשטעטיק, אז דעם רוסישן אונטערטאַן, הער אַנדרעי סטאַרצאָוו, האָט מען געפונען אין אַ באַוואוסט־לאָזן צושטאַנד לעבן דעם שלאָס צוה מילען־שטנאָו און מחמת זיין שוואַכן געזונט, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן ביי מיר אין משך פון דריי טעג, און צוליב דעם האָט ער זיך ניט געמעלדעט צו דער געהעריקער מאַכט.

איבערלייטענאַנט

פאָן צור מילען־שטענאָו.

דאָס פּאַפּיר האָט ער איבערגעגעבן אַנדרעיען און, בעתן געזעגענען זיך, האָט ער אים צוגעהאַלטן אַ ביסל פּאַר דער האַנט:

— אין עצם, איז מיין חוב באַשטאַנען אין איבערגעבן אייך צו דער מאַכט. איך האָב אויף דעם חוב עובר געווען. איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט, אַז אַ דייטש דערפילט ניט דעם חוב? צום ווי־דערזען.

ער האָט אָנגעקלונגען און האָט געהייסן דעם דינער:

— באַגלייט דעם הער סטאַרצאָוו ביז דעם וועג, וואָס פירט צו דער סטאַנציע.

* * *

אין טאָג פון זיין אָפּפאָר האָט דער איבערלייטענאַנט פאַר־שריבן:

נעכטן איז מאַרי אומגעריכט געקומען צו פאָרן. איך בין געווען איבעררראַשט פון איר לעבנסלוסטיקייט און האָב דאָס אַרויסגעזאָגט. זי האָט מיר ניט אויפגעהערט צו דאַנקען פאַר עפּעס, אַפילו נאָך דעם, ווי איך האָב איר געמאָלדן, אַז איך פאָר אַוועק. כ'האָב טאַקע ניט פאַרשטאַ־נען, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. מיר האָבן געשפּאַצירט איבערן פּאַרק, און זי האָט ווידער, אַזוי ווי אַמאָל, אַ סך געערדט וועגן אונזער צוקונפט. מיר איז אַ שאָד געווען זי אָפּצולאָזן, נאָר זי האָט זיך געאיילט און איז אַוועקגע־פאָרן מיטן צוג, וואָס גייט אויף צוריק. היינט האָב איך זיך געזעגנט מיט די בילדער און האָב געהאָלפן אָנטאָן אויף זיי די איבערציִערס.

* * *

אָרעמער אײבערלײטענאַנט! ער האָט פאַרהאַנגען זײַנע בילדער און האָט ניט געוואוסט, צי זײ װעלן לאַנג בלײַבן הענגען אונטער די איבערציערס. ער האָט געקוקט אין מאַרים אויגן, וואָס האָבן זיך איבערגעגאָסן מיט פרײד, און האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי דאַנקט אים.

— וואָס מאַקע, ווען מען דערציילט אים, ווי מאַרי האָט זיך אָפּגערופן אויף אַנדערעס געשיכטע וועגן דעם אָפיציר, וואָס האָט אַזוי פאַרגיכערט זײער זעונג?

— צור מילען שענאַו? — האָט מאַרי איבערגעפרעגט אַנדרעיען, — יאָ, געהערט. דאָס איז אונזער שכן. — אָבער איך בין מיט אים ניט באַקאַנט...

וואָס, אויב מען זאָל אים איבערגעבן די דאָזיקע ווערטער?

ניט שוין־זשע וואָלט אויך דעמאָלט אונזער ראָמאַן געמוזט בײַקומען די אָפּגרונטיקע גריבער פון אָפּווייכונגען און די פאַראומערטע, מדבריות־לאַנגע באַשרייבונגען מכּוח דער מלחמה?

דאָס קאַפּיטל וועגן ניין הונדערט זיבעצנטן.

וועגן וועמען האָט געטראַכט גענעראַל=פעלדמאַרשאַל פאָן=הינדענבורג?

דאָס דאָזיקע הויז איז געווען גליקלעך.

עס האָט ניט געקענט ניט זיין גליקלעך. זיינע פענסטער האָבן געברענט אויף דער זון מיט אַזאַ פייער, גלייך אין זיי וואָלטן געווען אַריינגעשטעלט ניט קיין שויבן, נאָר פילקאַנטיקע קרישטאָלן. דאָס הויז איז געווען מעסיק גרוי, ווייל עס איז געווען אָפּגעגאָסן מיט צעמענט; מעסיק ראָז, ווייל צו דעם צעמענט איז געווען צוגעמישט פאַרב=פּראָשעק; מעסיק=ווייס, ווייל די אַרויסשטאַרצן און די מאָדעלירונג פון פאַסאַד זיינען געווען זייער ריין אָפּגעטינקעוועט.

דאָס דאָזיקע הויז מיט די הונדערטער ברענענדיקע אויגן, מיט דער טיר, וואָס איז געווען שווער, אַזוי ווי די טויערן פון אַ טעמפּל, דאָס דאָזיקע הויז, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ גלאַטער שאָלעכץ פון ציגל=רויטע דאַכלעווקעס — דאָס דאָזיקע הויז איז געווען מעסיק אָנגענעם.

יעדער מיטלמעסיק אָנגענעם הויז איז, נאַטירלעך, גליקלעך. פּונקט ווי אַ מענטש, וואָס שטייט אויף זיין אָרט, מיט אַ האַלזטוך, מיט מאַנזשעטן, מיט אויסגעפּרעסטע הויזן, מיט אין אָרדענונג געבראַכטע האָר אויפן קאָפּ, אין גענוגטע שיך און מיט אַ שמייכל אויפן געזיכט צו דער רעכטער צייט. אַזאַ מענטש איז אָנגענעם. אַזאַ מענטש איז גליקלעך.

אַזוי אויך דאָס דאָזיקע הויז.

געשטאַנען איז עס אויף יענעם אָרט, וואו עס האָט זיך אָנ=

געהויבן די ביסמאַרק־אַלייע. פּונקט אויף יענעם אָרט, וואו דער שטאַדראַט האָט אים אַוועקגעשטעלט און וואו דער איינציקער יידישער ראַטמאַן אין גאַנץ דייטשלאַנד, דער הער אָטאָ־מאָזעס מילך, האָט געווינטשט צו זען זיין פּאַסאַד, אויף יענעם אָרט, וואָס פאַרביי אים פלעגן אַלע זונטאָג האַלב פינף אַ זייגער בייטאָג פאַרביי־גיין די סאַמע פאָרנעמע בישאָפסבערגער בירגער, ווען זיי פלעגן גיין אין דעם שיינעם פאַרק פון די זיבן סאַזשלקעס.

די סאַמע פאָרנעמע בירגער פלעגן פאַרבייגיין פאַרביי דעם מיטלמעסיק אָנגענעמען הויז, און יעדן זונטאָג האַלב פינף בייטאָג פלעגן זיי אויפהייבן די אויגן צו דער ציגל־רויטער שאָלעכץ פון די דאַכלעווקעס, פון וואַנען עס פלעגן אַרויסקוקן די מיטלמעסיק־גרויסע בוכשטאַבן:

שטאָטיקע
כירורגישע קליניק
אויפן נאָמען
פונם שטאָט־ראָטמאַן
אָטאָ־מאָזעס מילך.

און דעמאָלט פלעגן די יוסטע בירגער, אין די וויזיט־רעק און מיט די שטייף צונויפגעלייגטע שירעמס, אין די האַרטע היט און אין די העלע וועסטן, געמען ריידן וועגן דעם, אַז פון דער וועלט־מלחמה וועט אַלס ווען זיגער אַרויסגיין בלויז דער, וואָס וועט פאַרמאָגן שטאַרקערע נערוון, ווי גענעראַל פעלדמאַרשאַל פאָן הינדענבורג האָט ריכטיק געזאָגט.

— אָבער ערלויבט הער אַסיסטענט, מיר האָבן זיך פאַר־רעדט און מיר גייען אויף דעם וועג, וואָס ס'איז באַשטימט בלויז פאַר וועלאָסיפּעדן!

— אַך, יאָ, הער הויפראַט, איר זייט פולקום גערעכט.

און זיי פלעגן זיך אומקערן צוריק און פלעגן זיך פאַרקערע־ווען אויף דעם וועג, וואָס איז באַשטימט פאַר פוסגייער. די ביס־מאַרק־אַלייע האָט זיך געטיילט אויף דריי אָפּצווייגונגען, און אין

אָנהייב פון יעדער אָפּצווייגונג זיינען אויף פּעסטע זיילן געהאָנגענע שילדן:

בלויז פאַר וועלאָסיפּעדן

בלויז פאַר פוסגייער

בלויז אויף צום רייטן

דאָס איז אויסגעקומען פּונקט אין דעם אָנהייב אַלייע אַנט־קעגן דעם שטעגעלע, וואָס איז געווען אויסגעלייגט מיט דראָבנע שטיינדעלעך און איז געלאָפן, אַזוי ווי אַ פייל, פּונקט צו דעם פראָנט־אַריינגאַנג פון דער כירורגישער קליניק. און די געזעלשאַפט פון די דריי פּעסטע זיילן האָבן געמיילט די ניט ווייניקער פעסטע אייזערנע שטאַנגען מיט די דייטלעך אָנגעצייכנטע שילדער:

ס'איז פאַרבאָטן אָנצושמוצן מיט פּאַפּיר און מיט שאָלעכץ פון פרוכט

הינט מעג מען פירן נאָר אויף אַ קייט

ס'איז פאַרווערט די ניאַנקעס מיט די קינדער צו זיצן אויף די בענק

מ'טאָר ניט ברעכן קיין צווייגן, מ'טאָר ניט אַרונטערשלאָגן קיין בלעטער

מ׳טאָר ניט צעגראָבן די שטעגעלעך
מיט שירעמס און מיט שטעקנס!

וועלאָסיפּעדיסטן! מיט אַ גיכקייט
ניט מער פון 12 קילאָמעטער.

רייטער! פאָרן בלויז טריטווייז און
מיט אַ פּאַמעלעכן לויף.

און דערנאָך—נאָך עטלעכע דראָבנע געשריבענע מעלדונגען: מיט פּאַראַגראַפן, מיט פּונקטן, מיט פּעטן שריפט און מיט קורסיוו. אונטער זיי — די אונטערשריפטן פון די שטאָדטראַטן, פון דעם פּאָליציי=פּרעזידיום און פון דעם פאַראיין צו באַשיצן געוויקסן.

די יוסטע בירגער אין די וויזיט=רעק מיט די שטייף צוגעפּ=גענליגטע שירעמס זיינען געגאַנגען איבער דער ליניע פון דער אַלייע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר פוסגייער, און האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז פון דער וועלט=מלחמה וועט בלויז אַלס זיגער אַרויס דער, ווער עס וועט פאַרמאָגן שטאַרקערע נערוון.

פיר רייען לינדנביימער, גלייכע און קיילעכדיקע, אַזוי ווי איבערגעקערטע קאַווע=טעצעלעך, האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין דעם בלויעכן פאַרק פון די זיבן סאַזשלקעס. ביז די זייטן פון דער אַלייע האָבן זיך אויף אַ היפּשן מרחק איינגעגראָבן אין דער ערד די קובן פון די שטיינערנע באַוואוינטע בנינים. דאָס הויז, באַגאָסן מיט צעמענט, האָט מעסיק=אָנגענעם געשיינט מיט דעם פּילקאַנטיקן קרישטאָל פון זיינע פענסטער. די יוסטע בירגער זיינען געגאַנגען איבערן פוסגייער=וועג, דער פּאָלק=אַדיוטאַנט האָט דורכגעפלאַטערט אין גאַלאָפּ איבער דעם ווייכן שטעגעלע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר רייטער; איבער דעם ברוקירטן וועג, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר וועלאָסיפּעדיסטן, איז מיט אַ שנעלקייט פון 12 קילאָ=

מעטעך אַ שעה דורכגעפֿאָרן דער עלטסטער אָרדינאַטאָר פֿון דער
שטאָטישער כירורגישער הייל=אַנשטאַלט אויפֿן נאָמען פֿון אָטמאָ=
מאָזעם מילך.

פֿאָראויס פֿאַר די בירגער, וואָס גייען הערן דעם אָונט=קאָנ=
צערט פֿון דער מיליטערישער קאַפּעליע, שפּרייזן זייערע ווייבער מיט
פּעקעלעך און מיט טאָרבעלעך אין די הענט. אין די פּעקעלעך און
די טאָרבעלעך — ליגן קוכנס און ביסקוויט, וואָס מען וועט עסן
בעת דעם קאַווע=טרינקען, ביי דער באַגלייטונג פֿון שומאַנס און
מאָצאַרטס מוזיק.

אַזוי איז געווען מיט אַ יאָר צוריק, אַזוי איז געווען מיט דריי
יאָר צוריק, אַזוי איז געווען מיט צען יאָר צוריק, און, זיכער, אַזוי
אויך — מיט פֿערציק יאָר צוריק, ווען מען האָט לכּבֿוד דעם פֿירשט
ביסמאַרק פֿאַרפֿלאַנצט די פֿיר רייען לינדנביימער.

די וועלט איז פֿעסט, די וועלט איז שטאַרק, און דער אַלטער
אַרכימעדעס מיט זיין הייב=שטאַנג, מיט וועלכן מען קען איבערקערן
די גאַנצע ערד, איז געווען אַ גרויסער ליגנער.

וועגן ווּעמען האָט געטראַכט דער גענעראַל=פֿעלדמאַרשאַל
פֿאָן הינדענבורג, ווען ער האָט געזאָגט וועגן די נערוון?

די יוסטע בירגער אין די וויזיט=רעק מיט די שטייף צוגעפּ=
געדרייטע שירעמס דערמאָנען זיך תּיכּף, ווי זיי גייען אַרויף אויף
דער ביסמאַרק=אַלייע, די צען כּללים, אָן וועלכע זיי האָבן פּרייווי=
ליק און באַוואוסטזיניק געמאַכט אָפּהענגיק זייער זיין אויף דער
דאָזיקער אַלייע. און אויב עמעצער פֿאַרגעסט אַ וועלכן=ס'איז כּלל, —
דערמאָנט אים וועגן דעם אַ צווייטער.

ניט צעגראָבן די שטעגעלעך מיט שירעמס און מיט שטעקנס!

— איך פֿאַרשטיי, הער פּאָסט=סעקרעטאַר, אַז אין רוסלאַנד —
איז אַ רעוואָלוציע, אָבער ווי קען מען עס דערלאָזן, אַז מען זאָל מי=
ניסטאַרן אַריינזעצן אין טורמע?

ווען וועמען האָט געטראַכט דער גענעראַל־פעלדמאַרשאַל פאָן הינדענבורג?

די וועלט איז פעסט, די וועלט איז שטאַרק, די וועלט איז אין דער בעסטער אָרדענונג.

אָבער פאַראויס פאַר די בירגער שפרייזן זייערע ווייבער. אין די פעקעלעך און אין די טאַרבעלעך האָבן זיי מיט פיר יאָר צוריק נאָך געטראָגן פוטער־ברויטן מיט וועסטפאַלער וואורשט, מאַנדל־טשאַסטעס מיט קרעם און מיט זייער דינע סאַליאַמי, וואָס איינער אַן איטאַליענישער אָריגינאַל האָט אָנגערופן איטאַליעניש. נאָך מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען געקענט הערן מאָצאַרטן, פאַרמרינ־קען דערביי מיט זיסע קאַווע און פאַרבייסן מיט קרוכלען שטרייזל־קוכן. און סך־הכל מיט איין יאָר, מיט איין יאָר צוריק האָט מען די גוטע פאַרציע ברויט געקענט פיין באַשמירן מיט אמתן פרוכט־מאַרמעלאַד!

נאָר וועגן דעם קען מען בלויז ריידן מיט אַלטע פריינד. און ריידן שטיל, זייער שטיל, אַז אַפילו די מאַגען זאָלן ניט הערן, קיינער זאָל ניט הערן, קיינער ניט! אָט אַזוי, שעפּטשענדיק:

— פרוי אייזענבאַך, איר האָט געהערט?

— וואָס, פרוי בוש?

— ער האָט זיך צעבליט...

— גענומען בליען?

— יאָ.

— ווען?

— כ'האָב זיך נעכטן דערוואוסט.

— דאָס איז — זיכער?

— יאָ, פרוי בוש.

— מען זאָגט, אַז ער האָט פינף און פערציק יאָר ניט געבליט. וועגן דעם רעדט די גאַנצע שטאָט. איר ווייסט זיין געשיכטע? ער איז אַלט איבער פיר הונדערט יאָר. דעמאָלט האָט געלעבט אין אַנאַ־בערג אַן אַלטער מאַן מיט אַ זון. דער זון איז געווען אַן אויסגעלאַ־סענער. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז

נימאָ קיין גאָט. האָט דער פּאָטער באַשלאָסן צו דערווייזן אים, אַז ס'איז יאָ דאָ אַ גאָט. האָבן זיי זיך געאַמפּערט גאַנצע צוויי יאָר. ענדלעך, האָט דער פּאָטער געזאָגט: אָט וועל איך נעמען אַ יונג ליגדנבוים און וועל אים פאַרפלאַנצן מיט די וואָרצלען אין דער הייך; אויב ער וועט זיך צונעמען — איז אַ סימן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט. ער האָט אַזוי געטאָן און דער ליגדנבוים האָט זיך צוגענו־מען און איז געוואַקסן מיט די וואָרצלען אין דער הייך אַלץ העכער און העכער און איז געוואָרן אַזוי הייך, אַז ער האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן אַנאַבערגער אַלטן בית־עלמין. דאָס לעצטע מאָל האָט ער געבליט אין 71סטן יאָר.

— *ש־ש־ש...*

— הייסט עס, גיד?

— פרוי אייזענבאָק, וואָס פאַר אַ פריזור טראָגט איר?

— נאַטירלעך, גאָר אַ גלאַטע.

— הייסט עס — ס'איז טאַקע ריכטיק?

— *ש־ש־ש...* גיט לאַנג בין איך געווען אין טעאַטער און האָב אַראָפּגעקוקט אונטן: כמעט אַלע פרויען זיינען געווען אַזוי פריזירט.

— כ'האָב אויך געזען אין קלויסטער.

— אָבער אַז אַלע, אַז אַלע ביז איינע, אין גאַנץ דייטשלאַנד!

— ערשט דעמאָלט, פרוי אייזענבאָק?

— ערשט דעמאָלט, פרוי בוש און — פאַרגעסט ניט — גאָר גלאַט און אינמיטן אַ *שרינט*.

אַזוי גייען אַלעז זונטאָג, האַלב פינף נאָך מיטאָג, די ווייבער פון די יוסטע בירגער, פאַראויס פאַר זייערע מאַנען, צו דעם פּאַרק פון די זיבן סאַזשלקעס.

אפשר ווייסן ניט די בירגער אַלץ, וואָס עס ווייסן זייערע ווייבער?

אָבער ניין, די וועלט איז שטאַרק, די וועלט איז פעסט, און דער אַלטער אַרכימעדעס — איז געווען אַ לץ.

גיט נאָר אַ קוק, גיט נאָר אַ קוק, בירגער, ווי מעסיק־אָנגעגעסן עס שטייט דאָס מיט צעמענט באַגאָסענע הויז!

דאָס דאָזיקע הויז איז גליקלעך, עס קען ניט זיין — ניט גליקלעך, עס קען ניט, עס האָט קיין רעכט ניט, עס׳ וואָגט ניט צו צעשמייכלען די כּלים, וואָס זיינען איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינגע־שטעלט געוואָרן פאַר אים דורך דעם מיניסטער פון פאָלקס־געזונט, דורך דעם שטאָדראַט, דורך דעם עלטסטן דאָקטאָר און דורך די אַנדערע געזעצלעכע געהעריקע מאַכטן.

עס וואָגט ניט.

עס וואָגט ניט.

איבעריקנס, רויק. וועגן וועמען האָט גענעראַל־פעלדמאַרשאַל געטראַכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז אַלס זיגער פון דער וועלט־מלחמה וועט אַרויס דער, וואָס וועט פאַרמאָגן שטאַרקע נערוון?

פאָראויס פאַר די בירגער שפּרייזן זייערע ווייבער. וועגן וואָס ריידן זיי?

— ט־ש־ש!

* * *

אַ יונגע קראַנקענוועכטערין האָט געשריבן אַ בריוו. אירע הענט האָבן געציטערט, זי האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג פון דעם, וואָס זי טוט, זי האָט ניט געזען, וואָס זי שרייבט, זי האָט זיך אויפגעקאָרטשעט פון דעם געשריי, וואָס איז געהאַנגען אין דער פּאַלאַטע, און מיט דער לינקער האַנט האָט זי געכאַפּט, אָפּגע־האַקט און מיט שרעק, לייכט געפּאַטשט איבער דער צעגליטער באַק פון דעם פאַרוואונדעטן, און האָט בשעת מעשה מורא געהאַט אויפ־הייבן אויף אים די אויגן.

און אָנגעשריבן האָט זי, אַז דעם פאַרוואונדעטנס פרוי זאָל קומען זיך זען מיט אים, און חוץ דעם — אויך די שטאָט, אין וועל־כער דער פאַרוואונדעטער איז געלעגן, און דעם נאָמען פון קליניק, און דעם נומער פון דער אָפּטיילונג. דאָס אַלץ האָט די קראַנקענוועכ־טערין געטאָן, כּדי ניט צו הערן דעם געשריי, דען זי פלעגט משוגע ווערן פון דעם געשריי, פלעגט פאַרגעסן די פּאַראַגראַפן, די פּונקטן, דעם פעטן שריפט און דעם קורסיוו פון די אינסטרוקציעס, פון די תּקנות, פון די דערקלערונגען און באַפעלן.

און דאָס ווייב איז געקומען.

איז געקומען אין אָוונט און איז דורכגעגאַנגען דורך דער טיר, וואו ס'איז געווען אָנגעשלאָגן אַ דיימלעד אָנגעשריבן ברע־מעלע —

פאַר זייטיקע איז דער אריינגאַנג פאַרבאָטן

איז דורכגעגאַנגען עפּעס טרעפּ אַזעלכע — פינסטערע, ליכטיקע און האַלבטונקעלע — און האָט זיך געפונען אין דעם צימער פון דער דיזשור־שוועסטער. און אַזוי ווי די שוועסטער האָט אויסגעפירט דעם פּאַראַגראַף, וועלכער האָט געפאָדערט די אָפּוועזנהייט פון דער פרוי אין דעם דיזשור־צימער, איז די פרוי אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר.

דאָ האָט איר אַ בלענד געטאָן די שיין פון די אויסגעשייערטע בעטאָנענע דילן, די אויסגעווייסטע ווענט און די אָן אַ שיעור שויבן, וואָס האָבן געברענט אַזוי ווי אַ פילקאַנטיק געשליפענער קרישטאָל. איר איז געווען לייכטער צו קוקן איבערן גאַנצן קאָרידאָר, דורכן פענסטער, וואָס האָט אַנטפּלעקט דעם הימל און די שפּיצן פון די ליגדנבוימער. און זי האָט געקוקט אַהין און האָט ניט געזען, ווער ס'האָט איר געוויזן דעם וועג אין דער אָפּטיילונג, וואו איר מאַן איז געלעגן. איר האָט זיך בלויז געדוכט, אַז אַ מענטשלעכע האַנט האָט זיך אויפגעהויבן צו באַווייזן איר דעם וועג און געגעבן אַ קלונג אויף אַ קלאַפּ, אַזוי ווי אַן אַווטאָמאַט, אין וועלכן מען האָט אַראָפּגעלאָזט אַ קליינע מטבע. און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איבערן קאָרידאָר אין יענער זייט, וואו די האַנט האָט איר געוויזן.

זי האָט באַגעגנט סאַניטאַרן מיט טראָגבעטלעך. הינטער זיי זיינען שנעל געגאַנגען מענטשן, אַלע אין ווייסן, וואָס זיינען צע־שמאָלצן געוואָרן אין דער שיין פון דעם בעטאָן, פון די ווענט און פון סופיט.

דער פרוי האָט זיך געדוכט, אַז תחילת האָט מען הויך אַרויס־גערעדט, און דערנאָך האָט מען אויסגעשריען:

— וואוהין?

— וואוהין?

און דערנאָך, דוכט זיך, אויך:

— העי, צוריק!

נאָך זי איז שוין געווען פאַרשוואונדן הינטער דער טיר, וואָס זי האָט געזוכט, און די מענטשן אין ווייסן, צעגאַנגענע אין דער שיין פון בעטאָן, פון די ווענט און פון סופיט, זיינען געלאָפן ווייטער, נאָך די טראָגבעטלעך.

דאָס איז געווען די ערשטע פרוי, וואָס האָט פאַר דער צייט פון דער מלחמה באַקומען אַ זונג מיט איר מאַן אין דעם מיטל־מעסיק־אָנגענעמען הויז, וואָס האָט גיט געקענט ניט זיין גליקלעך.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַריינגאַנג.

די פּאַלאַטע איז געווען ניט קיין גרויסע. צוויי בעטן זיינען געשטאַנען ביי די ווענט, רעכטס און לינקס. דער פענסטער צווישן זיי האָט געשיינט האָפּערדיק און גיי, און הינטער אים, ווייט פאָר־אויס, האָט זיך געקלאָרט דער הימל — וואָס איז געווען טריבער און אומעטיקער פון דעם פענסטער, איז געווען באַצויגן מיט וואָלקנס, וואָס זיינען געווען טונקעלער פאַר די אויסגעווייסטע ווענט.

פון אונטער דער קאָלדרע פון דער לינקער בעט האָט אַרויס־געקוקט אַ געשפּרענקלט, גרין־געל געזיכט אָן אַ באָרד, ענלעך צו אַ מעלאָנע. די אויגן זיינען ביי אים געווען פאַרמאַכט. און דאָס דינע פאַרבלאָזע ווינקעלע פון ברעם האָט אַרומגעטאַנצט אַרויף און אַראָפּ איבערן שטערן.

אויפן קישן פון דער רעכטער בעט האָט זיך געשוואַרצט דער קיילעכדיקער קאָרק. ער איז געווען אומבאַוועגלעך.

די פרוי האָט אויסגעשריען:

— אַלבערט!

דעמאָלט האָט דאָס געזיכט, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ מע־לאָנע, געגעבן אַ צוק, האָט געעפנט די אויגן, האָט גענומען שנעל און אָנגעשטרענגט באַוועגן מיט די ברעמען, גלייך עס וואָלט אָפּגע־

טרייסלט פון זיך א זלידנע פליג. דערנאָך האָט עס א שאָקל געטאָן מיט די ליפּן, וואָס זיינען געווען שערסטקע, ווי א רויפּע:

— ער הערט ניט, ער איז טויב. און אָפּוואַרטנדיק, האָט עס מיט א זיפץ, פול מיט עגמת־נפש, אַרויסגערעדט:

— ווי איז לויט אייער מיינונג?... אין מויל דיר...

נאָר די פרוי האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם קיילע־ביקן קאַרק און האָט ווידער אויסגעשריען:

— אַלבערט!

איר קערפּער האָט זיך א וויג געטאָן פאָראויס, און די פיס זיינען, ווי צוגעשרויפטע צום בעטאָן, געבליבן אויף אַן אָרט, און א רגע האָט זי זיך אַזוי געהאַלטן אַן אָנגעבויגענע, אַזוי ווי א שטייף פאַרבונדענער מענטש, וועלכן מען האָט א שטויס געטאָן. נאָר תיכּף האָבן זיך אָפּגעריסן די פיס און זיך אוועקגעגליטשט איבערן בעטאָן, פאָראויס, נאָך דעם קערפּער, וואָס האָט זיך א ריס געטאָן צום בעטל.

— אַלבערט!

דער קיילעכיקער, שוואַרצער קאַרק איז לאַנגזאַם פאַרבאַ־האַלטן געוואָרן אין קישן, און אויף זיין אָרט איז, אַזוי ווי אין א פּאַנאָראַמע, ערשינען א געזיכט.

— אַלבערט, אַלבערט, אַלבערט! אַל־בע־ע־ערט!

פאַר דער פרוי האָבן אַרומגעבלאָנקעט אויגן, אַן שוואַרצ־אַפּלען, שוואַרץ־בלויע אויגן, מיט דינע בלוט־רויטע אָדערלעך, אַזוי ווי עמאַלירטע מעצעלעך, וואָס האָבן פאַר דער צייט באַקומען שפּאַלטן. צעפּראַלטע, קיילעכיקע, האָבן זיי זיך געדרייט, אַזוי ווי ביי א קינד, וואָס האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט קוקן, און זיינען געווען גרייט פאַקן אָט־באַלד דעם נייטיקן פּונקט און אָפּשטעלן זיך, און זען.

די פרוי האָט אַרומגעכאַפּט מיט די הענט דעם מאַנס קאָפּ און האָט אַרויסגעלאָזן א קוויטש:

— אַל־בע־ערט! דו זעסט מיך, דו זעסט מיך?

דעמאָלט האָט דער פאַרוואוגדעטער אויפגעעפנט דאָס מויל, האָט א זעץ געטאָן מיט די ציינער, גלייך ער וואָלט אָפּגעביסן די

לופט, און, אַ צעפּלאָמטער, מיט אַ הייזעריקן קול, האָט ער אַרויס־געיאָמערט:

— שרייבט אָן דער פרוי, שרייבט אָן דער פרו־וי, מאַרטע בירמאַן, אין טייפּלסמיל, אין לאָוזיע! אַז זי זאָל קומען צו פאָרן, מאַרטאַ, מאַרטאַ!

— אַלבערט, אַלבערט! כ׳בין דאָך דאָ, כ׳בין דאָך דאָ, אַל־בע־ע־ערט!

— דער פרוי, מאַרטאַ בירמאַן, אין טייפּלסמיל, אין לאָוזיע!

— אַלבע־ע־ערט! דו הערסט מיך, דו זעסט מיך? אַלבע־ע־ערט!

— שרייבט אָן דער פרוי, איר הערט? מאַרטאַ בירמאַן, אין טייפּלסמיל...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן פאַר אים אויף די קני; צופּנדיק אים פאַרן קאָפּ און שלינגענדיק די טרערן, וואָס האָבן זיך איר גע־גאָסן אין מויל אַריין, פאַרכלינעגדיק זיך, הוסטנדיק און שלו־קערצנדיק, האָט זי געקווייטשעט:

— אַלבערט! איך בין דאָ, איך בין דאָ, איך בין דיין מאַרטע, מערכען, דיינע, דיינע, בין דאָ, דאָ!..

ער האָט געיאָמערט מיט אַ קול, וואָס איז געווען צעריסן פון שרייען, און האָט געדרייט מיט די פונאַנדערגעפּראַלטע שוואַרצ־בלויע אויגן אָן שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַלטע עמאַל:

— דער פרוי, שרייבט אָן דער פרוי!

דעמאָלט איז זי צוגעפאַלן צו זיין געזיכט מיט פייכטע ליפּן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין אַ פאַרשלאָפטער, האָט ער איר געשעפּטשעט:

— ס׳איז טונקל, אינגאַנצן טונקל. איך זע גיט. שרייבט אָן דער פרוי, איך בעט אייך, דער פרוי מאַרטאַ בירמאַן, כ׳וועל אייך זאָגן דעם אַדרעס. שרייבט אָן, זי זאָל קומען צו פאָרן. פאָרן טויט. אויב איר זייט מסכים, גיט מיר צוויי מאָל אַ קניפּ, כדי איך זאָל ווייסן, צוויי מאָל. כ׳האָב גיט — גיט קיין פּיס, גיט קיין הענט. פאָרן טויט בעט איך אייך, דער פרוי... גיט צוויי מאָל אַ קניפּ...

די פרוי האָט זיך אויפגעהויבן, האָט שנעל אַראָפּגעצויגן די קאָלדרע פון דעם מאַן. ער איז געלעגן פּעסט אַרומגעוויקלט מיט בינטן, אַ קורצער, אַ קיילעכיקער, אַזוי ווי אַ פּעסעלע.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט, צו דעם צווייטן געלעגער און האָט פאַרשטעלט איר פּנים מיט די שפּייפּע פויסטן.

דער גרינגלעך־געלעגער מענטש, מיט דעם געזיכט, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ מעלאָנע, האָט געזאָגט:

—אַ רחמנות, אַ?.. ווי איז עם לויט אייער מיינונג...

און שוין זיינען געשווינדט איינע נאָך די אַנדערע אַריינגעפלויגן אין דער פּאַלאַטע אַריין די פיגורן, וואָס זיינען געווען ווייס אַזוי ווי די סופיטן.

— דאָ!

און אַז זיי האָבן גענומען די פרוי אונטערן אָרעם, האָט זי מיט אַ האַרצרייסנדיקן קול אַרויסגעשריען עפּעס אַ וואָרט.

און האָט שוין ניט געהערט דעם געיאָמער:

— דער פרוי, מאַרמאַ בירמאַן, אין טייפלסמיל, אין לאָוזיץ...

און קיינער האָט ניט געהערט, ווי דער מענטש, מיטן מעלאָנע־ענלעכן געזיכט, האָט געשעפּטשעט מיט די ליפּן, וואָס זיינען געווען צערעפּעט, אַזוי ווי רויפּעס:

— דאָס איז ריכטיק!..

• • •

אין דעם דאָזיקן אָוונט איז דער שעף־דאָקטאָר פון דער שטאָטישער כירורגישער קליניק אויפן נאָמען פון דעם ראַטמאַן אָטמאָמאָזעס מילך, אַריינגעגאַנגען, אַזוי ווי שטענדיק, אין דעם טאַבאַקגעשעפט און האָט געקויפט צוויי ציגאַרן. דערנאָך איז ער געזעסן אַ ביסל, אַזוי ווי שטענדיק, אין דער ביסמאַרק־אַלייע און האָט אַראָפּגענומען, אַזוי ווי שטענדיק, דעם רעקל, דעם קראַגעלע, האָט אָנגעטאָן אַ ראָזן שלאָפראָק, האָט אָנגעשטאָפּט די פאַרצעלייטע לולקע, אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש, אויפגעעפנט אַ דיק אייגעבונדן בוך און אויפגעשריבן מיט קליינע אותיות:

אַ פּרווו אײַנצושטעלן אַזאַ מין סיסטעם, ווי אַזוי אויפֿצוטראָגן זיך מיט די מלחמה=אינוואַלידן, וואָס האָבן לגמרי פֿאַרלאָרן:

1) אַלע ענדגלידער,
2) די ראיה,
3) דאָס געהער.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן קישעלע, וואָס איז געווען אָנגעהאַנגען אויף דעם אָנלען פֿון פּאָטעל, האָט אַ שמאָקע געטאָן די לולקע און האָט פֿאַרמאַכט די אויגן.

סוף פֿון ערשטן טייל

אינהאַלט

זייט

דאָס קאַפּיטל וועגן דעם יאָר, וואָס האָט פאַרענדיקט דעם ראָמאַן.

די רעדע 5
דער בריוו 8
די איבערגאַנגס־פאָרמל 12

דאָס ערשטע קאַפּיטל וועגן ניין הונדערט ניינצענטן.

פעטערבורג 16
דער טראַנשייען־פּראָפעסאָר 27
קאָנראַד שטיין 42
דער שונא ביי די טויערן 46
דער קנויל 71

דאָס קאַפּיטל וועגן ניינהונדערט פערצנטן.

אַמורס צענטריפוגע 95
ווען האָט זיך איינגנטלעך אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה . . . 105
Dichtug und Wahrheit 118
בלומען 140

דאָס קאַפּיטל וועגן אָפּוויכונגען.

לעגענדעס — רכילות — מעשיות 154
די שטיינערנע מאַרקגרעפין 162
די טריט ווערן האַרטער 179
מיס ראָנים פּאַנסיאָן 188

דאָס קאַפּיטל וועגן ניינהונדערט זעכצנטן.

דער לאַנדשטורם 198
דער פּאַרק פון די זיבן סאַזשלקעס 214

נאָך אַלץ בלומען 233
דאָס אַנטלויפן 263

דאָס קאַפּיטל וועגן נײַנהונדערט זיבעצנטן.

וועגן וועמען האָט געטראַכט דער גענעראַל־פעלדמאַרשאַל פאָן־הינדענבורג ? 294

פאַרלאַג „טאָמאָר“
פון יוסף קאַמערמאַכער

די געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע.

פון ע. ליסאַגאַרע.

אין צוויי טיילן

יידיש י. שפּער.

נאָך איצט קענען מיר זיך ניט אָפּחידושן פון דעם העראָאישן קאַמף, וואָס אַ הייפל דרייסטע רעוואָלוציאָנערן, באַזעלט מיט די שענסטע אידעען, האָבן אונטערגענומען אין 1871, כּדי איינצושטעלן אַ נייע אָרדענונג פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. נאָך ביז היינטיקן טאָג קלינגט עס אונז, ווי אַן אומגלויבלעכן צויבער-מעשהלע. די דאָזיקע וואונדערלעכע פּאַסירונג, וואָס איז נאָך פאַר פיל יידישע לעזער כמעט ווי אומבאַקאַנט, גייט דורך אין דעם דאָזיקן בוך מיט אַלע אירע איינצלהייטן. דאָ זעען מיר די אַנטשטייונג פון דער קאָמונע, מיר זעען די העלדישע שלאַכטן פון די קאָמונאַרן, וואָס האָבן זיך געענדיקט אַזוי טראַגיש, די גרויסע גאַלעריי פון פירער און טוער פון דער קאָמונע, וואָס זיינען מיט הייליקן גלויבן געגאַנגען אויפן טויט, די מאַסן-דערשיסונגען פון אַלטע לייט, פרויען און קינדער, דעם פאַרראַט פון די רעפּובליקאַנער — מיט איין וואָרט: די גרויסע דראַמע, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער וועלט-געשיכטע און וועלכע דינט אונז אַלס ביישפּיל און האַלט אונז געשפּאַנט ביז היינטיקער צייט. געשריבן איז דאָס דאָזיקע ווערק פון אַ צושויער, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט די גאַנצע געשיכטע — און מאַכט עס דעריבער נאָך אינטערעסאַנטער.

פּרייז פון יעדן טייל 9,50 ג. אין פּראַכט-באַנד צו 11,50 ג.

פאַרלאַג „טאָמאָר“
פון יוסף קאַמערמאַכער

די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

פון פּ. קראָפּאָטקין.

אין צוויי טיילן

יידיש י. שפער.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע — דאָס איז די נייע דאַטע אין דער געשיכטע פון די אונטעריאָכטע פאָלקס־שיכטן, וואָס האָבן צעשטערט די אַלטע פעאָדאַליסטישע פאָרמען און האָבן דערוואַכט צו אַ ניי לעבן; דאָס איז די געשיכטע פון די ניי־אויפגעקומענע עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, פון נייע סאָציאַלע און פּאָליטישע אידעען, וואָס האָבן אויפגערודערט גאַנץ אייראָפּע, אַרויסרופנדיק צום לעבן נייע כּוחות און נייע קלאַסן און האָט געגעבן דער וועלט אַ נייעם פּנים און אַ נייעם אינהאַלט, און האָט אויך צוגעגרייט דעם באָדן פאַר די מעכטיקע באַפרייונגס־באַוועגונגען אין רוסלאַנד און אַנדערע לענדער. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט אין אַ משך פון עטלעכע יאָר אַלץ צעבראָכן און האָט אַלץ פונדאָסניי גענומען בויען, האָט געהאַט און האָט נאָך איצט אויך אַ קאָלאָסאַלע השפּעה אויף די מאַסן פון די פאַרשיידענע לענדער און פעלקער און אירע סיבות און אירע אויספירן וועלן נאָך לאַנגע יאָרצענדליקער ציען אונזער אויפמערקזאַמקייט.

פרייז פון יעדן טייל 9,50 גילדן. אין פראַכט־באַנד צו 11,50 גילדן.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

WYDAWNICTWO „TOMOR“
J. KAMERMACHERA.
Wilno, ul. Szopena 1, m. 30.